STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00380

ZAMLBIKHER

Permanent preservation of this book was made possible
by Ruth Ackerman Musnikow & Samuel Musnikow
in memory of
Baruch Ackerman & Moshe Mordechai (Max) Musnikow

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאַמלביכער

4

רעדאַקטירט:
י. אָפּאַטאָשו
ה. לייוויק

ניו-יאָרק, יוני, 1939

Copyright by
"S A M L B I C H E R"
New York, 1939

178

געזעצט און געדרוקט אין
פאַרלאַג אַטלאַנטיק — ניו יאָרק

Printed in the U. S. A.

אריה שמרי

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

מעינקע קאַץ

מ. בורשטין

אַריה שמרי
(עין שמר, ארץ ישראל).

לייזער ציפּרעס.

דעם זיידן — אַ ליכט,
דעם זון — אַ וועג.

ב ר ע ג ן

למד־וואו צדיקים —
די אייביקע גייער, די קעמלען פון דור,
די וואַסערטרעגער, די האָלצזעגער,
די יידן פון אַ גאַנץ יאָר —
האָבן זיך צונויפגעטראָפן אַלע
אין איינעם פון די טעג,
מיט וואַנדערשטאָק,
מיט תהילימל,
און מיט געפּעק,
אויף אַ וייטן וייטן וועג.
און למד־וואָו צדיקים שטילע
האָבן זיך אַוועקגעשטעלט
אין שקיעה־באַלויכטענעם פעלד
זאָגן אַ תפילה
פאַרן מידן דור
אויף זיינע בלוטיקע וועגן
צו נייע הונדערט יאָר.

און אַז למד־וואָו צדיקים שטילע
האָבן אָפּגעזאָגט די תפילה,
די קוואַליקע רייד,
און זיך געגרייט
צום פונאַנדערגיין
אין וייטער וועלט,
פון פעלד צו פעלד,

אַריה שמרי

פון שטאָט צו שטאָט,
פון מענטש צו גאָט, —
האָבן זיי די שורות אָפּגעציילט,
און געזען,
אַז לייזער ציפּרעס פעלט.

און למד־הא אַלטע לייט
האָבן גיך די תהילימלעך פאַרמאַכט,
פעסט פאַרבונדן ערדישן געפעק,
און זיך אַ לאָז געטאָן אין וועג
אין חשכות פון דער נאַכט.

און ס'איז געווען נאַכטביים ווייסל,
טיפע טויטע נאַכט,
ווען ס'זענען למד־הא פאַרביי
מיט רויטע שריט אויף שניי
שטום פאַרוויינט.
און ס'האָבן מיטגעוויינט מיט זיי

די מערק די פּוסטע,
די שוועלן די פאַרלאָזטע,
און ס'האָבן שטיל זיך איינגעהערט
די סאָוועס אויף די דעכער,
די זשאַבעס אין די זומפּן,
די יאַשטשערקעס אין ראָוו, —
צום געוויין פון למד־ואָו.

און אין שעהן פון באַגינען,
ווען זון לייכט אויף
פון שוואַרצער טיף,
האָבן למד־הא לייזערן געפונען
אויפן דעק פון אַ שיף.
און פינפאונדרייסיק אַלטע לייט
האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן ים,
ווי שניי אַנטקעגן פלאַם,
ציכטיק ווייס,
און דער עלטסטער פון זיי — אַ קריע אַייז —

איז צוגעגאַנגען נאָענט צום דעק
און שטיל געפרעגט:
— זאָג, לייזער, זאָג!
פאַרוואָס ביסטו פון אונדז אַוועק,
און אונדז געלאָזט אַליין
דורך דורות גיין
אין שווערן וואַנדערוועג?

אַ זון האָט מאַסטן אָנגעצונדן,
מאַטראָזן האָבן שטריק שוין אָפּגעבונדן,
שיפלעך האָבן ייִנגלעריש געיאָגט,
און לייזער האָט געזאָגט
ווערטער האַסטיק שנעל:
— גענוג דאָס וואַרטן אויף אַ שוועל
מיט געבעט
פאַרטרערט
און נישט דערהערט.
זעט! —
וועלף אויף וואָלקנס!
און אפשר איז שוין שפּעט?!

אַ שיף האָט אָנגעהויבן וויגן,
אַ סירענע האָט זיך ביז צעשריגן:
— שפּעט! שפּעט!
און ס'האָט אַ פלאַם געטאָן באַגין,
און ס'האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די זין
פון שטעטלעך און פון שטעט.
— — — — — — — — — — — — — — —
און ס'איז געווען טאָג אויף פעלדער פון כנען — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
ס'איז טאָג אויף פעלדער פון כנען.
און זע: —
אָט גייען זיי, אָן אַ גאָט און אָן געבעט,
די דאָרשטיקע לעמער פון שטעטלעך און שטעט,
די וואָל ביז די פלייצן טיף אײַנגעשוירן.
אָ, זע, ווי זיי גייען מיט אימפּעט אויף טויערן,

מיט אָפענע מײַלער פון טרוקענע קוואַלן,
און הויבן שלאַבאַנעס, און פראַלן וואַקזאַלן,
און רײַסן די פרענטן פון לײדיקע מערק.
און זע, ווי זײ גײען, די קעמלען אויף בערג,
די האָרבן באַלאָדן, און ציען און וויגן,
און צווישן זײ אײנער — אַ גלגול פון ניגון,
אַן אָדם, אַ נישט געזעענער, אין זײַט,
ווי אַ וואָלקן טרויער אין דער גרויסער פרײד.
(אים קלינגט נאָך אין די אויערן אַ געוויין:
— אַ לײזער! — לאָז מיך נישט אַליין).
אָט גײט ער, לײזער ציפּרעס,
דער יונגער יוירנדיקער טײג,
מיט צוואַנציק פרילינגן באַלײגט,
און נעמט זײַן גאָלדענעם פאָרמעג
און טוישט אים אויס אויף שווערע טעג.
זײַן נאָפּלשנור צום צווײטן מאָל געשניטן,
פון צוואַנציק פרילינגן אויף ווײַסן שליטן.
געַנוג! געַנוג מיט בלוטן אויף די שנײען, —
די קאַלטע ווינטן וועלן שוין פאַרוויייען,
די דינע גלעקעלעך וועלן שוין פאַרקלינגען,
אַ קדיש זאָגט ער הײַנט מיט הונדערט יונגען.
אָט גײט ער, לײזער ציפּרעס,
מיט די אַקסעלעך די ברײטע,
מיט די פלאַטפּיס די צעשפּרייטע,
מיטן קוישל שפּײַז אויף האַנט.
און צײכנט אויס זײַן טריט,
און שאָטנט אויס זײַן ליד
אויף ווײַסן זאַמד.
ער שווײַגט הײַנט שטיל, ער לעסטערט הײַנט די הימלען,
ער וויל נישט מער — דאָס קינד פון דורות — דרימלען.
ער קניט אין לײמען, ער דאַוונט צו דער זון,
ער וויל הײַנט טון!
אין שאָטן פון ציפּרעסן שפּאַנט ער
דער גורלשלעפּער אומבאַקאַנטער,
מיט פלעקן בלוט אויף ווײַסן נאַקן.

היינט וועט אים שוין אַ זון דערבאַקן,
דאָ וועט ער שוין אין דעט דעריוירן.
שוין קלינגען גלאָקן ביי די טויערן
און רופן אים, דעם טייג, צום מולטער:
— קום, קינד פון האַרבסט און פון ווינטער,
אַ גורל טוט דיך היינט פאַרבעטן,
כאַמסינען וועלן דיך שוין קנעטן,
מעת־לעתן וועלן דיך שוין גרייטן.
און דיינע טישן וועלן שפּרייטן
הונדערט שווייסעדיקע ברידער.
היינט וועט ער אויף זיין בעט, אַ מידער,
דעם בייזן גורל־רוף דערהערן.
היינט ברענען אים, ווי פייערן, באַגערן, —
אַ וועלט אַ נייע אויסגעקנאַטן פון זיין גוף,
און ירשהנען מיט ברידער די למד־ואָו.

ט ע ג

ירושה,
און נישט ריס.

עס פרילינגט היינט דער טאָג.
נאָר ווי קען מען עס פון ווינטער שיידן?
די טרער, די געפּראָרענע, אין טאַטנס אויג,
דאָס שטומע בענטשן:
— פאַרגעס נישט אין דיין זיידע.
ווי קען מען עס פאַרגעסן?!

נישט ריס.
דער שניי רינט נאָך רויט פון די פיס.
למד־הא גייען נאָך אים
אין זוניקן באַגין, —
בערד — פאַרבלוטיקט,
הענט — פאַרבראָכן,
זיי טוליען זיך צו זיין ברוינעם פּנים.

ער פילט דעם קאַלטן טויטן אָטעם,
ער זעט — אַ לאַנגן לאַנגן שאָטן.
און אין אים שרייט איין געשריי:
זון!
צעגיי, שניי, דערפריי!

ער גייט. — — —
מיט אַ ווייס געוויין,
שטעקט ער פיס אין הייסן ליים.
אין זיין ברוסט
אַ געשריי פון דורות:
— לייזער, — דו מוזט! דו מוזט!
און ער,
לייזער ציפּרעס דער,
איז נאָר איינער פון דערלייזערס,
איינער נאָר, אַ זאַנג אין פעלד,
וואָס שלעפּט אויף זיך אַ וועלט,
און יאָגט די צייטס פוילע ווייזערס.
הונדערט זענען זיי. —
דאָ —
ביים שוועל כרמל —
האָט היינט דער טאָג געזאָגט זיין יאָ —
אַ ברודערוואָרט דעם ד אָ ר ט.

דרייסיק געצלטן
אויפגעהעלטע,
ווייסע זעגלדיקע רייען,
דורכגעשוואומען
איבער שנייען,
איבער פראָסטן,
צו באַגינען
זוניקן און פראָסטן.
אויף שפּיגלדיקן פלאַך,
אין זומפּ קאַבאַראַ,
צווישן וואָלקנדלעך מאָסקיטן
אויסגעביטן

אַ וועלט
אויף אַ צעלט.
אין אַ צעלט — אַ צעל —
זיך אַיינגעשלאָסן,
אָן „ווען?"
אָן „פאַרווען?" —
אַ גראָז
צווישן גראָזן. — — —
און ער,
לייזער ציפּרעס דער,
איז נאָר איינער פון ציפּרעסן,
איינער נאָר פון גאַנצן וואַלד,
מיט הייסן בלוט צעקוואַלט,
און פון אַלעמען פאַרגעסן.
אַ צעלט צווישן צעלטן,
אַ לעצטער אין דער ריי,
ווייס,
ווייסער נאָך פון ווייס
אָפּשיין פון שניי.
און פאַר זיין צעלט
אַ גאַנצע וועלט, —
אַ זומפּיק פעלד,
אַ צעבליטער אייקאַליפּטוס וואַלד,
און אַ טויער צום הימל אויפגעפּראַלט.
און אין זיין צעלט —
זאַלבעצווייט —
ער, און זיינע שטומע רייד,
און עפּעס נאָך —
אַ יום־טוב אין זיין וואָך, —
אַ טיש, אַ בעט,
און אין לופטן הענגט
אַ שטום געבעט,
אַ הייליקער באַגער, —
דער מאַמעס ריינע טרער.
אַ לעמפּעלע לייכט רויט,

אַריה שמרי

אַ שטראַלעכל דין, דין,
אַ פּייערל נויט,
אַ ליכטעלע באַגין.
און ביכלעך אין שראַנק —
ווי אַ קוזשנע אים.
בענקשאַפט פייערט,
געדאַנק שמידט,
און גוט איז אים
און שורות פון אַ ליד — —

פון איבער זומפּ און ים —
נתן ניומאַנס קול — —
אַ שטילער נאָענטער קול —
פון דענווער מאַן, —
ווייטיק־שאָרכן
אין גאולה־שפּאַן.
און גוט איז אים מיט פּראָסטאָקעס פון רייסן,
למד־ואָון פון אַמאָל,
יונגען — בראָנז און שטאָל,
די אַקסלען ברייט.
ווי זיי, צו עול
אויך ער איז גרייט.
און יוסף־חיים — דאָס ברענענדיקע האַרץ —
מיט נאָדלען
אמת
גורל
ווי
פּיין
שטעכט אין זיין וואונדיק פלייש אַריין.

און דאָס איז אַלץ
זיין גאַנץ פאַרמעג.
ברויט מיט זאַלץ,
אַ ליד — און שווערע טעג.

ניט גאָלד פון אופיר

טעג ציען ווי מידע קאַראַוואַנען.
נישט גאָלד פון אופיר פירן זיי,
נאָר שוואַרצן ברויט.
בייטאָג טוט ער אויף פעלדער שפּאַנען
און חלומען פון וועלט אין ווײַ
וואָס צייטיקט רויט.
עס בייסן בייטן ווי זעגנדיקע ציינער, —
נישט טוי רינט פון הימלען,
נאָר קופּערדיקער רעגן.
אַ טרויער רינט אין אויסגעקרומטע ביינער,
און חלום־אויגן דרימלען איין
אויף מידע וועגן.
אויסגעוואַשן פון אַלע קאַראַנטינען,
הונגעריק צו ברויט און צו משיח, —
וועקט זיי הײַנט אַ גלעקל אין באַגינען
שנורעווען אַ וועלט צו האַרטע שיך.

הײַנט גייען זיי, סיגופים־זין, צו טויערן,
אַ שמיר טאָן בלוט אויף ברוינע טאָוולען.
הײַנט וועלן זין פון מערק פּאַרטרויערן,
און צינדן ליכט אין טיפן אָבלען.

רויטע ליכט — זיבן טעג אויף קופּערנע מנורות
הונדערט יונגען, זונצעגליטע, צינדן.
און ער, דאָס מוזיניקל פון דורות,
אַ בוימאייל טריפט ער פון אַלטע וואונדן.

פעטער בוימאייל, אָפּגעריגען פון דער ווייסל,
אַ ירושה לייזערן פון זיידע.
זיך אַליין פירט ער אויף אַן אייזל,
צום טויער, צו זוניקער עקידה.

זוניק־בלינדע, ליגן זיי צעלייגט אויפן גראָז
אַ יונג־צעבליטן סאָד אַנטקעגן.
און פינגער דאַרע קלאַפּן אויף אַ שלאָס
מיט אַ געוויין פון אַלע וועגן:

— עפן, עפן! וואו דען וועלן מיר אַהינטאָן
אַט די דאַרע הונגעריקע הענט?
וואוהין, וואוהין וועלן מיר זיך אַהינטאָן
אויב אויך דו, זוניק־לאַנד, בלייבסט אונדז פרעמד ? !

נאָר די רויטע הימלען זענען טויב און תם.
אַלטער מדבר־גאָט שלאָפט פוילן שלאָף,
און אים אַרט נישט דאָס געשריי פון איבער ים,
דאָס געוויין פון די סטאַדעס שאָף.

עקידה־זון, מלאך וועט נישט רופן.
קופערפלאַם אויף זיינע פליגל.
היינט גייען זיי אַדורך נישט גערופן,
מיט דלאָניעס עפענען אַ ריגל. — — — —
און ער, מיט זיי,
מיטן קויש אויפן אייזל,
מיטן שווערן פיאַש אויף נאַסן העמד.
די זון באַקט זיין נאַקן
און פרעגלט ברוינע מאַנדעלעך אויף די הענט.
ניסן צעבליטער,
מאָזאָליעס און געשווירן,
ער שמעקט דעם ריח
פון פלייש, פון צוויט.
יעדעס פינטעלע — אַ בלימל,
די גאַנצע האַנט — אַ הימל
מיט שטערן אויסגעשיט.
מאָזאָליעס און געשווירן,
אַ דופט פון בלוט ביז געהירן,
אַ באַגער אין טיף:
אויף ווייס פאַפיר חתמענען די האַנט,
און אַפשיקן צו דער מאַמעניו אַ בריוו.

אַ בריוו, —
אויף אים — פלייש און הויט און ביין.
יעדער רויט פינטעלע — שאַרף און קלאָר.
און זאָל עס דער טרויעריקער דערציילן
דעם זונס פרייד צו צוואַנציק יאָר.

ער התמעט זיין האַנט,
דריקט זי פּעסט צום סענקעוואַטן האַלז.
יעדער פינגער — וויי!
אַ פּיאַש אַרויף, אַ פּיאַש אַראָפּ,
וויי!!
ער וויל שרייען הויך זיין געשריי.
נאָר ביימער שרייען אים אַריבער,
אַ ווינט איבער אַקאַציעס,
צווייגן סקריפּען,
רויטע הימלען זאָגן אַן כאַמסין. — — — —

אַ בוים צו אַ בוים געגענט,
אַ צווייג צו אַ צווייג,
און אַ קני צו אַ קני ווײַנט אַ מידע.
און גוף צו גוף
נענטער, נענטער,
מיט אים אויף איין בייט,
נאָך פאַרקלעמטע, —
אַ האַרט געזאַנג פון צען ברידער.

עלף אָנגעגליטע פּיאַשן,
קלעפּ הילכן אין ווינט אַריין,
אַ שטאָליק גורל־ליד איבער דאָרניק ווילדע בייטן.
עס שאָקלען זיך ציפּרעסן און אַקאַציעס,
פּיאַשן קלינגען,
און שיפן ענטפערן פון ווייטן.

אַ קול דערקאָלערט זיך פון איבער ימען,
פון ווייטע פאַרשנייטע וועגן,
פון שאָסייען ווייסע זינגען למד־הא,
אַ תהילים־ליד, אַ טרערנרעגן:
— פון טיפער ענגשאַפט אונדזערער
אַ געבעט צום מענטש,
אַ געבעט צום בוים, —
גרייט אונדז צו

אַריה שמרי

ברויט,
דאַך,
רו.

צעיאָגן זיך די פּיאָשן אויף די גראָזן,
און אַ קול ענטפערט די ווייטן:
— למדהא, למדהא!
מיר זענען אייך טריי!
מיר וועלן דאָ שלעפן און גרייטן!

— ווינטל פון מעריב,
גענען דו!
כאַטש אַ רגעלע רו.
געגוג רויט איז די הויט.
אַזוי שווייסיק דאָס העמד,
אַזוי צעבויגן די הענט.
גענען, ווינטעלע, גענען,
לינדער דעם ברען.
כאַטש אַ רגעלע רו,
איינאונאיינציקע רגע. —

אויף רגעס רו
בעטן עלף,
ווי טרוקענע ביימער
ביי וועגן,
אויף רעגן.

טיף, טיף, אין געדיכטעניש פון סאָד,
אַריינגעפלאָכטן אין דער גרינער פלעכטעניש,
אַריינגעשאָטנט אין דער געדיכטעניש,
עלף גופים האַלבנאַקעטע זיך בויגן.
קווער שפּיזט די זון אַריין.
לויפן שפּיזעלעך אין הויט און ביין,
פון אַקסל צו די קני.
אַזוי, ביז אָוונט, פונדערפרי,
פון הענט צו פיס.
און נאָר רגעס בלאָזט

דער מעריב־ווינט.
מיטן מעריב־ווינט
רעגנט בלויִנג ווייס,
שאָרכןביימער שטיל,
טריפן טראָפּנס שווייס.
גופים אָפּגעקילט
הערן מידע צו:
אַ שאָרך,
אַ ניגון,
ערגעצוואו. — —
שווייגן טיף די אָרעמע שווייגערס,
אַנטדרעמלט פאַלן די קעפּ אויף די פּיאָשן.
ביז ס׳צעיאָגט זיך ווייזער אויף זייגער,
און גאָט וואַרפט דורך ביימער
אַ קופּערנעם גראָשן.

ס׳זענען טעג דאָ
ווען גרין בלוט
שטראָמט אין געביין,
אונטער דער רוט
רינט דער שווייס ווי ווייַן.
מאָרגן טויאיקט רוף,
און ס׳זינגט דער גוף
צווישן גרין און בלאָ:
— לכו נרננה — —

דאָן איז גוט צו גיין
אַליין,
מיט אַ בלעך מיסט אין האַנט.
רויטסטן ליים
פאַרבן העל
מיט ווייסן מעל.
יעדן טריט
אַ שיט.
ס׳רעגנט טוי,
און ס׳רעגנט צוויט, —

ווייסע רו.
שטראַלן פאַלן,
ווינטלעך קנעטן,
זון באַקט צו,
און גרודעס — ברוין און ווייס
ווי חלות.

אין טעג אַזעלכע זאָגט לייזער דער וועלט „גוטוואָך!"
און דיביימער „גוטן שבת!"...
ווינציקע אַזעלכע טעג,
איינציקע די רגעס.
דער גורל דרייט זיין שווערן ראָד.
נאָך איינער, אַ צוועלפטער, אין סאָד.
נישט גואל,
נישט גאָט,
ס'איז ערדיש וואָרער סוד. — —
אַנדערע, גאָר אַנדערע רגעס,
ביים סאָדס שטעכעדיקע ראַנדן,
עלף ליגן צעגליט און פאַרמאַטערט
מיט צונגען אַריבער די זאַמדן.
די קופּערנע הימלען רויט צעפלאַמט,
— שערן איבער די לעמער —
אין דנאָ פון אַ טרוקענעם ברונעם
זינקען טיף דאָרשטיקע עמער.

און לייזערס צעריסענע אויגן,
בלינדע פון זון און פון זעען,
קוקן אויף די נאַקעטע ביימער
וואָס דאַרן ביים ראַנד פון אַלייען.
אַזאַ שטומער געבעט אויף וואונדער,
אַזוי געבויגן זענען זיי.
און ער בויגט זיין קאָפּ צו די וואָרצלען,
און דערהערט זיין אייגן געשריי.
און ער זעט: — אַלע ביימער וויאַנען,
אַ בליונג צעשיט זיך אויפן וועג.
אַ ליכטעלע יום־טוב פאַרלאָשן

אין דעם זוניקן בלענד פון די טעג.
און ער זעט די הויכע ציפּרעסן
פון מדברשע ווינטן צעבראָכן.
אַ געוויין פון שווערע מעת־לעתן,
פון לאַנגע מידמאַטע וואָכן.
און ווען די הייסע ווייסע וועגן
קילן זיך אָפּ אין אָוונט פון ניסן, —
גייען די עלף שאָטנס אַהיים,
די וואָכיקע קליידער צעריסן,
פאַרבענקט נאָך אַלטע ימים־טובים,
צו די זמירות פון זיידן אַמאָל.
און די נאַכט מאַכט בלוט פון די בראָנזן
און פלייש פון דעם שטאָל. — —

אַ ל י י ן

זיין יונג בלוט רייפט אין די נעכט.
די הונגערס פּרעסן זיין לייב.
די נעכט זינגען דאָס אייביקע געזאַנג —
ווייב.

און ער איז ווייס און אָפּגעשלאָסן,
היט בלוט פון פרומע שטאַמען.
און נאָר איינע שטילט אים אין די נעכט —
מאַמע.
לאַנגע פאַרטרערטע בריוו, לייענט און לייענט.
ער הערט שטילן ברום אין ווינט.
אַ שטילן געוויין ברענגט אים די נאַכט —
מיין קינד!

טעג צעגליטע, זוניקע שויסן.
לייזערס ברוינער לייב איז יונג און הייס.
די שווערע וואָלקנס פון שטורמיקן געמיט
רעגענען מיט טראָפּנס שווייס.

אַריה שמרי

און נעכט גליען איבער זיין ווייסן צעלט.
אַ טיפער הימל, איבער אים, קרישטאָליק ריין.
פון קרישטאָלענעם חלל טריפט אַן אויג — —
— לייזער מיין, ביסט עלנט און אַליין.

— —

נייער הונגער.
אין עפּל וויינען יאָדערן.
מאָנונג מענערשע —
שפּיז אין אָדערן.
ליד אין געביין,
בענקשאַפט אין בלוט.
אויף זיין הויט
רויזיקט לוסט פאַרקלעמטע.
נאַכט.
זעגלדיקער פּאַך פון אַ ווייסן קלייד. —
זיין חלום —
נישט געזעען גייט
זי —
זיין זאַנגענדיקע רות,
אַ פאַרברענטע,
אַ פאַרשעמטע. —

חלום, צעפיבערטער חלום.
נאָר ס׳קען זיין וואָר נישט דערלאַנגען.
ס׳ווילן זיך שטערן נישט זאַנגלען,
ס׳ווילן די ווינטן נישט מאָלן.

נאַכט,
דאָרנדיקע נאַכט.

— —

טעג ליגן ווי דורשטיקע סטאַדעס ביי שוועלן פון אָוונט,
מיט צינגער געשטרעקט, פאַרברענט פון כאַמסינען.
אפשר וועט נאַכט זיי היינט בענטשן מיט טויאיקן חסד,
און קוואליקע ברכה אין לאָגלען צערינען.

נאָר בערג קייטלען זיך ספינקסיש אין נאַכטישן טונקל.
ס׳קוקן הימלען פאַרגליווערט מיט קופערנע שטערן.

ניִשט טוי אין די לאָגלען וועט נאַכט היינט צערינען —
עס פּילט לייזער זיי אָן מיט וואַרעמע טרערן.

לייזערשע טרערן, דערלייזערשע טרערן. —
— רוחות פון נאַכט, אָ, אַלץ איז פאַרפאַלן.
ס׳צוקן די אַקסלען, ס׳טריקנט דער גומען,
עס וויינען מיט אים גלייך מחנות שאַקאַלן:
— אָ, הונדערט גוטע ברידער פון מידע טעג,
ס׳האָט נאַכט נאַכט פאַררינגלט אייער טיפעניש אין סוד.
אין האַלבער נאַכט איז קיינער נישט געקומען טרייסטן,
נישט חבר, נישט ווייב און נישט גאָט.
אָ, ברידער, מיט אייך בין איך געגאַנגען דורך טעג
אין הונגער און חלום, אַ גורל צוזאַמען,
און געגלויבט אַז אין פיבער פון נעכט
וועט זיין אייער היים ווי די שויס פון אַ מאַמע.
איצט בין איך אַליין, אַ פאַריתומט געביין,
פון ברידער, פון שוועסטער פאַרלאָזן.
אַליין, אַ טרוקענער דאָרן
אינמיטן פון צעכוואַליעטע גראָזן.
פאַר אייך איז די נאַכט אַ פוכיקע וויג,
אַ מאַמעשע שויס פאַר קאָפּ פון אַ קינד.
ביי מיר טאַנצט אַ לילית אויף טונקעלע שוועלן,
און בלוטן צעפיבערט מיט זינד.
מיך וואַרפן די שעהן ווי שטיינער פון בויגן,
אַ גרויליקער וואַרף פון תהום צו תהום,
און אייערע טירן פאַררינגלט, נשמות פאַררינגלט. —
אָ, אָרעמע שטעגן אין רשעות פון סדום!

אַלע — געזעגנטע, און אַלע — צדיקים. —
נאָר שלאַנג האָט פאַרוויקלט מיין ברויזנדן לייב.
בן אָדם וויל עסן דעם עפּל פון לעבן. —
חוה, דו אייביקע ווייב!

אַ ברודער ציפּרעסן מיט סודות פאַרשוויגן,
אַ שוועסטער ציפּרעסן מיט הערצער פאַרשלאָסן. —
ווער וועט לעשן די שריפות פון לייבער,
ווער וועט שטילן דעם דורשט פון חצותן?

נאַכט! עפן די טויאיקע טויערן!
לעש בלוטיקע דאָרשטן און מילדער מיין פּיין. — — —
אַזוי האָט לייזער זיין וויי־ליד געזונגען
אין פיבער פאַרלאָזט ווי איוב, אַליין.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
טאָג האָט געקופּערט
אויף שטעכיקע טויערן.
ער איז ווידער געגאַנגען,
נאָך אים אַ שאָטן אַ לאַנגער.
געשפּאַנט מיטן אייזל געלאַסן
איבערן דאָרפס זאַמדיקע גאַסן.
און ס׳האָבן זאַמדן געזאַפּט
די שאָטנס פון דער נאַכט,
די טרער פון זוניקן וויינער, — —
און פאַרנאַכט
ווען ס׳האָט זיך דער טויער פאַרמאַכט
איז אויך טוי געראונען רויט פון די ביימער. — — —

ר י ס

אַזוי האָט נאָך די שקיעה קיינמאָל נישט געברענט.
אַזאַ טיפער ריס אויף העמד.
אַזוי פאַרבראָכן האָבן זיך די הענט.
דער לעצטער בוים האָט אָפּגעשיט די לעצטע בלום,
אַן אייזל האָט זיך צערעוועט:
קום!
אַ קייטלקלאַנג
האָט זיך צעיאָמערט באַנג.
דער הימל האָט מיט שוואַרץ און רויט געפּאַקלט.
און ער האָט זיך געוואַקלט.
אַ שאָטן האָט געפרעגט
דעם וועג: וואוהין?
מיט בלוט און פיבער
האָט געענטפערט דער יאַסמין.

אַזוי האָט נאָך די שקיעה קיינמאָל נישט געברענט.
נישט דאָ און נישט דאָרט.
נאָר אַ וואָרט, אַ האַרט וואָרט:
לייזער, קום נישט מער,
מען דאַרף דיך מער נישט האָבן...
דער צער האָט פאַרבראָכן צוויי שוואַכע הענט.
דער זאַמד האָט אײַנגעזאַפּט אַ טרער
פון אַלטן אָבל...
און ס׳האָט אַ נאָג געטאָן אַ צער אַזאַ אויף שטום:
— אומעטום ביסטו פרעמד, אומעטום. — —

זיין אויג האָט געטרערט,
די שקיעה האָט געשמאָלצן ליכט פון וואַקס. — —
— אַ סוף למד ואו?
סוף נר תמיד?
ער האָט אַ נעם געטאָן דעם אייזל און אַוועק,
צעוויינט, ווי דער זיידע פאַרן עמוד: —
הנני העני.

לעצטער טויער.
מאָרגן וועט אַ שלאָס נאָך פעסטער קאָווען,
די זון וועט יום־טובן אויף ווייסער גאַס.
נאָר ברויט וועט זיין נאָך ווייניקער אַ לאַבן,
און דלאָניעס וועלן גריזשען פּוסט און פּאַס.

לעמאָנען האָבן זיך אין מעריב איינגעשטאָכן.
געבויגן האָבן זיך ציפּרעסן.
אויף וועגן האָט די נאַכט געשריבן תיו:
מאַמע! ס׳איז נישטאָ וואָס צו עסן.
תהילים זינגט נישט מער ביי למד־ואָו.

צוזאַמען מיט די צען, געטוליעט צו שטאַמען,
זינגט ער צו ווייטן, צו שיפן, צו ימען,
און שעפּט זיין טרייסט פון רגעס שטילע רו.
נאָר ווי דעם טאָג, ווען ער בלייבט אויך דאָ אַ פרעמדער —
אַ שמעטערלינג ביי אַ לאָמפּ, אַ אָפּגעזעגטער,
און אויך דער לעצטער טויער מאַכט זיך צו.

צו פֿאַרמאַכטע טויערן גייט־מיט דער איינער
מיט אויסגעשטרעקטע פויסטן אַנטקעגן ביימער,
און טויערן לאָזן נישט אַריבער.
און ס׳קניט די הונגערגאַכט אַ טרויעריק מידע,
אַן האָראָ־טענץ, אַן שטערנליכט און אַן לידער.
משיח בלייבט אַליין מיט פולסן פיבער.
פינצטער ווערן וועגן, און נאָר דאָס אייגן לייב
מאָנט ביי דער נאַכט, מאָנט שטערן, מאָנט ברויט, מאָנט ווייב.
און עס שווייגט דער דאָרט, און עס שווייגט דער דאָ.
די שלענג הויבן קעפּ פון זומפּיקע קאַנאַלן,
דער כאָמסינווינט וואָיעט אויפן צעלט: פאַרפאַלן. —
און עס מורמלען ליפּן: קיין וועג נישטאָ.

שפּעט ביינאַכט ליגט אַ מענטש אויף זיין הארט געלעגער,
זיין ליכטל געלאָשן, אָפּגעשטעלט דער זייגער,
און עס ציטערן די קני אינדערפרי.
און ער הויבט זיך אויף מיד און נישט דערשלאָפן.
אַן פאָן,
אַן גלויבן,
אַן האָפן.
רויטער הימל, וואונדיק גלי.
עס וויינט אַ עלנט קינד

און עס ברומט אַ ווינט
צום גורלשלעפּער:
— או או אי, —
צו פרי. —
שבתי צבי! — —

שוואַרצרויטער שיין אויף ווייסע יריעות,
איבערן זומפּ וויגט זיך די בריק.
באָרוועסע טריט, פאַרבלאָטיקטע קניען,
מען גייט פון די זומפּן צוריק.

געשטרעקט לאָפּאַטעס איבער די אַקסלען,
צעעפנט די האָריקע ברוסט.

לייזער גריסט זיין בלאָטיקן פריינט אליהו:
גוט אָוונט, שוואַרצער דזשאָמוס!

אַ האַרטער בת קול. די בערגער לאַכן,
לבנהס גלאָצן בלינד פון זומפּ.
שוואַרצרויטער שיין אויף ווייסע יריעות,
אַ גלעקל קלינגט טרויעריק שטום.

— צו אָוונטברויט, צו מן און הונגער.
לבנהס ברויט נישט געשניטנס.
שטערן גליען אויף זוימען יריעות,
בייסן זיך איין ווי מאָסקיטן.

אַ זשומזשעריי פון מחנות פליגן,
אַ ריח פון בלוט און פון יאַסמין.
די אויגן פאַרקרומען זיך אויף שטערן,
די הייסע ליפּן אויף כינין.

און דער ציפּרעס טאַפּט די הייסע שלייפן,
אפשר פיבער? אפשר ליד?
אַזוי צי אַזוי פאַלט ער אויף זיין בעט,
און כראָפּעט שווער און ריטמיש מיד.

נאַכט, פינצטערע נאַכט, ביים זומפּ אין כנען.
דער גרויער אייזל געבונדן.
לייזער פיבערט אויפן איינזאַמען בעט,
און בינדט די אָפענע וואונדן.

נאַכט, וואונדיקע נאַכט אין קאָמונעס הויף, —
אַט זעט ער זיי, ווי ער, פאַרשנייט.
נאַכט, שטילע נאַכט.
און נאָר ער וואַכט,
און דער אייזל שרייט. —

פיבערנאַכט

שפּעטע נאַכט, הייסע פיבערנאַכט,
דער גוף אין היץ איז טאָפּלט וואַך.

אַריה שמרי

דאָס אויג פֿאַרמאַכט, דער שטערן ברענט.
טויזנט פֿייערן אויף די ווענט.

ס'איז נאָר אַ בלעטעלע כינין.
די שלייפֿן שפּיזן שפּיציק דין,
און האַלב אין וואָך, האַלב אין דרעמל,
פֿירט דער ווינט זיין מידן קעמל
פֿון באַרג אַרויף צום באַרג אַראָפּ.
ציטערט אַ קני און עס זינקט אַ קאָפּ.
זון פֿאַרגייט אויף ווייסע האָרבן,
און עס שיט זיך אויס אַן אַלטע טאָרבע...

פֿון זיין טיפֿער געצונדענער נאַכט,
איבער זיין טיש,
אַריבער זיין דאַך,
צעוויקלען זיך לאַנגע עקראַנען.
זאַמדן אוןביימער,
פֿאָרטן און ימען,
פֿייערן בלענדן,
און ס'רופֿט אים אַ שיין.
מיט אויגן פֿאַרמאַכטע לאָזט ער זיך גיין...
שטעט. גאַסן. טורעמען
אַ ריי נאָך אַ ריי,
אַ ריי נאָך אַ ריי.
און ער שפּאַנט
פֿון אַ שטאָט צו אַ שטאָט,
פֿון אַ לאַנד צו אַ לאַנד,
ביז ער טרעפֿט זיך מיט זיי.

למד־הא קעמלען
גייען געבויגן אויף וועגן,
לעצטער זונשיין אויף האָרבן.
רויטער בראַנד אויף די ליפּן.
און עס וויגן זיך די האָרבן,
און עס שעפּטשען די ליפּן,
און גלעקעלעך קלינגען דין.

פרעגט ער זיי:
אָ, למד־הא קעמלען, דאָרשטיקע ברידער,
זאָגט מיר וואוהין?
זאָגן זיי:
ברודער!
פרעג אונדז, פרעג.
שוין לאַנג ווי ביסט אַוועק.
שוין שוואַרץ איז דער שניי.
זע, —
מיר גייען אויפן שוואַרצסטן שאָסיי.
אונטער אונדז ליגן לענדער פאַרבלוט.
רויט איז די ווייסל,
ס׳איז נאָך רויטער דער רהיין.
וואַרשע, בערלין יאַסי און ווין.
שוואַרץ דער שאָסיי.
נאָר זיבן מאָל שוואַרצער די שעה.
ווייל ברויט איז נישטאָ,
ווייל גאָט איז נישטאָ. — — —
דאָס קול האַקט אָפּ.
נאָך דינער קלינגען די גלעקלעך,
נאָך שטאַרקער ציטערן די פיס,
נאָך טונקעלער ברענען שאָסייען,
און עס שפּאַלטן זיך שטערן.
נעמט העלזעער לייזער
זיין הייסן לאָגעלע טרערן,
דאָס טאָרבעלע זופּיקע וויי,
און גייט מיט זיי...

פליען די טאַשמעס
שלאַבאָנעס,
פלאַנטן,
שאָסייען.
די מידסטע גייען,
שטרויכלענדע קניען.
האָרבן געבויגענע ציען.

און ווינטן וואָיען,
און דראָטן זשומזשען אַ סוד:

למד ואו גייען לעסטערן גאָט.

ס׳איז נאָר אַ בלעטעלע כינין.
די אויגן ברענען רויט און גרין.
פייערדיקעווירבלרינגען.
האָרבן וויגן, גלעקלעך קלינגען.

ס׳איז נאָר דעם דופקס הייסער גאַנג.
דער וועג ווערט אַזוי שווער און לאַנג.
אַ גיי־געוויין אויף פעלזן־שטיין.
דורך די לאָדנס רינט אַריין
אַזאַ קול נאָגנדיק און שטיל.
אַ קליינער ראַדיאָקעסטל שפילט — — — —
געפאַלן, געפאַלן מיין ווין.
די מאַמע רחל וויינט אויף זין.
סטאַדעס קעמלען אָפגעלאָזטע, וואוהין?
ווי אַזוי ווייטער שפּאַנען?!
שוואַרץ געוואָרן ווין,
אַ קינד איז דאָרט געשטאָרבן מיט זיין מאַמע,
צו אַ רויטער פאָן זיין פנימל געטוליעט.
(אַ וויין גיט אין אים דער רחמים
פון אַ „זיידעלע” פון שפּוליע)
— ברידער, וואוהין, וואוהין,
וואָס ברענט אַזוי אין אייערע טריט,
וואָס וואַקלען אזוי די פיס?
— מיר גייען פון די ברוקן פון מאַדריד,
צום פאַרגעסענעם אין פאַריז,
צו דער רויטער וואַנט,
דאָרט שרייט זיין ווייַ־געשריי
קאָמונאַר, טויטער דעלעקלין.
וויי! די פאָן פאַלט פון זיין האַנט.
טריט, טריט, טריט. — פאַריז, מאַדריד, ווין. —
ס׳איז נאָר אַ בלעטעלע כינין.

זיין ווייטיק ברודערט די פרעמד,
דאָרן קרוינט אַלץ וואָס פאַרשעמט.
אַט עפענען זיך אַלע וווּנט.
מיליאָנען פיס, מיליאָנען הענט.
אין וואַלדס פינצטערניש ערשטער שיין,
טוי וואַשט זיין נאַכטיקן געוויין,
זיין דופק קלאַפּט, ס׳קלאַפּט די גאַנצע וועלט,
אַ ליכט רייסט אויף זיינע אויגן.
גאַסן זעט ער, און קינדער אויסגעשטעלט,
איבער זיי אַ רעגנבויגן.

און אַזוי הערט ער פון זיין הייסן בעט —
הייזעריקע קינדער זינגען:
מאַמע ערד, גיב אונדז ברויט צו זעט,
טראָפּנס מילך פאַר די שוואַכע לונגען.

און אַזאַ טומל אויף שאָסייען,
אַ צוג אַ לאַנגער איבער שטעט.
אינוואַלידן, גרויליקע געשרייען:
נאָט אייך, געטער, אברים צו זעט!

און בראַך אויף בראַך, כּלות שפּאַנען.
אין תּכלית די שאַנד אַנטבלויזט.
און בעטן הערט ער: באַמאַנען
מיר ווילן נאָך אַ קינד פון שויס.

כאַטש איינמאָל אויסשפּרייטן די פליגל,
הערן האַרפנשפּיל אין ווינט.
זען ווי די זון אויף ווייסן וויגל
וועקט באַגין אַ זאַטן קינד.

און אַלע קולות אין איין קול,
דער ערדס רוף: באַרוף און זין.
און ווידער הערט ער ווי אַמאָל:
שפּעט.
שפּעט!
עס שרייען שיפן,
און עס פלאַמט באַגין,

און פון שטעט און שטעטלעך צעבונטעוועטע זיך,
אַ שפּאַן אַ נייער, אַ נאָך נישט געשפּאַנטער,
נאַכטיקער הימל אַ זוניק צעפלאַמטער,
גאָלדיקער שיין אין דער דריטער אשמורה —
עפענען נייע פאַרבאַרגענע טויערן.

קאַבאַראַ באַזיגט, ס'בלענדן קאַנאַלן,
זומפּ זילבערט מיט דינע אָדערלעך קוואַלן,
אַ גאָלדן געזאַנגל אויף פאַרבלוטן יאַמבוט.
און ווידער אַ שפּאַן טאָן מיט ליכטיקן מוט.

ווער זאָגט עס אַז אויס, אַז אַלץ שוין פאַריבער, —
אַריבער אין פיבער טאָלן און גריבער!
שלעפּ, פורעלע, שלעפּ דעם אייביקן חלום —
טרויעריקן זייען, פריידיקן מאָלן.
אייביק פאַראויס.
פאַר דעם אייביקן גייער אַ הויז.

ע ר ד

און ווידער טאָג. — ליכט אויפן עקראַן,
זיין קליינע היימלאַנד. — בלוי און זון.
און ס'בעטן פעלדער פון שומרון:
— קום, לייזער ציפּרעס, עפּעס טון!

קום מענטש פון די ווייטע שאָסייען! —
הר אפרים רופט ווי דער סיני:
— מיט טרערן קום דאָ היינט פאַרזייען,
צענעם דיין צעלט און גיי!

און אַ ים פון ווייט רוישט און שרייט:
— לייזער ציפּרעס, מענטש פון שיפן —
ווילסטו אַ ברעג, אַ ברויט, רו און פרייד —
גיי און אַקער שוואַרצע טיפן.

אַ ליכט, אַ בלענדניש אויף זיינע וויעס,
אַ בינטל גאָלד אויף שווייסיק העמד.

פּאַסן זון — ליכטיקע רצועות, —
אַ גורלשטריק אויף זיינע הענט.

אַלע וועגן פירן היינט אַהער,
און אַלע טאַשמעס אויף זיין צעלט,
היינט וועט ער זייען מיט אַ טרער
און זיין אַליין אַ זאַנג אין פעלד.

און לייזער שטרעקט אויס ביידע הענט:
— גורל, נעם! טו וואָס דיר געפעלט.
נעם מיך מיטן טיש, און מיט די ווענט,
און מאַך פון מיר אַ שוועל פאַר גאַנצער וועלט.

אויף אַ שטיקל ערד אַן אייגענע
אָנגעפּאָרן פולע וועגענער,
דעם גורלס רוף היינט נישט פאַרזאַמען,
אַ ניי־דאָרנדיק פעלד צו פאַרצאַמען,
בראַוו אַראָפּ פון דעם מידן וואָגן,
אַ פלעקעלע אַריינגעשלאָגן,
און מיט אַ פיבערגלי אין וויעס
אָנגעצויגן בלענדיקע יריעות.

סוד האָט געדעמערט אויף די גראָזן,
אַ ים־ווינטל האָט קיל געבלאָזן.
אַ פּאַס זון, זיגזאַגן אין אַ קרייז,
האָט גאָלדיק געקרומט און ווייס געקרייזט
אַרום דעם בלענדנדיקן עיגול.
אַ רצועה האָט זיך געוויקלט
מיט וואַקלדיקע וויקלען ווילן.
די שטומקייט האָט געסודעט תפילה. — — —
ערד! — —

פּראָסט און פּשוט,
פון גורלות אויסגעקאָסיעט,
ערב נייעם זייען,
האָבן זיך פון למד־ואָו גייער
אין אייביק האָפן
ווידער זיך געטראָפן,

צעדאַווּנט זיך פאַר אַ גרינער זאַנג,
און אַוועק אַ פּראָסטן, פראָסטן גאַנג.

ווייל ווער האָט עס געוואָגט,
און ווער האָט עס געזאָגט
אַז סוף למד־ואו,
אַז אויס תפילה? — —
ס׳זאָל נישט טאָגן אַזאַ טאָג.
ס׳זאָל נישט שעהן אַזאַ שעה.
חי למד־ואו
מיט קי,
מיט קינדער
און מיט שאָף.
צופוסן פון הר אפרים — אַ דאָרפישע קאָמונע.
הונדערט יידן,
אין יעדנס האָרץ אַן אַלטע אבל־סטרונע,
געדעכעניש פון אַ טייך אַ טרעריקן,
און ס׳חלומט זיך זיי אַ ברונעם.

בערג זעגן זיי.
אויף הר אפרים שפּילן גורלות אויף ברויט
מיט געוויין.
טראַקטאָרן רוישן,
שטאָל זינגט אויף שטיין.
וואו יאָמערט נאָך אַ דינער קלאַנג,
אַ בלויער פאַסטוך צעווײנט זיך באַנג,
נאָר דער טראַקטאָר גייט, גייט
מיט פיבערדיקע טריט,
און קלאַפּט אויף באַס:
געצונדן די טויערן פון מאַדריד!
אַ מאַמע הונגערט אויף דער סמאָטשע גאַס! — —

שטיל די תפילה.
געשריי פון שניי.
רויך גייט צום כסא הכבוד.
דער טראַקטאָר איז היינט מיט האָרץ פאַרקאָוועט.

יעדע קייט
איז פרייד.
יעדער ראָד
איז גאָט.
ער בויערט בערג.
פעלזן פאַלן.
און בלוט, פראָסט בלוט, רינט.

ער גייט נאָך העכער ווי די בערג.
זע! —
עס שטופּן די פּעדאַלן,
גאָט מיט אַ מענטש,
אַ טאַטע מיט אַ קינד.

איז ווער האָט עס געוואָגט,
און ווער האָט עס געזאָגט
אַז סוף למד־וואָו,
אַז סוף נר תמיד?

ער אַקערט, לייזער ציפּרעס, אויף די בערגער פון אפרים
און די גאַנצע וועלט איז אים — אַ כאָמוט.

אַ ברונעם

די בערג פון אפרים, אַקעגן אויף מזרח,
מיט שפּיצן פאַרשטאָכן אין רויטער לבנה, —
קומען צעהונגערט אין טונקעלע נעכט,
אַקערן מאַנען.
און די זאַמדן פון מעריב, דאָרשטיקע בערגער,
לאָזן זיך שפּאַנען, געאָרעמט מיט ווינטן. —
בעטן מיט טיפע דורשטן צעגליטע
קוואַל פון די גרונטן.
און אַ טורעם אינמיט די דאָרנדיקע פעלדער
מיט קייטלונג פאַרפלאָכטן אין האַרץ פון די זונען —
קלינגט אַריבער די טרוקענע טאָלן
מיט שירה: ברונעם.
ליכטיקע קלאַנגען איבער זאַמדן און פעלזן.

אַריה שמרי

די רויטע לבנה ווערט בלאַסער און בלאַסער.
שווערע שאָפּאַטעס פּליעסקען אויף דנאָען
מיט חלום וואַסער.

וואַסער פאַר צעשפּאָלטענעם פעלד, וואָס וויל ווערן גרין.
וואַסער פאַר קי. זייערע אייטערס מאָגער און דין.
וואַסער פאַר קינדער, צעפּייניקט אין דאָרשט פון כאַמסין.

אַזאַ תפילה גייט אויף פון דעם טאָל.
ווי אַמאָל...
אַזאַ שטום געשריי —
אַנגסט פון בעל חי.
רויטע לבנה אין פעלד.
שרעק...
נאָר אייביקער וועג,
גורל באַפעלט.
אינמיט פון דאָרניקן פעלד,
צווישן געשריי און געשריי,
אַ לייטער געשטעלט,
אַ דרייפיסיק געביי. —
אין ערדישע שפּאַלטן
בלינד באַהאַלטן
אַ טייכעלע קוועלט.
אויף לייטערס ראָסטיקן שפּיץ,
ביי הימלשער שוועל,
העליש צעבליט
אַ באַפעל:
געפונען אַ ברונעם!
קייטן קלינגען אין נעכט.
שאָפּאָטעס בויערן דעם דאָרשטיקן טאָל.
בערגער גאַפן דערשראָקן.
הילכיקע גלאָקן...
פעלז סודעט מיט אַ טרוקענעם גראָז:
וו — אָ — ס ? ? !
וו — אָ — ס ? ? !

קאַמונעס הויף
איז וואַך
די נאַכט.
פון שויב צו אַ שויב
פאַראַלן ליכט.
הימלען נידערן,
עס זינגט פון אַ שיכט.

אַ טורעם אַ ריז.
תּכלית די פיס,
זשאַווער דער קאָפּ.
ליים הויבט ער אויף.
בלוי וואַרפט ער אָפּ.
ווינט אויף זיין שפּיץ,
פעלז יאָמערט אויף אים
פון טיפן כאַאָס.
ער קלינגט איבער שיכטן
מיט וואונדער בראשית. — —
הימל און ערד.
וואַסער און גראָז.
הימל און ערד.
וואַסער און גראָז.
צו דעם טורעם ציען קינדער.
קלאַנגען בלאַנדזשען אין ברייטן פעלד.
אַ מעשהלע אַזאַ, פול וואונדער:
אין דער טיפעניש אַ טייכל קוועלט.

און פאַרנאַכט, ווען פעלדער בלאַסן,
און בלויז דער הימל שפּינט נאָך ראָז —
שפּילן קינדערלעך אין וואַסער.
מען גיסט פון קרוג אַ פולן גלאָז.

מען גיסט פון קרוג אַ פולן גלאָז,
און אַז פון גלאָז רינט אַריבער,
שטעקט מען אַריין אַ גרינעם גראָז,
און מען שפּינט מעשהלעך בציבור:

אַריה שמרי

אורי:
דער גראָז וועט וואַקסן
אָן אַן עק און אָן אַ סוף.
איך וועל אַרויפגיין הויך
מיט סטאַדעס שאָף.
די שעפּסעלעך וועלן צופּן
אַ גראָז נאָך אַ גראָז.
און אויפעסן מיטן גלאָז...
אַלישע:
דער גראָז וועט וואַקסן
ביזן הימל.
אויף דער לבנה
וועט בליען אַ בלימל.
און די שעפּסן וועלן צופּן
נאָר די גראָזן
און דעם בלימל איבערלאָזן...
חנה:
די שעפּסן וועלן מורא האָבן
אַזוי הויך צו גיין.
שעפּסן האָבן ליב
צו ליגן אויף אַ שטיין
הערן דעם פּאַסטוך שפּילן,
און ביי די ווינטעלעך
זיך קילן...
אַלישע:
חנהלע! מען וועט מאַכן טרעפּ
פון שטיין.
וועלן די שעפּסעלעך קענען אַרויפגיין...

— — — — — — — — — — — — — — —

נאַכט.
רו.
קינדער מאַכן אויגן צו
און חלומען וועגן די טרעפּ...
אין ברייטן טאָל — קלעפּ.
מידע טאַטע־מאַמע הערן. — —

שווערע קייטן בראָזגען, קלינגען,
די הימלען שיטן העלסטע שטערן,
און אַלע קוואַלן זינגען.
קינדער בלייבן שטיל אַנטשוויגן,
טרוקן אויסגעשטרעקט די צונגען...
און עס וויגט די נאַכט מיט ניגון.
אַזאַ ניגון
נאָך קיינמאָל נישט געזונגען! — —

און עס איז געווען טאָג אין טאָל,
לאַנגער ווייסער טאָג.
שאָלן זענען געשטאַנען גלייך אויף דער וואָג. — — —
טאָג און נאַכט.
זון און לבנה.
און הימל און ערד,
און פרייד און טרער
אויף איין סטרונע.
און עס האָט געקוועלט און געקוועלט פון דעם ברונעם.
ס׳האָבן דורשטיקע סטאַדעס געצויגן אויף פעלדער,
די וואָל געקעמט פון מדברשע ווינטן.
טשופּרינעס פאַרשלייפט מיט זונענפּיאָלעט.
און ס׳האָט אַ פאַסטוך אַ יונגער געשפּילט:
— אויב נישט איצט, אויב נישט איצט, איז שפּעט!
און עס האָבן געקוועלט צום ברונעם
אַלע פאַרלאָשענע זונען,
אַלע טרעריקע טייכן.
רויטער פעלזן האָבן געגלאַנצט אין דער זון.
למד־ואָו מיליאָנען.
מיט בלוט אויף די קיטלען,
מיט נאַכט אויף די פּאָנעז.
פאַרשנורעט די ליפּן,
געקייטלט די הענט.
און עס האָבן זיך זאַנגען זוניק געכוואַליעט,
און עס האָבן סטעזשקעס מיט מאָרגן געברענט.
און דאָרשטן פון אַלע וועלטן, —

מענטשן,
ביימער,
גראָזן,
שאָף —
הונדערט אַ ריי.
הונדערט אַ ריי.
מיט איין צעכוואַליעט געשריי:
חי! חי!
און דאָס וואַסער האָט געוואַשן דאָס בלוט.
און די זון האָט געריזלט דעם שניי.
ל׳ו סטאַדעס זענען געגאַנגען צום טורעם.
פעלדער האָבן זיך געקורטשעט פאַר זיי.
בערג האָבן זיך אויסגעלייגט
טרעפ נאָך טרעפ
טרעפ נאָך טרעפ.
און די קריע איז — דער עלטסטער פאַסטוך
בלענדיק ווייס —
האָט איבער די טרעפ געשטיגן
מיט ניגון.
און ס׳האָט זיין קול געטרייסט:
פאַסטוך יונגער! —
טריף ברכה אויף די דאָרשטיקע צינגער.
וויש אָפּ די שקיעה פון קעפ.
ברענג די לעמער.
נעם דעם עמער,
און שעפ.

און דער נס איז געקומען.
עס האָט אַ גאָס געטאָן וואַסער
צו טרוקענע גראָזן,
צו וועלקנדע בלומען.
כאַמסין — אַ בלייענער טאָג,
און שווער איז צו גלויבן.
נאָר שוין האָט אַן אייזערנע שעפ
די ברכה פון טיפן געהויבן.

לייזער ציפּרעס

אַ בשורה

אַ בשורה
צעקלונגען
דורך רינגען,
צעפלאַטערט
דורך פליגל,
צו גרודעס,
צו שויסן,
צו וויגן.

און ס׳איז די בשורה געגאַנגען
פון זאַנגען
צו זאַנגען,
פון גראָזן
צו בלומען,
און עס זענען ברידער און שוועסטער געקומען
מיט פריידיקן אימפּעט,
מיט הערצער צעשוימטע,
מיט בליקן פאַרוואונדערט.

און אַזוי האָבן קייטן געקלונגען:
— טרינק זיך אָן מיט קוואַליקן וואַסער —
עין שמר!
פילט אָן פול די עמער
מיט זוניקער האַנט,
זינגט אויף, ליכטיקע ברידער,
דאָס ליד פון די לידער,
וואַסער אין מדברשן לאַנד!
און ס׳האָבן צעפלאַמטע פאַררינגלט
צעצונדענע שטעט מיט גרינע סעדער,
אַ וועלט און אַ לאַנד —
רעדער אין רעדער,
און אַזוי האָבן רעדער געזונגען:
קום מאַן!
ברענג דיין טונקעלן פנים
און וואַש דיינע וואַלקנס

אַריה שמרי

אין קוואַליקע טיפן.
און זינג מיט אונדז
דאָביים ברונעם
דאָס ליד פון נחמה
צו ימען און שיפן.
עס איז געווען אָוונט.
מיינע הענט האָבן נאָך אַלץ זיך געוואַרעמט
אויף לייזערס אַקסלען.
צעוויכערטע רעדער האָבן זיך בלענדיק געדרייט.
דער פריש צעאַקערטער טאָל ע ר ה
האָט געברענט און געלאַכט.
און איבער שפּיצן פון הר אפרים
האָט זיך דער טאָג געקאָלערט
צו נאַכט. — — —

עין־שמר. ארץ־ישראל

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

זעליג דער איינבינדער

פון דער פּאָעמע: „שיינדל קאַנאַריי".

ווי ווייט איז פון דער ערד צום הימל?
נאָר איין באַוועג פון ברעם, פון אויג אַ ציטער.
נאָר איין דערמאָנונג, נאָר איין געוויטער.
און בליצן יאָגן אין אַ האַסטיקער שליחות
פון שוואַרצע וואָלקנס —
צו בלאַנקענדיקע סטריכעס.

און זייער נאָענט איז די ערד צום הימל,
ווען ס'זיצט אַ קינד ביי אַ פענצטער פאַרקלערט.
און ס'הערט ווי ס'פליען און ס'שרייען די ווינטן,
און ס'הוידעט זיך אַ בליענדיקע ערד.
עס וואַכט אַ וועלט אַ נאָענטע, ווי אַ חבר,
אַ וועלט פון אימפּעט און סאַמע שיין.
און אָט־אָ וועט זיך אויפרייסן דאָס פענצטער
און ס'קומט די וועלט אין שטוב אַריין.

אפילו די שלאָפבאַנק, וואָס הינקט אויף אַ פיסל,
און דער טיש פאַררוקט אין אַ ווינקל אַריין,
און די גרינע שינדלען פון געגנדזיגנעם דעכל
אַלץ איז גרייט די וועלט מקבל־פנים צו זיין.

ווי ווייט איז פון דער ערד צום הימל?
איין פלינקער שפּאַן,
איין זוניק הייסער ברי.
און יונגע פייגל
מיט רויטע שנאָבלען
פון ערד צו בלויער הויכקייט
גיבן דאָרט אַ פלי.

און זייער נאָענט איז די ערד צום הימל,
ווען זעליג דער איינבינדער אין פרימאָרגן אין קלאָרן

שלעפּט אַ פּאַרטראַכטער צום גאָלדענעם וואָגן
אַ שווערע געבונדענע אַלטע גמרא.

דער וואָגן ווערט העכער, און העכער, און העכער.
פון אויבן אַ מולטער, אַזוי ווי אַ פּעכער,
אַ שאַנק, ווי אַ טורעם,
אַ מילכיקע באַנק, ווי אַ פליגל,
אַ פענדל קלינגט שטיל אין פּאַרטאָג, ווי אַ לירע,
אַ טאַץ בלאַנקט — אַ זוניקער עיגל.
צו דער טאַץ האָט זיך צוגעלענט קרום אַ מנורה
פאַרטראַכט אין פּאַרטאָג אויף אַ בלאַנקיקן גורל.

דאָס קלייבט זיך זעליג דער איינבינדער
אויף אַ דירה אַ נייע —
מיט זיין טאַץ, מיט זיין מילכיקער באַנק, מיט זיין ש״ס.
דאָס קלייבט זיך זעליג דער איינבינדער
מיט דער גאַנצער משפּחה
פון ליימענעם געסל —
אויף שטרויענער גאַס.

אַ שפּאַן און אַ באַרג —
איז דער מולטער אין הימל.
אַ שפּאַן און אַ טאָל —
איז דער עיגל מאַט.
אַ שפּאַן און אַ גרוב,
און די העלע מנורה
ציטערט און קלינגט,
ווי אַ טרוקענער בלאַט.

און זעליג דער איינבינדער גייט ביים זייט אַ פּאַרטראַכטער,
די אויגן פאַרזונקען אויף דעם וואָגן מיט דרויב,
ער גייט און ער טראַכט, אַז אַ מענטש ווערט געוואָרפן,
געהויבן, גענידערט, אַזוי ווי אַ שטויב.

און שיינדל דערביי מיט אַ פּאַק אויפן אַקסל,
פאַרקניפּט מיט אַ בענדל אַ רויטן, ווי מאָן,
מיט אַ קאָשיק אין האַנט, און אין קאָשיק געבונדן —
קרייט הויך קוקורעקו אַ ברוגזער האָן.

שפּאַנט שיינדל פּאַרטאָג און זי זינגט טרילי־לילי.
די יונגע פּיס קלאַפּן: איינס און צוויי, איינס און צוויי.
שפּאַנט שיינדל פּאַרטאָג און זי זינגט טרילי־לילי,
פּונקט ווי זי זאָל פירן נאָך זיך אַן אַרמיי.

און דער האָן קרייט — קוקורעקו.
אַ גוט מאָרגן, הימלדיקער מלך,
מען האָט די פליגל מיר פאַרבונדן
אין אָט־דעם פאַרטאָגעדיקן הילך.
קוקורעקו, און טרילילי,
באַרג אַרויף און טאָל אַרונטער,
און די רעדער סקריפּען צו.

אַי אַ קאַפּעלע, אַי אַ גאַנג,
הימלדיקער מלך,
טרילילי און טאַראַראַם,
קוקורעקו שרייט דער האָן
און עס צימבלט צו די פּאַן.

און זעליג דער איינבינדער גייט ביים זייט אַ פאַרטראַכטער,
די אויגן פאַרזונקען אויף דעם וואָגן מיט דרויב,
ער גייט און ער טראַכט, אַז אַ מענטש ווערט געוואָרפן,
געהויבן, גענידערט, אַזוי ווי אַ שטויב.

נעמט זעליג דער איינבינדער אַ שטיקל מלאכה,
וועגט ער דאָס אָפּ אויף דער דלאָניע פון האַנט.
טוט אָן די שפּאַקולן, מישט איבער די בלעטלעך,
און קוויקט זיך מיט גרויסקייט פון מענטשנס פאַרשטאַנד:
— אַ קלייניקייט דאַרווין אַ ביסל אַ מוח,
אַז יעטווידער מילבּ האָט איר דרך, איר גאַנג,
היינט גיי זיי אַ חכם, און זיי אַ בעל־גאווה,
אַז דער זיידע סך־הכּל איז רב מאַלפּע אוטאַנג.

פאַרציט זעליג די פעדים נאָך שטאַרקער אין רוקן,
גיט אַ מונטער די זייטלעך און שמייכלט אין באָרד:
— הער, זלאַטע, אַז מען נעמט זיך אויף ריכטיק צו קוקן,
זעט מען ס'איז אמת דאָ יעטווידער וואָרט.
די גענגלעך פון מענטשן, דאָס לויפן, דאָס כאַפּן,

דער גאַנצער, מ׳שטיינס געזאָגט, דולער יאַריד —
היינט אַז מען דערזעט נאָך ר׳ בענדעטל תקיף,
דער בערישער הילך,
דער שטערן פאַרקאַשערט —
אַן אמתע מאַלפּע, ווי איך בין אַ ייד.

אי, האָט ער נעכטן געברומט און געהיפּעט,
געוואָלט ווערן אַ פּרנס, — אַ מכה אין ריפּ.
און זעליג לאַכט שטיל צו זיין פריינט טשאַרלס דאַרווין,
און גיט שיינדלען פּאַר נחת אין גאָמבע אַ קניפּ.

איז זעליג צופרידן, און זלאַטע איז מונטער,
און ס׳גיט אויף די שויבן די זון זיך אַ צונד,
ליגט דאַרווינס טעאָריע אין גלויבן פּאַרפּעסטיקט
און שיינט אויפן טיש אין אַ גאָלדענעם בונד.

און זעליגס וואַרשטאַט אויף אַ הילצערנעם טישל
ווערט ווי אַ שיף איבער כוואַליעס וואָס שניידן,
און עס טענהט זיך אויס דער וואַרשטאַט מיט די זייטלעך,
פּאַרוואָס קענען קיינמאָל די צרות ניט מיידן?

און זעליגס וואַרשטאַט אויף דעם הילצערנעם טישל
ווערט אָפּטער פּאַרוואָרפן מיט קשיות און תירוצים,
און זעליג וועקסט שטאַרקער און שטאַרקער די פעדים,
און עס שמועסן ספרים געבונדן אין טוצן.

און דער קליינער וואַרשטאַט אויפן הילצערנעם טישל
הילכט אָפּט מיט אַ ליד,
און אַמאָל מיט אַ ברומען,
אַ שטיבל פון סאָסנע,
אַ פענצטער צום הויפל,
זיי וואַרטן ס׳זאָל איינמאָל
אַ ליכטיקייט קומען.

יאָגן שטעך איבער זייטלעך
און בינדן די ספרים,
ווי זיילן וואָס דאַרפן זיין
אייזערנע אָרעמס.

קומען שורות צולויפן,
אין גלויבן געבונדן,
און שטאַרקן דאָס האַרץ
און לינדערן וואונדן.

און אַז זעליג האָט בענדעטל תקיף געטראָפן
האָט ער זיך פאַרנומען אויף אים מיט אַ וואָרט:
— „רב בענדעט, איך בינד איצט אַ ספר,
איר'ט געהערט טשאַרלס דאַרווין?
וואָס סע הייסט — „פערווי סאָרט".
ער דערציילט דאָרט — און דאָס איז שוין אַ מעשה אַן אַלטע,
אַז יעדער בן־אדם שאַמט פון אַ מאַלפּע".

איז בענדעטל תקיף געשטאַנען אַנטקעגן,
דעם בערישן הילך געטאָן אַ צעפּלאָש, —
— „אַ ספר? ווי זאָגט איר? פון דאַרווין?
עס קומט ניט צו רש"י נישקאָש".

זענען צוויי יידן געשטאַנען — צוויי בערד און פיר אויגן,
און מלא רציחה — כאָטש אַ פייער צעטראָג,
געשטאַנען א ווײַלע, אַ ווײַלע געשוויגן
און זיך פלוצלונג צעגאַנגען —
אַן אַ גוטינקן טאָג.

איז זעליג אַוועק, און בענדעט אַוועק,
נאָר פון דערווייטנס זיך אומגעקוקט ביידע,
עס האָבן די בערד זיך, ווי קלינעס, צעשטאָכן
און ס'איז יעדערער ברוגז געגאַנגען זיין וועג.

און זעליג דער איינבינדער האָט געמורמלט צו זיך:
— אַ שטערן, אַ הילך, אַ פּאָר רבנישע שלייפן...
אַ בענדעטל תקיף... אויף אים איז נאָר דאַרווין אַ מבין.

און בענדעט האָט ברוגז פאַרשנעלערט דעם טראָט:
אָט האָסטו זיך נייע למדנים אין שטאָט.
אַ מאַלפּע, אַ שמאַלפּע, אַן טעם און אַן ריח,
אַבי מען פאַרהאַקט זיך מיט ביכלעך דעם מוח.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

שרה בת טובים

צוליב זעליגס מלאכה האָט שיינדל געקריגן אַ פּסק,
אָבער אַ פּסק — אַז זי איז געלעגן אַ טאָג לעבן אויוון.
און צוליב וועמען? און צוליב וואָס?
צוליב אַ תחינה פון שרה בת טובים.

ס׳האָט זעליג די תחינות געבונדן,
דעם רוקן געליישט מיט גאָלדענעם כתב,
און זיין באָרד האָט געשמייכלט צו פּאָרכטיקע ווערטער:
— געוויס כבוד אם, און געוויס כבוד אָב.

ס׳איז אַן אמת, אַז ס׳שרעקט זיך דאָס האַרץ ווי אַן אינד,
און דער דאָ וואָס אין הימל באַחשבונט די זינד.
און דעם אויבערשטנס וואָרט איז שאַרף ווי אַ האַק,
נייט זעליג די זייטלעך געניט און געשמאַק.

און די פּאָרכטיקע ווערטער זענען אַלט און לאַנגאַניק,
צעגיסן זיך שטאַרקער און זיסער ווי האָניק.
און עס רוט אויף די בלעטער אַ שטילער פאַרלאַנג,
אַז די וועלט זאָל אַ פּרוכטבאַרע זיין ווי אַ זאַנג.
אַז די וועלט זאָל זיך פּאַשען אין גוטסקייט און רו,
באַגלייך מיט אַ שאָף
און באַגלייך מיט אַ קו —

קניפּט זעליק געניט דעם געוועקסלטן דרים,
און טראַכט, אַז אַ מענטש איז אַזוי ווי אַ בין,
אַט פליט ער אַהער און אַט פלאַטערט ער דאָרט,
זוכט שטענדיק ווי האָניק די גוטסקייט פון וואָרט.

נאָר דאָ גיט זיך דאָס פענצטער מיט האַסט אַ צעפּראַל,
און די קאַץ שפּרינגט אַריין,
און ס׳גיט שיינדל אַ פאַל,
און אַ שפּרונג אויפן דיל,
און אַ זעץ אויפן טיש,
אַ גורדעגאַריע אין שטוב,
אַ יאַריד, אַ צעמיש.

ביי דער קאַץ זענען אויגן צעלויכטענע, גרינע,
און זי גיט זיך אַ ריץ איבער זייטלעך פון תחינה.

נאָר שיינדל גיט אַלץ דעם געיעג נישט אַוועק,
און זי ציט נאָך אַ האַנט צו דעם קעצישן עק.

ווערט זעליג צעטומלט, צעטראָגן און בייז,
— דו זעסט נישט מען זיצט און מען אַרבעט מיט שווייס,
און ער גיט זיך אַ הויב, אין געבייזער בלייבט שטיין,
און שרייט אויס מיטאַמאָל:
— כבוד אָב, כבוד אם.
אַ מויד אָט אַזאַ —
אַזאַ פּוסטע־פּאַס,
אָט נעם איך אַ שטעקן,
אָט נעם איך אַ פּאַס.

האָט שיינדל איר נפש אויף הימלס באַראָט
געטאָן צו דער מילכיקער שלאָפבאַנק אַ שאָט,
זיך פאַרטאַיעט דאָרט שטיל, ווי אַ שוועלבל אין נעסט,
ווען עס יאָגט אים אַ שפּאַרבער אין בלוטיקן קעסט.
אונטער מילכיקער שלאָפבאַנק, אויף קאַרל מאַרקס און זאָלאַ,
איז שיינדל געלעגן און שטילינקע שאַ:

— עס זענען פאַרשיידענע ביכער פאַראַן,
גוטע און שלעכטע, נישטאָ וואָס צו קוקן,
אויב אין גאָלד איז אַפילו געבונדן דער רוקן.
אָט דאַרווין צום ביישפּיל איז מילד און איז גוט,
און זי האָט זיך פאַרטראַכט דעם קאָפּ צו דעם אויוון,
נאָר זי האָט ניט געזען ביז היינטיקן טאָג
אַזאַ־מין־אַ גזלן ווי שרה בת טובים.

אונטער מילכיקער שלאָפבאַנק האָבן גרילן געוואוינט,
איז איינער אַ סמיקל,
און איינער אַ סטרונע,
איז איינער אַ בעמבל
און איינער אַ ברומער.
און איינער אַ קוויטשער
וואָס פאָכט מיט אַ פליגל,

עס טרילערט אַ נאַכט
מיט אַ שטילער קאַפּעליע,
עס סקריפּעט אַ נאַכט,
ווי אַ הילצערנע וויגל.
די מילכיקע באַנק
איז אַ דאַך און אַ הימל,
נאָר אָט קומט די לבנה
אין זילבערנע שיכלעך
און לייגט זיך אַוועק דאָרט,
און כאַפּט דאָרט אַ דרימל.

ט י ט ו ס

די טירן האָבן היינט געסקריפּעט און געקלאַפּט,
זיי האָבן אויסגעלאָדן אַלטע כעסן,
און זלאַטע האָט געשוויגן, נאָר באַשיינפּערלעך
האָבן זיך געביישערט אירע הילצערנע אַפּצאַסן.
געביישערט זיך, געטענהט און געשריגן, — גוואַלד
— אַ טאָג אַזאַ — (גענוג אויף יידן אַלטע גזירות)
צו וואָס נאָך די ניגונימלעך,
האָט זיך צעזונגען היינט דער אַפּיקורס?

נאָר זעליגן האָט גראָד די זון
צעוואַרעמט, ווי אַ גלעזל וויין,
די זומערדיקע זון פון אָב,
וואָס האָט צעשיינט זיך מיט אַ לעצטן הייסן שיין.
און מעשה שטן דאַרף זיך זעליגן פאַרוועלן
אַ זונג טאָן פון אַ חסידל,
וואָס האָט געשענקט אַ מיידעלע אַ בייטשל קרעלן.

דאָס ליד איז פריילעך,
עס גלעט די זון אים אויף אַ באַק,
עס פליען פריילעכע די זייטלעך
פון אַפּיקורסישן באַלזאַק.
נאָר די אַפּצאַסן זלאַטעס שלאָגן יאָמער
אויף דער הילצערנער פּאָדלאָגע.

און אירע בליקן זענען הייסע שטראָף:
— ווי קען אַ מענטש, אַ ייִד, פאַרגעסן,
אַז עס איז ערב תשעה באָב?

און פּלוצלונג האָט זלאַטע דעם בעזים
אַ שטעל געטאָן אין ווינקל שטוב,
האָט אויסגעטאָן די שיך און צו דער ספרים־פּאָליצע אַוועק אין זאָקן,
עס האָט אַ פּייף געטאָן אַ שטילער כליפּ,
די ווענט האָבן פון זיך אַליין גענומען קלאָגן.

זלאַטע איז צום פענצטער צוגעגאַנגען,
די פינגער אויפן שויב אַ לייג געטאָן ווי געלע קלינעס:
— זעסט, אָט־אָ ישראלקע דער מילנער
איז שוין אַוועק אין שול צו קינות. —

באַלזאַק האָט זיך באַהאַלטן אונטער דער מילכיקער באַנק,
זיך צוגעמאָשטשעט דאָרט אין ענגשאַפט,
אין שטוב האָט זיך אַריינגעשאַרט אַן אַלטער גרויער באַנג,
און אויפן ווארשטאַט האָט זיך אויסגעלייגט אַ בענקשאַפט.

אַ שטילקייט האָט ברייט געמאַכט די גאַס,
דער הימל, און דער פאַרנאַכט, און אַ דרימלענדיקע ציג
האָבן זיך פאַרטראַכט אין דרייען.
אויף האָרבאַטע קעמלען זענען אָנגעפאָרן מיט געוויין
די מעשיות וועגן חורבן ירושלים.

זעליג איז אַוועקגעגאַנגען גאַס אַראָפּ,
זיינע פאַנטאָפל האָבן צוגעטשאַפּעט אין דער שטילקייט,
די זון האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף בייטלעך קראָפּ,
די פנימער האָבן זיך אָנגעטאָן אין וויינענדיקער מילדקייט.

אויף אַלע אומעטן די יוגנט בליט סיי־ווי,
און קינדער וואַרפן זיך מיט בערעלעך און לאַכן הויך ווי גלאָקן.
די אבלדיקע בענקלעך וואָס טרינקען זיך אין שאָטנס אויפן דיל,
וועלן שוין די קינות אַליין דערזאָגן.

שיינדל איז אַנטלאָפן אויפן דעכל פון דעם געגדזענעם שטאַל,
די שינדלען זענען אַלטע, מאָכיקע און ווייכע.

עס איז אַרויף נאָך איר אַ לעצטער בלייכער שטראַל,
און דער ניגון פון דער וויינענדיקער איכה.

די גאַס איז לאַנג און גרוי און שטיל,
הינדע די בעקערקע טרעט שווער אין בלויע זאָקן,
אַ פליגל פון ישראלקע דעם מילנערס מיל
האָט הויך צום הימל זיך אַריינגעשטאָכן.

איבערן דעכל פון דעם געגדזוענעם שטאַל
פליט דורך אַ טויב פאַרפלויגן פון דעם חורבן,
און שיינדל רירט זיך ניט,
זי הערט און ווייס
די באַדייטונג פון איר אומעטיקן מורמל.

פון וויטן, איבער דער גאַס פון חורבנדיקן לאַנד,
גייען דרייען, גייען ווי אַ וואַנט.
און שיינדל זעט: אַזאַ מין מאָדנער זאַלבעדריט,
אַזעלכע שווערע שטיוולדיקע טריט.

ס׳גייט אסתר קאַרפּ, די לערערקע, אַ מאָדנעם גאַנג גייט זי,
אַ לאַנגזאַמען און אַ פאַרקלערטן,
פוןביידע זייטן מענטשן צוויי
און ס׳הוידען זיך ביי זיי די שווערדן.

די הייזער האָבן זיך אַ שאַר געטאָן,
צום הימל זיך געדראַפּעט שטיל,
אסתר קאַרפּ, די לערערקע, מיט הויכע טריט,
קוקט שווייגנדיק אַרויף צום פליגל פון דער מיל.
איר שאָטן שפּאַנט נאָך איר, ציט זיך אַרויף,
איבערן געסל ווייט און גרוי
האָט אויסגעצויגן זיך אַ לאַנגער, דינער גוף.

די שטיוולדיקע טריט צערינען זיך, פאַרגייען,
פון אַלטע שינדלען מעקט זיך אָפּ דער לעצטער שטראַל.
ביי שיינדלען שווייגט דאָס האַרץ.
זי קריכט אַראָפּ פון דעכל פון דעם געגדזוענעם שטאַל,
זי גייט מיט הויכע טריט, ווי אסתר קאַרפּ,
פאַרטראַכט און שטיל.

זי שפּאַנט איבערן הויף און קוקט, ווי אסתר קאַרפּ,
צום פליגל פון דער מיל.
און שיינדל הערט אַ קלאַנג, שוין איינמאָל אַ געהערטן,
זי גייט מיט הויכע טריט —
און ס׳קלינגען לעבן איר די שווערדן.

און זלאַטע זעט: די מויד אין מיטן תשעה באָב
שפּילט זיך אויפן הויף און מאַכט אַזעלכע ווילדע מינעס,
זי גיט אַ נעם די מויד פאַרן גאַרטל אויפן סטאָן,
און פירט אין שטוב אַריין, אַז זי זאָל הערן קינות.

זלאַטע זאָגט די ווערטער מיט אַ טרוקענעם געוויין.
דאָס געלע פלעמל פון די חלבענע ליכט
היפּעט נאָך די ווערטער, יאָגט זיי אָן,
און שיינדלען דאַכט זיך, אַז די מאַמע אירע זלאַטע —
איז געווען אַ קייסערינע,
און זי וויינט איצט נאָך איר גינגאָלדענעם טראָן,
און נאָך אַ שטאָט, וואָס ס׳האָט דער רשע טיטוס —
צעבראָכן שטיין אויף שטיין,
און נאָך די קינדער, וואָס זענען דאָרט געפאַלן אויף די גאַסן,
פאַרגייט זיך קייסערינע זלאַטע אין אַ ביטערן געוויין.

מעינקע קאַץ

מיכאַלישעק — אין אַמעריקע

מיכאַלישעק — ווייט, צעשראָקן פייערל:
דיך קען ניט פאַרשטעלן
אַמעריקע — מיט צויבער פון טויזנט בראָדווייס,
און ס׳קענען די גיבורים, די טורעמס,
די שוואַכע שטיבעלעך דיינע ניט באַזיגן:
ניט באַזיגן — די קינדהייט, מיט נעגל אין דיר פאַרשטשעמעט,
ווייל אין טרוים —
קען אַפילו דער אוניווערס — אַ ווינקעלע אַ קליין פאַרנעמען.

דורך פריילינג־פרייד, דורך בליאַסק פון חוצפהדיקן שטאָל,
שוואַרצן זיך נאָך — טעג אין שלאַכטן פאַרברענט:
טשאַדענדיקע שטעגעלעך פון פאַרלאָשענעם אַמאָל —
און ס׳האָט נאָך נעכטן באַדאַנע אין חלום געזען
אויף פליגל קראַנקע איר טויטן עלציק שוועבן —
אַ נאַכט־וואַנדלער — מיט ווייטע, פאַרבראָכענע הענט,
האָט ער געמורמלט : איך לעב. איך לעב.
אַמאָל בין איך געווען:
אַ זאַנגען־פעלד פון האַרמאַטן־ברום צעוויגט;
אַצינד בין איך:
אַ שטורעם — פון אַ ווינטעלע באַזיגט.

ווען אין חלום האָט באַדאַנע מיט איר טויטן זון זיך געזעגנט,
האָט דעם פאַרטאָג איר ניי־געבאָרענער עלציק באַגעגנט —
מיט פולע הענטעלעך פרייד,
מיט חיהשן פלאַפל,
ווי אין ווינט — איר טויטן עלציקס צעשאָטענע רייד
און ס׳האָבן באַדאַנען די נייע פינגערלעך געוויזן —
פון איר חלום — צעשניטענע פיצלעך וועגן.

בלומקע אין פריילעכער קינדער־שול
האָט מער געבענקט ווי געלערנט —

געבענקט נאָך דאָס נאָגנדיקע האַרץ פון הונגעריקן סוועגציאָן,
נאָך די שטילינקע מיידעלעך ביים געשריי פון קאַנאָנען,
נאָך די מיכאַלישקער וואָיענדיקע נעכט,
מיט פענצטערלעך און מיט וואונדן אויסגעשטערנט.
בלומקע אין פריילעכער קינדער־שול,
מיט אויגן שטענדיק פול —
מיט מיכאַלישעק און מיט טרערן.

יעיסקע האָט מיט שטיבעלעך דעם הינטערהויף פאַרבויט.
יעדעס שטיבעלע — פון טשוועקעס, פון טרוימען און פון שפענדעלעך.
אָנשטאָט קוימענס — אומעטיקע לאָמטערנעס צעהאַנגען.
אין יעדער לאָמטערן — אַ ליכטל, אַ חלב־אויג,
פינטלט אויס דעם בלאָטיקן טרויער,
וואָס פלעגט צו יעשיע דעם פינטלערס חדר פירן.
דורך יעיסקען די בענקשאַפט: נעכט פון אַ גראָשנדיקן פלעמל
געגאָלדיקט,
דורך יעיסקען די בענקשאַפט: פון מיכאַלישעק דער לעצטער זונ־
פאַרגאַנג.

בערקע גאַפט,
ווי מיכאַלישעק — אין אַמעריקע
ווערט פאַרביקע וואָר — פון ברויט און טרוים און שטאָל.
בערקע אין די הויכן — אויף וויגנדיקע רעשטאָוואַניעס,
וויגט זיך מיט פענזל, מיט פאַרב, מיט אַ קאַרג לעבן;
דאָס האַרץ איבער אַן אימהדיקן אָפּגרונט שוועבט,
און שטענדיק אים דאַכט —
אַז אויב פאַלן, וועט ניט ער אַליין;
אויב פאַלן וועט אויך די נאַכט, די זון,
די וועלט!
נאָר זיין „גרינע” כלה — אסתרקע־סטיבון
וואָלט איינזאַם אין תהו־ובהו בלייבן —
די צעשאָטענע ביינער זיינע צו קלייבן. — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
דער טאַטע הירשע־דוד — טראָגט די שענסטע פאַרטאָגן
אין אייביק־נאַכטיקן זייד־פאַבריק
און ציילט די עברות — אין זיינע קאַרבן.

אַזויפֿיל טעג עבירהדיקע — ניט מיט איינמאָל צו פֿאַריאָגן
און נאָך ניט גרייט איז, צום גן־עדן — פֿון מצוות דער בריק.

דער טאַטע הירשע־דוד, ווי פֿון רויך און פֿאַרב געפֿורעמט,
ווי אים וואָלט אַן אַלכעמיסט, אַ טרוימער, אויסגעקלערט,
אייביק דעם זייד אין קלוגע טייכעלעך פֿאַרב צו באָדן —
ס'זאָל דער זייד מגולגל ווערן — אין שענסטע רעגנבויגנס, —
שפּאַנט הויך און דאַר און מיד:
דורך חדרים פּראָסטיקע,
ווי דאָ וואָלט אייביקער ווינטער געוואוינט;
דורך חדרים הייסע,
ווי דאָרט וואָלטן אַלע זיינע זומערן זיך געבראָטן.
זיינע בראַווע שטיוול דערמאָנען אָן זעלנער —
דער ריזן גומע־פֿאַרטוך —
ווי אויף אַ בינע אַ פֿאַנטאַסטישער קעלנער.

מאַשינען טרייבן שטאָלענע טעג,
און אַלץ שלינגט איין דער זייד:
די גוטע פֿרילינגס און בייזע פֿרעסט;
און אַלץ שלינגט איין דער זייד —
די שטאָלענע טעג
און פֿון שטיקער פֿינגער — דעם ביין און הויט.
אויף סאָפּנדיקע פּאַסן זייד —
יאָגט זיך אַזוי נאָענט און קלאָר — אַ בלענדנדיקער טויט.
דער טאַטע הירשע־דוד אין אייביק נאַכטיקער זייד־פֿאַבריק
טרוימט אויס — אַ פֿאַנטאַסטישן וואַלד.
אַ וואַלד ניט מיט בלעטער, נאָר מיט זיינע טעג באַלאָדן —
יעדער בוים פֿון ראָזשינקעס, פֿון האָניק און פֿון פֿלאָדן,
קלעטערט צו אַ פֿרעמדן האַר,
ווי ער וואָלט זיין באַשאַפֿער ניט דערקענט;
אין יעדן קלעטער — דער געשמאַקער נאַר,
שרייט מיט אַלע גלידער גוואַלד.

און אין וואַלד זעט ער ניט פֿון פֿויגל אַלערליי,
נאָר פֿון פֿליענדיקן זייד — אַ פֿאַרבן־קאָנצערט.
גזלנים, מיט זיינע יאָרן אין די הענט, אַפּלאָדירן.

און יעדער זייד — טויט ווייַ.
איידעלער זייד האָט צייַן, האָט סאָמיקע אויגן,
האָט אַ שלאַנגען־פּיסק — די מידע געהירן
צו זויגן.

נאָר ערב יום־הדין —
זעט הירשע־דוד די פאַבריקן־ווענט — דין
און דורכזיכטיק ביז ניט־ווערן,
און ס׳זענען צו אים — די ווייטע פאַבריקן־שויבן,
ווי צו אַ פאַרליבטן ייִנגל — די שטערן.

אָט הערט ער אין רעש פון פאַבריק:
פון „סטראַטשער וואַלד״ — דעם רוישנדיקן טרויער,
און אָט —
פון פאַבריק — דער רעדערדיקער שטורעם
שטייט גלייכגילטיק אין זיינע אויערן,
ווי ער וואָלט אַ פרומע שטילקייט געהערט.
פאַר די פאַרבענקטע אויגן
נאָגט ווי אַ וואונד — זיין באָרוועס שטעטעלע סוויר.
די אַלטע וואַסער־מיל מאָלט בערג מיט זינדן,
ער זעט זיין טאַטן, דעם מילנער, אין גן־עדן.
אַפילו פון בלומען, שטערן און צדיקים.
זיין טאַטע, דער מילנער, פון גן־עדן,
ווי אַ זאַנג אַ תפילהדיקער שעפּטשעט פרום:
— קום מיין קינד,
מיין קינד קום —
מיט דעם איבעריקן גוף זיך שיידן.
דאָ טראָגן מלאָכים — דיין שדימדיק שטעטעלע סוויר.
יעדער דאָרן איז אַ פליגל.
יעדעס שייבעלע — אַ הימל.

הירשע־דוד זעט „גאָטס פינגער״ טרייבן די פאַבריקן־רעדער.
דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי פון תוכחה די געפאַרן.
אין בלוט לויפן אום שווארצע מזלות.
ווי פון קעפּ אַ פאַרבלוטיקטע ראָד
קייקלט זיך אין גהינום די ערד;

נאָר זיין נשמה שמעקט מיט דופטן פון גן־עדן סעדער
און אַלץ ווייזט די ניסים פון די נאָענטע געסט — די אָבות:

מאַשינען זאָלן שרייען ווי יידן פון טויזנט מערק.
קוימענס זאָלן קלאָגן ווי פאַרוואונדעטע ריזן.
ניט יינגלעך אַרום איוון — אַ שטוינענדיקע ראָד,
נאָר אין געלויף־צעווילדעוועטער שטאָל
זאָל דערציילן מעשהלעך פון רויבער.
ניט אין סוויר — אַ כישופדיקער טערק,
נאָר קלוגער זייד זאָל ווייזן דעם צויבער,
וואָס עס האָבן די מכשפים אין ספרים געוויזן.

אַ זייד־פאַבריק זאָל פון סוויר זיין לענגער,
זאָל ברייטער זיין אַפילו פון סוועַנציאַן.
ניט אויף דער ערד, נאָר אין דער הויך,
זאָלן ציען זיך — שטיבעלעך שערענגעס.
אָ, וועלכער טרוים איז אין דער וואָר ניט פאַראַן?!

פאַרנאַכט.
ס'האָט די מי אַן אָפּגענוצטן טאָג אין שטוב געבראַכט.
בערקעס טאָג — אויף שטריק פון רעשטאָוואַניעס אויפגעהאַנגען —
אַן איבעריקער בליק — און ס'האָט געקענט דער קאָפּ,
מיט אסתרקע־סטיבון און מיט פּאַלאַצן פול,
ווי אַ באָל פון די רעשטאָוואַניעס פאַלן.
ווייל וויפיל רגעס — אַזויפיל געפאַרן.
דער טויט — אַ ליידיקייט מיט מאַניענדיקע הענט.
אַ לעבן — די שטריק אַנגעטרויט,
ס'זאָלן נאָר די שטריק ניט נאַרן.

הירשע־דודס טאָג:
מיט גרילצנדיקן ווינט, מיט שטאָלענעם רוים,
מיט געשריי פון זייד־מאַשינען דול, —
זיין הימל — אין די הויכן פון ווענט פאַרמויערט.
די זומערדיקע שעהן — אין בלענד פון זייד געלאָזן.
זייד מיט קאָלירן פון פויגל, פון שטערן, פון גראָזן.
אַ שווייסיקע זון אין זיין פאַרהאָרעוועטן גוף פאַרגאַנגען.

ליגט בייז אַצינד אין יעדן אָדער און טרויערט
אויף איר לעבן דעם פאַרלאָשענעם.

באַדאַנע — אין דער פולער קיך,
שמעקט מיט טויזנט טעמ׳ען פון צוגעטראַכטע מאַרצעפּאַנעס.
יעדער קער — אַ בעריע, די בלאַנדע קוקלע פריש געצוואָגן.
זי הערט דעם זינדיקן שמועס פון געראָטענע פאַנען —
ס׳טענהן בולבענע קניידעלעך: בול־בול־בול,
מיר זענען אַזוי גוט, מיר קייען זיך אַליין,
און ס׳ענטפערן די בייזע לינדזן מיט מחיהדיק געוויין:
לין־לין־לין, מיר זענען מיט עשון פול.
ס׳רויטלען זיך זיס־זויערע, ווייניקע בוריקלעך,
שעמען זיך אַ וואָרט צו זאָגן.
ווען ס׳קייקלט אַ געזונטע פרייד די שעה פון אָוונט־ברויט אַוועק,
און מיט זאַטקייט אָנגעגאָסענעם איעדנס גלידער קוועלט,
נאָגט בלומקען און יעיסקען — מענטקעס ליידיקער אָרט
און דעם טאַטן — מענטקע צו אַ מזומן פעלט.
אויף באַדאַנעס ליפּן שטומט דאָס טרויעריקסטע וואָרט.

נאָר מענטקע,
איינזאַמט ערגעץ צווישן שטיין און עלנט פון ווענט.
אַנטקעגן אים
וויגט אַ ליכטל אום — אַ שאָטנדיקע שרעק,
און ס׳רייזט זיין פּען — דורך אמתע און דורך אויסגעקלערטע וועלטן.
אַ שטיל צימערל — אין רעדעוודיקן ניו יאָרק.
מענטקע ווייס דאָ —
וויפל שטח ס׳קען אַ שעה אויסבענקען,
וויפל זון ס׳קען די טונקלקייט ליבן,
וויפל אומרו ס׳קען דער ווינט געדענקען.
מענטקע ווייס דאָ —
וויפל שאָטנס ס׳קען אַ ליכטל שרייבן,
מיט וויפל אומעט ס׳איז דער נעכטן דאָ געבליבן,
מיט וויפל אומעט ס׳וועט דער מאָרגן דאָ נאָך בלייבן.

אַרום אים די ווענט — פאַררויכערטע היטער,
היטן ס׳זאָל די זון ניט ניט פאַרבלאָדזשען דאָ מיט אַ טראָט —

נאָר היטן ניט פון נויט און געוויטער
דאָס גרוי צימערל — אין בליאַסקענדיקער שטאָט.

די ציגל בענקען לאַנג שוין נאָך פונאַנדערפאַל,
און ס׳האָבן דאָ טעג דעם קאָליר פון ליכט שוין לאַנג פאַרגעסן.
די אייביקע נאַכט — דערשרעקט אַמאָל אַ שטראַל,
אַמאָל דעם קרומען שיין פון אַ פאַרפירטן שטערן.

דער ווינטער, דורך לאַנגע חורבהדיקע נעכט,
מיט לבנהדיקן פראָסט, מיט ליד פון ווינט — פירט אָן,
קעגן די בראַזגענדיקע שויבן אַ געפעכט
און ס׳פלאַטערט דאָ מענטקע — אַ טראַנטעדיקע פאָן.

דאָס ליכטל — אַ באַזיגט פייערל,
איילט זיך — ניט־ווערן.
און ס׳איז דעם פייערל אין ווינט — דער טויט אַזוי טייער,
ווייל פון לעבן איז קיין צייט ניטאָ צו קלערן.

דער שניי צעשיינט די פאַרבענקטע שויבן,
און צעשפילט אַ ליכטיקייט אין אַ גרוילנדיקן פלירט.
מענטקע שפירט,
ווי ס׳פּרואווט די דינע ליכטיקייט — דער שווערער פינצטערניש הויבן.

דורך די ווינקלען פון צעבויגענעם דאַך
צעגייט דער ווינטער אין ראָסטיקע טרערן
און טרינקט דעם זאַטן שטויב אָן —
אין די דורשטיקע שפּאַרעס.

דער פרילינג צעבליט די שאָטנס פון דעם נייגעריקן אונטערגאַנג.
אין מיטן טאָג:
דערמאָנט דאָס ליכטל — אַ פּיצל לעשנדיקן מעטעאָר,
דאָס קרעכצן פון די שטולן דערמאָנט אָן פויגל־געזאַנג.

די שטילקייט הערט דאָס זינקען פון די ווענט.
מענטקע פאַרנעמט —
וואָס די קלוגע אַלטקייט וויל פאַרשטיין,
פאַרוואָס די געדולדיקע צייט נעמט אומגעדולדיק גיין.
אַ טרוים אויף אַ בילד — רייסט זיך פון דער ענגער ראַם,

אַלטע האַלץ חלומט פון אַ יונגער זעג,
און זעט זיך לויכטן — אין דעם קאַלטן אויוון,
נאָר די זעג קומט ניט

און דער אויוון בלייבט — אַן אויסגעלאָשענער תם.
די שוואַכע ציגל רופן שטאַרקע האַמערס
און זעען זיך פאַלן אין פריידיקן אַפּגרונט,
נאָר ס׳קומען ניט די האַמערס —
און דער אָפּגרונט בלייבט זשעדנע קוקן צו דער הויך אַרויף.

מענטקע הערט דעם פרילינג ריידן:
אַ, נאַכטיק פענצטערל, דו זוכסט אומזיסט די זון,
אַ, הינקענדיק טישעלע, דו וועסט שוין גלייך ניט שטיין.
און וועסט געוויס שוין גרינער וואַלד ניט ווערן.

איבער אים —
ווי אַ חורבהדיקער שד,
קלעטערט דער הקדש פון סוועכציאַן,
זוכנדיק אומזיסט מזל אין די וואַלקנס.
אַזויפיל בענקשאַפט איז אין זיין צימערל פאַראַן,
ווי ס׳וואָלט זיינס אַ שטיבעלע — אויף סווירער באַרג געשטאַנען.

דאָס הויז אַ קרישלדיקער ריז,
שטייט בלינד און אויסגעבויגן.
מיט אַ פּאַסיקל זון שווער אָ, שווער איז
דערפרייען די פענצטער — די פאַרשטויבטע אויגן.

מענטקע הערט אויף דעם אָרט פון די חורבות —
אַ וואַלד, אַ גיבור, רוישן;
די פויגל, די לידער, די מעכטיקעביימער,
האָט דער מענטש — אין אַמאָל־אַמאָל פאַרשטויסן.

ער הערט געוויטערדיקע יאָרן,
דעם באַרג פון זיין אָרט שיידן,
און דור צו דור
דורך שטערן און דורך דיכטער ריידן:
— אויף דעם אָרט פון גרויען צימערל
איז אַן אָדלער־נעסט אַמאָל געהאַנגען,

און ס׳איז דער טאָג אַצינד — אַ לעצטער שימער
פון אַ זון וואָס איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען.

פלוצלונג — אַ קלאַפּ אין טיר
האָט זיינע זעאונגען צעטריבן —
פון אָדלער, באַרג און טרוים
איז אַ וואָר מיידל געבליבן.

דורך מענטקען — אַ בלאָנדע פרייד
דעם פאַרעקשנטן אומעט יאָגט;
דורך שיין פון פאַרליבטע רייד
הייבט דאָס צימערל אָן צו טאָגן.

ס׳האָט כאַסקע אַ פינקלענדיקע שעה געבראַכט —
איז די זון אין האַלבע נאַכט אַרויס:
דאָס טישעלע — לאָם און קרום —
גלייכט אַליין זיך אויס.

די מיאוסע, הונדערטיאָריקע נאַכט,
טוט פון זיך די שוואַרצקייט אויס.
די פינצטערניש — אַ בלינדער שליסל,
האָט אַ צויבער־וועלט אויפגעמאַכט.

אַ באַשיידן טראָט — און דער דיל זעט:
אַ פרישער צווייג איז יעדע טוכלע ברעט.
אַ פּראָסטער האַנט באַריר —
און די אוראַלטע טיר ווערט בוים ווידער.

נאָר אויף דעם צעצוויטן בוים הענגט —
הירשע־לייב־טאַרשיש,
דער אונטער־שמש פון חסידישן מנין;
דורך די בלעטער רוישט דער פרילינג ווידוי,
קעגן מענטקען —
אַ סקריפּ פון ווינט ברענגט דערוואָרגענע גלידער.

„שטענדיק אומעטיקע כאַסקע,
שטענדיק דערשראָקענע כאַסקע,
פונוואַנען
די אַלטע נאַכט אין דיינע זעכצן יאָר?

איך זע —
אַ טרויעריקן זון־פאַרגאַנג — אין דיינע בלאָנדע האָר":

— אוי מענטקע מיינער, מענטקע ליבער,
ס׳איז דער פאַרבאָרגענער מעסער,
וואָס קומט אַזוי פרי, די ערשטע קאָרבן מיט קריצן.
ס׳איז דער פאַרבלוטיקטער שניי וואָס איז מיינע זומערן אַריבער.

— איך ווייס,
אַ טראָפּן פיין איז פון אַ ים פרייד גרעסער,
פון טויט אַ טראָט איז פון אַלע ווינטן שנעלער;
און איך ווייס —
אַ פונק וואָר איז פון אַלע טרוימען העלער.

— איך זע ביקסן — אַ שוואַרצן וואַלד צעבליצן,
נאָר געפּלאַצטע קוילן — זענען שטראַלן —
דעם זיגערישן טויט צו העלן.
אַרום מיר
שטעלן זעלנער — פון שווערדן אַ וואַקכאַנאַליע־חופה,
און ס׳וויגט אַ צעשראָקענער צווייג — מיין צעפליקטע קלייד.
איך הער פון פאַרוואונדעטע דאָס געשריי. און פון קראָען אַ וויסט שוועבן.
איך זע אַ גזלנים־נאַכט מיט אָפענע וואונדן שיינען
און צעשיינען די שרעק פון מיין איבעריק לעבן —
מיין לעבן — זעכצן האַרבסטן אין שטענדיקן פאַלן.

— אַזויפיל פחד האָט מיינע גלידער נאָך ניט דורכגעשטאָכן.
פון אַזויפיל נאַכט זענען מיינע אויגן נאָך ניט בלינד,
נאָר מיינע נעכטנס זענען — ניט תשובהדיקע זינד,
ניט אַ בונט צווייגן פאַרבענקט נאָך פייער,
ניט קיין פרילינגס — אונטער שימלדיקע מאָכן.

— מיין יעדער היינט איז פון אַ נעכטן געפאַנגען.
איך זע יעדן זון־פאַרגאַנג — אַ קאָפּ פאַרן שעכטן.
דורך לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט
וואַך איך אַליין מיט מיין טרייסטנדיק טויט,
און שפּיר איבער מיר — פון שטאָט איעדע ראָד,

און הער אין יעדן ווינטעלע — מיין לעצטן געוויין,
און הער אין יעדן עכאָ —
דעם הילך פון מיין לייב — אויף פאַרבלוטיקטן ברוק,
אין יעדן מורמל — אַ גרויזאַמען סוד.
דורך שטשירענדיקער פינצטערניש שפרינג איך אויף
און וואַנזיניק לאַך —
און דער געלעכטער דורך מיין לייב איז — בראַנדיקער שרויט.

— און ס׳דערמאָנען מיך אָן פעטליעס די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט,
איך הער קייטן אויף לייבער פון קרבנות,
און זע פרומע הענט פאַרקויפן רחמנות.
און ס׳דערמאָנען מיך פאַרנאַכטן אָן פאַרבלוטיקטע תלינים,
די שטראַלן — ברידער מיט זיך אַליין אין געפעכט,
ווי ס׳וואָלטן גלידער פון איין גוף געוועזן זיך שונאים.
יעדער זון־אויפגאַנג איז — זיגערישע שלאַכט,
יעדער זון־פאַרגאַנג — באַזיגטע שלאַכט.
שלאַכט! שלאַכט! שלאַכט!

אין מענטקעס צימערל — אַ ווייל קאַרטשענדיקער שווייגן,
דורך כאַסקען — די שטילקייט,
ווי דער ניט געהערטער יאָמער פון אַ טויב־שטומען,
איבער קברים זעט זי שוועבן
פון אַלע פעלקער — די פאַרבלוטיקטע פאַנען,
פון מיט לייב־באַפרוכפערטע פעלדער קומען:
ניט זעלנער — נאָר רייען בלומען, ציבעלעס און קרויטן,
דורך קברימדיקע צוימען רייסט זיך דער טויט —
לעבן! לעבן! לעבן!

דורך איר בלוט שוואַרצן זיך פאַגראָמען־נעכט —
זי זעט:
אין שלאַכטן ברענען שוין קרוינען,
נאָר דערווייל, איר ברודערל, אין האַנט פון שעכטער,
מיט צאַפלדיקן גוף אויף שווערד שרייט ער —
„מאַמע, איך זע אַ רשעס חלום אין שלאָף,
נאָך ניט געשטאָרבן — און אין גהינום שוין".
דורך פחד, ווי פון הענקער־הענט געוואָרגן,
רעדט כאַסקע ווייטער:

— אוי, מענטקע,
איך האָב היינט
אויף בראָדוויי — מיינע טויטע שוועסטערלעך באַגעגנט.
איינע אַ צווייטאָגיקס,
דער גייסט פון עופהלעך פאַרפּייניקט אין פּאָגראָמען
האָט נאָר געפרעגט איר נאָמען —
האָט געשליידערט אַ געוויין אַ ניי־געבאָרנס,
וואָס זי האָט שוין אַפילו קיין ביינדעלע ניט
צו ווייזן מיר — די מעסער־שניט,
און מיט געוועזענע הענטעלעך זיך געזעגנט.

— דאָס צווייטע פּעשע־ליבקע, אויף אַ טורעם־שויב צעצונדן,
האָט מיט אַ קול פון ווינט געמורמלט:
ניט מיט מיין טויט, מיט די לעבעדיקע פיר יאָר,
בין איך פון מיין ווייטן קברל אַנטלאָפן
און בין אַן קאָפּ, אָן גוף צו דיר אַזוי געקומען,
דעם שרעקנדיקן האַנטוך דיר ברענגען,
וואָס האָט מיין יידיש האַלדז דערוואָרגן;
ווייל צעכאַנאָוויטש, מיט זיין פאַנסקע האַרץ,
האָט ניט געקענט אויף אַ שטריק מיך הענגען.

— און כ׳האָב היינט
אויף בראָדוויי — מיין טויטן ברודערל באַגעגנט —
אַהרן־בערקע מיט זיבן צעמעסערטע יאָרן
האָט געוויזן,
אַז נאָר אַ זשמעניע פאַרבלוטיקטע האָר איז פון אים געבליבן.
— מיין טויטער ברודערל — דורך בליאַסק פון בראָדוויי
האָט אויף אַ פידעלע אַ בעטלעריש געקלאָגט,
וואָס ער האָט קיין אויגן ניט —
צו ווייזן מיר די טרערן פון זיין דור;
וואָס ער האָט די וואונדן און די פינצטערניש ערגעץ פאַרגעסן
און דאָ איז ער — אינגאַנצן ליכט,
אַזויפיל ליכט אַז מען זעט ניט קיין שטראַלן,
ווי ס׳וואָלטן זיינע טעג די ניט־געבאָרענע — אַלע נעכט פאַרשלונגען,
און אַזויפיל טאָג געלאָזן,
אַז ס׳גלוסט זיך נאָך אַ ווינקעלע פינצטערניש בענקען;

און דאָ איז ער איינגעאַנצן — טאַנץ,
ווי ס'וואָלטן שדים מיט אַזוי פיל האָפּקעס אים באַפּאַלן,
אַז ס'גלוסט זיך אים צוריק,
צום שטעגעלע רו — אונטער בית־עולם גראָזן;
און דאָ איז ער איינגעאַנצן — היינט,
אַזויפיל היינט, אַז מען קען דעם נעכטן ניט געדענקען.

— איך האָב היינט
אויף בראָדוויי — דריי טויטע קינדערלעך באַגעגנט.
די לייבער פון זאַמד און פון רעגן אויפגעגעסן, —
האָבן די וואונדן פון אַלע שילדן געוואונקען,
און איך,
מיט פינצטערן קאָפּ — קעגן טורעמס ליכט געזונקען,
בין אין מיטן בראָדוויי ווי אין שבעה געזעסן
און צאַרט אַזוי געשעפּטשעט:
טויטע קינדערלעך — אוי־ווײ, אוי־ווײ,
מסתם האָט איר פאַרגעסן —
אַז ניט אין חלום,
גאָר אויף בראָדוויי
זייט איר צו מיר געקומען,
און אַז קיין קברים זענען דאָ ניטאָ,
און דאָ וואַקסן ניט קיין גראָזן
איז ווי זאָל איך אייך לאָזן —
בית־עולם שאָטנס — צווישן פייער פון שילדן,
און ווי וועט אייך פאַרוויגן,
ניט אַ ווייס ציגעלע,
נאָר פון מציאות — דער פאַלשער געשריי.
אייער צער קען דאָך פאַרלעשן אַלע בראָדווייס.

— ביים ערשטן טראָט פון טורעמדיקן פרימאָרגן
האָב איך דורך דונער פון שטאָל געהערט אַ געלעכטער:
כאַ־כאַ־כאַ, כאַס־קע,
כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ!
אויף בראָדוויי קולות פון פאַגראָמען —
פון עופהלעך פאַרפיניקטע אַזאַ כאָר.
אויף בראָדוויי

אַ קופּע נעכט — פון אַ זונען־שריפה געטראָפן.
אויף בראָדוויי,

טויטע שוועסטערלעך — פון ווייטע קברימלעך אַנטלאָפן.
אַ שוועסטערל אַ צוויי־טאָגיקס אָן אַ נאָמען,
אַ שוועסטערל — אַ האַנטוך מיט פיר דערוואָרגענע יאָרן.
און אַ ברודערל — אַ זשמעניע פאַרבלוטיקטע האָר.
כאַ־כאַ־כאַ, כאַס־קע,
כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ!

כאַסקע — זון אַ שטיק פון אַ קאָשמאַר אַרויס —
אַ קאָשמאַר, ווי מאָרד אַליין די גרויס;
איר שיינקייט — אַ פרילינג אין וועלקן,
דעם ענדלאָזן טויט צו באַחנען.
אַנטקעגן מענטקען — איר לעבן,
אַ בייזער חלום — אין אימהדיקער וואָר.
כאַסקע — אַ קראַנץ סעפּטעמבערס אין גאָלדענעם וויאַנען,
אַרום אים —
אירע זעכצן צעשאָטענע האַרבסטן שוועבן.

דעם בלינדן צימערל האָבן אויגן צעשיינט.
די טוכלע ווענט האָט אַ דופּטיק ליד פאַרטריבן.
די פינצטערניש — אַן אוראַלטער פיינט,
האָט אין געפלעכט פון אָרעמס זיך געוואָרגן.
דורך מענטקען און דורך כאַסקען גייט אויף דער פרימאָרגן
און יעדער אויפגאַנג קען נאָר ליבן, ליבן.

אין מזרח פאַלט אַ שטיק הענגענדיקע נאַכט,
ווי מיט צעהאַקטע לאַפּעס — אַ בלוטנדיקער בער.
דורות נאָך ניט געבוירענע ליכטן אין מענטקעס אויגן. —
דורך אַ שויב זעט ער:
פון ברעג ביז ברעג — אירע נעכטנס צעצונדן,
און פון ווייטע מאָרגנס — אַזאַ גאָנטער רעגנבויגן;
דורך אַ שויב זעט ער:
אַזויפיל זוניקע הענט — היילן כאַסקעס וואונדן.

מ. בורשטין

יעקב און רחל

(דערציילונג וועגן ליבע און טויט).

א.

רחלע איז קראַנק.

רחלע איז קראַנק. רחלע איז פֿאַרביי. מיט רחלען האַלט עס שמאָל.

זי איז געוואָרן מאָגער. די גאָלדענע האָר האָבן פֿאַרלוירן זייער גלאַנץ. אויף דעם ווייסן, איידעלן פּנים רוט אַ בלאַסער שמייכל. אירע וואַרעמע, ברוינע אויגן גליען מיט ווייטער בענקשאַפֿט.

— זי איז גוט שלאָף — האָבן חברטאָרינס זיך דערציילט אויפֿן אויער.

— זי קרענקט נעבעך — דאָס יונגע ווייבל — האָבן ווייטע קרובים געשאָקלט סודותדיק מיט די קעפּ.

קיינער ווייסט נישט אויף וואָס רחלע איז קראַנק. דאָקטוירים האָבן נישט געקענט זאָגן, וואָס איר איז. קאָפּשווינדל, אַנעמיע. דאָס ערגסטע, וואָס זי קען אין די נעכט נישט שלאָפֿן.

— אויסגעטראַכטע, הייַנטיקע קרענק — האָט גערעדט אַן אַלטע מומע, פֿייגע די מילנערין, וואָס ברענגט נאָך אַליין אַן עמער וואַסער פֿון דער פּלומפּ, פֿערצן קינדער געהאַט און אַ דאָקטאָר האָט זיך נישט צוגערוקט צו מיין לייב. הייַנטיקע ווייבלעך ווילן נאָר נאָכגיין מאָנצ־לייט... אויסגלייכן זיך מיט זיי, משטיינס געזאָגט... און פֿונדעסטוועגן גיבן זיי זיך נאָך מער נאָך ווי די אַמאָליקע ווייבער. רעדן זיך איין קרענק, חולאתן, טוען אויסטערלישע זאַכן, אַז מאַן און ווייב האָבן פֿון דעם קיינמאָל נישט געוואוסט...

— זי איז דאָך אָבער פֿאָרט שלאָף — האָט בלימע, רחלעס מאַמע, אויך אַזאַ היכע ווי רחלע נאָר מיט אַ לאַנגן, איינגעשרומפּער־נעם האַלדז, געקוקט מיט נישט אויסגעשלאָפֿענע, מידע אויגן — וואָס מיר איז צוהאַנען געקומען! אַלץ יאָ, נאָר אויף דעם האָב איך זיך נישט געריכט. עס פֿעלט דאָך איר נישט פֿון פֿייגל־מילך. האָט ברוך־השם אַ לייטישן מאַן, אַן איינרייסער, אַ סוחר. באַהאַנדלט זי ווי אַ גרעפֿין. וואָס נאָך קען מען פֿאַרלאַנגען פֿון אַ מאַן?

רחלע פֿאַרלאַנגט טאַקע גאָרנישט פֿון איר מאַן. שימע זעצט זיך

צו לעבן איר בעט אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער, מיט קליינע, פעט־פּאַר־גאָסענע אויגעלעך, איין קורצער פוס פאַרלעגט אויפן אַנדערן, די גאָלדענע קייט פאַרצויגן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער וועסט און קוקט אויף רחלען אַן אויפגעלייגטער, אַ זאַטער. זיינע אייגעלעך זאָגן: אונדז אַרט גאָרנישט. וואָס עס זאָל נישט געשען, בלייבט וועלט — וועלט און דאָס דריטל הויז, וואָס איז פאַרשריבן אויף מיין נאָמען, בלייבט ווייטער דריטל הויז מיט די זיבן שכנים, וואָס צאָלן ראַיעל דירה־געלט...

פונדעסטוועגן באַשטייט ער נישט, שימע, צו האָבן אַ קראַנק ווייב. ס׳איז אים נישט ניחא, אַז מען שטערט אים אין זיין רואיקייט. פונקט אַזוי קען ער נישט ליידן ווען דער חזן ווערט הייזעריק בעתן דאַווענען און די ניגונים קלינגען נישט אָפּ אין זיינע אויערן מיט דעם הנאהדיקן קיצל, צו וועלכן ער איז צוגעוואוינט. טענהט ער איין מיטן ווייב, נישט אַזוי זי צו טרייסטן, ווי זיך אַליין צופרידן צו שטעלן.

— ס׳וועט דיר גאָרנישט זיין, רחלע, אויף מיין נאמנות. וועסט ווערן אַ מאַמע, וועסט האָבן קינדערלעך. ס׳וועלן דיר נישט פעלן אַנדערע צרות. האָף צו גאָט...

רחלע דרייט אויס דעם קאָפּ צו שימען. זי ענטפערט אים נישט. בלויז ביינאַכט, ווען זי קאָן נישט שלאָפן, און שימע כראָפּעט אין צווייטן בעט, קוקט זי זיך דעמאָלט איין ביים שיין פון אַראָפּגעדרייטן לעמפל אין זיין צופרידן פנים און שמועסט זיך אויס מיט אים אויף שטום־לשון.

ס׳איז אַ ליכטיקע נאַכט. אַ בלאַסע לבנה שווימט איבערן הויף און פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ איבער פאַרקאַנעס. רחלע זיצט אויפן ראַנד פון בעט אין אַ ראַז זיידן העמד, וואָס מאַכט נאָך שמעלער איר מאָגערע פיגור, זי צעפלעכט די בלאָנדע צעפּ און רעדט צו דעם שלאָפנדיקן שימען.

— כראָפּעסט, שימע? פאַר דער חתונה האָב איך גאָרנישט געוואוסט, אַז דו כראָפּעסט. איז איינמאָל אַוועק מיך אָפּגענאַרט. דערנאָך, שימע, ביסטו אַ נאַשער. דו נאַשסט מיין לייב ווי אייגנס׳, וואָס לויפט עסן אויף פרעמדע סעודות. האָסט נאָר זיך אין זינען, שימע. עס אַרט דיך נישט, וואָס מיר איז דעמאָלט, וואָס איך טראַכט. אַבי דו שטעלסט זיך צופרידן. שטענדיק ביסטו, שימע, צופרידן. איך

האָב נישט ליב מענטשן, וואָס ווייסן אַלץ, וואָס זענען קליגער פֿאַר אַלע... געקומען ביסטו, שימע, צום גרייטן. פֿיר יאָר איז יעקב מיט מיר געגאַנגען, צום סוף ביסטו גאָר געוואָרן מיין מאַן. דער טאַטע מיינער האָט דאָס גאַנצע לעבן געהאָרעוועט, אויפֿגעשטעלט זיך אַ מויער, ביסטו געקומען פּלוצים און געהייסן זיך אָפּשרייבן אַ דריטל הויז. אַנדערש איז דיר נישט אָנגעשטאַנען נאָר צו ווערן בעריש ענגעלמאַנס איידעם. אַנדערע האָבן פֿאַר דיר געזאָרגט, אַלץ צו־געגרייט, דעריבער האָב איך דיך פֿיינט, שימע. כ׳האָב דיך פֿיינט צוליב דיין געלעכטערל, צוליב דיין זאַטקייט. אַממיינסטן האָב איך דיך פֿיינט צוליב דיין כראָפּען. דו האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט פֿאַר דער חתונה, אַז דו כראָפּעסט...

פֿון הויף טראָגט זיך אַ קלאָגעריי פֿון קעץ. די לבנה האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער אַ וואָלקן. אויפֿן שטיינערנעם טראָטואַר הילכן אָפּ טריט. זיי פֿאַלן אַריין אין רחלעס צעגליטן מוח. עס קאָן גרייליך זיין, אַז דאָס שפּאַצירט יעקב הינטער איר הויז, ווי מיט דריי יאָר צוריק. ווי מיט צוויי יאָר צוריק. תמיד וועט ער אַזוי שפּאַצירן, ביז איר לעצטן אָטעם. זי וועט אייביק הערן זיינע טריט הינטער איר פֿענצטער און אייביק וועט איר פּייניקן דאָס געוויסן.

די געדאַנקען איר׳ע ווערן דינער, דינער, ביז זיי צערינען. זי גיט זיך איבער אין עמעצנס הענט. זי שלאָפֿט מיט אַ קורצן, האַסטיקן שלאָף. דורכן שלאָף שפּירט זי, ווי דאָס האַרץ וואַרפֿט זיך אין איר. זי האָט שרעק־אָנפֿאַלן און באָדט זיך אין שווייס.

ווען זי וועקט זיך אויף, שטייט שוין די זון הויך אויפֿן הימל. די שטוב איז אָנגעגאָסן מיט ליכטיקייט. דורכן אָפֿענעם פֿענצטער טראָגט זיך אַריין פֿרישער ריח פֿון היי. פֿון שטיינערנעם ברוק דער־גייט אַ טרוקן קאָלערן פֿון רעדער. דאָס ציען זיך לאַנגע שורות פֿור־לעך ציגל פֿון בעריש ענגעלמאַנס ציגל־ברענעריי. אויפֿן הויף קריגט זיך שימע מיט די שכנים וועגן דירה־געלט. שלמהלע, איר ברודער, רייט גאַלאָפּ אויף זיין קאַשטאַנקע אין שטאָט אַריין. מען הערט, ווי ער שפּרינגט אונטער הויך אויפֿן זאָטל. אין קיך האַקט שפּרינצע, די אַלטע קעכין, לעבערלעך פֿאַר שימעס־וועגן צום אָנבייסן. אויפֿן טיש וואַלגערן זיך אַרום קרישקעס לעקעך. דאָס האָט שימע באַלד איינגעפֿרי דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ. אַלע פֿערטל שעה מוז ער עפּעס

עסן. זי הערט אים גיין אויפן גאָרן מיט זיינע קורצע, דיקע פּיס. ער פאַלט אַריין אין שטוב מיט אַ געבייזער.

— שפּרינצע, שפּרינצע, פאַרוואָס שטייט נאָך נישט דאָס אָנבייסן גרייט אויפן טיש,

רחלע גייט אַראָפּ פון געלעגער. זי גייט אויף די שפּיץ פינגער און איר לאַנגע העמד שאַרט זיך נאָך אויף דר'ערד. זי פאַרשליסט די טיר, בלייבט שטיין ביי דעם קאָמאָד, נעמט פון דאָרט אַרויס אַן אַלבום מיט בריוו און פאָטאָגראַפיעס און זעצט זיך צוריק אַוועק אויפן בעט.

זי זעט, יעקב שטייט מיטן פידל אויף דעם קרייד־בערגל הינטער דער שטאָט. ער איז, יעקב, לייכט און בויגעוודיק, ווי אַ יונג ביימל. זיינע שוואַרצע האָר צעטיילט מיט אַ שרינט אין מיטן שמעקן מיט אָנגעברענטן וואַלד. די אויגן זענען פאַרצויגן מיט אַ פּריש, שוואַרץ־גלאַנציק הייטל. זיי גלעטן מיט הייסע בליקן און דערוואַרעמען דאָס לייב. רחלע פאַרמאַכט די אויגן און האָרכט זיך איין אין אַן אַריע פון „האָפמאַנס דערציילונגען". באַלד גייען די טענער איבער אין „זיי געזעגנט טאָסקאַ מיינע". רחלען שטייען טרערן אין האַלדז, ווי זי וואָלט זיך געזעגנט.

זי נעמט אַרויס אַ צווייט בילד. דער הימל איז פאַרכמאַרעט. יעקבס אויגן קוקן ווילד. עס צינדט זיך אין זיי אָן אַ צאָרנדיקער פלאַם. באַלד וועט אַ בליץ אין זיגזאַגן דורכשניידן די וואָלקנס. אַ דונער גיט אַ קנאַל און צעשיט זיך אין ווייטע קנאַלעכלעך. אַ שלאַקס־רעגן שווענקט אָפּ די ערד. אַזוי האָט עס אויסגעזען אין דער אַלטאַנע אין יענעם פאַרנאַכט ווען שלמהלע, איר ברודער, האָט זיך אַריינ־געריסן אַהער מיט אַ מחנה שלעגערס...

זיי זיצן ביים טייך. עס איז אַ מילדער, זומערדיקער פאַרנאַכט. יעקב האַלט די קניען אַרומגענומען מיטביידע הענט. זיין שיינער קאָפּ האָר שפּיגלט זיך אין די פאַליעס. ער בויגט זיך אַראָפּ צום וואַסער, נידעריק און שטיל, ווי דאָס גראָז, וואָס וואַקסט ביים ברעג. די פידל זיפצט באַרירט פון אַ לייכט ווינטל. אין אירע אויערן פליס־טערט אַ פאַרגעסענע מעלאָדיע: „ווען די ליבע ענדיקט זיך..." ביי זיי האָט זיך די ליבן גאָרנישט געענדיקט. זי מאָנט, וועקט, בייזערט זיך ווי אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט.

רחלע לייענט יעקבס בריוו, לויטן סדר פון די יאָרן, חדשים,

און טעג, ווען זי האָט זיי דערהאַלטן. פון יעדער שורה קוועלט אַרויס גליִענדיקע בענקשאַפט. די ווערטער שניידן זיך איין אין איר האַרץ, מאַכן אומרואיק דאָס בלוט, זי באַהאַלט דעם קאָפּ צווישן די הענט. זי העשעט שטיל: איך בין געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט. כ׳האָב גאָרנישט געזען, כ׳האָב גאָרנישט געוואוסט. כ׳האָב אומגעבראַכט אַ מענטשן, יעקבן....

איר לייב צעפּאַלט זיך אין שטיקער. אַלץ אין איר וויינט, ווי די סטרונעס פון יעקבס פידל, אין יענעם טאָג, בעת ער האָט דאָס לעצטע מאָל פאַר איר געשפּילט. אַ שיין איז געפאַלן אויף אירע אויגן, אַ פאַרבלענדעניש. זי אַליין ווייסט נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען. ווי אַזוי זי איז געוואָרן שימעס ווייב. יעדעס מאָל, ווען אַ חברטאָרין גייט איר „אויפס קאָפּ" און וויל עפּעס געוואויר ווערן, הויבט רחלע מיט די אַקסלען. כ׳ווייס נישט, זאָגן די אַקסלען. מיר קענען זיך נישט פונאַנדערקלייבן אין דעם, וואָס ס׳איז געשען.. אַלע מאָל טראָגט מען איר אונטער אַנדערע נייסן. מען שיט איר זאַלץ אויף די וואונדן.

— רחלע, יעקב האָט געגעבן אַ קאָנצערט אין קראָקע.

— רחלע, יעקב איז דער בעסטער פידל־שפּילער אין קאָנסער־וואַטאָריע.

— רחלע, יעקבס בילד איז געווען אָפּגעדרוקט אין די בלעטער.

די זעלבע מומע, פייגע די מילנערין, וואָס האָט געבראַכט פערצן קינדער אויף דער וועלט און אַ דאָקטאָר האָט זיך צו איר לייב נישט צוגערירט, זאָגט איר מיט אַ מיין:

— כ׳האָב געזען שעיה קלעזמערס זון. ר׳איז געקומען אויף יום־טוב צו טאַטע־מאַמע.

שפּרינצע, די אַלטע דינסט, וואַרט אָפּ, ביז שימע ענדיקט דאָס אָנבייסן און גייט אַוועק פון שטוב. זי קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, גייט צו צו רחלען און רוימט איר איין אויפן אויער:

— ער זעט אויס ווי אַ גראַף, טראָגט סיגנעטן אויף די הענט. אַ שאַנקענדיק מענטש.

— רחלע, רחלע —

רחלע וויל נישט הערן, אָבער נישט ווילנדיק שלינגט זי יעדעס וואָרט, וואָס מען טראָגט איר אונטער וועגן יעקבן. יעדעס מאָל ווען ער קומט צופאָרן צוגאַסט צו די עלטערן, בלייבט זי אַ גאַנצן יום־

טוב זיצן אין שטוב. זי דרייט זיך דעמאָלט אַרום איבער די גרויסע צימערן ווי אַן איבעריקע. די וועלט איז איר אויסגעליידיקט און זי קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. עס דויערט אַזוי אַ פּאָר טעג און עס באַפאַלן זי אויפסניי די שלאָפקייטן.

ב.

דעם טאַטנס פידל.

צו זעקס יאָר האָט יעקב אָנגעהויבן שפּילן פידל. שעיה קלעז־מער האָט געוויגט מיט דעם לאַנגן, שוואַרץ באַוואָקסענעם קאָפּ. זיי־נע אויגן זענען געווען שיכורדיק פאַרנעפּלט. ער האָט געהאַקט מיט די פויסטן אין טיש.

— כ'וויל נישט, אַז יאַאַנטשע זאָל זיך פאַרנעמען מיטן טאַטנס פּרנסה. ס'איז האַלב געבעטלט. אויף קצבה און אויף קלעזמעריי איז נישטאָ קיין פּרייז... די מחותנים שטעקן דיר אַפּ אַ דרייערל צי אַ פינפערל פאַר אַ גאַנצע נאַכט שפּילן מיט שבע ברכות אַ צולאָג. מיידלעך וואַרפן צו האַרטע זעקסערס. וועגן אַ זילבערנעם גילדן איז דאָך שוין אָפּגערעדט... ביים סמיטשיק און ביים נעמען געלט, האַלט אַ קלעזמער שטענדיק אויסגעשטרעקט די האַנט. די פּאָר גילדן ווערן אויסגערונען אין שענק און ס'איבריקע נעמט צו ס'ווייב אויף שבת... וואָס עס בלייבט יאָ, איז די הנאה, וואָס מען האָט פון שפּילן גופא... דאָס איז דער קרן...

אַז ס'זענען אין שטאָט נישט געווען קיין חתונות האָט שעיה געשפּילט נאָר פאַר זיך. די שכנים אין געסל זענען נאָך אַ גאַנצן טאָג האָרעוואַניע געשטאַנען אין די פאַרנאַכטן ביי שעיהס אָפענע פענצטער און איינגעהאָרכט זיך אין די קאָנצערטן, וואָס ער האָט בחינם געגעבן דער שטאָט. זיין פידל האָט פאַריאָגט די זאָרגן און געוועקט בענקשאַפט אין דער זומערדיקער נאַכט. נישט איינער האָט שטילערהייט אָפּגעגעבן אַ יישר כוח שעיהן. אים מוחל געווען פאַר זיין שטערן דעם שלאָף.

דער קליינער יאַאַנטשע איז געלעגן מיט וואַכעדיקע אויגן און מיט האַרצקלאַפּעניש זיך צוגעהאָרכט צו דעם ברומען פון דעם טאַטנס פידל.דאָ וויינט זי, די פידל, דאָ בייזערט זי זיך, גלעט, לאַכט און זאָגט צו אַלץ, וואָס ער, יאַאַנטשע ווינטשט זיך נאָר. דער

שאָטן פון שעיהס קאָפּ איז געוואָקסן מוראדיק גרויס אויף דער וואַנט. יעקב האָט געזען ריזיקע בערג, גאָלדענע פייגל, מענטשן האָבן גע־לאַכט און זיך געפרייט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי זענען שוין טאַטע־מאַמע נישט געווען אין שטוב. יעקב האָט פאַרקייטלט די טיר, האָט אַרויפגעקלעטערט, אויפן שויבן שענקל נאָך דעם טאַטנס פידל, און אַ פּאָר מאָל אַ פיר געטאָן מיט דעם סמיטשיק איבער די סטרונעס. דאָס פידעלע האָט נישט געלאַכט און נישט געוויינט. עס האָט זיך אוי׳ך נישט געבייזערט. געבייזערט האָט ער זיך, יעקב. ער האָט זיך געביסן די נעגל פאַר כעס, געטופּעט מיט די פיס. דאָס פידעלע איז געווען פאַרעקשנט און נישט געוואָלט אים נאָכגעבן. יעדן פרימאָרגן האָט זיך דאָסזעלבע איבערגעחזר׳ט. די פידל האָט זיך געמאַכט אים נישט פאַרשטיין. יעקב האָט זיך אָבער איינגעעקשנט און נישט אָפּגעטראָטן ביז ער האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע.

טאַטע־מאַמע זענען געהאַט אָוועקגעפאָרן אויף אַ יאַריד. יעקב איז געבליבן אַליין אין דער היים. ס׳איז געווען אַ פאַרנער זומער־טאָג. פון אינדערפרי אָן האָבן זיך אין עק הימל צונויפגעשאַרט וואָלקנד־לעך. זיי זענען שנעל געוואַקסן און פאַרצויגן דעם הימל מיט שווערע שטיקער בליי. אַ בליץ האָט מיט לאַנגע שפּיזן דורכגעפּיילט די וואָלקנס. פייערדיקע צונגען זענען געשפּרונגען איבערן הימל און געשפּאָלטן די טונקלקייט. אַ וועלט איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַ גאָס רעגן. יעקב איז געלעגן באַהאַלטן אין אַ ווינקל און געציטערט. די בליצן האָבן אים געבלענדט פאַר די אויגן. ער האָט געזוכט אַ מענטשן, אָבער אַחוץ דעם טאַטנס פידל איז קיינער ניט געווען אין שטוב. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט. אין זיין גרויסער נויט האָט די פידל אויף אים רחמנות באַקומען, נאָכגעגעבן און געשפּילט אַזוי, ווי אים האָט זיך געוואָלט. די זון האָט צוריק אויפגעשיינט ליכטיק און מילד און פאַרגאָסן זיין הערצל מיט פרייד.

פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין געלעבט אין גוט־פריינטשאַפט מיט דער פידל. ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצע טעג מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט אין קעשענע, געלעבט אָן געקעכץ. שעיה האָט געקריצט מיט די ציין אויף דעם זונס צעלאָזנקייט. דינה, זיין ווייב, האָט זיך געבראָכן די הענט. שכנים און מענטשן פון דער גאַס האָבן צוגעהאָלפן זוכן דאָס פאַרלוירענעם קינד. מען האָט גע־

נישטערט, וואו די שטאָט האָט נאָר אַן עק. פאַרנאַכט־צו פלעגט ער זיך אַליין אָפּזוכן. ער איז געווען פאַרשטעקט ערגעץ אויף אַ בוידעם מיט דעם פידעלע אונטער׳ן אָרעם. דער קנאָפּ פון שעיהס גאָרגל איז געשפּרונגען פאַר כעס. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז אַ טאַטע. ער האָט געטיילט פּעטש אויף רעכטס און אויף לינקס, וויפיל ס׳איז נאָר אַריין. יעקב האָט געשוויגן און פאַר ליב גענומען די שטראָף.

— ער טראָגט אַריבער דעם ווייטיק באהבה, ווי אַ דערוואַקסענער — האָבן מענטשן זיך נישט געקענט אָפּחידושן — לאָזט צומאָל נישט קיין טרער.

צומאָרגנס האָט ער שוין אַן אַלעם פאַרגעסן און אויפסניי גענומען אויסשפּילן זיינע „שטיקלעך". דינסטמיידלעך זענען אַרויס פון די שטיבער. קעכינס האָבן געלאָזט צוברענען דאָס מיטאָג. אין מיטן העלן טאָג האָבן זיך מענטשן אָװעקגעשטעלט האָרכן די „מאָראַלישע" מוזיק, וואָס שעיה גאָרגלס זון, אַ קינד נאָך נישט פון דער ערד אויסגעוואַקסן, האָט אויסגעשפּילט.

לסוף האָט שעיהן אָנגעהויבן צו געפעלן, וואָס מענטשן קומען באַוואונדער׳ן זיין יאַאַנטשען. זיין זון וועט אויסוואַקסן אַ באַרימטער קלעזמער און אָנפירן מיט דער גרעסטער קאַפּעליע אין דער גובערניע. וואָס זאָל שעיה טאָן פון גרויס שמחה אויב נישט לויפן צו דוד בערקעס אין שענק אַריין און דאָרטן פאַרזעצן זיינע חתונות, וואָס וועלן פאָרקומען ערשט חנוכה צייט... ער האָט זיך אָנגעשיכורט, אַ וואָקלדיקער אַרויסגעכאַפּט ביי יאַאַנטשען די פידל און אין גרויס כעס געשלעפּט אים פאַר די אויערן צו אייזיק הויקער אין חדר אַריין, וואו מ׳האָט שוין אויך געלערנט אין די פאַרנאַכטן.

אין חדר האָבן אויף יעקבן געוואַרט טרויעריקע בייס. די ברידער האָבן שוין לאַנג געהאַט יוספן פאַרקויפט און איצט איז רחל געשטאָרבן. די ייִנגלעך האָבן זיך געשאָקלט איבער די חומשים ביים טיש, ווי קליינע יידעלעך, וואָס גייען נאָך אַ טרייסלענדיקער לויה. יאַאַנטשעס הערצל האָט שטאַרק געקלאַפּט. רחל איז געשטאָרבן. וועלכן רחלע? קאָן נאָר איין רחל. רחלע, בעריש ענגעלמאַנס, דעם באַלעבאָס טאָכטער, ביי וועלכן זיי וואוינען. רחלע, מיט די גאָלדענע לעקעלעך און ראָזן פּנימל. די זעלבע רחלע, מיט וועלכער ער שפּילט זיך אין שטיינדעלעך. אַז זי האָט פאַרשפּילט, האָט זי געטופּעט מיט

די פיס און אים צוגעוואָרפן די געוואוינטע שטיינדעלעך מיט אַ בייז לידל.

דיין טאַטע הייסט גאַרגל שעיה
און ר׳איז אַ גרויסער שמעיה,
די מאַמע דינה
און איז אַ גרינע.

פאַר דעם דאָזיקן לידל האָט יעקב זי געיאָגט מיט אַ ריטל ביז צו דער טיר פון זייער שטוב. ער האָט אָבער דערנאָך אין חדר נישט געקענט איינזיצן. בשעת דער רבי מיט די תלמידים זענען געווען פאַרנומען מיט אויסריידן צווישן די פסוקים, האָט ער זיך שטילערהייט אַרויסגעגנבעט און אַוועק אויסזוכן רחלען, כדי זיך מיט איר איבערצובעטן.

רחלע האָט נישט געוואָלט זיך איבערבעטן. זי האָט זיך געפּיעשטשעט. ער האָט ביי איר אַ פּאָר מאָל געמוזט פאַרשפּילן קיילעכדיקע, שפּיגלדיקע שטיינדלעך. ער האָט צונויפגעקליבן קאַשטאַנעס, האָט געמאַכט פאַר איר שטולעכלעך, טישלעך און בעטלעך, אונטערגעטראָגן איר געשניצטע פייפעלעך.

ער איז געזעסן אונטער רחלעס פענצטער ביז האַלבער נאַכט. דער מוטערס מיד קול האָט זיך געטראָגן איבערן פינצטערן הויף און איבערגעוועקט די שכנים.

— יאַנטשע, יאַנטשע, — האָט דינה זיך געריסן דעם האַלדז איבער אַלע קאַמערן און שטאַלן.

זי האָט געהאַט טענות צום מאַן, דינה, און געהאַלטן זיך מיט אים אין איין אַפּרעכענען.

— דאָס מזל מיינס ביי דיר, מ׳שטיינס געזאָגט. אַ יונג שוין אַכט יאָר און גייט אַרום פּוסט און פּאַסט! שעיה גאַרגל, דו קלערסט דאָך גאַרנישט פון אַ תכלית פאַרן קינד. האָסט נאָר אין זינען דאָס פלעשעלע. גיסט זיך נאָך דעם שמד.

שעיה האָט געוויגט מיט זיין לאַנגן, צעשויבערטן קאָפּ האָר. די אויגן האָבן געקוקט מיושבדיק.

— גערעכט מיין ווייב, גערעכט. מען מוז דעם יונג לערנען עפּעס אַ מלאכה. אַ נישט קאָן פון אים אויסוואַקסן אַ קאָרטן־שפּילער, אַ טעלער־לעקער, אַ קלעזמער אויף חתונות... אַזוי ווי פון דעם טאַטן

זיינעם — האָט ער וואוילפּעטעריש געשמייכלט, כדי צוצוטרעפן דעם ווייב.

אַז דער מאַן גיט איר שוין נאָך, ווערט דינען עפּעס באַנג און עס נעמט זי אַרום אַ גרויס רחמנות אויפן קינד. אירע פרומע, גרויסע אויגן גיסן זיך דעמאָלט אָן מיט גוטסקייט.

— צוריקגעשמועסט שעיה איז דאָך יאַאַנטשע נאָך אַ יונג קינד. נישט פאַר זיינע כוחות צו גיין אויף דער לער. פרעמדע קינדער ניאַנטשען, פּאַמעשאַפן אַרויסגיסן. זאָל ער נאָך אַ יאָר צוויי לערנען אין חדר.

אַצינד האָט שעיה די דעה. פאַר זיין קינד טראָגט ער די אַחריות, נישט דאָס ווייב.

— קאַמאַשנמאַכעריי, דינע, איז אַ לייכט פאַך. גבריאל שטעפער איז נאָך אַ בחור. אינגאַנצן אַ פּרייליידיקער מענטש. ביי אים וועט ער נישט וויגן קיין קינדער, נישט גיין קיין געגנג. דינסטיק בלי־נדר גייט יאַאַנטשע אויף די לער צו גבריאלן.

וואָס קען זי שוין דערויף ענטפערן, דינע, אַז זי אַליין האָט אָנגעמאַכט דאָס פייער. זי איז דערויף בלית־ברירה איינגעגאַנגען מיט אַ שווער געמיט.

לאַנג האָט זיך יעקב נישט געהאַלטן ביי גבריאל שטעפער אויף דער לער. ער האָט זיך אויסגעלערנט אויסצושטעפּן אויף די שטיבלעטן כלערליי נעט. זיין בייגיר האָט אָנגעהאַלטן אַ פּאָר טעג. דאָס שטענדיקע זיצן אין דער פּאַרמאַכטער שטוב איז אים אָבער באַלד נמאס געוואָרן. נישט געפרעגט זיך, אָן אַ גוטן טאָג — גבריאל, דער בחורישער מייסטער איז פּונקט געהאַט געזעסן אויף זיין צעלייגט בעטל מיט דער כלה און זיך מיט איר געסודלט — איז יעקב אַרויס פון ווערקשטעל און אַוועק אַהיים.

שעיה מיט דער ווייב זענען געווען אין דער בויד אויפן מאַרק. די שטוב איז געווען פאַרשלאָסן. יעקב האָט אַרויפגעקלעטערט אויפן לאָדן און איז אַריין דורכן פענצטער. ער האָט אויפגעזוכט דעם טאַטנס פידל אויף דער שאַנק און זיך אַוועקגעזעצט שפּילן זיינע אויסגעטראַכטע שטיקלעך.

ג.

דער חלום ביים קוואַל.

מען האָט אים אָנגעדונגען אויף דער לעער צו אַ זייגערמאַכער, דערנאָך צו אַ סטאָליער. יעקב איז אין ערגעץ ניט אויסגעוועזן די לעער. ביים סטאָלער האָט ער יאָ גערן געאַרבעט און טאַטע־מאַמע האָבן געמיינט, אַז זיי זענען שוין געהאָלפן. זייער קינד ווערט אַ לייט. דאָס סטאָלעריי איז יעקבן אַזוי לאַנג געפעלן, ביז וואַנען ער האָט זיך אויסגעשניצט אַ פידל. מיט אַ משונהדיקן אויסזען. אָבער, אַז די פידל האָט אַרויסגעגעבן גרילצנדיקע קלאַנגען און נישט געוואָלט אויסשפּילן זיינע ניגונים און די חזיר־האָר ביים סמיטשעק האָבן זיך גענומען פליקן, — איז אים אויך דאָס סטאָלעריי שנעל מיאוס געוואָרן.

דינע איז שוין הייזעריק געוואָרן פון מוסר־זאָגן, שעיה האָט קיין כוח נישט געהאַט פון די קלעפּ, וואָס ער האָט ניכטערערהייט אַריינגעצײלט דעם זון. ביז איינמאָל אין אַ שבתדיקן פאַרנאַכט, ער האָט זיך פּונקט געגרייט, שעיה, צו גיין שפּילן אויף אַ גבירישער התונה, איז אים איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק. די אויגן האָבן אים אַזש אָנגעהויבן פינקלען. ער האָט אַרומגענומען דאָס ווייב און אונטערגעטענצלט מיט איר אין מיטן שטוב. דערנאָך האָט ער, אַן אויפגעלייגטער, אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַריין, אַז די כלים אין געפעס־שענקל האָבן זיך צעקלונגען.

— הער דינע, אַז דער צער פון גידול בנים איז יאָ אַזוי גרויס, טאָ לאָמיר פון דעם יונג כאָטש האָבן אַ שטיקל נוצן. יאַאַנטשע וועט סיי ווי קיין לייט ניט זיין, זאָל ער אונדז כאָטש צוהעלפן אין פרנסה. כ׳וועל אים מאַכן פאַר אַ קלעזמער. ווי כ׳בין אַ ייד, אַז דאָס איז דער בעסטער תכלית פאַר זיינעטוועגן. הערסט מיין ווייב, וואָס כ׳רעד צו דיר.

אַוודאי האָט דינע געהערט. זי האָט געהערט מער איר אייגן כליפּען איידער דעם מאַנס רייד.

—מיר איז שוין באַשערט. ווייניק, אַז דער מאַן שמעקט אויס פרעמדע ריחות, זאָל אויך אַ יונג קינד זיך אַרומשלעפּן מיט חברה לצים. אַזוי איז שוין מיין פינצטער מזל.

דאָס שלאָגן מיט די געשרייען האָבן אויפגעהערט. אין שטוב

איז שטיל געוואָרן. יעקב האָט באַקומען אַן אייגענע פידל. דינע האָט געלאָזט אויפנייען פֿאַרן זון לאַנגע הויזן ער זאָל אויסזען עלטער, ווי לויט זיינע יאָרן נאָך. איצט האָט יעקב געקענט שפּילן וויפל זיין האַרץ האָט געגלוסט. ער איז מיטגעגאַנגען מיט דעם טאַטן אויף חתונות. געטרונקען בראָנפן און גענומען געלט ביי מיידלעך, אַזוי ווי אַלע אַנדערע קלעזמאָרים.

— ס׳איז אַ משפּחה־פעלער ביי אונדז — האָט שעיה זיך פאַרענטפערט פֿאַר מענטשן — דער טאַטע מיינער, זאָל אָפּגע־שיידט זיין, און דעם טאַטנס טאַטע און דער זיידע זיינער, אַלע האָבן געשפּילט אין באַזשע־וואָליער הויף פֿאַר פּריצים. דאָס פֿאַך אונדזערס, דאָס איז אַ ירושה. והשנית, כ׳פאַרשפּאָר צו זאָרגן וועגן אַ תּכלית פֿאַר מיין זון. צוויי חלקים פֿאַרדינסט פֿון שותּפות גייען אויך נישט צו פּוס.

אָבער שעיה קלעזמער האָט געטראַכט און גאָט האָט גע־לאַכט. ער האָט אויף אַן אמת געמיינט, אַז ער איז שוין מיט זיין זון צוגעקומען צו אַ מעמד. ס׳איז אים אָבער נישט באַשערט גע־ווען צו האָבן נחת פֿון יעקבס שפּילן. לכתּחילה האָט דער יונגער פידלער אויסגענומען אויף אַלע חתונות. וואָס ווייטער אַריין פלעגט אָבער טרעפן, אַז אין מיטן לאַנסער אָדער קאָנטערדאַנס האָבן זיך די פֿאַרלעך אָפּגעשטעלט איינהאָרכן זיך אין דעם ברומען פֿון דער פידל, וואָס אַמאָל וויינט זי און אַמאָל לאַכט זי. אַלע מאָל אָבער ציט זי ביי דער נשמה און וועקט אַ טיפע בענקשאַפט. וואָס מער די פֿאַרלעך האָבן זיך פאַרקוקט אויף יעקבן, אַלץ מער האָט עס די קלעזמאָרים פאַרדראָסן. מיט זיינע עקסטרע שטיקלעך האָט ער זיי קאַליע געמאַכט די פּאָלקעס מיט די וואַלצן און אַריינגעבראַכט אַ צערודערונג אויף די חתונות.

שעיה האָט גענומען צוימען דעם זון, צוערשט מיט גוטן, דער־נאָך מיט בייזן. ער האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַר די אויערן און מיט זיי לאַנג געטרייסלט.

— הער־נאָר דו קלעזמער־יונג איינער, האָסט זיך נישט מיט וואָס צו גרויסן. כ׳קען דיין טאַטנס יחוס... כ׳ווייס ווער דו ביסט. מאַכסט מיר קאַליע די פּרנסה. איינס פֿון די ביידע: אָדער דו האַלטסט זיך מיט דער קאַפּעליע אינאיינעם און שפּילסט דאָס זעל־בע וואָס אַלע אָדער כ׳וועל דיך משלח זיין און ערגעץ באַשטאַטן.

קלעזמאָרים האָבן נישט ליב, אַז מען זאָל אויף עמעצן פון זיי טייטן מיט די פינגער... אַלע מוזן זיין גלייך...

יעקב האָט צוגעזאָגט פּאָלגן דעם טאַטן און שפּילן גלייך מיט אַלע קלעזמאָרים. ער האָט געמיינט אויף אַן אמת. דאָס וואָרט האָט ער אָבער נישט געהאַלטן. פון זיך אַליין איז דאָס שפּילן זיינס אַרויסגעקומען אַנדערש... שעיה האָט בזיונות געליטן און געמוזט הערן די שטעכווערטלעך פון זיינע חברים. דינע האָט זיך לעבע־דיקערהייט אויפגעגעסן. צום סוף האָבן יעקבן אַליין די חתונות דערעסן. ער האָט געמוזט שפּילן, ווען עס האָט זיך אים ניט גע־גלוסט... זאַכן, וואָס ער האָט קיין חשק נישט געהאַט זיי צו שפּילן. אים האָט זיך פאַרוואָלט שפּילן גראָד דעמאָלט, ווען רחלע איז גע־זעסן אַ פאַרטראַכטע אויף דער באַנק הינטער זייער פענצטער. יעקב האָט גענומען די פידל און נאָכגעמאַכט די טרעלן פון דעם קאַנאַרעק, וואָס האָט אַרומגעפלאַטערט אין אַ שטייגל ביי בעריש ענגעלמאַנען אין פענצטער.

איינמאָל פאַרנאַכט, ער האָט שוין געהאַט אַוועקגעשטעלט די פידל און רחלע איז נאָך געשטאַנען און געהאָרכט אַ פאַרטראַכטע, האָט ער זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיט אַ ציטערדיקער שטים אַ זאָג געטאָן.

— קום רחלע אין וואַלד אַריין. לאָמיר גיין זוכן מאַלינעס. כ׳וועל מיטנעמען די פידל.

רחלע האָט אַ ווילדע געקוקט אויף אים מיט אירע ברוינע, וואַרעמע אויגן און שטילערהייט, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, געטאָן זיין ווילן.

ס׳איז געווען קיל און שטאַרק טונקל, ווען זיי זענעןביידע אַריינגעקומען אין וואַלד. אַ דינער טוי איז געווען אויסגעשפּרייט איבער די געקרייזלטע קרוינען פון דיביימער. פונוווייטנס, אין דער געדיכטער פינצטערניש, האָט געקוקט אַן איינזאַמע קו־קו. רחלע האָט געוואוסט, אַז די קו־קו האָט נישט קיין אייגענע נעסט. זי וואַרפט אונטער אירע אייערלעך פרעמדע פייגל. דאָס גאַנצע לעבן זוכט זי זיי אַרום, יעדער קו־קו אירער באַדייט: וואו זענען מיינע קינדער.

ביידע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט. קינדערישע רייד זענען געהאָנגען אויף זייערע ליפּן. זיי האָבן אָבער געשוויגן. רחלע

איז שוין געווען מיד פון גיין. יעקב האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ שטאָם פון אַ בוים. זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט, געטוליעט זיך צו זיך ווי צוויי פאַרבלאָנדזשעטע טייבעלעך און מיט זיסער שרעק אײַנגעהאָרכט זיך אין דער נאַכט־שטילקייט. רחלעס העלע לע־קעלעך זענען געווען פייכט פון טוי, אירע שמאָלע, ווייסע ציינדלעך האָבן געבלענדט אין דער פינצטערניש און געוועקט אין יעקבן אַ בענקשאַפט נאָך זיינע אויסגעטראַכטע שטיקלעך. ער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, אַרויסגענומען זיין פידל פון הינטער זיין רעקל. די קרוינען פון די ביימער האָבן זיך געוויגט אין ווינט. דער גאַנ־צער וואַלד איז זיך פאַרגאַנגען אין בענקשאַפט און מיטגעשפּילט. אַ שאַרפער ריח פון זשיוויצע האָט זיי ביידן אײַנגעוויגט און פאַר־שלעפערט. ביידע שוועבן אַוועק ערגעץ ווייט, ווייט...

די ערשטע קומט צו זיך רחלע. זי שפּרינגט אויף פון איר אָרט, לייגט אַוועק איר הענטל אויף דעם סמיטשיק און לאָזט יעקבן מער ניט שפּילן.

— ווי פינצטער דאָ איז. דער וואַלד שרעקט מיך. אַהיים, כ׳וויל אַהיים, יאַאַנטשע.

דאָס געזאַנג טראָגט זיך ווייטער איבערן וואַלד. די נאַכט איז אָנגעזאַפּט מיט געזאַנג. יעקב שטייט אַ פאַרחידושטע׳ר האָרכט זיך איין מיט פאַרמאַכטע אויגן אין זיין אייגענער מוזיק, וואָס דער וואַלד טראָגט אַנטקעגן. רחלע, אָנגעשפּאַרט אין זיינע אַקסלען, בעט זיך:

— די מאַמעשי וועט וויינען. דער טאַטעשי וועט זיין בייז. קום, לאָמיר אַהיים גיין.

זיי גייען מיט זייטיקע וועגן, בלאָנדזשען איבער ווילדע סטעזש־קעס. דער וואַלד איז וואָס אַמאָל טיפער. די ביימער וואַרפן לאַנגע, אויסגעצויגענע שאָטנס. דאָס גראָז אונטער די פיס ווערט פייכטער, די פינצטערניש געדיכטער. רחלעס אויגן זענען פייכט. יעקב שטייט אַ לענגערע ווײַלע הילפלאָז און ווייסט נישט, וואָס צו טאָן. באַלד דערזעט ער ווי פון ווייטנס מיניעט אַ פלעמל. ביין, עס האָט זיך אים נאָר אויסגעדוכט. ער נעמט רופן מענטשן. עס ענטפערט אים זיין אייגן ווידערקול אין וואַלד. ביי רחלען קלעפּן זיך די אויגן פון מידקייט. די נאַכט שוועבט אויף זיי מיט אַנטאַפּעווידיקער שרעק. זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויפן גראָז. די הענט פלעכטן זיך צונויף פון זיך

אַליין.ביידע דרימלען אײַן צוגעדעקט מיט אַ דינעם געוועב פון נאַכט־טוי.

אַ פּויעריש פּורל האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט אין שטאָט אַריין. ביידע פאַרחלשטע, ביידע צעביסענע פון די מיקן. אין שטאָט האָט געקאַכט. בעריש ענגעלמאַן, רחלעס טאַטע, האָט וועלטן איינגעלייגט, צו דין־תורות גערופן. ער איז געגאַנגען מיט גוטן און מיט בייזן ביז וואַנען שעיה קלעזמער האָט זיך געמוזט אַרויסציען פון זיין הויז.

דער כעס האָט שעיהן צעטראָגן. ערגער פון די פויסטן, וואָס זענען געפאַלן אויף יעקבס פּלייצעס, זענען געווען די שטעכווערטער.

— ליידיקגייער, פוסטעפּאַסניק, קלעזמער־יונג... ברענגסט מיר שאַדוינעס אין דער קאַפּעליע. מענטשן מאַכן מיך מיט דער בלאָטע צוגלייך. אומעטום, אין שול, אין שענק... די אויערן ווערן מיר געשוואָלן פון הערן: שעיה, דיין זונדל האָט געפּירט אַ מיידל אין וואַלד אַריין. שעיה, דיין בן־יחיד האָט געוואָלט קאַליע מאַכן בעריש ענגעלמאַנס טעכטערל... שעיה, עס וואַקסט ביי דיר אַ גוטער אַנטיק. שעיה, שעיה. עס זאָל זיי שעיהן ביי די קישקעס, ווי מיך קלעמט ביים האַרצן. הערסטו, דו בן סורר ומורה, דו שלעכטע זרע, איידער דו זאָלסט אַזוי וואַקסן און דער טאַטע זאָל צוליב דיר קומען עד ככר לחם, איז ביי מיר רעכט, אַז דו זאָלסט אינגאַנצן ניט וואַקסן. כ׳וועל מיט דיר טאָן דאָס, וואָס מיין טאַטע האָט מיט מיר געוואָלט טאָן קליינערהייט...

דינע, די מאַמע, נעמט זיך אָן פאַר איר זון, זי גיט אָבער גערעכט דעם טאַטן. רעדט פאַרצויגן מיט אַ צאינה־וראינה ניגון:

— דו פאַרקירצט יאַאַנטשע, דער מאַמען די יאָרן. כ׳שעם זיך אויפצוהויבן די אויגן פאַר מענטשן. האָט מען דיך אָנגעדונגען אויף דער לערער צו אַ קאַמאַשנמאַכער, האָסטו אָפּגעשטעפּט דריי וואָכן און אַליין, קיינעם נישט געפרעגט, אַוועק פון דער לערער. ביסטו געווען ביי דעם הויכן זייגערמאַכער, האָסטו דעם ווייב אַנטקעגן גערעדט און נישט געוואָלט זי פאַלגן און גיין אַ גאַנג. ביי דעם סטאָלער ווידער האָסטו גאַנצע טעג געשניצט פּלייטן און באָסן. ווילסט נישט גיין, קינד מיינס, אין שפּאָן... פאַרשטערסט אַלע חתונות מיט דיינע שטיקלעך. איצט האָט מען טאַטע־מאַמע צוליב דיר פון דער שטוב אַרויסגעוואָרפן. אַ יונג פון דרייצן יאָר!

אַז דו באַווייזט שוין איצט אַזעלכע קונצן, טאָ וואָס־זשע וועסטו טאָן שפּעטער? וועסט דאָך גיין ראַבירן אויפן שאָסיי...

יעקב הערט די אַלע רייד. זיי טוען אים וויי. אָבער טיפער ווערט דער ווייטיק, ווען ער גיט אַ טראַכט וועגן רחלען. שוין פיר וואָכן ווי ער האָט רחלען ניט געזען, זי איז שלאָף געווען, רחלע, און אויך איצט גייט זי נישט אַרויס פון שטוב. אפשר האַלט מען זי פאַרשלאָסן? ביינאַכט, ווען ער ליגט וואַך אויפן געלעגער דוכט זיך אים אויס, אַז ער הערט איר קול, ווי זי רופט אים, ער זאָל קומען זי ראַטעווען, אַרויסנעמען זי פון טאַטנס היים. די פידל זיינע ליגט פאַרשלאָסן אין שאַנק. דאָס האַרץ וויינט אין אים. אויף זיין נשמה דריקט אַ שווערע משא. בלויע רעדער זענען אויפגע־לאָפן אונטער זיינע אויגן. ער שלאָפט מיט אַ האַסטיקן שלאָף און האָט ווילדע חלומות. ער פילט אַ מידקייט אין די פיס. דאָס לעבן ווערט אים מיאוס. ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן... אויפהערן טראַכטן, דענקען. ווען די ערד עפנט זיך אַזוי און ער פאַלט דאָרט אַריין, וואָלט אים זייער גוט געווען. בעסער ווען דער סטאַוו אין ענגעלמאַנס גאָרטן שלעפּט אים אַריין אַליין פון זיך און דעקט אים צו ביז איבערן קאָפּ... אָבער נייַן, דער סטאַוו נישט! ביים סטאַוו, זיצט רחלע, און פלעכט פון געלע מאַרגאַריטקעס אַ קרענצל צו אירע האָר. יעדן זומער ציט זיך בעריש ענגעלמאַן אַריבער פון שטאָט אין גאָרטן אַריין. אין פלויט איז פאַראַן אַ ברעט, וואָס יעקב האָט דערין לויז געמאַכט די נעגל. אַ פּאָר טעג האָט ער דערביי גע־מייסטרעוועט. איצט קאָן ער צו יעדער צייט אַרויסנעמען דאָס ברעט און צוריק אַריינזעצן.

נאָך אַ נאַכט נישט שלאָפן, לויפט ער באַלד אינדערפרי אין ענגעלמאַנס גאָרטן, רוקט פונאַנדער דאָס ברעט, קוועטשט זיך דורך דער שפּאַרע און בלייבט שטיין אינעווייניק אין גאָרטן צווישן די הויכע גראָזן. ער שטייט אויף די שפּיץ פינגער מיט וואַכעדיקע אויערן, מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז ווי אַ האָז אין פעלד שניט־צייט. ער שטייט אַזוי אַ לענגערע ווײַלע, רירט זיך נישט פון אָרט. מיטאַמאָל דערהערט ער אַ שאָרך צווישן די בלומען. ער באַהאַלט זיך אויס אונטער אַ בוים. פונוו־יטנס, צווישן די טיי־רוזן, גיט אַ בלענד רחלעס קלייד ווי אַ זילבערנער שוים וואָלט אויפגעגאַנגען אויפן וואַסער. מיט שטילע טריט, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם

לאָזט ער זיך גיין דורך די שטעכיקע גרעזער צו רחלען. ער פילט נישט דעם ווייטיק פון די שטעך, ער זעט נישט די גריבער, ער זעט נאָר אַ ווייסן פונקט. אַרום דעם דאָזיקן פונקט קרייזט ער ווי אַ זומער־פייגעלע ארום דעם פלאַם. רחלע דערזעט יעקבן, זי גיט אַ ציטער און בלייבט שטיין. אַ—אַ—אַ— רייסט זיך ביי איר אַרויס אַן אויסגעשריי, וואָס יעקב ווייסט נישט, צי דאָס איז פון פרייד, צי פון איבעררעשונג. באַלד פאַרקערעוועט זי אין דער זייט פון זייער שטוב. זי לויפט און דאָס ווייסע קלייד אירס פאָכעט אין ווינט אַזוי ווייס און העל ווי די וואַסער־ליליען אויפן סטאַוו.

— רחלע, שרייט איר נאָך יעקב, — רחלע, כ׳בין געקומען זיך געזעגענען. רחלע, כ׳פאָר אַוועק.

רחלע הערט נישט זיינע רייד. זי לויפט ווייטער. נאָענט פון זייער הויז בלייבט זי שטיין. מיט נישט זיכערע טריט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ לאָזט זי זיך גיין צוריק אין זיין זייט.

זיי שטייען אַ לענגערע ווײַלע און שווייגן. קוקן זיך ביידע אָן ווי — זיי וואָלטן זיך וועלן אויספרואוון אין שטאַרקייט. די ער־שטע הויבט אָן צו ריידן רחלע. זי איז אין יעקבס אויגן פאַר דער צייט געוואָרן אַזאַ גרויסע, אַפילו איר שטים האָט אין זיך עפּעס פון מוטערלעכער פאַרזאָרגטקייט.

— ווי אַזוי ביסטו אַהער געקומען, יאַאַנטשע? אַך, ווען דער טאַטעשי, זאָל דאָס וויסן! דו ווייסט, שלמה, מיין ברודער, וויל דיך שלאָגן פאַר דעם בריוו, וואָס דו האָסט מיר געשריבן. דו האָסט אים דאָ נישט געזען אַדורכגיין, שלמהן? קום, וועל איך דיר ווייזן יונגע לאַבענדזשעס, נאָר וואָס אויסגעבריטע, ווייס ווי שניי־ע‌לעך...

זי נעמט אים אָן פאַר דער האַנט און פירט אים דורך אַ שמאָל בריקל צו אַ קליינעם אינזל אויפן סטאַוו. לעבן שוואַנען־נעסט, זעצן זיך ביידע אַוועק אויף אַ פלאַטשיקן שטיין און קוקן זיך צו ווי די שוואַנען־מוטער עפנט די געלע פיסקעלעך פון אירע קליינע און וואַרפט זיי דאָרטן אַריין שפּייז: ווערעמלעך, מיי־זשוקן, ווייצנ־קערנער, וואָס שטייען אָנגעגרייט אין אַ שיסל.

— ביסט שלאָף געווען, רחלע, — זאָגט יעקב מיט אַ ציטער־דיקער שטים — כ׳האָב דיך אַזוי שטאַרק געוואָלט זען — זיינע

אויגן לויכטן אויף — דו ביסט דאָך שענער געוואָרן, רחלע, ביסט געוואָרן אַזאַ גרויסע. האָסט זיך מיר די נאַכט געחלומט.

— רייד נישט אַזוי, מען דאַרף נישט — זאָגט רחלע אַ ברוגזע — באַלד לייכט אויף איר פּנים — דו ווייסט, די באָבעשי האָט געזאָגט, אַז זי וועט מיר קויפן אַ שנור פּערל, אויב כ׳וועל מער נישט גיין אין וואַלד אַריין. און דער טאַטעשי האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט, אַז ווען כ׳וועל אויסוואַקסן און זיין אַ גרויסע, וועט דער גאָרטן זיין מיינער, אַהאַ!

— אָבער וואָס וועסטו טאָן אַליין אין אַזאַ גרויסן גאָרטן? — נעמט זי יעקב אָן פאַר דער האַנט.

— פאַרוואָס איינע אַליין? — צעלאַכט זיך רחלע — דו וועסט דאָך קומען יעדן טאָג דורך דער שפּאַרע אין פּאַרקאַן.

אויף יעקבס פּנים פאַלט אַ שאָטן.

— דורך דער שפּאַרע וויל איך נישט. כ׳וויל דורכן פראָנט־טויער.

רחלע וואָרנט אים מיטן ווייז־פינגער.

— דורכן פראָנט־טויער נישט. דער טאַטעשי וועט זיין בייז.

— וועל איך אינגאַנצן נישט קומען. נישט דורכן פראָנט־טויער, נישט דורך דער שפּאַרע אין פּלויט. איך פאָר אַוועק און שוין.

רחלע פאַרוואָרפט אירע הענטלעך אויף זיין האַלדז. אירע ברוי־נע אויגן פאַרלירן דעם גלאַנץ און ווערן צעשלאָגן. דאָס קול ברעכט זיך.

— פאָר נישט, יאַנטשע, וואו וועסטו פאָרן? איך וועל בעטן דעם טאַטעשי, אַז דו זאָלסט קאָנען קומען אויף דורכן פראָנט־טויער. ניין, איך וועל אים נישט בעטן. איך וועל דאָך זיין אַ גרויסע און קאָנען טאָן אַלץ, וואָס איך וויל.

ביידע צעלאַכן זיך און טרייסלען זיך לאַנג פאַר די הענט.

יעקבס בליק פאַלט אויפן סטאַוו. ער הערט זיך צו צו דעם לייכטן רויש פון די פאַליעס. די אויגן פאַרציען זיך מיט אַ ווייטן שימער. ער רעדט זייער שטיל. רחלען דוכט זיך אויס, אַז דאָס באַקלאָגט ער זיך נישט פאַר איר נאָר פאַר די פאַליעס.

אַלע זאָגן מיר מוסר, קוקן אויף מיר מיט בייזע אויגן. כ׳קאָן אין ערגעץ נישט איינזיצן לאַנג אויף איין אָרט. כ׳קאָן זיך נישט

אויסלערנען קיין מלאכה. כ׳קאָן נישט שפּילן אויף חתונות. כ׳האָב אַ חבר, הייסט ער אַרונקע, אַרונקע דער אַפּיקורוס. ער איז אַ באַלעזענער. ער רעדט מיך צו צו אַנטלויפן קיין קראָקע. דאָרטן וועט מען מיך לערנען בחינם פידל שפּילן. קיינער וועט מיך נישט שלאָגן און פאַרוואַרפן, אַז כ׳בין אַ ליידיקגייער. זעסטו שוין, רחלע, אַז כ׳מוז אַוועקפאָרן.

ביי רחלען בייטן זיך די פאַרבן אין פּנים. אין אירע אויגן שפּילט אַ ברוגז פייערל.

— אויב אַזוי, אַז דו פאָרסט אַוועק, טאָ נאָך וואָס ביסטו געקומען? האָסט אינגאַנצן נישט געדאַרפט מאַכן קיין שפּאַרע. צו וואָס האָסטו געעפנט אַ ברעט אין פּלויט? זאָל נאָר דער טאַטע־עשי דאָס געוואויר ווערן...

— כ׳בין געקומען רחלע, דיך זען. געזעגענען זיך.

— און איך וויל זיך נישט געזעגענען. כ׳האָב נישט ליב, אַז מען געזעגנט זיך... קום, לאָמיר בעסער צוגיין צום קוואַל.

ביידע לאָזן זיך אַראָפּ מיט די שטיינער צום קוואַל. רחלע נעמט דאָס קריגל וואָס שטייט דערלעבן, שעפּט דערמיט אָן וואַסער. זי בויגט זיך אַזוי אַריבער, אַז אירע ווייסע, פיין געטאָקטע פיס שפּיגלען זיך אין וואַסער ביז צו די קניען. יעקבס שלייפן קלאַפּן האַסטיקער. פאַר די אויגן נעמט אים שווינדלען. ער מוז זיך אָנ־לענען אָן אַ שטיין, נישט אומצופאַלן. ער עפנט די אויגן, ווען רחלע דערלאַנגט אים דאָס קריגל וואַסער.

— נאַ, טרינק. כ׳האָב דיר איבערגעלאָזט.

אַ זשאַבע האָט אַ קוואַקע געטאָן. באַלד האָבן זיך אַנדערע אָפּ־גערופן און שוין האָט זיך איבערן סטאַוו געטראָגן אַ קוואַקעריי פון אַלע זייטן. פונוייטנס האָט זיך געהערט שפּרינצעס קול.

— רחלע, רחלע, — האָט די דינסט גערופן — דאָס עסן איז שוין אויפגעגעבן.

רחלע האָט פאַרוואָרפן אירע הענטלעך אויף יעקבס אַקסלען.

— כ׳מוז שוין גיין. איך געזעגן זיך נישט. קום מאָרגן.

אין איין מינוט איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די הויכע גראָזן, וואָס האָבן זי איבערגעוואַקסן.

יעדן טאָג פאַר מיטאָג, ווען בעריש ענגעלמאַן פאָרט אַרום אין זיין גאַל בריטשקעלע איבער די ציגלערייען און שעיה קלעזמער

העלפט דעם ווייב פאַרקויפן גרייטוואַרג אין מאַרק, גליטשט זיך יעקב אַריין אין גאָרטן דורך דער שפּאַרע אין פּלויט זען, וואָס רחלע טוט. זיי זוכן זיך אויס אַלע מאָל אַנדערע פּלעצער: אין דער אַלטאַנע, ביים קוואַל, אין דער שוואַנען־שטיבל, אין אַ האַלץ קאַמער. דאָ שפּילט איר יעקב זיינע „קאָמפּאָזיציעס”, צוגעטראָכט פאַר איר.

אין דער קאַמער איז געווען גוט פינצטער. רחלע האָט זיך איינגעהערט אין דעם ברומען פון דער פידל. אין דעם געוויין פון די סטרונעס האָט זי געהערט יעקבס קול, ווי ער געזעגנט זיך. ער פאָרט אַוועק, בלאָנדזשעט ערגעץ אין אַ ווייטער וועלט. ער וויל צוריקקומען צו איר און קאָן נישט. ווארום ער האָט פאַרלוירן דעם וועג. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט.

— ס׳איז אַזוי זיס צו הערן, יאַאַנטשע, ווי דו שפּילסט, ס׳איז אַזוי זיס.

יעקב האָט געפילט דעם וואַרעמען הויך פון איר אָטעם. ער האָט אַוועקגעלייגט די פידל און האָט געגלעט אירע גאָלדענע לעקעלעך, האָט איידל באַרירט דעם לאַנגן האַלדז, דעם ווייסן שטערן און געפירט מיט זיינע דינע פינגער איבער אירע קליינע ליפּעלעך, איבערן האַלדז. זיי זענען אָפּגעזעסן גאַנצע שעהן אין דער טונקע־לער האָלץ־קאַמער ביז וואַנען עס האָט זיי אויפגעוועקט שפּרינצעס קול אין גאָרטן.

ד.

רחלע וויל זיך נישט געזעגענען.

ס׳איז געווען האַלבער זומער. ליפּעס האָבן געבליט. אין די פאַרנאַכטן האָט די לופט געשמעקט מיט האָניק. פון דעם רויגן אין סטאַוו האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט אויסגעפּיקט זשאַבעס. די הויכע גראָזן אין גאָרטן האָט בעריש ענגעלמאַן געהייסן אָפּשניידן. רחלע האָט אויסגעזוכט נייע, ערטער, וואו זיך צו טרעפן מיט יעקבן. פון דעם אָנבייסן, וואָס שפּרינצע האָט איר אַרויסגעבערענגט אין גאָרטן האָבן ביידע געגעסן צוזאַמען. יעקב האָט צוגעטראָכט נייע זאַכן צו "שפּילן פאַר רחלען. ער האָט זיי אָנגערופן מיט פאַרשיי־ד"ענע נעמען. רחלע האָט געפילט, אַז יעדער טאָג ברענגט איר עפּעס נייס. נישט אַזוי ווי ביי זיי אין שטוב, וואו אַלע טעג זענען

גלייך, אַז זי איז מיט יעקבן צוזאַמען, איז יעדער טאָג אַן אַנדערער. וואָרום יאַאַנטשע איז אויך יעדן טאָג אַנדערש. זיין שפּילן איז טיף און האַרציק. ער פאַרשפּאַרט איר עס אויסצוטייטשן. זי אַליין טייטשט זיך אַלץ אויס. אַמאָל ווייַנט דער ווינט און אַמאָל פאַר־גייט די זון. אַ מאַמע וויגט איין דאָס קינד. ס'איז אַ חתונה ביי די פייגל.

— דאָס שטיקל, וואָס דו שפּילסט יאַאַנטשע, איז ווי אַ יינגל מיט אַ מיידל געזעגענען זיך. דאָס זאָלסטו מיר נישט שפּילן, יאַאַנטשע, ס'איז צו אומעטיק. גיב מיר דאָס וואָרט, יאַאַנטשע, אַז דו וועסט זיך מיט מיר קיינמאָל נישט געזעגענען, קיינמאָל נישט.

ה.

טאַטעס.

בעריש ענגעלמאַן איז געווען אַ פאַרנומענער מענטש. ער האָט אַ סך פאַרשפּעטיקט אין לעבן. איצט, אין די פופציקער יאָרן, האָט ער פיל זאַכן געמוזט אָניאָגן. אין גבירישקייט האָט ער שוין אַלע איבערגעיאָגט. עס האָט אים אָבער נישט געפּאַסט צו זיין הינטערשטעליק אין לערנען. ער האָט זיך צו פערציק יאָר אַ רבין צוגענומען, וואָס האָט אים געלערנט פּסוק און משניות. איצט האָט ער צוויי שעה אין טאָג געלערנט גמרא. אַ נדר האָט בעריש געטאָן, אַז ער מוז גאַנץ ש"ס אויסלערנען און זאָל מען נישט זאָגן, אַז ער האָט בחורווייז זעק מעל געטראָגן אויף די אַקסלען און געווען אַן עם־הארץ. זיין פירן זיך, זיין רעדן מיט מענטשן, איז דאָך פאָרט נישט ווי פון אַ פּראָסטן יונג. עס האָט אין זיך אי גבירישקייט, אי איידלקייט.

ווי שטאַרק ער איז נישט געווען פאַרנומען איז דאָך עפּעס וואָס דערגאַנגען צו זיינע אויערן. גוטע מענטשן האָבן אונטערגע־טראָגן אמתע און אויסגעטראַכטע נייס.

בעריש ענגעלמאַן האָט געלאָזט רופן צו זיך שעיה קלעזמער און אים פאַרגעלייגט אַדורכצוקומען מיט גוטן. ער איז געזעסן אין זיין טיפן פאָטעל אַ דיקלעכער, אַ הויכער, מיט אַ ווייס פּנים, וואָס האָט ערשט אויף דער עלטער באַקומען אַ נגידישן אויסזען. איין פוס האָט ער געהאַלטן פאַרלייגט אויפן אַנדערן און געררוי־

בערט אַ שמעקעדיקן ציגאַר. ער האָט געקוקט אויף שעיהן מיט מבֿיניש־אָפּשאַצנדיקע בליקן, כּדי באַלד צו דערגיין דעם ווערט זײַנעם, פֿאַר וויפֿל ער וועט זיך לאָזן קויפֿן. שעיה האָט מיט זשעדנעקייט אַרײַנגעצויגן אין זיך דעם רויך פֿון ציגאַר. זײַנע אויגן האָבן זיך פֿאַרצויגן מיט אַ נעפּל. ענגעלמאַן האָט גערעדט געלאַסן אויף זײַן נידעריק הויל קול. אַזוי געלאַסן קאָן נאָר רעדן אַ מענטש, וואָס כאָטש ער פֿילט זיך געצווגנג שטאַרק ביי זיך, וויל ער דאָך יענעם אײַנגעמען מיט גוטן...

— כ'האָב געהערט זאָגן, שעיה, אַז דאָס פֿאַך דײַנס איז געפֿאַלן. מיט פּרנסה איז נישט פֿויגלדיק, האַ? אויב דו דאַרפֿסט האָבן אַ צוויי, דריי הונדערט גילדן קאָן איך דיר אַרויסהעלפֿן.

אַז שעיה האָט באַלד נישט געענטפֿערט און אַ ווײַלע גע־פֿינטלט מיט די אויגן איז בעריש ענגעלמאַנס שטים געוואָרן נאָך נידעריקער.

— מען טאָר נישט פֿאַרמעסטן זיך צו הויך, שעיה, יעדער דאַרף זיך געפֿינען זײַנס גלײַכן. אַזוי פֿירט עס זיך זייט וועלט איז וועלט.

ביי שעיהן האָט זיך דער קנאָפּ אויפֿן גאָרגל האַסטיק באַ־וועגט. זײַנע ווײַסלעכע אויגן זענען פֿאַרלאָפֿן מיט אַ ביר־שוים. אין דער ערשטער מינוט האָט ער נישט געוואוסט, וואָס בערישן צו ענטפֿערן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דעם גבֿירס שטוב, באַטראַכט דאָס מעבל, די פֿינקלענדיקע קרישטאָלן, אויפֿן קרעדענס, דאָס זילבערוואַרג, די גאַרניטורן גאָלדענע בעכערס. רויטע פֿלאַשן ווײַן האָבן אָפּגעגלויכטן דורך די גלעזערנע טירלעך פֿון קרעדענס און גערייצט זײַן האַלדז. צי דאָס זענען געווען די לעבעדיקע בלוּ־מען אויפֿן פֿענצטער, וואָס האָבן פֿאַרריסן די שטוב מיט זייער ריח, צי דער ווײַן פֿון שאַנק. שעיהן האָט עס אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. דער קנאָפּ זײַנער איז געלאָפֿן ווי משוגע איבערן גאָרגל.

— ר' בעריש — זײַן שטים איז געווען אָנגעזאָפּט מיט כּעס צוליב דעם פֿאַרשלאָסענעם ווײַן — ר' בעריש, אַזוי ווי איר האָט צו באַפֿעלן איבער אײַער טאָכטער, אַזוי האָב איך צו שאַפֿן אי־בער מײַן זון, אפֿשר נאָך ווײַניקער.

איצט האָט שעיה אײַנגעזען, אַז בערישעס גבֿירישקייט איז אַ געמאַכטע. עס איז פֿון אים אַרויסגעקראָכן דער אַמאָליקער מיל־

נער, וואָס פלעגט אָפּנאַרן די פויערים אויף דער וואָג און געמאַכט דערפון אַ פאַרמעגן. זיין קול איז געוואָרן שפּיציק, פאַרריסן. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש מיט אַן אויסגעפּאַטשקעטער פויסט.

— וואָס הייסט, דו האָסט נישט צו זאָגן איבער אים? ביסט אַ טאַטע, אָדער ניין? וואַרף אים אַרויס פון שטוב. גיב אים נישט אַ פּאָר טעג צו עסן.

דער ווייַן אין שאַנק האָט זיך חוצפּהדיק געררייצט מיט שעיהן. עס האָט אים אונטערגעהויבן פון אָרט.

— לייכט זיך צו וואַרפן מיט יענעמס קינדער. און דאָס אַנ־דערע, יעקב דאַרף צו מיר נישט אָנקומען. ער פאַרדינט שוין אַליין אויף זיין געברויך, שטעקט נאָך אַמאָל אונטער דער מוטער אַ פּאָר גילדן. לעקציעס גיט ער אויף פידל. שלאָפן קומט ער אויך נישט אַלע מאָל אַהיים. ער האָט אַ חבר, וואָס האָט אים גינציק. אַרונקע דער אַפּיקורוס איז זיין חבר.

דאָס לעצטע האָט שעיה געזאָגט, כדי אָנצוטאָן קרענקונג דעם גביר. זאָל ער, בעריש, זען, אַז ער איז גוט איינגעזייפט.

— אַזוי, איצט פאַרשטיי איך שוין, — האָט בעריש גע־שאָקלט מיט זיין ווייסן, גבירישן קאָפּ — אַרונקע, וואָס האָט דאָס ווייב אַוועקגעוואָרפן און גייט אַרום מיט מוידן, מאַכט קאַליע אַ שטאָט יונגוואַרג... ער איז דאָס דיין זונדלס חבר! איצט איז מיר שוין אַלץ קלאָר. זיי האָבן אָבער ביי מיר נישט געטראָפן דאָס אָרט, שלאָג עס דיר, שעיה, אַרויס פון קאָפּ, אַז דו וועסט זיין מיין מחותן. פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט זיין. דו מוזט אים איינשטילן, דעם זון דיינעם. אַז איך וואָלט געהאַט אַזאַ בן, וואָס ווידערשפּעניקט אַ טאַטן, וואָלט איך אים איבערגעגעבן אין גוישע הענט. כ׳וואָלט עס געטאָן מיט דיין בנאָק אויך. נישט מער, כ׳בין צופיל אָרנטלעכער מאַן...

ווען שעיה שעמט זיך נישט, וואָלט ער פאַרן גביר אין די אויגן אויסגעשלאָגן די גלאַנציקע שייבלעך פון קרעדענס און אַרויס־געשליידערט פון דאָרטן די פלעשער וויין. אויב ער טאָר אים נישט טרינקען, טאָ זאָל זיך דער ווייַן גיסן איבער דער פּאָדלאָגע... זיין קול ברעכט זיך פאַר כעס.

— ס׳איז עפּעס, ר׳ בעריש, לייכט צו שלאָגן אַ זעכצניעריקן זון? ער האָט מיך נאָך קליינערהייט נישט געפאָלגט. נישט גע־

גאַנגען אין חדר אַריין, נישט געוואָלט זיך לערנען אַ מלאכה. כ׳וועל בײַ אים גאָרנישט פּועלן, והשנית, איר האָט דאָך מיך פון דער דירה אַרויסגעוואָרפן. איצט ווילט איר, אַז איך זאָל אײַך אַרויס־נעמען פון אײַער פאַרלעגנהייט. כ׳קאָן דאָ גאָרנישט טאָן, ר׳ בעריש.

דאָס גאַנצע גבירישקייט איז אָפּגעפאַלן פון בערישן. זײַנע פעט־פאַרגאָסענע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פײַער.

— כ׳וועל שוין אַליין אויסגעפינען, אַן עצה ווי אַזוי בײַצו־קומען דעם קלעזמער־יונג. דו, שעיה, וועסט מײַן מחותן נישט זײַן. און אויף חתונות וועסטו אויך נישט שפּילן.

שעיהן ווערגט עפּעס אין האַלדז. ער האָט נאָך היינט נישט באַנעצט זײַנע ליפּן. זײַן שטים איז טרוקן, פאַרברענט.

— איך בעט זיך נישט בײַ אײַך, ר׳ בעריש מילנער, כ׳מיין בעריש ענגעלמאַן — האָט ער זיך שנעל צוריקגעכאַפּט — כ׳דאַרף נישט קיין יחוס־שידוך און דאָס אַנדערע, מײַן זון וועט זיך שוין אַליין דאָס שטעטל באַשטיין. ס׳איז מיר אַ גרויסע נפקא מינה, ווען ער וועט חתונה האָבן, און מיט וועמען ער וועט חתונה האָבן. כ׳האָב אַנדערע דאגות אויף מײַן קאָפּ.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער טיר און אַרויס. אויף די טרעפּ גייענדיק, האָט ער געהערט ווי בערישן באַפאַלט די אַסטמע.

ו.

יעקב און רחל שווערן זיך טרײַשאַפט.

די בושעלן זענען אָפּגעפלויגן אין לאַנגע שורות. בלויז די שוואַכע און הינקעדיקע האָבן זיך עלנט אַרומגעבלאָנקעט איבער די אָפּגעקאָשעטע היי־פעלדער. די אָוונטן זענען פרי צוגעפאַלן. אין ענגעלמאַנס גאָרטן האָט געשמעקט מיט פאַרוועלקטע בלעטער. סע־דער־יידן האָבן זיך געשלעפּט איבער די וועגן מיט פורלעך בעט־געוואַנט. הינטער זיי זענען נאָכגעקראָכן סוף־אלולדיקע טעג מיט האַלב־פאַרוואָלקנטע הימלען. בעריש ענגעלמאַן האָט זיך אַהיים גע־צויגן צוריק פון זײַן זומער־פּאַלאַצל אין גאָרטן, צוריק אין שטאָט אַרײַן. אין די שפּעטע אָוונט־שעהן האָט יעקב שפּאַצירט אויפן טראָטואַר הינטער בערישעס הויכער מויער. ער האָט געזוכט אויפן

גאָרן אַ שטיקל ליכט און אין דעם דאָזיקן שטראַל געגאָרט צו זען רחלעס פּנים. די אַקאַציע־ביימער זענען געשטאַנען נאַקעטע אין ווינט. גאַנצע שעהן האָט יעקב זיך געווייקט אויפן רעגן. נאָך האַלבער נאַכט, האָט ער זיך אַהיימגעלאָזט אַ מידער אין טאַטנס שטוב אַריין. לאַנג האָט ער זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און איז איינגעשלאָפן ערשט מיטן קרייען פון די הענער.

רחלען איז די וועלט ענג געוואָרן. זי האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען אין די גרויסע צימערן. דער טאַטע האָט מוסר געזאָגט, געסאַפּעט, צו וועקן ביי דער טאָכטער רחמנות. זי, די טאָכטער, הייסט עס, פאַרקירצט אים די יאָרן און טרייבט אים יונגערהייט אין קבר אַריין. די מאַמע האָט אים צוגעהאָלפן, געוויינט, און שלמהלע, דאָס לוסטיקע ברודערל, האָט אָפּגעחוזקט פון זיין שוועסטער. יעדעס וואָר טזיינס האָט געטריפט אויף איר מיט טראָפּנס גאַל.

— רחלע, שעיה גאָרגלס זון וואַרט אויף דיר ביים טויער.

— רחלע, וועסט אין קורצן באַקומען אַ ליבעס־בריוו.

מען האָט זי געהיט מיט זיבן אויגן. בלויז שפּרינצע, די קעכין, מיט דעם צעקנייטשטן פּנים, פון וועלכן מען האָט געקענט אויסקוועטשן אַ סך רחמנות, איז גרייט געווען צו גיין פאַר רחלען אין פייער אַריין. זי אַליין, שפּרינצע, האָט קיין קינדער נישט געהאַט, איז זי רחלען געווען געטריי ווי אַ מאַמע און געשטרעקט פאַר איר דאָס לעבן. זי האָט רחלען געבעטן, זי זאָל זיך איר פאַרטרויען.

— רעד דיך אָפּ פון הערצל קינד מיינס, וועט דיר בעסער ווערן. איך האָב אַלץ געשטיקט אין מיר, איז מיר דערפאַר דאָס בלוט געזעצט געוואָרן. וואָס פאַראַ פּנים האָב איך היינט אין מענטשנס אויגן? מען טאָר נישט דריקן אין זיך, רחלע, אַז מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ, פאַרגייט דאָס ביטערניש...

אין אַ פראָסטיקן טאָג, ס'איז שוין געווען אַ שטיק אין ווינטער אַריין, האָט זיך רחלע אַרויסגעגנבעט פון שטוב און דורך זייטיקע געסלעך געלאָפן צו דעם פאַרפרוירענעם סטאַוו. דער גאָרטן איז געוואָרן קלענער, איינגעקאָרטשעט פון דער קעלט. די ביימער אויף זיך דעם ווינטער. לאַנג האָט רחלע נישט געוואַרט. פון הינטער אַ באַרג שניי האָט זיך אָפּערגעשאַרט יעקבס געשטאַלט. זיי־

נע באַקן זענען געווען אָנגעגאָסן מיט פראָסט. דער פּיאָלעטענער שימער פון שניי האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין יעקבס אומעטיקע אויגן. רחלע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— דאָס ביסטו? פון וואַנען האָסטו געוואוסט, אַז כ'וועל אַרויסקומען אין גאָרטן אַריין?

יעקבס שטים האָט וואַרעם אָפּגעקלונגען אויפן פראָסט.

— זעסט דאָך אַז כ'האָב געוואוסט.

— און נעכטן ביסטו אויך געווען?

— נעכטן אויך און אייערנעכטן. אַלע טאָג קום איך דאָ אַהער. אָבער שוין נישט לאַנג, רחלע. — זיין קול האָט זיך איי־בערגעבראָכן — נאָך פּסח פאָר איך אַוועק.

— נאָך פּסח — האָט רחלע איבערגעחזרט זיינע ווערטער און אומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, ווי זי וואָלט זוכן דעם נאָך פּסח. — דערווייל אָבער איז דאָך ערשט חנוכה. קום, לאָמיר זען דאָס לאָך אין אייז, וואו די פיש קומען כאַפּן לופט.

זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אים געפירט איבערן אייז. ס'איז געווען אַ ווייסע לבנה־נאַכט. דער פראָסט האָט טרוקן געקנאַקט צווישן די צווייגן פון דיביימער. דער שניי איז געלעגן הויך ביים פאַרקאַן און פאַרשטעלט דאָס ליידיקע פעלד, וואָס האָט זיך געצויגן לענג אויס דעם גאָרטן. ביידע זענען גע־גאַנגען איבער דעם פאַרפרוירענעם סטאַוו. אין אויסגעליידיקטן גאָרטן איז געווען שטיל. זייערע טריט האָבן האַרט אָפּגעקלונגען איבער דעם טרוקענעם שניי. ערגעץ וואו האָט אַ הונט געהיילט אויף דער לבנה. אויפן שאָסיי האָבן זיך אָפּגערופן גלעקלעך פון שליטנס. דאָס געביל האָט זיך דערווייטערט און אויסגעגאַנגען אין אַ שטיל וואָיען. די וועלט איז געשטאַנען אַ שטילע, אַ הכנעהדיקע און געבלענדט מיט שנייעדיקע ווייסקייט. יעקב האָט געגלעט רחלעס האָר. זיינע ליפּן האָבן געציטערט.

— כ'האָב נאָך דיר געבענקט, רחלע, ביינאַכט האָב איך דיך געזען אין חלום. ביסט געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס קליידל. אַ באַן איז געפאָרן זייער שנעל. איך בין אַריין אין מיטן לויפן. די ביסט נאָכגעלאָפן דער באַן. באַלד האָט דיך פאַרשטעלט דער רויך און איך האָב דיך מער נישט געזען.

רחלע האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

— אָט איז דאָס לאָך אין אייז, זע, די קאַרפּן שווימען אין וואַסער. די שיפּן גלאַנצן ווי גאָלד...

— קום אַוועק פון דאַנען — האָט זיך יעקב געבעטן — דאָס וואַסער אונטערן אייז איז שוואַרץ, כ׳האָב פיינט דאָס וואַסער, ווען ס׳איז שוואַרץ. לאָמיר בעסער צוגיין אויפן שאָסיי.

— גוט — האָט רחלע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — לאָמיר פון דאַנען אַוועקגיין. עס דוכט זיך מיר כסדר, אַז שלמהלע שאַרט זיך דאָרטן הינטער דער קאַמער, ווען איך גיי אַראָפּ קוקט ער מיך נאָך. ווייסט, וואָס ער האָט געזאָגט? ער וועט דיר די לונגען אונטערהאַקן...

זיי גייען מיטן שנייאיקן שאָסיי. פונוויטנס טויכן אויף פלעמלעך אין די פויערישע כאַטעס. אין אַ הילצערנער, פאַרשנייטער קירך ברע־נען אייל־לעמפלעך. די באַמאָלענע שויבן צינדן זיך אָן, טאַנצן אין פאַרשיידענע פאַרבן. פון אַ ווייטער גליטש טראָגן זיך הילכיקע גע־לעכטערס פון יונגע העלדזער. דער ווינט כאַפּט אויף די געלעכטערס און צעשיט זיי איבערן שניי. רחלע בלייבט שטיין און שפּיצט אָן די אויערן אין דער פראָסטיקער שטילקייט. איר קול גיסט זיך ווייך, פּיעשטשענדיק.

— פאָר נישט אַוועק, יאַנטשע. בלייב דאָ. אָן דיר וועט זיין אַזוי אומעטיק. אַז דו שפּאַצירסט אויפן טראָטואַר, אונטער אונדזערע פענצטער, איז מיר לייכט אויפן האַרצן. ס׳איז אַזוי גוט דעמאָלט איינצושלאָפן. כ׳האָב אַזוי רחמנות אויף דיר, גייסט איינער אַליין אויפן פראָסט...

— איך שפּיר נישט די קעלט, רחלע. אָבער איך נעם מיר די אויגן אַרויס ביז וואַנען כ׳דערזע דיר דורך אַ שפּאַרע אין לאָדן. מענטשן גייען פאַרביי, מען טייטלט אויף מיר מיט די פינגער. מיך אַרט דאָס נישט. איך בין גליקלעך, ווען איך זע דיך נישט, רחלע, אַ פּאָר טעג, ווערט די וועלט אַזוי טרויעריק. איך מוז אַוועקפאָרן, רחלע. איך וועל דיך אָבער שטענדיק און אומעטום אין זינען האָבן. דו וועסט אָן מיר נישט פאַרגעסן. וועסט וואַרטן, ביז כ׳וועל צוריק־קומען, אמת?

אַ ווינט האָט זיך אויפגעכאַפּט און צעשטויבט בערגער שניי ביי די זייטן וועג. רחלע האָט זיך געטוליעט צו יעקבן מיט פאַרמאַכטע אויגן. זיי זענען אַזוי לאַנג געשטאַנען אָנגעלענט אָן אַ בוים.

ז.

דער מאַמעס צער.

אין אַ נאָכפּסחדיקן פאַרנאַכט, ס׳איז שוין געהאַט אויפגעקו־מען בעז און מאַי־זשוקן האָבן געפלאָטערט איבער די קינדערשע קעפּ־לעך, איז דינע, שעיהס ווייב, געשטאַנען איבערגעבויגן ביים פענצטער און פאַרפּאַקט אַ קייבערל מיט זאַכן פאַר יעקבן, מיטצוגעבן אים אין וועג אַריין. יעדעס שטיקל וועש האָט זי באַנעצט מיט טרערן. צונויפ־געלייגט עס מיט ציטערדיקע פינגער. שעיה איז נאָר־וואָס געהאַט געקומען פון אַ זונטיקדיקער גוישער חתונה. ער איז געזעסן ביים טיש, געגעסן די אָפּגעשטאַנענע וועטשערע און אַלע ווײַלע געזופּט צו קליינע ביסלעך בראָנפן פון פלעשל, וואָס ער האָט מיט זיך מיט־געבראַכט. ער האָט זיך צוגעקוקט צו דעם ווייבס אַרבעט. זיינע אויגן זענען געווען לייכט פאַרנעפּלט. דינע האָט געזיפצט.

— אויסגעהאָדעוועט אַזאַ שאַנקענדיקן זון פאַרן טייוולסוועגן איצט פאָרט ער אַוועק, וועט זיך וואַלגערן ערגעץ אין דער פרעמד. ווער וועט אים דערלאַנגען אַ לעפל עסן, אַ קלאָר העמד אויפן לייב. וואו וועט ער דעם קאָפּ זיינעם אַוועקלייגן? מיין פינצטער מזל אַזוי. אַז ער האָט קיין לייט נישט געוואָלט זיין.

— זאָל ער פאָרן, זאָל ער פאָרן און וויסן ווי קאָרן גילט — האָט שעיה אַ שיכורער אַ ברום געטאָן. — כ׳וויל זיין נאָמען נישט הערן, ר׳איז אַליין געבליבן אָן אַ מלאכה און מיר האָט ער די פרנסה קאַליע געמאַכט. ס׳איז אויס מיט די יידישע חתונות. מ׳לאָזט מיך אין ערגעץ נישט צו. אַ השגה פון אַ קבצנס אַ זון! פונקט דעם גרעסטן גבירס טאָכטער האָט זיך אים פאַרגלוסט — דער קנאָפּ פון זיין גאָרגל איז געוואָרן בלוי פון כעס — בעריש ענגעלמאַן וועט פון אונדז אַ תל מאַכן...

באַלד אָבער זענען די הענט אים אומעטיק אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך פאַרטראַכט, אַז אייגנטלעך טוט ער אָפּ זיך אַליין. וואָרום יאַנטשע איז זיין זון, זיין בלוט און פלייש.

— און וואָס קען מען זיך דאָ העלפן — האָט דינע געקרעכצט — יאַנטשע האָט השגות, שטרעבט צו עפּעס... ס׳שטייט זיי נישט אָן דער יחוס, וואַרפן זיך מיט מיין קינד. ווער זענען זיי דאָס? בעריש

מילנער. און זי, די נגידיתטע, איז דאָך געלדע דער וואַטשערקעס טאָכטער. אַ וואַטשער איז איר טאַטע געווען. ר׳האָט דאָך שמאַטעס אויפגעקויפט, וואַטע געדרייט...

שעיהן האָט ווידער עפּעס געברענט אין האַלדז. האָט זיך גע־קרעקט מיט די ווערטער.

— אַזאַ יונג, אַזאַ יונג, — האָט זיך אַריינגענומען אַ מאַניקאַליע אין קאָפּ אַריין. אַ קלעזמער זיין פּאַסט אים נישט. קאָנצערטן וויל ער געבן. מיר איז דען יונגערהייט אַמאָל איינגעפאַלן, כ׳זאָל פאַרן מיך לערנען געבן קאָנצערטן? האַ, דינע, נישט אַזוי? אַ סך פאַרגע־ניגנס האָבן מיר דאָס געהאַט יונגערהייט?... היינטיקע קינדער האָבן צעלאָזענע העלדזער...

אויפן טראָטואַר האָבן זיך געהערט הילצערנע טריט. באַלד האָט זיך פון פאָדערהויז דערטראָגן אַ שווער סאָפּען. אַן אַלטע קול האָט זיך הייזעריק געריסן.

— לאָזט מיך, לאָזט מיך, וואו וואוינען זיי דאָס די מענטשן? טאַטערישע הערצער. טאַטע־מאַמע האָבן נישט קיין רחמנות אויף אַן אייגן קינד.

שפּרינצע, איז נישט טויט, נישט לעבעדיק אַריינגעפאַלן אין שטוב. אירע אייטערדיקע אויגן זענען געווען רויט און געשפּריצט מיט פייער. דאָס צעקנייטשטע פּנים איז אויפגעלאָפן פון כעס.

— אַכזרים, רוצחים וואָס איר זייט. איר זיצט דאָ און דאָרט זאַמאַלעוועט מען אייער קינד.

שעיה איז אויפגעשטאַנען אַ צעקאָכטער, אַן אויסגעניכטערטער. פון זיינע נאָז־פליגלען האָט געזעצט אַ פּאַרע.

— וואָס? פרעמדע הענט וועלן זיך לייגן אויף מיין קינד? נישט ביי מיין לעבן! איצט מוז עס אַ סוף נעמען. מיין טויט אָדער זיין טויט. דער גראָבער געלט־זאַק!

ער איז צוגעלאָפן צום שויבן־שענקל, האָט פון דאָרט אַרויסגע־נומען אַ בלעכענע הענטשקע און נאָך איידער דינע האָט געעפנט דאָס מויל איז ער שוין געווען הינטער דער טיר.

ח.

נקמה.

יענעם אָוונט איז יעקב געגאַנגען זיך זען מיט רחלען דאָס לעצ־טע מאָל. ער האָט אָוועקגעשאַרט דאָס ברעט אין פּאַרקאַן און אַריין אין גאָרטן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אויף די שפּיץ פינגער און איינגעהערט זיך אין דעם גערויש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון בע־רישעס הויז.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער אַלטאַנע, אַקעגנאיבער דעם סטאַוו. רחלע איז דאָ נישט געווען. אַ פיינלעכע שטילקייט איז גע־לעגן אויסגעגאָסן איבער די לאָנקעס און פעלדער אַרום גאָרטן. יעקב האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט זאָגן רחלען, אַז ער קומט זיך מיט איר געזעגענען. ער האָט צונויפגענומען פרימולקעס, די ערשטע מאַי־בלימ־לעך און געמאַכט פון זיי אַ קרענצל. דערנאָך האָט ער זיך אָוועקגע־זעצט אויף אַ באַנק אין דער אַלטאַנע און געוואַרט. ווילדער ווייַן האָט זיך געוויקלט אַרום אַ נעץ פון דינע שטעקעלעך און דורכגעלאָזט שנירלעך ליכט פון ווייטע פויערישע כאַטעס. פון די קאַמערן האָט זיך געטראָגן אַ לייכטער שאַרך: יעקב איז אויפגעשפּרונגען מיט אַן איינ־געהאַלטענעם אָטעם. דאָס זענען אָבער נישט געווען רחלעס טריט. דאָס גערויש האָט זיך דערווייטערט און פאַרשלונגען געוואָרן צווישן די גראָזן. יעקב איז געוואָרן אומרואיק. ער האָט גענישטערט צווישן די ביימער. רחלע איז אַריין אין דער אַלטאַנע ווי אַ צאַפּלדיק, פריש ווינטל. אַלע זיינע שלעכטע פאַרגעפילן זענען אויסגערונען. רחלעס אָנבליק האָט אים פול געמאַכט די וועלט. ס׳איז אים געווען אַזוי, ווי אַלע זיינע פאַרלאַנגען אין לעבן וואָלטן מיטאַמאָל מקוים געוואָרן.

— בלומען — האָט זיך רחלע דערפרייט ווי אַ קינד — די ערשטע בלומען, פרימולקעס, זיי שמעקן אַזוי...

זי האָט זיך גענומען חנדלען:

— אַ גאַנצן נאָכמיטאָג אויף דיר געוואַרט. פאַרוואָס שווייגסטו? דו רעדסט דאָך גאָרנישט. כ׳האָב נישט ליב, אַז דו שווייגסט...

יעקב האָט אין זיך איצט געטראָגן די זיסקייט פון אַ סוד, וואָס ער האָט באַשלאָסן אויסצובאַהאַלטן. די דאָזיקע זיסקייט איז געמישט געווען מיט ביטערניש. ער האָט געזוכט אין רחלען אַן אָנהאַלט, כדי זיך נישט אַיינצוברעכן. ער האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף איר שויס,

געגלעט אירע קניען. רחלע האָט זיך געשפּילט מיט זיינע געדיכטע האָר, געפירט מיט דער האַנט איבער זיין שטערן, איבער די באַקן, געפּילט יעקבס הייסע קושן.

עס האָט זיך דערהערט אַ ברעכן פון צווייגן. האַסטיקע טריט האָבן צעשאַרט די ערד אַרום דער אַלטאַנע. איידער יעקב האָט באַוויזן אויפצושפּרינגען פון רחלעס שויס, האָט ער דערפילט, ווי אַ פּאָר האַרטע הענט קלעמען אים איין דעם האַלדז. ער האָט זיך געראַנגלט מיט עטלעכע פאַרשוינען. זיי זענען אים בייגעקומען. ער איז אומגעפאַלן, געבליבן ליגן אויף דער פייכטער ערד. עמעצער האָט זיך אים אָנגעזעצט אויפן קאַרק. דאָס איז געווען שלמהלע, רחלעס ברודער. זיינע אויגן האָבן געגליט אין כעס:

— געפּאַקט דיך! ווען זיך אַ לעבעדיקער נישט אַרויסדרייען פון מיינע הענט. כ׳וועל דיך איצט באַצאָלן פאַר די ליבעס־בריוו צו רחלען. בינדט אים חברה!

ביידע יונגען, וואָס האָבן געדינט פאַר שמייסער ביי בעריש ענגעלמאַנען, האָבן אים, יעקבן, געבונדן. די שטריק האָבן זיך איינגעשניטן אין זיין לייב.

רחלע האָט זיך געראַנגלט מיט זיי. זי האָט געוואָלט יעקבן אַרויסרייסן פון זייערע הענט. שלמהלע איז אונטערגעקומען. ער האָט זי האַסטיק אַרויסגעשטויסן פון דער אַלטאַנע. זי איז אומגעפאַלן אויף דער ערד. די שמייסער־יונגען מיט די ברייטע, אייזערנע הענט האָבן געטאָן, אַזוי ווי שלמהלע האָט זיי באַפוילן. יעקב האָט זיך געוואָרפן ווי אַ פיש אין דער נעץ. ער האָט געדראַפּעט מיט די נעגל, געקאַפּעט מיט די פיס. שלמהלע האָט צוגעדריקט זיין פּנים צו דער ערד און אים שוועד געמאַכט דאָס אָטעמען. שלאָגט — האָט ער געשריען צו די יונגען. יעדער פון אייך קריגט אַ פלאַש בראָנפן. יעקב האָט זיך אויפגעהערט צו וואָרפן. אין דער טונקלקייט האָט פון דער אַלטאַנע אַרויסגעהעלט זיין נאַקעט לייב. רחלע האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט, שטיל געהעשעט און געלאָפן איבערן גאָרטן. זי האָט שוין מער נישט געהערט יעקבס קול. בלויז גליטשיקע קלעפּ פון לעדערנעם רימען זענען דערגאַנגען צו אירע אויערן. די קלעפּ האָבן געדריקט אויף איר, אַז זי האָט אַפילו נישט געהערט איר אייגן געשריי. שפּרינצע, שפּרינצע — האָט זי גערופן די אַלטע דינסט — זיי וועלן אים דערהרגענען, שפּרינצע...

זי איז אומגעפאַלן ביי דער גראַבליע. שפּעטער האָט מען זי גע־פונען ליגןביים סטאַוו אַ פאַרחלשטע.

ווען שעיה קלעזמער איז אָנגעקומען, איז שוין שלמהלע מיט זיינע מענטשן נישט געווען אין דער אַלטאַנע. ער האָט געביסן מיט די ציין די שטריק, אומגעוואָרפן די בענק, וואַסער, וואַסער — האָט ער גערופן מיט פאַרשמאַכטע ליפּן. שעיהן איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, ער האָט געשאָלטן די שלעגערס, יעקבן, זיך אַליין, די גאַנ־צע וועלט.

— ס׳וועט זיי נישט געשאָנקען ווערן — האָט ער געשטורעמט אין דער פינצטערער אַלטאַנע, בשעת שפּרינצע האָט געלייגט נאַסע טיכער צו יעקבס קאָפּ. — כ׳וועל זיך מיט זיי אָפּרעכענען די קאַטאַר־זשאַנעס! די בלוט־צאַפּערס... און דו, זונדל מיינס, וויפיל מאָל האָב איך דיך געוואָרנט, זאָלסט נישט קריכן צו הויך. ווער ביסטו דען? אַ קלעזמערס אַ זון, וואָס לעבט פון מענטשנס חסד. ווי קומסטו גאָר צו בעריש ענגעלמאַנס טאָכטער? יענער האָט אַ פאַרמעגן אָנגעראַבע־וועט, דיין טאַטע האָט אַ האַלב לעבן פאַרבראַכט אין שענק, ער איז אָבער קיינעם קיין גראָשן נישט שולדיק, קיינעם נישט אָפּגענאַרט.

ער האָט אויפגעפּלאָנטערט די שטריק און אַרויסגעפירט דעם זון פון דער אַלטאַנע. יעקב האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. ביים עק מאַרק, לעבן די אַפּטייק, איז געשטאַנען אַ חברה שלעגערס, וואָס שלמהלע האָט אונטערגעשטעלט. זיי האָבן יעקבן באַגעגנט מיט אַ פייפעריי און הויכע געלעכטערס. יעקב איז געגאַנגען מיט אַראָפּגע־לאָזענע אויגן, דעם קאָפּ געזונקען צו דער ערד און געביסן זיך די ליפּן. ער איז דערגאַנגען בלויז ביז צו דעם פאָדערהויז פון זייער שטוב. דאָ איז ער געפאַלן אויף דער שוועל.

ט.

אַוועקגעפאָרן

אין אַ וואָך אַרום איז יעקב אַוועקגעפאָרן. אַחוץ מיט אַרונקען דעם אַפּיקורוס האָט ער זיך מיט קיינעם נישט געזעגנט. ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין אַ פינצטערער נאַכט. מען האָט פון אים לאַנגע חדשים נישט געהערט.

— פאַרפאַלן געוואָרן דער זון זייערער ווי אַ שטיין אין וואַסער — האָבן מענטשן באַדויערט שעיהן מיטן ווייב.

י.

אַ שטיין פון הימל.

רחלע שעמט זיך. רחלע מיידט אויס מענטשנס בליקן. זי בלאָנקעט אַרום איינע אַליין איבערן גאָרטן, זיצט אָפּ האַלבע טעג אין דער אַלטאַנע און שווייגט. זי רירט זיך נישט פון אָרט ביז וואַנען שפּרינצע רופט זי נישט, זי זאָל אַהיים גיין. אַלע שווייגן אַרום רחלען. ווי קאָן מען זי טרייסטן, אַז איר ניגון איז איבערגעהאַקט געוואָרן אין מיטן.

— עס מוז זיך אויסשטיין — האָט בעריש באַפוילן די שטוב־מענטשן נישט צו דערמאָנען אָן דעם, וואָס ס׳איז געשען — די צייט וועט אַלץ פאַרגלעטן.

נישט אַלע מאָל פאַרגלעט די צייט, נישט אַלע מאָל — האָט שפּרינצע דרך־ארצדיק זיך אָפּגערופן — מיין מאַן, אונדז אַלעמען צו לענגערע יאָר, האָט זיך געמוזט שטעלן דינען דעם קיסר צומאָרגנס נאָך דער חופּה. אַזוי זענען די יאָרן מיינע מיר אָפּגעהאַקט געוואָרן אין סאַמע מיטן בליען. ביז איצט ווייס איך נישט, וואָס עס הייסט אַן ערשט יאָר נאָך אַ חתונה. ווי קאָן זי, רחלע, קומען צו זיך, אַז זי האָט אָן אים געהאָנגען, דאָס גאַנצע לעבן אַוועקגעגעבן דעם יינגל־טשיגע.

— זי וועט שוין קומען צו זיך. מ׳וועט זען, זי זאָל קומען צו זיך — האָט בעריש האַלב פאַרזאָרגט, האַלב באַפעלעריש גע־ענטפערט, בייז, וואָס שפּרינצע רעדט אים אַנטקעגן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב מיט פאַמעלעכע, מיושבדיקע טריט, גלייך די עלטער וואָלט זיך אויף אים מיטאַמאָל אָנגעזעצט.

רחלע איז צו זיך נישט געקומען. אַ שאָטן איז געפאַלן אויף איר העל פּנים. דאָס זאָרגלאָזע געלעכטערל איז פאַרשוואונדן פון אירע ליפּן. זיי זענען געוועזן בלאַס, די ליפּן, ווי אַ שפּעט־זומערדיקער טאָג, וואָס ליידיקט זיך אַרויס פון זון. עס זענען געקומען חברטאָרינס און קרובים זי צו טרייסטן. גוטע פריינט האָבן עצות געגעבן ווי אַזוי זי צו מאַכן צוריק אויפגעלייגט. בעריש האָט מתנות געבראַכט פון וועג. פון דאַנציק און פון לייפּציק האָבן דעם טאַטנס שותפים איר צוגע־שיקט קליידער און צירונג. רחלע האָט זיי רעכט נישט אָנגעמאָסטן. זי האָט אינגאַנצן קיין פאַרלאַנגען נישט געהאַט. אויסגעמיטן מענטשן און געשאַרט זיך ווי אַ שאָטן ביי דער וואַנט.

די מומע פייגע, די מילנערין, וואָס איז געווען געניט אין ווייבערישע זאַכן, האָט געגעבן אַן עצה מיט אַ מיין:

— אַ קליין שלאָגט מען אַרויס מיט אַ קלין. מען דאַרף זי אויסגעבן פאַר אַ מאַן, וועט זי זיך אַרויסשלאָגן די נאַרישקייטן פון קאָפּ.

אַלע האָבן איינגעזען, אַז פייגע די מילנערין איז גערעכט. דאָס איז טאַקע די בעסטע עצה. האָט מען זיך ביי ענגעלמאַנען אין שטוב גענומען גרייטן. אַ גאַנצן טאָג האָט רחלע געהערט אָנצוהערענישן פון אַלע זייטן. בלימע האָט געגעבן דער טאָכטער צו פאַרשטיין, אַז די צייט שטייט נישט אויף אַן אָרט.

— איך אַליין, קינד מיינס, האָב אויך אַמאָל געהאַט מיינע איינרעדענישן. נישט געוואָלט חתונה האָבן. ס׳האָט מיר נישט געפּאַסט דעם טאַטן דיינעם צו האָבן פאַר אַ מאַן. פונדעסטוועגן בין איך אים געוואָרן אַ ווייב. און איך זשאַלעווע נישט. הלוואי ווייטער נישט ערגער. ס׳איז נישט גוט, טאָכטער מיינע, אַז מען קלייבט צו פיל...

בעריש אַליין האָט אויך געלאָזט פאַלן אַ פּאָר ווערטער אין דער טאָכטערס זייט. אַמאָל מיט גוטן, אַן אַנדערש מאָל מיט בייזן. אַ ברוגזער „גוטן טאָג". אַ קלאַפּ מיט דער טיר. רחלע האָט נישט געזאָגט ניין און אויך נישט געזאָגט יאָ. זי האָט זיך פאַרלאָזט אויף יעקבן. אַזוי ווי ער וועט וועלן, אַזוי וועט זיין. זי האָט גאַנצע טעג געבלאָנדזשעט אַרום סטאַוו אין גאָרטן. געשניטערט מיט די אויגן אין אַלע זייטן. טיילמאָל איז זי אַרויסגעגאַנגען אויפן שאָסיי, וואָס האָט געפירט פון די ווייטע שטעט און מיט האַרצקלאַפּעניש זיך צוגעקוקט צו די בוידן וואָס פאָרן פאַרביי, איינגעהילט אין ווייסן שטויב. די וועגענער האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. קיינער איז פון זיי נישט אַרויסגעשטיגן. די רעדער האָבן זיך פון איר ווייטער אַוועקגעקלאַפּערט, אָפּגעהילכט אין אירע אויערן, וואָס אַמאָל שטילער, שטילער.

אין די פאַרנאַכטן איז זי געזעסן אויף דעם גרויסן, האַלבאיינגעזונקענעם שטיין אין זייער גאָרטן. וועגן דעם דאָזיקן שטיין האָבן אַלטע לייט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל פון הימל אַראָפּגעפאַלן. זי האָט געגלויבט, אַז אויך איצט וועט עפּעס אַ נס געשען און יעקב וועט זיך דאָ פּלוצלונג באַווייזן. אָבער מער קיין ניסים זענען מיט דעם שטיין נישט געשען. איז רחלע געזעסן אַ שווייגעדיקע, די אויגן

אָנגעהאָנגען אָן דער שפּאַרע אין פּלויט. דורך דאַנען פּלעגט יעקב אַלע מאָל אַהער קומען. אָבער שוין חדשים ווי דאָס ברעט איז פֿאַר־וואַקסן מיט ווילדע גרעזער. רחלען נעמט אַרום אַ שטילער פֿאַרדרוס אויף יעקבן. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און קומט נישט. נישט בלויז ער קומט נישט, נאָר ער שרייבט אַפילו נישט. ער איז אַוועק און זיך אַפילו מיט איר נישט געזעגנט. בעסער אַזוי, זי האָט נישט ליב, ווען מען געזעגנט זיך.

שפּרינצע קאָן נישט צוזען רחלעס צער. זי האָט קיין קינד, קיין רינד נישט, שפּרינצע, איז איר, רחלען, טייער ווי אַן אייגענע טאָכ־טער. יעדן שבת נאָכמיטאָג הילט זי זיך איין אין דעם באַבלימלטן טערקישן טוך און גייט צו צו שעיה קלעזמער עפּעס געוואויר ווערן וועגן יעקבן. די שעיהכע קאָן איר גאָרנישט זאָגן. זי אַליין האָט גרויס האַרצקלעמעניש. זי ווייסט נישט וואו איר זון איז אַהינגעקומען. זי רעדט זיך אָפּ דאָס האַרץ פֿאַר שפּרינצען.

— איינאיינציק אויג אין קאָפּ געהאַט, האָט מען מיר דאָס יינגל פֿאַריאָגט פון שטוב. ווער ווייסט, צי כ׳וועל אים נאָכאַמאָל זוכה זיין צו זען ביי מיין לעבן. אַז אַ גביר פֿאַרלעגט זיך אויף אַן אָרע־מאַנס אַ קינד...

שפּרינצע טרייסט זי, ווי ווייט זי קאָן. זי גייט אָבער אַליין אַהיים אַ נישט־געטרייסטע. דאָס געמיט שווערט אויף שפּרינצען. איר מאַן, וואָס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ביי די זעלנער קומט איר אָפּט צו חלום. ער שטייט פֿאַר איר אַ פרעמדער און אַ ווייטער, אַז זי האָט מורא אים אָנצורירן. וואָס עלטער זי ווערט, אַלץ מער פילט זי ווי זי האָט איר לעבן פֿאַרשפּילט. זי קאָן שוין גאָרנישט צוריקכאַפּן אָדער מאַכן אַנדערש. זי האָט מורא, אַז דאָס אייגענע זאָל אויך נישט טרעפן מיט רחלען.

יא.

קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויסקומען

ווידער איז פֿאַריבער אַ זומער. ס׳איז געווען אַ גרויסע שפע אויף תבואה און גרינוואַרג. צייטיק אויבסט איז געפֿאַלן פון די צווייגן און מענטשן האָבן זיך געפוילט איינצובויגן און עס אויפצוהויבן. אַלטע לייט האָבן אויסגערעכנט, אַז פונקט אַזאַ גערעטעניש איז געווען

מיט זיבעציק יאָר צוריק, ווען דריי קיסרים האָבן זיך געגרייט צו פירן מלחמה. לאַנג האָט זיך דערנאָך געצויגן דער ווינטער אַ זאַטער און אַ שנייאיקער. שטאָט האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם יונגן פידלער, וואָס האָט ערגעץ אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט. שעיה, זיין טאַטע, איז געוואָרן אויס קלעזמער. ער האָט מער נישט געשפּילט אויף חתונות. די שטוב האָט אויסגעהאַלטן דינע, דאָס ווייב. זי איז געשטאַנען אין מאַרק מיט גרייטוואַרג, פאַררוקט ערגעץ מיט איר שטעל אין אַ ווינקל. שעיה האָט זיך גאַנצע טעג געוואַלגערט פאַר דער שענק אַ שיכורער. יעדן פאַרנאַכט האָט די שעיהכע געמוזט אַהיימפירן דעם מאַן אַ וואַקלדיקן. זי איז אויסגעשטאַנען פון אים חרפּות און בושות, וואָרים שעיה האָט אויף די עלטערע יאָרן גע־נומען קוקן אויף אַנדערע ווייבער, בעטלערינס, וואָס זענען געקומען פון דער פרעמד און איינגעשטאַנען אין הכנסת אורחים. יעדע איינע פון זיי האָט געהאַט מיט זיך אַ קינד אויף דער האַנט. זיי אַלע זענען געווען מאַמעס. וועגן די טאַטעס אָבער האָט קיינער גאָרנישט גע־הערט... שעיה האָט זיך צוגעשאַרט צו די ווייבער און גענומען ביי זיי געלט אויף בראָנפן.

ביי בעריש ענגעלמאַן רייסט מען אָפּ די טירן. רחלע שטייט אין שידוכים. עס קומען צופאָרן שדכנים מיט ברייטע, שוואַרצע בערד און שירעמס. שדכנים פון פאַרשיידענע מקומות. מענטשן שאַצן רחלעס נדן אין די טויזנטער. אַ סך משפחות, וואָס נערן זיך פון גבירישע הייזער, האָפן צו ווערן אויפגעריכט פון רחלעס חתונה.

— עס קומט אים אָן, בערישן, שווער אויסצוגעבן די טאָכטער — פרייען זיך באַהאַלטענע שונאים. — דער גביר האָט אַ שווער לייענען מיט דער בת־יחידה.

בעריש האָט די גאַנצע משפחה געשטעלט אויף די פיס. מען האָט מיט רחלען איינגעטענהט ביי טאָג און ביינאַכט. שלמהלע האָט פאַרשפּרייט מיאוסע שמועסן וועגן יעקבן. עפּעס אויסטערלישע זאַכן, וואָס ער טוט אָפּ אין די גרויסע שטעט. ער איז גאָר קיין פידלער נישט, דעם קלעזמערס זון. אין קראָקע לאַכט מען פון אַזעלכע קאַנצערטן.

שטאָט האָט פאַרלוירן דאָס געדולד. אַ יאָר זאָל עס דויערן, אַ סוף זאָל עס נעמען — האָבן מענטשן זיך אַזוי לאַנג געוואונטשן, ביז וואַנען עס האָט גענומען אַ סוף, כאָטש עס האָט געדויערט לענ־

נער ווי אַ יאָר. ראש־חודש אָדר האָט בעריש פאַרקנסנט די טאָכטער. די שטאָט האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. בעריש האָט זיך צוגעאײַלט און אין דריי חדשים אַרום געפּראַוועט די חתונה.

— זי האָט צוויי מאָל געחלשט פאַר דער חופּה — האָט שפּרינצע זיך פאַרטרויט פאַר דינען, שעיהס ווייב — און דאָס מאָלצייט האָט מען אָפּגעפּטרט איינס, צוויי. עפּעס אַזאַ שטילע חתונה געווען, שוין צו שטיל.

— קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען — האָבן מענטשן געשאָקלט מיט די קעפּ — נישט שטענדיק איז גוט אויסצופירן ביי אַ קינד. אַזאַ תקיפות קאָן באַקעם אויספאַלן.

יב.

יעקב באַגעגנט רחלען.

פוּיער־ב האָבן זיך געגרייט צום ווינטער. די קאַרטאָפל־גריבער זענען געווען פול ביז איבערן אויג. האַניק האָט מען פאַרקויפט אײפּן טונדל. שניידער און שוסטער האָבן צוריק געעפנט זייערע ווערק־שטעלן און געהאַט פיל צו טאָן. יידן האָבן געטריקנט שוואָמען פאַר די גרויסע שטעט און פאַר זיך האָט מען איינגעשאַרט פורלעך מיט טאָרף. איידעמס, וואָס דער טערמין זייערער פון קעסט האָט זיך גע־האַט געענדיקט, זענען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע, מיט געראָנצלטע שטערנס און געגישטערט מיט ברענענדיקע אויגן, נאָך קליינע פאַר־דינסטלעך. איז אַ פּרעמדער געקומען אין שטאָט אַריין האָט מען אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און פאַרגעלייגט גערשטן מיט האָבער, פלאַקס און ליינען, האָניק און אַפילו מיידלעך, וואָס זענען גרייט זיך צו שטעלן פאַר קעכינס אין די גרויסע שטעט.

אין איינעם פון יענע טעג, ס'איז געווען חול־המועד סוכות, יידן זענען אַרומגעגאַנגען אין לופטיקע כאַלאַטלעך און געפּאַכעט מיט די מאָגערע שטעקנס, איז פאַר שעיה קלעזמערס שטוב, אין שול־געסל, פאַרפאָרן אַ ברישקע. פון געזעס איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ יונגערמאַן פּראַנטיש אָנגעטאָן. אויף קיין סוחר האָט דער גאַסט נישט אויסגע־זען צו זיין. זיין פּנים האָט געהאַט אַ דינע, איידעלע הויט, אַזאַ הויט האָבן מענטשן, וועלכע זיצן אין פאַרמאַכטע שטובן און ווייסן נישט, וואָס עס הייסט אַרומטראָגן זיך מיט די ווינטן איבער די שאָסעען.

אַ פּאָר מענטשן, ליידיקגייער, פון יענע לייט, וואָס מען קאָן זיי תמיד טרעפן שטיין פאַר דער טיר און גלאָצן אין מאַרק אַריין, האָבן זיך נייגעריק צוגעקוקט צו דעם פּרעמדן. אַ סך האָבן שוין געגומען טרעפן און גיין אויף געוועטן. אפשר אַ ירושה פאַר שעיהן, אפשר אַ שליח פון אַמעריקע. מען האָט זיך געבראָכן די קעפּ, צו וויסן, ווער קאָן דאָס זיין. אַ שילדן־מאָלער, וואָס קאָן זיך גוט אויף פּנימער און ווייסט דעם חילוק פון איין מענטשן צו דעם אַנדערן, האָט זיך הויך צעלאַכט.

— אַ בלינדער זעט דאָך, אַז ס׳איז יאַנקל, יאַנקל שעיה גאָרגלס זון. נאַדיר גאַר מיטן פידל אונטערן אָרעם. קאָנצערט, שמאָנצערט. אַלץ האָט היינט אַנדערע נעמען. אַ קלעזמער!..

שעיהס שטוב האָט אויפגעלעבט. אויפן אָנבליק פון איר קינד, איז דינען, דער מאַמען, אַריין אַ נייע נשמה. שעיה האָט געקוקט מיט דרך־ארץ אויפן זון. יעקב האָט מיטגעבראַכט מתנות. אויסגעקליידט די עלטערן. אינדערפרי, ווען טאַטע־מאַמע זענען אויפגעשטאַנען, זענען זיי געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער נישט איבערצורוועקן יעקבן. שכנים פון הויז האָבן אויפסנייַ פאַרנומען יעקבס שפּילן. יידן מיט בערד זענען ווידער געוואָרן פאַרנאַרישט, געשטאַנען מיט אָנגעשפּיצטע אויערן הינטער שעיה קלעזמערס פענצטער, אַ שטייגער ווי די דינסטמיידלעך הינטערן קלויסטער בשעת אַ חתונה.

— אַז מ׳איז גאָרנישט צוגעוואוינט צו אַזאַ שפּילן — האָבן מבינים אויף חזנות זיך פאַרענטפערט — נישט קיין חתונה, נישט קיין אויפשפּילן. ס׳איז מוזיק פון גאָר אַן אַנדער מין... פון גאָר אַן אַנדער וועלט...

— דאָס קליינע אָרט... אין די גרויסע שטעט פאַרשטייט מען זיך אויף אַזעלכע זאַכן. אַז מען זאָגט קאָנצערט איז טאַקע קאָנצערט...

מ׳איז געווען נייגעריק צו זען דעם פידלער, מיט וועלכן די וועלט האָט געקלונגען. אַממייסטן האָבן געלעכצט אים צו זען יונגע מיידלעך, וואָס האָבן געוואוסט פון יעקבס ליבע צו רחלען.

יעקב איז זעלטן אַרויסגעגאַנגען פון טאַטנס שטוב. ער האָט אַפילו מיט די שטוב־מענטשן און מיט די נאָענטסטע שכנים, וואָס האָבן געוואוינט טיר ביי טיר, ווינציק גערעדט. איינמאָל אָדער צוויי מאָל האָט מען אים געזען גיין צו זיין חבר אַרונקע, דעם באַלעזענעם יונגנמאַן, וואָס האָט געפירט מלחמה מיט אַ גאַנצע שטאָט פרומע יידן. ווייטער האָט יעקב נישט אַרויסגעשמעקט אויף דער גאַס.

— ער שעמט זיך מיט אונדז — האָבן חברים פון די קינדער־יאָרן געדרייט מיט די נעז — נישטאָ קיין ערגערער טיראַן, ווען פון אַ קנעכט ווערט אַ פּאַן...

פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס זענען שפּעט אין אָוונט אַהיימגעגאַנגען פון שאָסיי, האָבן אָפט געזען, ווי עס שאַרט זיך עמעצער לענג אויס בערישעס גאָרטן. מען האָט פון דער ווייטנס דערקענט יעקבן. קיינער האָט אָבער נישט געהאַט דעם כּוח צו צוגיין צו אים. די, וואָס זענען יאָ צו אים צוגעגאַנגען נאָענט, האָבן זיך אָפּגערוקט פון אים מיט דרך־ארצדיקע טריט. מיידלעך האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן פון גרויס רחמנות אויף דעם קלעזמערס זון, וואָס קען פאַרכּישופן מיט זיין פידל, אַליין אָבער איז ער אומגליקלעך. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהויבן מיט די פּלייצעס: אַזאַ פּעאיקער שפּילער. אַ מענטש, וואָס איז אויסגעווען אַ וועלט, מאַכט זיך נאַריש און האָט נאָך אַלץ אין זינען אַ פּראָווינצער מיידל...

יעקב האָט גאַנצע נעכט אַרומגעשפּאַצירט איבער די פעלדער און געהאָרכט ווי די הינט וואָיען אין גרויס בענקשאַפט. די לבֿנה, קוקט זיך נישט אום אויף זיי, אויף די הינט, גייט זיך ווייטער איר וועגס.

איינמאָל, שבת צו נאַכט, שימע, רחלעס מאַן איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען אויף אַ געבעטענע מלווה־מלכּה און כאַפּן אין איין וועגס אַ קערטל, איז שפּרינצע אריינגעקומען און מיט אַ סודותדיק בלישטשל אין די אויגן גענומען רחלען צורעדן:

— טו זיך אָן, רחלע. גיי זיך אַ ביסל איבער. ווי לאַנג אַ מענטש איז יונג און קאָן הנאה האָבן פון לעבן, טאָר ער זיך פון קיין זאַך נישט אָפּזאָגן. סיי־ווי שטאַרבט מען... זעסט דאָך, וואָס פון מיר איז געוואָרן. רחלע — איר צעקנייטשט פּנים האָט באַקומען לעבן — ווען איך בין איצט אין דיינע יאָרן.

שפּרינצע האָט געקוקט אויף איר מיט בעטנדיקע אויגן. זיי האָבן געמאָנט די אויגן, און עפּעס צוגעזאָגט. רחלעס ווילן איז שוואַך. זי טוט אַלץ, וואָס מענטשן פאַרלאַנגען פון איר. האָט זי זיך אויך שפּרינצען נישט אַנטקעגנגעשטעלט. די אַלטע האָט איר דערלאַנגט דעם מאַנטל און צוגעפירט צו דער טיר.

— ס׳איז אַן אויסגעשטערנטע נאַכט. גיי, קינד מיינס, אין גאָרטן

אַריין. זעץ זיך נישט אויפֿן גראָז. זאָלסט נאָר גיין און נישט אָפּ־שטעלן זיך. נאָר גיי...

רחלע איז אַוועק מיט אַ הינטערוועג. דאָס טירל פֿון גאָרטן איז געווען אָפֿן. זי איז געגאַנגען מיט דער וויעזשבע־אַלעע, לענג אויס דעם סטאַוו. טרוקענע, ברוינע בלעטער האָבן געפּלאַצט אונטער אירע פֿיס, צווייגן האָבן געפּאַטשט איבער איר קאָפּ. אין סטאַוו האָט אַ פֿיש אַ פּליעסקע געטאָן מיט זיין זילבערנעם רוקן און באַלד צו־ריק פֿאַרשוואונדן געוואָרן אונטערן וואַסער. לאַנג האָט זיך דערנאָך דאָס וואַסער געבלעזלט אַקעגן דער לבֿנה. דורכן שמאָלן בריקל איז רחלע צוגעקומען צו דעם אינזל. די שוואַנען־מוטער איז געזעסן מיט וואַכעדיקע אויגן און געטוליעט זיך צו די קליינע מיט זייערע אַש־גרויע פֿעדערן. רחלע האָט אַרומגעקרייזט דעם שוואַנען־שטיבל פֿון אַלע זייטן. זי איז געגאַנגען אַ פֿאַרטראַכטע, מיט דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט צו דער ערד. די שוואַנען האָבן געגנישטערט נאָך איר מיט גע־שפּאַנטע אויגן. פֿון סטאַוו האָט געבלאָזן מיט קאַלטקייט. רחלע האָט אַ ציטער געטאָן. הינטער דער ווייסער בזשאָזע האָט זיך עמעצער אַ הויב געטאָן און שטיין געבליבן ווי פֿאַרשטיינערט.

צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך שווייגנדיק אָנגעקוקט. רחלע האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן, עפּעס זאָגן. אָבער דאָס קול איז איר גע־בליבן שטעקן אין האַלדז. יעקב האָט זיך דערנעענטערט מיט פּאַמע־לעכע טריט. ער האָט זי אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און אַוועק־געזעצט אויפֿן פּלאַטשיקן שטיין. איין העלפֿט פֿון איר פּנים איז געווען באַלויכטן פֿון דער לבֿנה, די צווייטע העלפֿט איז געבליבן אין שאָטן.

— ווי בלאָס דו ביסט — האָט יעקב זיך שטיל אָפּגערופֿן, גלייך ער וואָלט זי ערשט נעכטן געהאַט געזען. — דו ביסט נישט גליקלעך, רחלע.

ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זיין נישט גליקלעך, ווייל ער האָט געפֿילט אַ באַדערפֿעניש אויף איר רחמנות צו האָבן... רחלע, ווי זי וואָלט זיך נאָר־וואָס אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ לאַנגן שלאָף, האָט זיך אייַנגעקוקט אין זיין פּנים, געפּאָרשט יעדן שטריך, ווי זי וואָלט אַלץ וועלן דערגיין אין יעקבן. איר פֿאַרזאָרגטער שטערן איז אויף אַ ווײַלע ליכטיקער געוואָרן. די ברוינע אויגן האָבן צוריקבאַקומען די וואַרעמקייט פֿון אַמאָל.

— האסט זיך נישט געזעגנט — האט זי געזאגט מיט א שטילן פארוואורף.

יעקב איז געזעסן ווי א פארשולדיקט יינגל, וואס מען האט אים געכאפט ביי דער האנט. ווי נישט בארעכנט ער איז געווען, ווען ער האט רחלען איבערגעלאזט איינע אליין צווישן מענטשן, וואס האבן נאר זיך אין זינען און לויערן אויף יענעמס גליק.

— איך בין נישט אוועקגעפארן, רחלע — האט ער זיך אפגערופן מיט א נידעריק, פארשולדיקט קול — כ׳בין דא שטענדיק געווען מיט דיר. אלעמאל. ווען כ׳בין געזעסן אין מיין בוידעם־שטיבל, צי ווען כ׳בין געשטאנען אין שווארצן פראק פאר הונדערטער מענטשן אין קאנצערט־זאל תמיד האב איך דיר געהאט פאר די אויגן. אומעטום האב איך דיך געזען, רחלע. כ׳האב געהערט דיין קול, מקנא געווען די מענטשן, וועלכע זעען דיך יעדן טאג, וואס רעדן מיט דיר, אטעמען מיט דיין לופט. דיין אנבליק, וואס כ׳האב אויסבאהאלטן אין הארצן האט מיר צוגעגעבן פליגלען צו דערהויבן זיך, צו גלויבן אין זיך אליין. דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז מיט דיר איז עפעס געשען. איך האב געפילט, ווי עמעצער האקט אונטער מיינע פליגלען. יעדער געדאנק, יעדער חשק פלעגט מיך דעמאלט פארלאזן. אין אזעלכע טעג איז מיין פידל געשטאנען אין ווינקל א פארשעמטע. איך האב זיך נישט געקאנט געפינען קיין ארט, געוואנדערט גאנצע נעכט איבער די בולווארן, פון דער גרויסער שטאט, געזעסן אין די נאכט־שענקען, אפטמאל בין איך געקומען אהער צופארן, כדי צו שטילן מיין בענקשאפט. כ׳האב אפגעווארט ביי דער באן, ביז וואנען עס וועט זיין פינצטער. דעמאלט ערשט בין איך צוגעגאנגען אין שטאט אריין. קיינער האט נישט געזען, ווי איך שטיי ביינאכט הינטער דיין פענצטער, ווי איך בלאנקע זיך ארום איבערן גארטן, ווי איך טרעט אויס די סטעזשקעס, איבער וועלכע מיר זענען אמאל צוזאמען געגאנגען. איך האב יא געוואלט און נישט געוואלט דיך זען. כ׳האב זיך אזוי געשעמט צו קוקן דיר אין די אויגן אריין...

מיט דעם ערשטן צוג בין איך צוריקגעפארן. איך האב זיך פארמאכט אין מיין צימער און געזעסן דארט וואכן־לאנג אפגעשלאסן פון דער וועלט. די איינציקע טרייסט איז געווען די פידל מיינע. זי האט בארויקט, האט געוועקט האפנונג. איך האב געווארט. אויף וואס האב איך געווארט? מיר האט זיך אלץ געדוכט, אז איך

האָב ווייניק דערגרייכט. איך האָב געוואָלט אויסוואַקסן, איבעראַשן די וועלט. איך האָב דיך, רחלע, געוואָלט אויסקעמפן. אָבער איך בין געווען צופיל איינגעגלויבט אין זיך, צופיל זיכער. דערפאַר בין איך באַשטראָפט געוואָרן. כ׳האָב געלעבט אין אַ טעות, אַליין זיך אָפּגענאַרט. איצט איז מיר די האָפנונג צוגענומען געוואָרן. פאַר־וואָס האָסטו דאָס געטאָן, רחלע? איין ציל האָב איך דערגרייכט און דעם אַנדערן פאַרלוירן...

אַ לענגערע ווײַלע האָבן זיי ביידע געשוויגן.

— אַלץ האָט זיך געענדיקט — האָט רחלע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַ פאַרשוילדיקטע.

די האָר פון אונטערן טיכל אָפּער זענען איר הכנעהדיק אַראָפּ־געפאַלן אויף די אַקסלען. דער ווינט האָט זיך מיט זיי געשפּילט שטיפעריש, ווי ער וואָלט פון זיי אָפּחוזקן.

יעקב האָט געקוקט אויפן סטאַוו, געזען ווי רחלעס פּיס ציטערן אין וואַסער. איר פּנים האָט זיך געשפּיגלט אין סטאַוו און ס׳איז דער־פון געוואָרן צוויי, דריי פּנימער. לאַנגע אויסגעקרימטע פּנימער. ווען ער האָט צו דרייצן יאָר געזען אירע פּיס צום ערשטן מאָל אין וואַ־סער, האָט ער זיך געשעמט אויף זיי צו קוקן. היינט שעמט ער זיך נישט, כאָטש רחלע איז שוין עמעצנס אַ... ווייב. דער עמעצער, וואָס זיין נאָמען איז שימע און דער טאַטע זיינער האָט אַ גרויס שניט־געוועלב אין שטאָט, דער אימיצער איז אירס אַ מאַן. דערזעלבער שימע גלעט רחלען, נעמט זי אַרום, קושט זי...

יעקב האָט געפילט ווי זיין גאַנץ געמיט ווערט אָנגעגאָסן מיט בלייערדיקע שווערקייט.

זי האָט זיך ווידער באַקלאָגט:

— ביסט אָוועקגעפאָרן און זיך נישט געזעגנט. דעמאָלט אין דער אַלטאַנע ווען שלמה איז געקומען מיט די משרתים בין איך ערגעץ אומגעפאַלן אין גאָרטן. כ׳בין געלעגן צווישן די גראָזן. שפּרינצע האָט מיך אויפגעהויבן און אַריינגעטראָגן אין שטוב. צומאָרגנס פאַרנאַכט בין איך ווידער אַהין געגאַנגען. אָבער דו ביסט שוין נישט געווען. איך בין געגאַנגען איבערמאָרגנס אויך. יעדן טאָג בין איך געגאַנגען און דיך נישט געטראָפן. איך האָב געוואַרט אויף דיינע בריוו. די חברטאָרינס האָבן פון מיר געלאַכט. ווי קאָן ער שרייבן בריוו — האָבן זיי געזאָגט, אַז ער איז אין די גרויסע שטעט. דאָרטן זענען

פאַראַן שיינע און קלוגע פרויען... צו וואָס טויג אים אַ מיידל פון דער פּראָווינץ. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן רעגנס מיט ווינטן. אין שטאָט זענען אומגעגאַנגען שלאָפקייטן. אַ גאַנצן ווינטער בין איך קראַנק געווען. אַז איך בין דערנאָך געזונט געוואָרן, האָט מען אין שטאָט דערציילט וועגן דיר, אַז דו ביסט באַרימט, אַז דו פאַר־דינסט אַ סך געלט. מען האָט מיר געוויזן דיין נאָמען אין די בלעטער. איך האָב געזען דיין בילד. דו ביסט געווען שיין, אָבער מאָגער אויפן פּנים. דו האָסט זיך מיר געחלומט, געקוקט מיט אַזעלכע אומעטיקע אויגן.

יאָ, אַלע האָבן מיך אָפּגענאַרט, אַפילו דו אויך. איך האָב מער נישט געהאַט קיין חשק צום לעבן. יעדער שאָטן האָט מיך גע־שראָקן. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר קומט פאָר. אַנדערע האָבן זיך מיט מיר פאַרנומען, געגרייט זיך מיך צו פאַרזאָרגן. איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען. ערשט צומאָרגנס האָבן זיך מיינע אויגן געעפנט. איך האָב דערזען, אַז איך בין דעם קליינעם שימעס ווייב.

רחלע איז שטיל געוואָרן. איר גוף האָט געציטערט. אַלץ אין איר האָט איצט געוויינט. יעקב האָט זיך איינגעקוקט אין דעם בלאַסן פּנים, עס איז אים עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען אין רחלען. ער האָט שוין מער ניט געזען אין איר דעם אַמאָליקן רייץ. ער האָט דער־פילט אַ פלאַנטער אין האַרצן. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אינאיינעם: ליבע, בענקשאַפט און אַנטוישונג. אין אַלעם איז ער שולדיק. ער האָט פאַרשפּילט רחלען. צוליב אים, צוליב זיין שטאַרקן גלויבן אין זיך איז דאָס אַלץ געשען... איצט זענען ביידע געזעסן אויף דעם פלאַ־טשיקן שטיין, אויפן שוואַנעך־אינזל, ווייט פאַרטראַכט אין זייער אַמאָליק גליק.

פון אן איינגעלייגטער חורבה אין גאָרטן האָט זיך דערטראָגן אַ הוקע פון אַסאָווע. גרויסע, שוואַרצע פליגלען פון פלעדערמייז האָבן געפּאָכעט איבער זייערע קעפּ. צווישן די נאַסע גראָזן האָט עפּעס געראַשט. דאָס האָט די אַלטע שפּרינצע געדרעפּטשעט אין אירע ווייכע שטעק־שיך. אויפן בערגל איז זי שטיין געבליבן און אַריבער־געשריגן:

— רחלע, ס'איז שוין שפּעט... קום אַהיים... וועסט זיך צוקילן, רחלע.

רחלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון יעקבס אָרעם. זי האָט דערזען אַ פּאָר גליענדיקע אויגן אין דער נאַכט. זיין שטים האָט געציטערט פון אויפרעגונג.

— ווי קום איך דאָ אַהער? איך נעם צו דעם שלאָף פון אַ מאַן, וואָס האָט אַ ווייב. ער זיצט אויף אַן אָרט, האָט אַ שטוב. איך מוז נאָך וואַנדערן, מיטשלעפּן מיט זיך אַ פאַרלוירענע וועלט. פאַרבלייב געזונט, רחלע.

רחלעס פּנים האָט אין דער פינצטער געלויכטן מיט אַ ראַזער העלקייט. זי האָט זיך שטיל באַקלאָגט.

— כ'האָב געזינדיקט, יאַאַנטשע. געזינדיקט קעגן דיר, קעגן זיך אַליין, קעגן שימענען, געזינדיקט קעגן דער גאַנצער וועלט. עס קומט מיר אַ שטראָף, ניין, יעדער טאָג ברענגט מיט זיך די שטראָף...

דער הימל איז געווען טונקל־גראַנאַט, ווי געווײנלעך איידער עס הויבט אָן צו טאָגן. פון שאָסיי האָט זיך געהערט אַ מאָנאָטאָן קאָלערן פון רעדער. רחלעס פּנים האָט געבלענדט מיט שאַרפער ווייסקייט. יעקבן האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז די דאָזיקע ווייסקייט קומט פון אַ ווייטער, נישט־דאָאיקער וועלט. זי טיילט אים אָפּ פון רחלען מיט דער מחיצה פון אַ טויטן. דאָס האַרץ האָט זיך אין אים געוואָרפן.

— יאָ, אַ פאַרלוירענע וועלט — האָט ער געשטאַמלט.

ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. זיינע אויגן האָבן באַקו־מען אַ שטאָלענעם בליאַסק.

— ניין, רחלע, נאָך נישט פאַרלוירן. דו קום מיט מיר. שוין איצט, אַצינד, באַלד... מיר וועלן ביידע גיין צוזאַמען איין וועג. קום, רחלע...

רחלע האָט אַ ציטער געטאָן.

— ניין, איך מוז שוין גיין יאַאַנטשע. נאָך וואָס ביסטו געקומען? קום מער נישט. איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט זען, ווי איך ווער אַלט און מיאוס... איך מוז גיין צו שימענען. ער ווערט אַ טאַטע, שימע. דאָס קינד איז דאָך זיינס...

יעקב איז געשטאַנען אויפן אָרט ווי אַ געליימטער. ער האָט געזען רחלען, ווי זי דערווייטערט זיך, גייט אַוועק פון אים מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. ער האָט איר געוואָלט נאָכגיין, אָבער די פיס זיינע, פאַרגליווערטע, האָבן נישט געקענט שטעלן קיין טריט. ער האָט גע־

וואָלט עפּעס זאָגן, די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

פון הינטער אַ וואָלקן האָט זיך באַוויזן אַ ליכטיקער סימן פון טאָג. אויף אָפּגעשניטענע לאָנקעס האָבן קראָען צעגראָבן די ערד. פון די קאַמערן האָט געשמעקט מיט ווינטער־עפּל. אויפן סטאַוו האָבן די וואַסער־ליליען אויפגעעפנט זייערע בלאַסע קעפּלעך. יעקב איז געגאַנגען איבער בריענדיקע גראָזן און נישט געפילט קיין ווייטיק. דאָס האַרץ רייסט זיך אין אים אָפּ, פאַלט צו זיינע פיס און ווערט צעטראָטן. צעבראָכענע פידלען האָבן אין אים געברומט מיט אַ וויסט קלאָגעריי.

יג.

חבלי־לידה.

דעם דריטן טאָג ווי רחלע גייט צו קינד. ביי בעריש ענגעלמאַן פאַרמאַכט זיך נישט די טיר. דער גאַנצער הויף איז פול מיט שכנים. בלימע, רחלעס מאַמע, זיצט אין אַ ווינקל און כליפּעט.

— אַליין זיך שולדיק. געשאַכטן דאָס קינד אָן אַ מעסער. און ווער האָט זיך דאָס געזאָלט ריכטן, אַז עס וועט איר באַשערט זיין אַזאַ שווער האָבן...

די מומע פייגע, די מילנערין, קלאָגט.

— איך האָב פערצן קינדער געהאַט און אַ דאָקטאָר האָט זיך נישט צוגערירט צו מיין לייב. היינטיקע ווייבלעך... אַזאַ שוואַכער דור אַרויסגעקומען...

די אַלטע שפּרינצע לויפט אַרום מיט פאַרבראָכענע הענט. זי וואַרפט אַלע מאָל אַריין אין קרענצל ווייבער עפּעס אַ וואָרט און ווערט באַלד צוריק פאַרשוואונדן.

— און ווי איז מיר נישט געשען. ס'האָלט שוין באַלד ביי אַ קייזערשניט. איז דען מיר נישט ווילער, וואָס איך האָב אינגאַנצן קיין קינדער נישט...

בערישעס געל בריטשקעלע רוט נית. אַלע ווילע ברענגט מען צופירן אַנדערע דאָקטוירים. צווייי ווייבער, ווייטע, אָרעמע קרובות, וואָס בעריש האָלט זיי אויס, שטייען ביי רחלען צוקאָפּנס און היטן זי, זי זאָל פון פענצטער נישט שפּרינגען. רחלעס אויגן זענען צו־געלאָשן. די ברוינקייט זייערע האָט זיך אָפּגעטאָן. אויף איר העל

פּנים האָבן זיך באַוויזן געלע, קיילעכיקע פלעקן, וואָס מען ווייסט נישט פון וואַנען זיי קומען. די וואָרצלען פון אירע האָר זענען האַרט. דאָס קול קלינגט אָפּ ווי דורך אַ דיקער וואַנט. מען אונטערשיידט נישט איין וואָרט פון אַנדערן.

דער שטענדיק אויפגערוימטער און זאַטער שימע דרייט זיך אַרום איבערן שטוב מיט אַ פאַרזאָרגט, פאַרוואַקסן פּנים. ער קוקט אויף רחלען מיט בעטנדיקע בליקן. זאָל זי אויף אים רחמנות האָבן און ברענגען אַ לעבעדיקן זון אויף דער וועלט. בעריש ענגעלמאַן קוקט רעכט נישט אויפן איידעם. ער איז בייז, וואָס יענער פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס. אַפילו שלמהלע, רחלעס ברודער איז היינט נישט צוגעריטן אויף זיין פערד אין דער ציגלעריי. ער שטייט אַן אומע־טיקער, די לעביונגערישע וואַנסעלעך נישט פאַרשווירן און בורטשעט עפּעס אונטער דער נאָז. שימע פילט זיך דאָ ווי אַ פרעמדער. עס שטייט אים אַן אַ סך צו פאַרלירן... אַלץ איז געווענדט אין רחלען. זי אַליין קאָן ראַטעווען זיין מערכה. אין שטוב קלינגען אָפּ דאָקטוי־רישע מכשירים. עס טראָגט זיך אַ ריח פון קאַמפער און יאָד. אַ יונגער דאָקטאָר האָט אַרויפגעלייגט אַ מאַסקע מיט שלאָפגעטראַנק אויף איר פּנים און הייסט זי ציילן. רחלע גיט אַרויס פון זיך משונהדיקע קלאַנ־גען. זיי ווערן וואָס אַמאָל טויבער, די קלאַנגען, און גייען אויס אין דער גרויער שטילקייט, וואָס לייגט זיך פונאַנדער איבער די ווינקלען פון שטוב.

פון די חדרים האָט מען די קינדער פונאַנדערגעלאָזט און גע־טריבן זיי אין בית־מדרש אַריין תהילים זאָגן. בעריש ענגעלמאַן האָט מנדב געווען אַכצן שטיין ליכט אין שול אַריין. שפּרינצע איז אויף אירע קראַנקע פיס געלאָפן איינרייסן קברים פון הייליקע יידן און נישט פאַרגעסן צוצוגיין צו דער באָבען, נאָך וועלכער רחלע האָט געהייסן. די גאַנצע משפחה, ברוגזע מומעס און פעטערס, וואָס האָבן שוין לאַנג נישט איבערגעטראָטן בערישעס שוועל האָבן פאַרשפּאַרט זיך איבערצובעטן. זיי זענען זיך צונויפגעקומען נישט איבערגע־בעטענערהייט און געהאַלטן וואַך אַ גאַנצע נאַכט.

— מילא, דאָס קינד ווי דאָס קינד — האָבן ווייטע קרובים געשאָקלט מיט די קעפּ — די מאַמע זאָל כאָטש בלייבן לעבן.

— מען האָט עס פון איר שטיקערהייט אויסגעשניטן. אַזוי איינגעשפּאַרט האָט עס זיך געהאַלטן אַן דער מוטערס בויך. אויב זי

וועט נאָך זעקס שעה איבערהאַלטן, וועט זי זיין אַן אָפּגעראַטעוועטע — האָט איטע, די אַלטע הייבאַם, וואָס האָט שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן ביי דער קימפּעטאָרין, דערציילט די ווייבער.

איינער נאָכן אַנדערן גייען די דאָקטוירים אַוועק. זיי גייען מיט שטרענגע אייליקע טריט, קוקן נישט אויף קיינעם און מיידן אויס צו ענטפערן אויף די פרעגנדיקע בליקן פון די קרובים.

— נישט קיין גוטער סימן — שאָקלען מענטשן מיט די קעפּ.
— די דאָקטוירים שווייגן...

רחלע אַליין ליגט שטיל. אירע אויגן קוקן שטאַר אויפן בעליק און זוכן דאָרט עפּעס. די שטוב שווייגט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. מענטשן גייען אויף די שפּיץ פינגער, רעדן אויף שטום־לשון. מען קוקט אויפן שטיי־זייגער. דאָס וואָרט מען אויף די זעקס שעה... נאָך אַ שעה, נאָך אַ האַלבע שעה און די סכנה וועט פאַרביי. בערישעס פּנים ווערט ליכטיקער. שימע דער מאַן איז גרייט זיך לאָזן טרייסטן צוליבן טויטן קינד. אַ פּאָר מומעס דרימלען איין מיט די טשיפּיק־קופּקעס אָנגעשפּאַרט אָן די אָנלענס פון די שטולן. עס חלומט זיך זיי ערשטלינגען, שווערע האָבנס, מען לאָזט זיי אָבער לאַנג נישט דרימלען. רחלע האָט זיך אומגעריכט אויסגעדרייט צו דער וואַנט. זי האָט שווער געאָטעמט. די קאָלדרע האָט זיך געהויבן און געפאַלן איבער איר לייב. עטלעכע מאָל האָט זי אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט. דאָס מויל האָט זיך ביי איר אויסגעקרימט. אַ ווייַסער שוים האָט זיך געשנירלט ביי די ווינקלען פון די ליפּן, בלוי־פאַרברענטע. דער שוים האָט זיך געבלעזלט ווי זודיק־קאַלך, אַראָפּ־געראונען צו דער האַלב־אָפּגעדעקטער ברוסט. די גאַנצע משפּחה איז געשטאַנען פאַרשטיינערט און נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. אַלעמענס בליקן זענען שטום געהאָנגען אָן רחלען, ביז וואַנען זי האָט דעם לעצטן ציטער געטאָן.

יד.

דאָס געזעגנ פון יעקב און רחל.

יעקב זיצט ביי אַ צעצעוויגטער בזשאָזע צופוסנס אַ געל בערגל זאַמד. עס איז שטיל אויפן בית־עולם. די רויטע מאַלינעס טוליען זיך געדיכט אַרום מאַכיקע שטיינער, וואָס שמעקן מיט פאַרוועלקטע

בלעטער. ער לעגט אַוועק די פידל, לאָזט נישט אַראָפּ די אויגן פון דעם שטיינערנעם טאָוול צוקאָפּנס דעם קבר. ער לייענט איינמאָל און נאָכאַמאָל רחלעס נאָמען, דער טאָג פון איר טויט און די יאָרן, וואָס זענען איר יונגערהייט פאַרשניטן געוואָרן. ער ציילט איבער אין געדאַנק די וואָכן, די חדשים, וואָס זענען פאַריבער זינט איר טויט און קאָן זיך נישט דערציילן. ס'איז אַ וואַרעמע מאַי־נאַכט. עס שמעקט מיט בעז פון די ווילדע ביימלעך, וואָס וואַקסן ביי דעם מאַריאַוויטישן קלויסטער. אויף די פעלדער, אַרום בית־עולם, שפּראָצט שוין יונגער קאָרן, אַלץ אַרום בליט און גייט אויף צו אַ ניי לעבן. קיינער האָט יעקבן נישט געזען, ווען ער איז אינמיטן נאַכט געקומען צופאָרן מיט בעטקעס בריטשקע. אים אָבער דוכט זיך אויס, אַז אַלע אין שטאָט רעדן פון אים, אַלע ווייסן, וואו ער איז אַצינד און וואָס ער טוט. מען האַלט אים פאַר דעם שולדיקן אין רחלעס טויט. אויך די מתים פון דעם אָפּגעצוימטן בית־עולם שטייען אויף און טייטלען אויף אים מיט זייערע ביינערדיקע, לאַנגע פינגער. מען לעכערט אים די אויערן: צוליב דיר איז זי יונגערהייט געגאַנגען פון דער וועלט.

— און איך האָב דאָך זי געקאָנט ראַטעווען, געקאָנט צו דעם אַלעמען נישט דערלאָזן, צוליב אַ ביסל שטאָלץ, צוליב נאַריש שעם־געפיל, האָב איך זי איבערגעלאָזט אַליין...

ער דרימלט איין אָנגעשפּאַרט אָן שטיין. ער שלאָפט שווער מיט אַ קורצן, אָפּגעהאַקטן אָטעם. ער פילט אינגאַנצן נישט, ווי זיינע ביינער זאַפּן זיך אָן מיט פייכטקייט. ווען ער כאַפּט זיך אויף שטייט שוין די זון הויך אינמיטן הימל. זי לייכט דורך דעם גאַנצן בית־עולם, דרינגט אַריין אין אַלע ווינקעלעך. אַפילו דער טויט אַליין קאָן זיך פון איר נישט אויסבאַהאַלטן. דאָס געל בערגל אויף רחלעס קבר בריט זיינע פיס, די זונען־שטראַלן וואַרעמען זיינע פּלייצעס. ער וויל אויפשטיין און קאָן נישט. אַלץ שטייט פאַרשמאַכט פון דער היץ. פון שאָסיי, לענג אויס דעם בית־עולם, טראָגט זיך אַ מאָנאָטאָן טרוקן קלאַפּערן פון רעדער. דאָס פירט מען אַלץ ציגל פון בעריש ענגעלמאַנס ציגלעריי. אַ דיקער ווייסער שטויב לעגט זיך אָפּ אויף דעם פּלויט. יעקב טאָר איצט נישט צוריקגיין אין שטאָט אַריין. ער מוז זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בית־עולם. פאַרנאַכט וועט ער פון דאַנען אַוועקפאָרן שוין אויף שטענדיק.

לאַנגע אויסגעצויגענע שאָטנס פאַלן פון די מצבות און מישן

זיך אויס מיט די ווילדע בית־עולם גרעזער, וואָס רייסן אין האַלדז מיט זייער ריח. אין דער פּאַרנאַכטיקער טונקלקייט עפּענען זיך אויף די קברים. עס שטייען אויף געשטאַלטן פון באַקאַנטע, שוין לאַנג געשטאָרבענע. בלויז רחלע איז נישטאָ. זי איינע פעלט דאָ אַצינד. אין יעקבס מידן מוח עגבערט עפּעס. וואו קאָן רחלע זיין? ער מוז גיין זי זוכן. זי באַהאַלט זיך אויס אין דער אַלטאַנע פון זייער גאָרטן.

ער נעמט די פידל אונטערן אָרעם און פאַרלאָזט דעם בית־עולם. ער גייט מיט זייטיקע שטעגן צו בעריש ענגעלמאַנס גאָרטן. עס איז פינצטער. פון שאַסיי דערטראָגן זיך מיידלשע געלעכטערס. צווישן די קאַשטאַן־ביימער, אויף די אָפּגעהאַקטע שטעמלעך, זעצן זיך אויס פּאָרלעך. איין פּאָרל פעלט אַצינד. דאָס פּאָרל פון יעקב און רחל. רחלע קאָן דאָרטן נישט זיין, ווייל זי איז אויף דעם שוואַנען־אינזל אין מיטן סטאַוו. דאָרט אַרויף פירט אַ שמאָל הילצערן בריקל. אָט איז די שפּאַרע אין פּלויט, וואָס ער האָט זיך מיט יאָרן צוריק געמאַכט. ער רוקט פונאַנדער דאָס ברעט, שאַרט זיך פּאַמעלעך אַריין אין גאָרטן. בלייבט שטיין אַ ווײַלע און הערט זיך איין אין דער שטילקייט מיט וואַכעדיקע אויערן. עפּעס פעלט איצט אַצינד אין ענגעלמאַנס גאָרטן. די בלומען־גאַזאָנען זענען נישטאָ. די וועגן זענען ווילד פאַרוואַקסן מיט גראָזן. צווישן די גראָזן וואַלגערן זיך אַרום צעבראָכענע צווייגן, ברעטער פון קאַמערן. עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט אַ סך סוכות צענומען. רחלע מוז זיין אין דער אַלטאַנע. באַלד וועט ער זי דערזען. ער האָט פּאַר איר צוגעגרייט צו שפּילן אַזעלכעס, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געהערט... מער ווי איינמאָל אין לעבן קען מען דאָס נישט שפּילן... די גאַנצע בענקשאַפט זיינע, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט, וועט ער פּאַר איר איצט אויסשפּילן. ער באַרירט די סטרונעס. איבערן גאָרטן גיסן זיך שטילע, דינע טענער. זיי גלעטן די ביימער, שפּרייטן זיך אויס איבערן גראָז, דרינגען אַריין אין די שלאָפנדיקע, פייגלשע נעסטן. אַלץ האַלט איין דעם אָטעם און הערט זיך איין אין דעם געוויין פון דער פידל. אַפילו דאָס שמעקעדיקע מאַי־ווינטל בלייבט הענגען אין דער לופטן פאַר־טראַכט... בלויז רחלע וויל נישט הערן זיין שפּילן. זי איז טויב און ווייסט נישט, וואָס מיט איר יעקבן קומט פאָר. די אַלטאַנע איז ליידיק. וואו קען זי איצט זיין? ער פאַרקערעוועט אָן אַ זייט צו דעם שוואַנען־אינזל, שטעלט טיפע טריט אין דער צעווירענער ערד. דער

טוי נעצט דורך זיינע פיס. אָט איז שוין דער לאַנגער, פלאַטשיקער שטיין, אויף וועלכן ער פלעגט זיצן מיט רחלען. ווי קאָן דאָס זיין, אַז אַזאַ ריזיקער שטיין זאָל האָבן אַראָפּגעפאַלן פון אַ שטערן? אָבער וואו איז דאָס בריקל? וואָס פירט צו דעם אינזל? דאָס בריקל איז נישטאָ... צו וואָס דאַרף ער עס האָבן? ער אַליין וועט זיך מאַכן אַ בריק... די פידל וועט פאַר אים אויסלייגן אַ וועג... זי באַקלאָגט זיך, די פידל. זוכט עפּעס און קאָן נישט געפינען. רחלע, רחלע, קלאָגן די סטרונעס. וואו ביסטו, רחלע? די וועלט האָט אויסבאַהאַלטן רחלען און וויל זי נישט צוריק אַרויסגעבן. ער וועט זי צוריק געפינען... באַלד וועט ער צו איר צוקומען...

דאָס וואַסער גרייכט אים שוין ביז צו די אָרעמס. עס קילט זיין ברוסט און מאַכט שווערער די טריט. די טענער קומען איצט אַרויס פייכטע און אָנגעשוואָלענע. זיי טראָגן זיך, ווי בלעזלעך, וואָס פּלאַצן אַלע ווײַלע איבערן וואַסער. ער מוז האָבן געדולד. נאָך אַ ווײַלע און ער וועט דעם אינזל דערגרייכן. דאָרטן וועט אים רחלע דערלאַנגען די הענט.

דאָס וואַסער וויקלט זיך מיט נאַסע ריטער אַרום זיין האַלז. ער פּילט אַביטערניש אין מויל. די פידל שפּילט אונטערן וואַסער און גיט פון זיך אַרויס טיפע זיפצן. די טענער האָבן קיין כוח נישט צו טראָגן זיך אין דער לופטן. זיי פאַלן אַראָפּ אויפן דעק ווי אונטערגעשאָסענע פייגל. דער אינזל רוקט זיך פון אים אָפּ. ער מוז זי דערגרייכן. נאָך היינט וועט ער זען רחלען. עס נעצן אים די האָר. ער הערט אַ בולבען אין די אויערן. די אויגן פינטלען פון מידקייט. מיטאַמאָל הערן זיי אויף צו פינטלען. ער דערזעט אויפן וואַסער אַ ווייסע שוים, וואָס שפּילט זיך מיט דער לבנה. ניין, דאָס איז נישט קיין ווייסער שוים. דאָס זענען רחלעס האָר. זי רופט אים, ווינקט צו אים. ער הערט אָבער נישט איר קול, ווייל זיינע אויערן זענען אינגאַנצן צו. זי שטרעקט צו אים אויס אַ לאַנגע האַנט, ער קאָן זי אָבער נישט דערגרייכן. זיין האַנט איז פאַרנומען מיט דער פידל. באַלד אָבער שווימט די פידל אַליין אַוועק. ס׳ווערט אים לייכטער. ס׳איז אים מיטאַמאָל גרינג געוואָרן. ער גיט אַ פלי און כאַפּט אָן רחלען פאַר דער האַנט. איצט טראָגן זיך ביידע ערגעץ ווייט אַוועק. זיי פליען ראַשיק, שנעל. ס׳ווערט פון זיי איין קנויל. דער קנויל קייקלט זיך וואָס אַמאָל שנעלער און העכער, ביז ער צינדט זיך אָן אין אַ שטערן און בלייבט אַזוי הענגען צווישן הימל און ערד.

פון דער העברעאישער פּאָעזיע

יהודה לייב גאָרדאָן — צווישן ציינער פון לייבן.

שאול טשערניכאָווסקי — עלקעם חתונה.

יידיש — י. י. שוואַרץ*)

*) דאָס זענען אַרבעטן פון י. י. שווארצס אַנטאָלאָגיע פון דער העברעאישער פּאָעזיע אין יידיש, וואָס דאַרף בקרוב דערשיינען.

יהודה לייב גאָרדאָן

צווישן צוויינער פון לייבן

(פּאָעמע)

א

פון דרויסן דער גרויזאַמער שונא וואָס פּרעסט,
ברעכט מויער און פעסטונג מיט צאָרן און שפּאָט;
און אינווייניק — ברודערקריג, הונגער און פעסט —
צי האָפט איר נאָך אַלץ צו באַשיצן די שטאָט?
זאָל זיין וואָס עס איז — איר נעמט אָן זיך מיט מוט,
שטרענגט אָן אַלע כוחות, מיט אימפּעט, אין בלוט —
ווייל ווי צו ירושלים, און ווי צו איר שומר,
אויב פאַלן וועט איר אין די הענט פון די רוימער!

מיין פאָלק, ביסט פאַרלוירן! מ׳האָט דיך נישט געלערנט
מלחמה צו פירן מיט שכל און זין —
וואָס קען פון דיין קראַפט און פאַרצווייפלונג שוין ווערן,
אַז ווייסט פון סטראַטעגיק נישט און דיסציפּלין?
מען האָט דיך געלערנט אַלץ הונדערטער יאָרן
און שולן געגרינדעט — און וואָס איז אַצינד?
געלערנט דיך אָקערן שטיינער און דאָרן
צו דרעשן דעם שטרוי און צו אויפהיטן ווינט.

מען האָט דיך געלערנט צו וויכן פון לעבן,
זיך אָפּשליסן איינזאַם אין מויער און צוים;
זיין טויט אויף דער ערד און צום הימל בלויז שטרעבן,
צו טרוימען אין וואָר און צו ריידן אין טרוים.
דערפאַר איז דיין זאַפט אויסגעטריקנט געוואָרן,
און אויסגעוועפּט האָט זיך דיין קראַפט, אַטראָפירט;
פאַרפּילט דיך מיט שטויב און מיט שימל פון ספרים,
אויף אייביקע דורות דיך איינבאַלזאַמירט.

מען האָט דיך געלערנט פון וויסן אַנטלויפן,
פון אַלץ וואָס קען העלפן אין צייטן פון נויט —

און דינים אויף דינים געשאָטן מיט הויפנס,
דיין האַרץ פאַרן ערדישן לעבן געטויט.
מ׳האָט דיך נישט געלערנט, ווי נאָך צו באַגליקן,
און קונסטן מיט וועלכע ס׳קען לעבן אַ לאַנד —
פאַרפלייצט איז דאָס לאַנד דיינס מיט גזירות וואָס דריקן,
אַ וואַסער אַ פלאַכס פול מיט פיש ביז צום ראַנד.

אין הויז פון בן־גוריון צונויף זיך געקומען —
איז האָבן זיי קריגס־פלענער דאָרטן באַטראַכט?
מיט „קריאת־שמע״, מיט „גויישן וויין״ זיך פאַרנומען
מיט שווערד אין דער האַנט נייע דינים געמאַכט,
און גזירות אויף גזירות וואָס האָבן קיין זין ניט,
ווען ס׳ציטערט דאָס לאַנד און עס בלוטיקט אין קריג;
זיי האָבן קיין שול פאַר דער יוגנט געגרינדעט,
צו לערנען געפעכט, וואָס זאָל פירן צום זיג.

ניט אויפגעשטעלט קיינעם צו פירן מלחמה,
קיין נוצלעכע מיטלען געשאַפן קיין האַנט —
אין העלדנמוט פון דיינע זין, פול נקמה,
און מיט זייער גלוטיקער ליבע צום לאַנד,
ווען זיי וואָלטן וויסן צו קעמפן און קריגן
און וואָלטן געגרייט זיך מיט קריגס־מאַטעריאַל —
קען זיין, אַז דו וואָלסט גאָר דעם שונא באַזיגן,
און ס׳וואָלט ניט געווען אַזוי ביטער דיין פאַל.

און איצט וועט דער שונא דיין פעסטונג פאַרוויסטן,
און דיינע גבורים צעשפּרייט אויפן ווינט —
ער האָט אין דער שטאָט שוין אַריין זיך געריסן,
און שטראָמט צו דעם געטלעכן באַרג שוין אַצינד.
צום קאַמף ביז צום סוף פאַר דער היימישער ערד,
פאַר גאָט און זיין הייליקן הויז ציט אַ שווערד!
ווייל ווי צו ירושלים, און ווי צו איר שומר,
אויב פאַלן וועט זי אין די הענט פון די רוימער!

ב

. . . אָ, מאַרטאַ, מיין טייערע, זיי מיר געזונט!
כ׳גיי ווידער אין קריג, ס׳איז פאַרהיילט שוין מיין וואונד.

ס׳שפּאַנט טיטוס — און פייער און בלוט איז זיין טראַט —
אָ, וויין נישט, איך בעט דיך, וואָס העלפט דען די טרער?
דערלאַנג מיר מיין שווערד און טו תפילה צו גאָט,
כ׳זאָל קומען בשלום צוריק נאָך אַהער.

— גיי, שמעון געליבטער, און פיר דיין אַרמיי —
אַ רגע איז טייער, אייל שנעלער און גיי.
עס האַלט זיינע אויגן אויף דיר גאָר דאָס לאַנד.
ניט זאָרג זיך פאַר מיר, איך בין וואויל שוין באַקאַנט
מיט לייד און מיט אומגליק וואָס אונדז איז געשען —
כ׳האָב פאָטער און ברודער געקרייציקט געזען.

— עס פאַלט צו די נאַכט מיט איר שאָטן און ציט,
דאָס ליאַרעמען פון שונא דערשרעקט דאָס געמיט.
איך גאַרטל אַרום דיינע לענדן דיין שווערד,
אַ שווערד פון נקמה פאַר גאָט און זיין ערד! —
איר פנים האָט זיך מיט אַ רויטקייט באַגאָסן,
און ס׳האָבן די טרערן גערונען, געפלאָסן.

איין רגע, — צוזאַמענגעגאָסן זיך פעסט,
און ברוסט האָט צו ברוסט זיך פאַרצווייפלט געפרעסט:
— אָ, מאַרטאַ געטרייע, געזונט זאָלסטו זיין!
— אָ, שמעון געליבטער, דו טייערער מיין!
מיט הערצער צעפליקטע, צום סוף זיך צעשיידט —
אַוועק אינם שלאַכטפעלד, אויף לעבן און טויט!

אָ, אויג וואָס זעט אַלץ — האָסט די טרערן געזען?
צי וועסטו זיי זאַמלען אין בעכער פון לייד,
צי אפשר גאָר פאַלן די טרערן אומזיסט?
און וואָס וועט מיט זיי, מיט די צוויי, נאָך געשען?
צי וועלן זיי ראַטעווען זיך נאָך מיט פרייד
פון טויט, פון געפאַנגענשאַפט, קנעכטשאַפט און פיין?
איז דאָ נאָך אַ האָפנונג אין לעבן אין וויסט
צו טרעפן זיך, איידער די גרוב שלינגט זיי איין?

ג

די שטאָט איז אין פלאַמען. געשרייען פון האַסער,
עס פלאַקערט דאָס פייער און בלוט שטראָמט ווי וואַסער.

געשריי פון דעם זיגער און קרעכץ פון באַזיגטע —
איז דאָס ירושלים, פאַרבלוטיקט־צעפליקטע?

באַזיגט מיינע העלדן, מיין הויז איז פאַרברענט —
און וואו מיין געליבטע, וואָס שטאַרקט מיינע הענט?
אַ בראַנד אין די גאַסן, אַ בראַנד אין נשמה —
די קייט אויף די הענט לאָזט ניט נעמען נקמה.

אַלמעכטיקער גאָט! שיק דיין דונער פון נעפל,
גיס פעך אויף דעם בלוטיקן שונא און שוועבל!
וואָס שווייגסטו? זיי האָבן דיין נחלה פאַרצערט,
מיט בלוט פון די קינדער פאַרקנאָטן איר ערד!

און, מאַרטאַ, וואָס איז איצט דיין גורל אין נויט —
צי ביסטו געפאַנגען, צי, בעסער, ביסט טויט?
נקמה צו נעמען פאַר דיר קען איך ניט —
מען שלעפט מיך נאָך רוים איצט אין קייטן געשמידט.

ד

אַ גרויס שטאַרק פאָלק, וואָס האָט די וועלט באַזיגט,
דער הערשער פון דער גאָרער ערד
דורך פייער און שווערד —
יובלט, שאַלט וואָס עס האָט אונטערדריקט,
געשפאַנט אין יאָך
אַ קליין און אָרעם פאָלק געגרייט צום בראָך,
וואָס האָט באַוואוינט אַ קליין, אַ פיצל לאַנד.

הונדערטער טויזנט אין שלאַכט אומגעקומען,
אויףביימער געקרייציקט, צערונען דורך שווערד;
הונדערטער טויזנט געפאַנגען גענומען,
פאַרקויפט, ווי די שאָף, אויף אַ פיינטלעכער ערד;
הונדערטער טויזנט אין תפיסות פאַרנומען
צו ווערן פון לייב און פון לעמפערט פאַרצערט.
און אין דער געפאַנגענשאַפט פון ירושלים
האָט אויך זיך די איידעלע מאַרטאַ געפונען;
און איינע אַ רוימישע פרוי, אַגריפינאַ,
האָט אָפּגעקויפט זי, פאַר אַ שקלאַפין גענומען.

און צווישן די מאַנסלייט, פאַרמשפּט צום טויט,
זיצט שמעון דאָרט פאַר דער אַרענע געגרייט.

ה

עס שאַלט אויף די היגלען די זיבן און קלינגט —
רוים זינגט!

וואָס רוישט דער המון און ער שאַלט, טריאומפירט?
וואָס איז היינט — קאַלענדאַ? סאַטורנאַליאַ באַצירט?
— פּרינץ טיטוס, „די פרייד פון דעם מענטשלעכן מין",
זיך קיינמאָל ניט שלאָפן געלעגט, ביז ער האָט
נישט אָפּגעטאָן פריער אַן אַקט פון גענאָד —
קומט אָן היינט אין רוים מיט פּאַראַד און מוזיק
און פירט זיינע רעשטן חיילות פון קריג.
לכבוד אים האָט מען אַ טויער געבויט,
דאָס קומט ער צוריק פון יהודה מיט זיג.
ער האָט זיי צעטראָטן, ער האָט זיי צעשפּרייט,
געמאַכט פון זייער בלוט זיך אַ פּורפּורנע קלייד.

נאָך אים ציט דאָס יידישע חייל אין קייטן,
און פאַר אים? — אויף מויל־אייזלען ווערן געפירט
דאָס רויב פון יהודה און הייליקע כלים
וואָס האָבן אין מקדש אַמאָל שימערירט,
צו דעם קאַפּיטאָליום — פון ציון דער שטאָט,
צום טעמפּל פון צעאוס — פון היכל פון גאָט!

אַזוי ווי די כוואַליעס פון טיבער וואָס ברויזן
אַזוי רוישט דאָס פעבל אין טויזנטער טויזנט.
די אַדללייט זענען נאָך פריער געקומען,
באַצירט די אַרענע מיט פאָנען און בלומען;
ווייל דאָרט האָט דער „תענוג פון מענטשן" פּאַרגרייט
אַ גרויזאַם ספּעקטאַקל פון בלוט און פון טרערן;
צום טויט די געפאַנגענע זענען באַרייט
פון חיות פון ווילדע צעריסן צו ווערן.

אויף די איידעלע מאַטראָנעס
פון די דינערינס באַגלייט —

אײלן זיך צו דעם ספּעקטאַקל
צו באַטרינקען זיך מיט פרייד;
האַרכן ס׳כאָרכלען פון א גוסס
און געברום פון ווילדן לייב;
צוזען, ווי דאָס בלוט פון האַרצן
פלייצט און גיסט זיך אינם שטויב,
ווי אַ מענטשנס גוף זיך צאַפּלט
צווישן ציינער פון אַ לייב.

אַרום דער אַרענע הויבט אויף זיך אַ מויער,
אַ פּרעכטיק טעאַטער, געבויט נאָר אויף וואונדער;
געפּאַקט איז דער בנין מיט מענער און פרויען
פון אויבן — דריי גאָרן די הויך — ביז אַרונטער.
די בענק און די לאָזשעס געפּראַפּט ביז די ברעגן
מיט פּנימער צו דער אַרענע אַנטקעגן.

און האַרט ביי דער וואַנט פון דעם מיטלסטן גאָרן
דאָרט האָט אַגריפּינאַ איר לאָזשע פאַרנומען;
און צווישן די שקלאַפינס, געבויגן, פאַרלוירן,
געפינט זיך דאָרט איינע אין טרויער אין שטומען.
איר ווייטיק איז גרויס, זי איז בלאַס, זי איז שטום —
נאָר ווער זאָל אַרן, און ווער קוקט זיך אום?

געעפנט זיך שטיל האָט אַ טיר פון אַרענע —
אַ בחור איז אויף דער אַרענע אַרויס;
איז נאַקעט, אַ גאַרטל בלויז דעקט צו די לענדן,
אַ מעסער אין האַנט זיינער, איין שפּאַן די גרויס.
סימנים פון וואונדן קוים־קוים וואָס פאַרצויגן,
און ס׳מערקן נאָך שפורן פון קייטן די אויגן.

וואָס איז, יידיש מיידל, פאַרוואָס ביסטו בלאַס?
דו ציטערסט, דו פלאַטערסט, דיין בליק איז דיר נאָס?
עס שעפּטשען די ליפּן און מורמלען אין פיבער:
„אַזוי איז אונדז טרעפן זיך ווידער באַשערט?
„אַ, גאָט, זאָל מיין תפילה איצט ווערן דערהערט,
„ניט גיב אין די ציין פון דער חיה אים איבער!”

אָ, אויער וואָס האָרכט! האָסט געהערט דאָס געבעט?
וועט וואונדער געשען דאָ נאָך איידער ס׳ווערט שפּעט?
צי, אָדער, דו האָסט זיך מיט וואָלקנס פאַרשטעלט,
פאַרלאָזן אין מערדערשע הענט איז די וועלט?

עס האָבן די טירן פון שטייג זיך צענומען —
אַ ליבישער לייב האָט אַריין זיך געריסן.
בלוטדורשטיק און ווילד איז ער שטיל אָנגעקומען
(מ׳האָט יענעם טאָג נישט געגעבן אים עסן,
כדי אים נאָך גרויזאַמער, ווילדער צערייצן)
די גריוועס צעשויבערט, צעפּלאַכטן, ווי שפּיזן,
דאָס האָר טוט זיין גוף ווי אַ האַרבסט־וואַלד פאַרפלייצן,
דער עק — ווי אַ דעמבנצווייג, ציינער — ווי מעסער.
אין לעכער מיט שטעכיקע וויעס פאַרצויגן —
פאַרגאָסן מיט בלוט בליצן רויט זיינע אויגן.

אַ רגע — און שטיל איז געשטאַנען דער לייב,
(זיין קרבן באַטראַכט נאָר, צי האָט ער די ווערט,
צו ווערן פון מלך פון חיות פאַרצערט)
דערנאָך זיך צעטרייסלט, געטאָן זיך אַ הויב,
און האַסטיק פאַרשנעלערט די טריט און זיין קרייז
אין ווילדער רציחה און בלוטדורשט און פלייס,
פאַרקלענערט דעם עגול מיט יעטווידן בויג,
פון קרבן אַ רגע נישט אָפּגעלאָזט ס׳אויג,
באַטראַכטנדיק ווי ער קען אָנפאַלן שנעל
און מאַכן פון קרבן פון זיינעם אַ תל.

אַזוי ווי אַ דעמב, — טיף פאַרוואָרצלט די טריט —
אַזוי שטייט דער בחור צום גרונט צוגעשמידט.
דאָס הענטל פון מעסער צום האַרץ טוט ער דריקן —
ווייל דאָס איז זיין איינציקע האָפענונג געבליבן,
אויב דאָ נאָך איז האָפענונג דעם לייב צו באַזיגן.
די מוסקלען געשפּאַנט, ווי די שטריק אויפן בויגן,
ווי צוויי שאַרפע פיילן די גליאיקע אויגן,
געשמידט צו די טריט פונם רויבער וואָס טרעט —
אַזוי ווי אַ נאָדל וואָס ציט צום מאַגנעט.

זיין צאַרנדיק פּנים איז בלאַס אים ווי קרייט,
געגרייט צו דעם טויטלעך געראַנגל און שטרייט.
נאָר רואיק די נערוון אָן מורא, אָן שרעק —
ניט ס׳ערשטע מאָל קומט אים דער טויט אויף זיין וועג.

דער לייב האָט זיך פּלוצים צעדונערט, צעברומט,
בליצשנעל זיך געוואָרפן צום קרבן — ער קומט —
אַ שטעל זיך געטאָן אויף די הינטערשטע פיס,
אַ שוואונג מיט דער לאַפּע צו געבן אַ ריס —
נאָר שמעון האָט פלינק אין זיין שפרונג אים באַגעגנט,
און איידער דער לייב האָט באַרירט מיט די נעגל, —
האָט ער אים מיט גאָר זיינע כוחות געשטאָכן,
פאַררוקט אים דאָס מעסער צווישן די ריפּן.
נאָר ס׳האָט זיך דער קלינג אָנגעשלאָגן אָן ביין,
אָן ביין פון דעם לייב, ווי פאַרהאַרטעוועט שטיין,
און ס׳האָט זיך דאָס מעסער אין צווייען צעבראָכן,
און שפּיץ פונם מעסער אין וואונד איז פאַרבליבן.
דער לייב האָט צוריק זיך געוואָרפן מיט כריפּן,
פון וואונד האָט געשפּריצט מיט אַ שוואַרצן שטראָם בלוט
וואָס איז מיט אַ שיפּען געפאַלן צו דר׳ערד;
אין ווילדן געברום האָט זיך ווייטיק געהערט —
נאָר ס׳זענען אַריבער אַ צוויי דריי מינוט
האָט ער זיך געשטאַרקט, איז אין עגול אַוועק
געוואָרפן אויף אים, אויף זיין שלעגער, אַ שרעק.

איצט שטייט ער פאַרצווייפלט, צום טויט אָנגעטריבן —
ער שטייט פאַר די נעגל פון חיה איצט אָפן;
ס׳איז גאָרנישט, חוץ ס׳הענטל פון שווערד אים געבליבן,
וואָס העלפט אים זיין כוח, אויף וואָס קען ער האָפן?
ווי זוכנדיק הילף זיינע אויגן פאַרהויבן —
די אויערן טויב און די הערצער — פון אייזן;
אַ הימל פון שטאָל און פון אייז ליגט פון אויבן —
פונוואַנען וועט, עלנטער, הילף זיך באַווייזן?

נאָר וועמען באַגעגנען דאָרט זיינע אויגן —
איז דאָס אַ מיראַזש, וועלכער כישופט און שטראַלט?

אָן שטייט דאָך זיין מאַרטאַ, אין קנעכטשאַפט געבויגן —
צעברעקלט זיך, הימל און ערד, און צעפאַלט!
דאָס דאָזיקע בילד האָט זיין בלוט אים געצונדן,
און מורא, פאַרצווייפלונג, זיי זענען פאַרשוואונדן.

אוי, ווער קען אין מענטשלעכן האַרץ אַריינדרינגען?
ביים ראַנד פונם קבר, גאָר נאָענט צו זיין סוף,
טוט אַלץ נאָך די האָפנונג אים כישופן, ווינקען —
אויך ער, דער פאַרלוירענער, האָט נאָך געהאָפט,
באַזיגט ער דעם לייב — וועט מען פרייהייט אים געבן,
און אויפריכטן וועט ער פונסניי זייער לעבן!

„אָ, גאָט, גאָט פון שמשון!" — געטאָן זיך אַ הייב,
אַ צי זיך געגעבן אַ טריט אויף צוריק,
דערנאָך זיך געוואָרפן מיט אימפעט צום לייב,
ווי אָננעמען אים און צערייסן אויף שטיק.
פאַרלוירענער העלד! צי דו ווייסט ניט ביז היינט נאָך,
וואו האָט זיך דיין גאָט, גאָט פון שמשון, באַהאַלטן?
דיין גאָט דער אַלמעכטיקער איז מיט די פיינט דאָך, —
פון דיר און דיין פאָלק האָט ער אָפּגעקערט ס׳פּנים,
און האָט זיך געקערט צו די פּלישתּים, די שונאים;
און ווי ס׳איז דיין פאָלק נישט דערבאַרעמט געוואָרן,
אַזוי ביסטו אויך נישט דערבאַרעמט. דיין גאָט, גאָט פון צאָרן,
זיין בונט מיט זיין אויסדערוויילט פאָלק האָט צעריסן,
דיך איבערגעענטפערט אין בלוטיקער האַנט
פון פאָלק וועלכעס וויל אים ניט קענען און וויסן;
זיין היכל אַוועקגעשיקט האָט ער מיט בראַנד
ווען אומגערן האָט ווער אַ פאַקל פאַרוואָרפן;
דער אייגענער גאָט האָט צעבראָכן דיין שווערד,
זאָלסט ווערן פון חיה פון ווילדער פאַרצערט!

און אָט האָט דער לייב זיך אַ וואָרף געטאָן ווידער —
ער האָט זיך געשטאַרקט נאָך, פאַרצווייפלט געווערט,
געראַנגלט זיך טויטלעך, וואָס ווייטער אַלץ מידער, —
נאָר באַלד האָט דער לייב אים געוואָרפן צו דר׳ערד.
די פורכטבאַרע נעגל אין לייב אָנגעשטאָכן,
זיין בויך אויפגעריסן מיט רציחה און וואוט;

געלאָקערט זיין בלוט, זיינע ביינער געבראָכן,
זיין פגר געשלעפּט אַ פאַרשמירטן אין בלוט.

עס שטורעמט דאָס פּעבל אין זיגעריש שאַלן —
נאָר וואָס פאַר אַ טויטקרעכץ דערגייט פון באַלקאָן?
אַ יידישע שקלאַפין גייט אויס, איז געפאַלן —
פאַרוואָס און פאַרוועז? — דאָס גייט קיינעם נישט אָן,
ס'האָט קיינער אויף איר נישט רחמנות געקראָגן —
זי האָט צווישן ציינער פון לייב אים געזען,
האָט ס'האַרץ זיך געבראָכן און אויפגעהערט שלאָגן —
איר טויט איז צוזאַמען מיט זיינעם געשען.

מקויים איז, שמעון, דיין האָפנונג פון יאָרן:
דיין מאַרטאַ באַפרייט איז פון קנעכטשאַפט געוואָרן!

שאול טשערניכאָווסקי

עלקעס חתונה

(אידיליע)

„יום ג׳״. „צום באַדעקנס״. „חופּה־וועטשערע״.

דינסטיק גאַנץ פרי האָט געשטעלט זיך מיט מוזיק און געזאַנגען.
איז אַוועק די קאַפּעליע קלעזמאָרים, אַוועק מיט׳ן בדחן אינאיינעם,
דעם חתן מקבל־פּנים זיין, דעם פיינעם „דאָברי־דזשען״ אים שפּילן.
עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ כאָפּטע פון שקצים׳לעך קליינע
צום רוף פון טראָמפּייט און פון פּויק — דער קאַפּעליע באַלאַגערט.
און ווי נאָר עס האָבן די קלעזמער און בדחן פאַרענדיקט —
געגומען צו קאַפּעליע בראָנפן, מיט קיכלעך מיט זיסע פאַרביסן,
איז האָבן זיי באַלד זיך פאַרנומען, אַוועק צו דער כלה. פאַראויס איז
געלאָפן דאָס חיל פון שקצים מיט ווילדן געפּייף און געפּילדער,
געזונגען, געשפּרונגען, פאַרטשעפּעט די הינט פון דער שכונה,
און באַלד, מיט איין שפּרונג, פאַר מרדכיס הויז אָנגעקומען —
זיך אויסגעשטעלט אַלע אין איין שורה, דער כלה געשפּילט אַ
„דאָברי־דזשען״.
און עלקע, פאַרשעמט און פאַררויטלט, דערלאַנגט זיי דעם כבוד,
דעם לעקאַך־און־בראָנפן, און חברה צעגייט אַזש פאַר תענוג.

אַזוי ווי די פייגלען וואָס שטעלן זיך אָפּ ביי אונדז איבערן ווינטער,
וואָס קלייבן צענויף זיך אין האַרבסט, ווען אין וואַלד שטייט אַ הונגער,
ביים שייער ביים פּולן, וואו ס׳האָט זיי דער יעגער פאַרמאַניעט
מיט קערנער:
די קומען און קוקן, און די שפּרייטן אויס אַ פּאָר פליגל,
אַנטלויפן און קומען צוריק באַלד, פאַר׳גנב׳ענען זיך כאַפּן אַ קערל.
איינציקווייז קומען זיי: בלויפויגל, טזשיזשיק און רויטברוסט,
גלאַנצן מיט פאַרביקע פעדערלעך גרינע און רויטע און בלויע,
שוואַרצסאַמעט און געל פון ציטרינען — אַזוי זענען מיידלעך
צונויף זיך געלאָפן ביי עלקע׳ן, דער כלה, אין חדר.
שעמערירן אין אַלע קאָלירן, באַהאַנגען מיט גאָלד און קאַרעלן,
און ס׳טראָגן זיך ריחות־פאַרפומען פון זיי פונדערווייטנס.

די פליען אַריין אין געלויף, און די טוען האַסטיק פאַרפליען,
זיי טשוויטשערן פריילעך און סטראָיען זיך אויס קעגן שפיגל,
גלעטן אויף זיך אויס די זאַכן, און העלפן זיך איינע דער צווייטער.

און ס׳האָט שוין די זון זיך געהאַלטן אין זעצן אין מערב,
ווען ס׳האָבן די מיידלעך אַ שטראָם געטאָן, פונקט ווי די פלאַטערלעך
אין אָנהויב פון פרילינג, צי גאָר, ווי אַ בלומענבוקעט וואָס,
צעפאַלט זיך ;
און עלקע, אין שלייער און חופּה־קלייד, איז צווישן די חבר׳טעס,
אַ בלאַסע, אַ שלאַנקע, אַריין אין באַלויכטענער שאַפע,
וואו ס׳האָבן געוואַרט שוין אויף איר די קאַפעליע און בדחן.
הויבט אָן דער בדחן מיט ניגון : „לכבוד דער בתולה, דער כלה,
די שענסטע פון מיידלעך אַלע — טוט ווי די זון אין תמוז שטראַלן —
ווי ירושלים איידער זי איז געפאַלן — דאָס נחת פון טאַטע־מאַמע —
און פון אַלע גוטע פריינט צוזאַמען — שיין און איידל ווי פאַר׳ן מלך—
קלעזמער, לעבעדיק, פריילעך ! — שלאָגט אין פּויק און אין טאַצן —
אַזש די סטרונעס זאָלן פּלאַצן !״
און באַס און פידל האָבן צוגעברומט,
טראָמפּייט האָט צוגעאיילט, און צווייטע פידל טוט באַגלייטן —
אַ זעץ געטאָן אַ דונערדיקן טוש — פאַרטויבט צו ווערן.
ס׳טוען זיך אַ לאָז די חבר׳טעס, באַפאַלן זי מיט קושן,
ס׳ווערט אַ געפּילדער און רעש, ביז דער בדחן נעמט איין זיי.
איצט הויבן אָן זיך די טענץ — טאַנצן די מיידלעך צעפלאַמטע
אַ פּאָלקע, קאַדריל און לאַנסיע מיט דער כלה אינמיטן.
אַ בלאַסע פון תענית — דאָך שטייט זי נישט אָפּ פון די מיידלעך,
ווייל עלקע די קלוגע ווייסט אַלע מנהגים, און וועט ניט פאַרשעמען
די פריינדינס, וואָס קומען זיך פרייען מיט איר אין איר שמחה.
אַזוי האָבן זיי זיך פאַרווײַלט מיט די טענץ, און די שאַפע ווערט פולער :
עס קומען צונויף זיך די געסט די פאַרפּוצטע אין יום־טוב.
עס שטייט אַ געדראַנג און געקלאַנג און אַ פריידיקער טומל,
גרויס איז דער עולם — גאַנץ פּאָדעוועקע איז צו דער שמחה געקומען.

יונג און אַלט זענען געקומען, אַלע גוטע פריינט און קרובים,
און מיטגעבראַכט האָבן די מאַמעס די קינדערלעך אַלע.
(מיט מאַנדל־אויל אויסגעשמירט קעפּלעך, מיט פינגער אין נעזלעך)
געווען דערפאַר זענען דריי טעמים: ערשטנס, אויף ווען מען
פאַרלאָזט מען

אַהיים אָט דאָס קליינוואַרג, די כשר'ע שעפעלעך? צווייטנס,
וואָס גייט ווען מען אָן, אַז דאָס קליינוואַרג וועט האָבן הנאה?
און דריטנס, אויב יאָ שוין אַ שמחה, טאָ זאָלן זיי טאַקע געניסן.
איז געשטאַנען אַ פריידיקער טומל און פריילעכע ענגשאַפט,
אַ הו־האַ פון פראַגן און ענטפערס, און איבער דעם אַלץ די קאַפּעליע.
פּאַליק דער שמש האָט שבת פון באַלעמער אויסגערופן:
„מ'בעט ס'זאָל דער עולם נישט לאָזן זיך בעטן צו דער חתונה!"
זענען געקומען די דינסטן מיט זייערע פריינט און געליבטע,
באַלאַגערט די שוועלן פון שאַפע, דערשטיקט אַזש צו ווערן.
דערווייל איז דער חתן בײַ זיך נאָך אין חדר: עס קלײַבן די געסט זיך,
איינציקווייז קומען זיי, אַנדערע קומען אין פאַרלעך, ביז אָוונט
פאַלט צו, און די געסט הויבן אָן צו פאַרנעמען די פלעצער.
זיצט אויבנאָן שוין דער חתן ביים ריזיקן טיש דעם געגרייטן,
ליגט דאָס געפלאָכטענע שטריצל פאַר אים אַ פאַרברוינטע
מיט רויטלעכן זאַפראַן, מיט ראָזשינקעס זיס דורכגעקנאָטן,
פאַרדעקט מיט אַ זילבערן טישטעכל. האָבן דעם חתנ'ס
צוויי אונטערפירער זיך צוגעזעצט פון ביידע זייטן.
פאַרביסן מיט לעקעך און איינגעמאַכטס, טייגלעך און טאָרטן,
דער עולם האָט אויסגעזעצט זיך און גענומען צו גלעזל,
צעלייגט מיט אַ האַנט מיט אַ ברייטער אויף זילבערנע טאַצן.
דער חתן אַליין בלויז האָט גאָרנישט גענומען — ער פאַסט זינט
פרימאָרגן.

און אַז ס'האָט דער עולם זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהערט נאַשן,
האָט מען געשיקט אַנזאָגן: געענדיקט דער קבלת־פּנים!
דער בדחן דערהערט — נעמט ער איינשטילן תיכף דעם עולם,
וואַרפט זיך אַהער און אַהין, דונערט אַראָפּ אויף די ווייבער:
„ווייבער, זייט שטיל! צינדט אָן ליכט! מאַכט עס לעבעדיק, פלינקער!
ווייבער, צו כלה־באַדעקנס!" און ס'וואַרפן זיך ראַפּטאָם די ווייבער,
איינע דער צווייטער אין וועג, פרעגן און ענטפערן אַלע צוזאַמען,

מיט רעש און געפילדער: „אַ פלאַץ מאַכט, מאַכט פלאַץ פאַר
דער כלה!"
און גאָלדע די קעכין לייגט אויס זיך אַ וועג דורכ׳ן עולם
מיט לעבנסגעפאַר, ווי אַ זעלנער, וואָס רייסט זיך אַדורך דורכ׳ן שונא.
אין ברעטערנער שאַפּע, אין געלס און אין גרינס אויסגעסטראָיעט,
שפּאַנט זי פאַמעלעך מיט גאוה: זייט וויסן, דעם חתנ׳ס צד גייט דאָ!
(ניט מער און ניט ווייניקער) טראָגט זי אַ ריזיקע באַקדייזשע,
שטעלט זי די דייזשע אַנידער אין מיטן פון שאַפּע, קערט איבער
מיט דעק אין דער הויך, לייגט אַנידער אַ קישן, ציט איבער
מיט פערסישן טעפּיך געבלומטן; און צוויי אונטערפירערקעס
האָבן מיט טריט מיט געמאָסטענע צוגעפירט עלקע׳ן —
געזעצט זיך און צוגעדעקט זיך מיט דער ווייסער פאַטשיילע.
עס רינגלען אַרום זי די ווייבער מיט ליכט מיט געצונדענע —
איינציקווייז קומען זיי צו מיט געוויין און מיט טרערן,
פלעכטן די צעפּלעך פון קאָפּ פון דעם שיינעם פאַנאַנדער.
(דאָס האָר איז פון פריער געוועזן פאַרפלאָכטן אין צעפּלעך).
גרויס איז געווען דאָס געוויין: געוויינט האָבן אַלטע און יונגע
און מיטגעוויינט האָט אויך די כלה, די טרערן געשלונגען.
קינדערלעך הערן דאָס וויינען, זעען די מאַמע פאַרגייט זיך,
האָבן זיי אויך זיך פאַרגאַנגען, ווי ס׳פּירט זיך ביי קליינוואַרג.
דער בדחן האָט אויפגעשטעלט זיך אויף אַ באַנק, אָנגעהויבן
מיט ניגון און וויינענדיק קול, און דער באַס און דאָס פידל
באַגלייטן און האַלטן אים אונטער מיט כליפּ און מיט ציטער.
דער עולם באַגיסט זיך מיט טרערן, באַוויינט אונדזער כלה דער צנועה.
ער הויבט אָן מיט מוסר, איז מזהיר דער כלה אויף ווייבערשע מצוות,
באַוועגט זי צו תשובה — און ענדיקט מיט גוטס און נחמה:
„וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, איז אַ מענטש—אַז זיין סוף איז ווערים—
„דעריבער, כלה־לעבן, זאָלסטו גיסן מיט באַכן טרערן.
„זאָלסט בעטן דעם רבונו־של־עולם וואָס זיצט אויבן —
„ער זאָל דיין האַרץ אָנפילן מיט גלויבן, — וואָרים, ער איז מלך,
„איבער דער גאַנצער וועלט—און פירט דאָס לעבן ווי אים געפעלט—
"ער זאָל דיר, כלה־לעבן, געבן אַ גוט־האַרץ—און זאָלסט נישט וויסן
„פון ווייטיק און פון שמאַרץ—אין זכות פון צדקה וואָס דו וועסט
געבן —
„וועסטו זיך עלטערן אין עושר און אין כבוד דיין גאַנץ לעבן"...

דער בדחן ענדיקט—האָט דאָס פידל מונטער זיך צעלאָזן,
דער באַס האַלט אונטער, און די פרייד האָט זיך פאַרטאָפּלט.
אַזוי האָט מען באַוויינט די כלה עלקע, מרדכיס טאָכטער.

דערנאָך איז דער בדחן אוועק מיט דער פייגער קאַפּעליע,
געגאַנגען צום חתן, געטראָגן דער כלה׳ס מתנות: דעם קיטל
דעם ווייסן און ברייטן, דעם גאַרטל פון לייוונט און טלית,
די אַטלעסענע יאַרמולקע מיט זילבער באַנייט און באַהאָפטן —
און אויסגעלייגט אַלץ פאַרן חתן. מיט ערנסטע ווערטער
אים מזהיר געווען, ער זאָל גוט זיין צו גאָט און צו לייטן.
שטייט ער און דרשנ׳ט און גראַמט און באַוועגט אים טאָן תשובה
מיט וויינענדיק קול, און דער באַס און דאָס פידל באַגלייטן,
האַלטן אים אונטער מיט שטייגער און האַרציקן כליפּן.
ס׳האַרץ ביי דעם עולם צעגייט. מען דערמאָנט זיך אָן אייגענער יוגנט,
אָ טרויער באַפאַלט יעדן איינעם, עס ווייזן זיך טרערן —
ביז ס׳ענדיקט דער בדחן מיט מוסר און הייבט אָן מיט פריילעכס,
כאַפּן זיך אויף די קלעזמאָרים און דונערן ווידער מיט גבורה —
אַזוי האָט דער בדחן פאַר׳ן מענערשן עולם גע׳בדחנ׳ט.

געענדיקט זיין דרשה — דאַן טוען זיך אַלע אָ הייב פון די פּלעצער —
אַן עולם אָ גרויסער, געפּאַקטער, און לאָזט זיך צו „כלה־באַדעקנס״.
גייט זיך געלאָסן דער חתן, די אונטערפירער ביי די זייטן,
און הינטער זיי גייען די מאַנסלייט. שפּאַנט ער אינמיטן,
און ס׳האַרץ קלאַפּט מיט כח אין ברוסט און פאַרגייט זיך, פאַרגייט זיך.
אָט דוכט זיך אים אויס, ס׳האָט אינגאַנצן גאַר אויפגעהערט שלאָגן:
ווער איז זי? די קליינע, די שיינע, וואָס האָט אים פאַר׳כישופ׳ט?
ווער קען די צוקונפט דערגיין און פאַראויסזען דאָס לעבן?
אויב ווי זיין טאַטעס און מאַמעס — איז דאָ וואָס צו זיין אים מקנא!
געוויס, ווי ביי טאַטע און מאַמע, ווי טייער און ליב איז דאָס מיידל!
קלאַפּט דאָס האַרץ האַסטיק און פלינק, אָטאָ הערט עס אויף קלאַפּן אינגאַנצן.
אַזוי האָט דער חתן געטראַכט אויפ׳ן וועג צונ׳ם „כלה־באַדעקנס״.

און די ברעטערנע שאַפע איז באַלויכטן אַזוי ווי אָ פּאַלאַץ,
איר לייוונט־דאַך ווייסלט זיך רונדיק אַריבער די ברעטער,

באַהאַנגען מיט טעפּיך און פֿאָרהאַנג פֿון אַלע קאָלירן,
אין שיין פֿון אומצאָליקע ליכט און פֿון בליצלאָמפּן טוצן,
מיט גלעזלעך־קרישטאָלן, וואָס שימערן, רירן זיך, קלינגען.
זיצט זיך די כּלה אינמיטן דער שאָפע פֿאַרפּוצט אויף דער דייזשע,
ווי אַ מלכּה צווישן איר סוויטע, קומט צו דער חתן דער בלייכער,
האַלט ער דאָס דעקטוך אין האַנט, בלויז די ליפּן באַוועגן זיך:
„שוועסטער, זאָלסט ווערן ביי אונדז אין די צענדליקער טויזנט".
און צוגעדעקט האָט ער די כּלה. דאָס דאָזיקע דעקטוך
געווען איז אַ ראָזער פּרוכת, אַזוי ווי די מאַלינע־יאַגעדע,
פֿון טייערן זיידנס, מיט גאָלדענע פֿרענדז אויף די ברעגן.
און אויסגעזען האָט זי, די כּלה, אַזוי ווי אַ מזרח־פּרינצעסין
אין רעדל פֿון אירע באַגלייטערינס... איז דאָס געשען טאָקע,
אָדער, ס'האָט בלויז זיך געדאַכט דעם פֿאַר'חלומ'טן חתן?
געדוכט האָט זיך אים, אַז די צוויי שוואַרצע גלאַנציקע וויִעס
האָבן אַ צאַפּל געטאָן מיט אַ ברען און זיין האַרץ איז פֿאַרגאַנגען.
די חבר'טעס־מיידלעך, וואָס האָבן אַ רינג אַרום כּלה געשלאָסן,
האָבן דעם חתן באַשאָטן מיט גערשטן, מיט ווייץ און מיט קאָרן,
אַ גאָלדענער רעגן — אַ רעגן מיט זונשיין אינאיינעם!
רופט אויס דער בדחן: „אַלטינקע ווייבער, בענטשט דעם חתן!"
האָבן די זקנות געענטפֿערט: „גאָט ברוך הוא זאָל אים בענטשן,
ער זאָל נישט דאַרפֿן אָנקומען צו דער גאָב פֿון מענטשן!"
די כּלה הויבט אויף זיך פֿון דייזשע, בלייבט שטיין אינ'ם רעדל —
ווערט אַ געלאַף, אַ געדרודער: מאַכט פּלאַץ, מאַכט פּלאַץ פֿאַר דער כּלה!
רימפּלט דאָס פֿידל, און באַס און טראָמפּייט האַלטן אונטער,
און יאָסי דער בדחן רופֿט אויס מיט'ן ניגון דעם ערשטן טאַנץ.
רופט אויף די קרובֿות דער כּלה'ס און נאָנטסטע, און ענדיקט
מיט סאַמע דער לעצטער, וואָס איז צו דער שׂמחה געקומען.
און עלקע די קלוגע, ווייסט אַלע מנהגים און האָט נישט פֿאַרגעסן
קיין איינער, און קיינער פֿאַרשעמט. און יאָסי זינגט אויס מיט'ן ניגון:
„מ'בעט און מ'בעט דער גאָטספֿאַרכטיקער, וואוילקענעוודיקער צנועה,
„צוועטל, דער טייערער באָבען (זאָל לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק)
„גיין דעם ערשטן טאַנץ מיט דער כּלה — אָט גייט זי! אָט גייט זי!
„מאַכט פּלאַץ, מאַכט אַ וואַרע פֿאַר איר, פֿאַר דער באָבעניו, ליבער!".
האָבן די קלעזמער אַ דונער געטאָן דעם פֿיינעם פֿאַלאָנעז,
און צוועטל, די טייערע באָבעניו, קומט איצט אַרויס פֿונ'ם עולם,

געבויגן, דאָס פּנים צעקנייטשט, מיט די צערטלאַכע אויגן,
נאָר טונקל פון עלטער, אין פרייד פון איר אייניקלס שמחה.
נאָר שוואַרץ זענען וויהעס און שאָטענען איבער די באַקן,
די ברעמען — צוויי בויגנס פון סאַמעט, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן,
אַ רעשטל, אַ סימן פון יונגער געוועזענער שיינקייט.
געקליידט אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד פון דעם אַלטן פאַסאָן און געניי,
דאָס אויסגעהאַפּט „ברוסטטיכל" פאַלט איר אַריבער'ן האַרצן,
געהאַפטן מיט גילדענע פעדים, און שימערט, פאַרכאַפּט אַזש
די אויגן מיט איידל־געפורעמטע בלומען און קווייטן.
זיבן שניר פּערל פאַרשלינגען דעם מאַגערן האַלדז און דינעם,
ווי ליכטיקע צווילינג־טרערן פון קינדערשע אויגן,
„האָלענדישע פּערל" און טאַקע די בעסטע און שענסטע.
(ס'איז באַלד צו דערקענען, אַז ס'זענען ניט „יידישע פּערל"),
נאָך טראָגט זי אַ קייט פון „עלעקטראָן" אַ לאַנגע, אַ שווערע,
און אַ שפּילקע אַ גאָלדענס אַריינגעשטעקט אונטער די פּערל.
די אוירינגען — „טאָפּלט", מיט צוויי בריליאַנטענע שטיינער,
איין שטיין ביים לעמפּל פון אויער, דער צווייטער — אַרונטער,
פלאַקערן, גליען ווי פלעמלעך — פאַרכאַפּן די אויגן.
נאָר ווי אַ קרוין פון אַ מלכּה אַן אַלטער פון מזרח
באַקרוינט איר דעם קאָפּ דאָס שימערדיקע שטערנטיכל:
אַ פלעכטל פון סאַמעט פון שוואַרצן, וואו ס'גנעסטלט זיך סאַמע אינמיטן
און וויסט זיך אַ זילבערן בלעכל — פאַרזייט מיט בריליאַנטן,
און דימענטלעך זענען אַריינגעפאַסט אויך ביי די זייטן
פון דאָזיקן בלעכל אין לענג און אין ברייט, און ווערן אַלץ
קלענער און קלענער וואָס ווייטער זיי רוקן זיך אָפּ פון'ם צענטער.
פלאַקערן, גליען ווי פלעמלעך — פאַרכאַפּן די אויגן.
אַזוי האָט זי אויסגעזען צוועטל די באָבע, ווען עלקע דאָס אייניקל
איז איר אַנטקעגן געקומען אין טאָג פון איר חופּה.
עס האָבן די קלעזמער געענטפערט, דעם עולם — געפּליעסקעט.
שוועבנדיק אויף די שפּיץ פינגער זיך צו דער כּלה דערנענטערט
מיט קליינע געמאָסטענע טריט, אָנגענומען די כּלה, געדרייט זיך
דריי מאָל אין אַן עגול — און ס'פּליעסקעט דער עולם מחותּנים.
קערט זיך די באָבעניו אום צו איר פּלאַץ אויף די שפּיצן פון פינגער.
און יאָסי דער בדחן זינגט ווייטער: „מ'בעט די גאָטספאַרכטיקע אשה,

באַרימט אויף דער וועלט מיט איר צדקה און צניעות און גוטסקייט"...
קומט פון דעם עולם אַרויס די ליבהאַרציקע מאַמע דעם חתנ'ס,
שוועבנדיק קומט זי אַרויס און דערנענטערט זיך שטיל צו דער כלה,
שפּאַנט מיט געמאָסטענע טריט, נעמט אָן די כלה און דרייט זיך
דריי מאָל אין אָן עגול — און ס'פּליעסקעט פאַר שמחה דער עולם.
נאָכדעם צוריק צו איר פּלאַץ מיט געמאָסטענע טריטעלעך.
אַזוי זענען ווייבער צום טאַנץ צו דעם ערשטן געגאַנגען —
שוועבנדיק קומען זיי צו צו דער כלה מיט קליינע
געמאָסטענע טריט און זיי דרייען זיך אום מיט דער כלה
דריי מאָל אין אַן עגול — און ס'פּליעסקעט פאַר שמחה דער עולם.
גייען צוריק מיט אַ טענצל — און יאָסי דער בדחן
שטרעקט אַזוי קונציק זיין האַנט אויס און קריגט אַ מתנה.

און אַ צערטלעכע פּינצטערניש פּילט אָן די שכונה מיט סודות,
ווען ס'הויבט זיך דער חתן אָן קלייבן צו גיין צונ'ם שולהויף.
פאַראויס לויפט דער אַוואַנגאַרד — די שקצים פון שטעטל,
מיט רעש און געפּילדער, שפּרינגען אַנטקעגן די קלעזמער,
און אַ הילכיקער מאַרש גיסט זיך איבער אין נאַכטיקן חלל.
די אונטערפירער ביי די זייטן — שפּאַנט זיך דער חתן פאַמעלעך, —
איינער פון חתנ'ס און איינער פון כלה'ס צד (ביידע,
סיי מאַן און סיי פרוי — אָן ערשט פּאַרל, וואָס האָבן שוין קינדער)
דער חתן אין קיטל אין ווייסן, דער כלה'ס מתנה,
און איבער'ן קיטל — דער פוטער, פאַרוואָרפן ביי אים אויף די פּלייצעס,
און הינטער אים גייען די מאַנסלייט אין פריידיקער שמחה.

און אויפ'ן שולהויף דאָרט שטייט שוין די חופה אַ גרייטע:
רייסן זיך ייִנגלעך אַרום פאַר דער זכיה צו האַלטן די פלעקלעך,
און ס'וואַרטן דער רב און דער חזן. קומט אָן דער חתן
אונטער דער זיידענער חופה, און קלעזמער פאַרנעמען צוריק זיך
צו פירן דער כלה אַהער, און די כרובים אין הימל
נעמען אויך צינדן די קליינע ליבע און קלאָרינקע ליכטלעך,
צו כאַפּן אַ קוק אויף דער כלה, וואָס גייט צו דער חופה.
אויפגעשפּילט האָבן די קלעזמער אַ מאַרש אַ פּאַראַדנעם,
די אונטערפירערקעס מיט ליכט אין די הענט, און זי — אין ראָטאָנדע.
זי ווייסט נישט אַליין ווי זי גייט, נאָר עס טראָגן די פיסלעך,
זי שפּירט נישט אַפילו, ווי זיבן מאָל דרייט זי זיך אום אַרום חתן.

ציטערט דאָס קול אויף דאָס אַלטע פּנים פון רב ר׳ רפאל:
„ברוך אתה ה׳ אלוהינו מלך העולם״...
זי הערט ניט, פאַרשטייט ניט די ווערטער פון שמש פון אַלטן:
זי שפּירט ניט אפילו דעם גאָלדענעם רינג אויף איר פינגער,
„נאַ דיר, מיין טאָכטער, דיין כתובה. היט זי ביז הונדערט און צוואנציק,
„גיב אַכטונג, זאָלסט זי נישט פאַרלירן; ווייל טאָרסט נישט
„זיין מיט דיין מאַן אָן אַ כתובה״. און ס׳קלינגען די ברכות
און פאַנגען איר לייב און נשמה מיט וואונק און מיט צוזאָג.

און ווען ס׳האָט דער חתן מיט׳ן קנאַפּל דאָס גלעזעל צעבראָכן —
האָט אויפגעהויבן זיך אַ רעש און געטומל: מזל־טוב! מזל־טוב!
— אין אַ מזל׳דיקער שעה! די קלעזמער האָבן אויפגעדונערט,
עס האָבן זיך קושן און קולות פון שמחה געטראָגן,
ווען חתן־כלה זענען געאָרעמט אַרויס פון אונטער דער חופּה.
די צוויי מחותנת׳טעס האַלדזן זיך, קושן זיך פריידיק,
טאַנצן אַנטקעגן דאָס פּאָרל און פליעסקען און זינגען.
און עלקע, וואָס ווייסט יעדן מנהג, זוכט אויף מיט די אויגן
די טרעגער, וואָס קומען מיט עמערס מיט פולע אַנטקעגן.
צוויי זענען אַנטקעגן געקומען: האַפּקע, די שטוביקע דינסט,
און פאַסקע דער, וואַסערטרעגער — מיט עמערס פול ביז די ברעגן.
גייען, און ס׳גיסט זיך אַריבער דאָס וואַסער: מיט גליק און מיט מזל!
וואַרפן דער חתן און כלה מיט זילבערנע רובלס אין וואַסער.
אַזוי איז דער עולם צוריק פון דער חופּה געגאַנגען,
צו מרדכי׳ס ווייס און ברייט הויז צוגעקומען. איז חיענע,
די מאַמע דער כלה׳ס אין טיר דער צעשפּאַנטער געשטאַנען —
אין איין האַנט דאָס ריזיקע שטריצל אויף זאַפראַן געבאַקן,
מיט צוויי אָנגעצונדענע ליכט, און אַ בעכער אַ פולן אין צווייטער.
אַריינגעבראַכט זיי אין חדר, די „גילדענע זופּ״ זיי געגעבן,
דערכאַפּן די הערצער פון תּענית. אין שאַפּע דער גרויסער
האָט ווידער געשפּילט די קאַפּעליע און ווידער געטאַנצט האָבן מיידלעך.
און איידער דאָס פּאָרל האָט צייט געהאַט קומען צו זיך פונ׳ם תענית,
האָט ווידער דער עולם גענומען זיך קלייבן פון ס׳ניי ביי די טישן.
זיצן די מאַנסלייט באַזונדער און זיצן די ווייבער באַזונדער.
דער חתן פאַרנעמט שוין זיין פּלאַץ אויבנאָן ביי די מענער,
און עלקע די כלהביים ווייבערשן טיש אויבנאָן.

די טישן געגרייט מיט כל־טוב: הערינג, גאַנצע און געהאַקטע,
מיט בוימל און עסיק, מיט גרינע און שוואַרצע מאַסלינעס;
הערינג פון קערטש, אַסטראַכאַן, און די פישן באַרימטע
פון בערדיאַנסקער אַזיערע, גערויכערטע פישן —
די גאָלדענע סולטאַנעס און לאַקסן די פעטע, געשמאַקע,
היינט בראַנפן און ווייַן, אַלטע מעד און דאָס ביר מיט די שוימען
מיט ברייטער נגיד׳ישער האַנט, און קוכנס און קיכלעך.
עס לאָזט זיך דער עולם איצט וואוילגייַן, שרייַען זיך איבער: „לחיים!״
און שטעלט זיך נישט אָפּ אויף אַ רגע, נישט אויפגעהערט אַכל׳ען —
נישט איבערגעלאָזן קיין בראָק, מען זאָל זאָגן, אין טעלערס.
צווישן געריכטן — געזונגען חזנ׳ישע שטיקלעך,
פאַרשייטע ציגיינערשע לידלעך, און חסידים־נגונים,
וואָס נאָגן און צופּן ביים האַרצן, און לידלעך פון טעאַטער.
ביז מ׳האָט די פולמיסקעס פיש די הייסע אַרייַנגעבראַכט
מיט טייערע ריחות, וואָס רופן די סליונע אַרויס ביי אַ מענטשן:
די קאַרפּן די פיינע, מיט וועלכע עס שמ׳ט דער טייך דניעפּר,
געפילט און געבאַקן אויפ׳ן פייער, די אמת׳ע העכטן,
נאָך וועלכע עס גייט אויס דאָס חיות, געווירצט און געפעפערט.
נאָר ס׳האָבן נישט אויסגעפעלט פיש פון די קלענערע מינים:
דער סאַנדאַק דער זיסער און פיינער און זילבערנער אָקון,
די שלייען די גלאַטע און בייכיקע ברייטע קאַראַסן.
דער עולם האָט ווידער זיך צוגעכאַפּט, האַלט אין איין לויבן די קעכינס.
אויסגעלאָזט ס׳האַרץ צו די פיש און דערכאַפּט אַזש דעם אָטעם —
איז יאָסי דער בדחן אַרויף אויף אַ שטול אויף אַ הויכן
און האָט משמח געווען דעם עולם מיט זאַכן און מופתים,
באַוויזן געוואַלטיקע וואונדער: גענומען אַ רינג און דערלאַנגט אים
צו יוקל משרת — דער רינג איז פאַרלוירן געגאַנגען —
צום סוף אים געפונען ביי פאַליק דעם שמש אין באָרד. גענומען
דאָס זייגער ביי מרדכי דעם לאַנגן, אַ גאָלדן זייגער,
צעשטויסן אים אויף פיצלעך מיט מערזל און שטייסל — און נאָכדעם
געפונען דאָס זייגער אַ גאַנצס, מיט׳ן קייטל און שיידל
ביי רייַנאָוו׳ן אונטער דער פאַכווע — און מ׳גאַפט פאַר חידושים.
גענומען דער כלה׳ס אַ טיכל, פאַרברענט עס אויף אַש מיט אַ ליכטל,
צעבלאָזן די אַש — און געפונען דאָס טיכל אין קאַהאַרליצקי׳ס קעשענע.
דער עולם גאַפט פאַר חידושים, פליעסקעט מיט די הענט מלא־שמחה.

און ס׳לעצטע — דאָס שענסטע: משה ליטינסקין געהייסן ניסן,
און קליינע מטבעהלעך הויבן אָן פאַלן פון משה׳ס
צעפּאָרענע נאָזלעכער, מיט ווייסע האָר באַוואָקסן.
דערנאָך, האָט ער צוגערופן יוקל׳ען דעם נאַרישן בחור.
„ווילסטו, מיין זון, וועל איך דיך לערנען אַ שיינע און רייגע מלאכה,
„די אומנות פון אַ פאָטאָגראַפשציק. דו טו נאָר וואָס איך טו,
„אָט ריר איך זיך אָן אָן דער דעק פון׳ם טעלער, און נאָכדעם
„באַריר איך מיין פנים און דו זאָלסט מיר נאָכטאָן" אָנגערירט
דעק פונעם טעלער מיט׳ן צייג־פינגער פון האַנט פון דער רעכטער,
לענגאויס מיט׳ן צווייטן אַ פיר אויף דער נאָז אויף דער רויטער געגעבן.
האָט יוקל דער טפש זיך צוגערירט אויך צו דער דעק פון׳ם טעלער
געגעבן אַ פיר אויף דער נאָז אויף דער קרומער — און אויפגעבליט
האָט באַלד אַ שוואַרצער אַ דיקלאַכער פאַס אויף דער נאָז.
דער בדחן רירט ווידער די דעק אָן, פירט אויפ׳ן שטערן זיין פינגער —
טוט יוקל דאָס אייגענע — פירט אויף זיין שטערן זיין פינגער,
בליט אויף אַ פאַס דאָרט אַ שוואַרצער, און ס׳קייכט פאַר געלעכטער
דער עולם.
יאָסי דער בדחן איז ווייס און יוקל ווערט שוואַרצער און שוואַרצער.
(יאָסי האָט אָפּגענאַרט יוקלען, אָנגעברענט דעם דעק פון׳ם טעלער
מיט ליכטל מיט וועקסנס, זיך ניט צו פאַרשמירן געהיט זיך).
און וואָס מער זיין פנים ווערט שוואַרצער, אַלץ שטאַרקער דאָס לאַכן.

האַלט יוקל אין גלאָצן די אויגן: למאי דאָס געלעכטער?
ביז מ׳האָט אין דער שאָפּע די פאַריקע זופּ אָנגעטראָגן,
ערשט דאַן האָט מען אויפגעהערט לאַכן, פאַרנומען מיט זופּן,
פּאָסמאָקעוועט זיך מיט דער זופּ און די מאַנדעלעך ברוינע,
און ס׳האָבן די קלעזמער געשפּילט ביז׳ן זופּ ביז׳ן לעצטן.
און ווידער איז יאָסע אַרויף אויפ׳ן בענקל אינמיטן דער שאָפּע:
„דרשה־געשאַנק פון חתנ׳ס צד און דרשה־געשאַנק פון כלה׳ס צד!".
איז אַרויס רפאל כאַטינסקי מיט אַ זילבערנעם טאַץ
און נאָך עפּעס אַ כלי, אַוועקגעשטעלט זי אויפ׳ן טיש דאָרט,
און אומגעקערט זיך צו זיין פלאַץ. האָט יאָסע דער בדחן
אויפגעהויבן דעם טאַץ און די כלי, און אַרויסגעזונגען:
„אַ מתנה פון חתנ׳ס פעטער, פון באַרימטן גביר־אַדיר
„רב רפאל כאַטינסקי — אַ זילבערנער טאַץ און אַ בשמים־ביקס,

„אַנטיק אין דער וועלט !" — און קלעזמער דונערן אַ מאַרש אַרויס.
איז אַרויס עזריאל ליטראַווניק מיט אַ פּאָר זילבערנע לייכטער,
אַוועקגעשטעלט זיי אויפ'ן טיש, צו זיין פּלאַץ זיך פאַרנומען.
האָט יאַסע זיי אויפגעהויבן, באַוויזן צום עולם, געזונגען:
„אַ מתנה פון חתנ'ס טייערן פריינד, דעם באַרימטן נגיד
„רב עזריאל ליטראַווניק — צוויי זילבערנע לייכטער,
„אַנטיק אין דער וועלט!" — און קלעזמער דונערן אַ מאַרש אַרויס.
איינציקווייז קומט מען פון עולם אַרויס מיט'ן דרשה־געשאַנק,
קרובים פון חתן און כלה און פריינד אַלע גוטע און ליבע,
ווער מער און ווער ווייניקער, נאָר איטלאַכס מיין איז צום גוטן:
גאָלד, זילבער, פּאַפּיר־געלט, באַלעבאַטישקייט און צירונג.

דערנאָך, ווען די סדרה פון דרשה־געשאַנק איז געווען שוין פאַרענדיקט,
האָבן די סאַרווערס אַריינגעבראַכט די געבראָטענע פליישן,
מיט די ריחות די שאַרפע, יעטווידן איינעם זיין חלק,
צונגען און רינדפלייש און עופות, געדעמפּט און געבראָטן.
אַזוי איז געווען דער סדר פון עלקעס חתונה־מאָלצייט.

און אַז די קלעזמער זענען פאַרטיק געוואָרן מיט דער סעודה —
איז די כלה אַרויס אינמיטן דער שאַפע, אַ גרייטע
צום „כשר־טאַנץ", פלאַטערט אין האַנט איר דאָס טיכל דאָס ווייסע.
פאַרשעמט און פאַרפלאַמט, ניט וויסנדיק וואו צו באַהאַלטן דאָס פּנים,
וואַרפן די וויהעס די שוואַרצע אַ שאָטן אַריבער די באַקן.
האָבן די קלעזמער אַ געזעצטן פּאָלאָנעז אָנגעהויבן —
האָט זיך אויפגעהויבן דער רב, ר' רפאל, מיט מתינות'דיקע טריט,
צוגעגאַנגען צו דער כלה, אָנגענומען פאַר'ן ברעג טיכל:
האָבן זיי לאַנגזאַם געטראָטן, געמאַכט דריי הקפות
אין ברעטערנער שאַפע דער גרויסער, צום פליעסקען פון עולם.
האָט זיך אויפגעשטעלט דער חזן רב אלי אין אַטלעס־קאַפּאָטע,
צוגעגאַנגען צו דער כלה, אָנגענומען פאַר דער טיכל:
האָבן זיי לאַנגזאַם געטראָטן, געמאַכט דריי הקפות
אין ברעטערנער שאַפע דער גרויסער, צום פליעסקען פון עולם.
דערנאָך איז דער דריטער אַרויס דעם חתנ'ס טאַטע, רב איטשע,
צוגעגאַנגען צו דער כלה, אָנגענומען פאַר'ן ברעג טיכל:
האָבן זיי לאַנגזאַם געטראָטן, געמאַכט דריי הקפות

אין ברעטערנער שאַפּע דער גרויסער, צום פֿליעסקען פֿון עולם.
איינציקווייז קומען אַרויס די געהויבענע מחותּנים די פֿיינע —
פּאַמעלעך, געלאַסן, צום פֿליעסקען און זינגען פֿון עולם,
און פּראַווען דעם „כשר־טאַנץ״ ערנסט אין ברעטערנער שאַפּע.
דערנאָך האָבן ווייבער פֿאַרנומען דעם פּלאַץ פֿון די מאַנסלייט:
אויפֿגעשפּילט האָבן די קלעזמער אַ פֿריילעכס, מיט פֿייער,
פֿאַרקייטלט זיך איינס אין דער צווייטער, טאַנצן זיי, זינגען.
הויבן אָן שטיל און געלאַסן און ווערן פֿאַרטראָגן אין שטורעם
ציען אַריין די פֿאַרמיזיקטע ווייבער, און טאַנצן מיט כּח.
די שמחה צעברויזט זיך אַלץ שטאַרקער — און אָט ווערט די כּלה
פֿאַרשוואונדן...
קומען די מאַנסלייט צוריק און פֿאַרנעמען דאָס פּלאַץ פֿון די ווייבער —
גייט עס אַ פֿריילעכס נאָך פֿריילעכס; דער נאַרישער צימבלער
כאַפּט זיך אויף פּלוצים, און קערט מיט׳ן קעסלפּויק וועלטן,
מאַכט טויב מיט די טאַנצן, און ס׳טאַנצט דער צעהוליעטער עולם,
מיט טומל, געשריי און געזאַנג — שרייט אַריבער די קלעזמער.
דערווייל ווערט פֿאַרשוואונדן דער חתן — דער עולם קערט וועלטן...
די יעניקע זיצן און זינגען, די יעניקע פֿליעסקען און פּאַטשן,
עס רינט אַזש דער שווייס, און מען זינגט מיט באַנומענע קולות.
רוען זיך אָפּ, און פֿאַרברענגען אין וועלטלעכן שמועס,
אַ וויץ, און אַ תּורה־וואָרט צווישן איין פֿריילעכס און צווייטן.

און אַז די שמחה האָט דערגרייכט צום העכסטן גראַד, די משקה
האָט גענומען אויפֿשפּילן און פּראַווען אירע שטיק אויף מרדכי׳ן —
האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט, אַ רוף געטאָן זיין ווייב, זיין חיענע׳ן:
„אַהער קום, מחותּנת׳טע, טאַנצן! זאָלן זיך די יונגע שעמען!
— כאַפּט פֿאַר דער האַנט זי — קלעזמער, דאָס דאָזיקע פֿריילעכס
דינג איך לכּבֿוד מיין פּלונית!״ — שעמט זיך די פֿרוי און ווערט אָפּ זיך:
„וואָס איז מיט דיר, אַלטער? האָסט גאָר שוין דעם שׂכל פֿאַרלוירן?
„— ווילסט מיך נישט, יידענע? וועל איך אַליין טאַנצן גאָר ביחידות!
שפּילט אָקאָרשט, קלעזמער, אַ קאָזאַק, מיט פֿייער, מיט כּח!
מאַכט פּלאַץ, מחותּנים! — (דער עולם צעשפּרייט זיך אין עגול),
פֿאַרקאַטשעט אַהינטער די פּאָלעס פֿון זיידענעם בגד,
רופֿט אָפּ זיך דאָס פֿידל און ס׳ענטפֿערט דער קעסלפּויק
אַ שטאַרקע קאָזאַצקע פֿול כּח, באַוועגונג און פֿייער.

פאַרלייגט ער די הענט אויף די באָקעס, וואַרפט אויגן אַרום זיך,
שלאָגט מיט די פיס אויף דער דיל און ער לאָזט זיך אַוועק אין
אַ שוועבן —
אָט גייט ער און דרייט זיך אין עגול צווישן דעם עולם,
אָט בלייבט ער שטיין אויפ׳ן אָרט און ער טופּעט און טופּעט,
אָט שפּרייט ער אויס זיינע הענט אין גרויס ליבשאַפט און בענקשאַפט,
אָט שוועבט ער און פליט און ווערט ווילד, גייט אַרויס פון די כלים,
און ס׳שטייט אין התפּעלות דער עולם און פּליעסקעט די הענט צו —
ביז ס׳הויבן די הענער אָן קרייען: גוט־מאָרגן אייך, קוקורעקו!

א. לעיעלעס

ישראל עמיאָט

י. פאַפיערניקאָוו

מ. גיציס

יעקב גאָטליב

א. לעיעלעס

פאַביוס לינדס נעכט

(פּאָעמע)

פרעמד געפעכט

פאַביוס לינדס נעכט זענען אַ שלאַכטפעלד פון שגעון,
פאַר בייזע ניינען, גרייזע יאָען,
פאַר סומנע דאָען, קרומע נישטאָען,
וואָס ער דערקענט קוים זיין שייכות מיט זיי.
צום ליבסטן וואָלט ער אַנטלאָפן,
געלאָזט די פעכטער פאַלן מיט משונהדיקע טויטן,
אַרויסגעוואָרפן זיי ווי קרעציקע הויטן,
און אַליין — אָנגעהויבן גאָר פון סאַמע ביי.
אַז וואָס האָט ער צו טאָן מיט אַ פרעמד געפעכט ?
וואָס קער ער זיך אָן מיט יעגער און שלעגער ?
דאָס זענען שולדיק זיי — די מייסטערס פון שלעכטס,
די שאַלקהאַפטע שדים, וואָס קומען פון אַ פאַרשפינוועבטן בוידעם,
און מאַכן אַ תל פון זיין אמתן געמעל.

פאַביוס לינד שמייכלט.
אַ פאַרמאַטערטער לאָזט ער אַראָפּ די הענט.
ווערט פאַרברענט ! טוט, ברידערלעך, וואָס איר ווילט.
איר קומט סיי־ווי אָן פאַרבעטונג,
און נישטאָ קיין רעטונג צו ראַטעווען מיך.

ע ר ע ו ו

די מראה פון פּנים ביי יעדן פאַרענדערט,
געלעגנקען פון קני אי פאַרחלשט, אי שוואַך.
ס׳וועט הוליען דער לעסטערער, שענדן דער שענדער,
צעפערטלען די פעלקער, פאַרוויסטן די לענדער,
דאָס הויז וועט אונדז ברענען ביזן שפּיץ פון דעם דאַך.

מיט ריזיקע שטיוול, מיט שדישן שאָטן —
דאָס אומגליק קומט נעענטער און רוקט זיך און רוקט.
נישט אַנדערש אַ גזר פון סמאַלס געבאָטן.
איצט וואָלטן די מענטשן געוואָלט זיין ווי קראָטן —
אַבי נישט פאַרנומען, אַבי נישט געקוקט.

נאָר זען מוז מען זען. דורך דער ראַדיאָ און בלעטער,
דורך שפּיניק־פאַרשפּרייטן עלעקטרישן שטראָם,
גרילצט הייזעריק דול דאָס געשפּעט פון דעם שפּעטער.
עס זענען צעווילדעטע מאָנסטערשע געטער
אַרויס אויף דער פריי פון אַ בראַנדיקן תהום.

און אָפן אין טאָג־ליכט, און פרעך קעגן הימל
פאַרגרייטן זיי וויטיק און טרויער און שרעק.
אָ, ס'איז נישט אַמאָל, ווען אומוויסיקער דרימל
האָט אומגליק געזען ווי אַ סם־רויכיק בלימל,
וואָס שפּראָצט הינטער פלויטן און רייפט אין אַ העק.

איצט קיניגט דער רעש פון א רשעות־מעכאַניק,
צו שפּעט פאַר געוויסן, צו פרי פאַר פאַרשטאַנד.
בלויז איינער אינמיטן פון קריכיקער פּאַניק,
וואַכט העל אויף פאַרבאָרגענעם, זיכערן גאַניק
און וואַרט מיט סבלנות אין איטלעכן לאַנד.

ביים האָדסאָן

דער האָדסאָן ברענט אין ווייסער שיין פון מערצאָווער זון.
דער בליאַסק הילט איין אַ שוואַרצן בוים
מיט נאַקעטע צווייגן.
זעסט אַ מענטש אויף ווייסן אויטאָ־דאַ־פע.
זעסט אַ ווייסן סנה.
אַרום־אַרום נעילהדיקע אָרעאָלן
איבער שוואַרצע נעצן פון ביימער־שפּיצן.
סימבאָלן ברידערן זיך מיט זאַכן,
זאַכן פאַרמאַכן זיך אונטער סימבאָלן.
דער האָדסאָן ברענט ווייס, פאַרגלייזט.

און ביי דעם האָדסאָן —
גליטשן זיך קינדער אויף רעדלעך,
רייטן אויף וועלאָסיפּעדלעך.
אַ פּאַראַליזירטע דאַמע מיט אויגן — גלאָז,
מיט גראָע האָר — געוועזן־בלאָנד,
זיצט אין אַ רוק־שטול
און וואַקסט און וואַקסט אויף אַ האָריזאָנט,
וואָס האָרבט זיך, באַרגט זיך
און וואַרגט זיך מיט דער ליגנערישער רו פון מערץ.
מערצאָווע, ווייסע, פאַרגלייזטע רו.

אַ פּערסישער טעפּיך

כ׳גיי שטאַרבן, זאָגט דער אַלטער, קראַנקער שאַך,
און פאַר מיין טויט באַווייזט מיר נאָך אַמאָל
די בלויקייט פון דעם הימל — אונדזער דאַך,
די גרינקייט פון געדיכט־באַגראָזטן טאָל,
דאָס רויט פון הייסן, גליענדיקן שטאָל,
דאָס גאָלד פון זון — די פרייד פון יעדער זאַך.

דער יונגער פּרינץ פאַרטראַכט זיך. ער באַקלערט
אַ פּלאַן צו טאָן דעם גוטן שאַכס פאַרלאַנג.
ער זאָטלט אָן ס׳געליבטע, פלינקע פערד,
און רייט אַוועק מיט האַסט, און זוימט זיך לאַנג.
נאָר ווען ער קומט צוריק, איז גרייט דער דאַנק
פון פאָטער, ווייל ער קריגט וואָס ער באַגערט.

דער זון ראָלט אויף אַ טעפּך פיין־געוועבט
פון ריינסטער וואָל און קונציקסטן אוזאָר.
און בלוי און גרין, און רויט און גאָלד — עס לעבט
דער טעפּיך מיט די פאַרבן וואַרעם, קלאָר,
ווי ס׳וואָלטן זיך צעזונגען אין אַ כאָר
דעם אַלטנס ליבעס — לאַנג פאַרוועלקט, געקעפּט.

מיין זון, עס איז מיר איצטער גוט און וואויל,
און אויך צו שטאַרבן איז אַצינד מיר לייכט.
איך גיי אין גרוב נישט נאַקעט מער און הויל,

נאָר מיט די טרוימען מיינע ניי־באַרייכט.
און דו? די שמחה פון דיין מינע ווייכט,
אַן אומעט שאָטנט אַלץ אַרום דיין מויל.

אָ, פאָטער: ס'זעט נאָך גוט דיין אַלטער בליק.
כ'בין פריידיק, וואָס איך האָב דיין האַרץ דערפרייט,
נאָר איך אַליין — עס נעמט מיך נישט דיין גליק.
איך קען די הענט, וואָס האָבן פאַרב פאַרגרייט,
דעם טעפיך אויסגעפלאָנט און אויסגעניית.
איך זע די שטעך, די פעדים פון געשטריק.

מיין זון, די פרייד, דער רום, און אַלץ וואָס דאָ,
און אונדזער מינדסטער איטלעכער פאַרלאַנג —
דאָס אַלץ איז אָפּשיין, אָ געגנאַרטע שעה,
אַן אויסגעטראַכט און שאָטנדיק געשאַנק.
מיין זון, דיין לעבן וועט זיין שווערסטער גאַנג.
דו ווילסט צר־פיל, דו ווילסט וואָס איז נישטאָ.

ז י נ ג מ י ר . . . .

זינג מיר אַ ליד פון ליבע, אמנון,
פון אויגן, וואָס דאַרשטן בלויז נאָך מיר,
און ביי יעדן טרעפעניש שפּילן זיי דעם איינציקן זמר
מיין אויער צו דערקוויקן:
דו ביסט די באַגערטסטע פון אַלע פרויען,
בייטאָג, ביינאַכט און אַלע שעהען.

זינג מיר אַ ליד פון ליבע, אמנון,
פון הענט, וואָס קאָנען אַלץ באַשפּינען
מיט פורפּור־בלויע טוליען פון מצרים,
מיט לעגענדעס פון בבל, מיט גאָלד פון אופיר,
אַז עס זאָל ווערן זיס מיט זיסע טרויערן,
און איך זאָל וויסן זיכער פאַרוואָס איך בין געבוירן.

זינג מיר אַ ליד פון ליבע, אמנון,
פון בלוט, וואָס זידט אויף מיט זיילן צעשמאָלצן זילבער.
הייסע, ווייסע הימלען אַרום און אַרום,
ווייסט נישט צי דו פליסט אָדער זינקסט,

נאָר ווערסט ווייליק אויף שטיקער זון צעשאָטן,
און הערסט דעם רוף פון אייביקע געבאָטן.

פון וואָס איך זינג — זינג איך פון ליבע, תמר.
קוק אין מיינע אויגן: מיינע יאָרן
זענען נאָך אַלץ שפּרינגענדיקע ציגנבעק אויף היגלען,
מיינע טעג קאָנען נישט אָניאָגן די באַגערן,
און מיינע נעכט ווייסן נישט פון שלאָפן,
נישט בלויז פונוועגן די דונערן אין דרום, צפון.

נאָר הער: איך האָב געקענט אַמאָל אַ מאַן,
זיין שיינקייט נאָר אַ שאָול צו פאַרשעמען,
און גבורה האָט באַגלייט זיין יעדן שפּאַן,
דער בליק פאַרהוילן אונטער שווערע ברעמען.

מיט פרויען שענסטע, גלוסטיקסטע פון לאַנד,
האָט ער געשטילט זיין שטענדיק גרייטע זרע.
און אַלץ געזוכט נאָר די, וואָס אומבאַקאַנט —
דער בליק פאַרהוילן אונטער ברעמען שווערע.

ער איז געבליבן אומגעשטילטער פלאַם
אינמיטן שטענדיק גליענדיקע קוילן;
גענומען ברומען ליד פון קלוגן צאַם —
דער בליק מיט שווערע ברעמען טיף פאַרהוילן.

אונדזער קיניג דוד

אונדזער קיניג דוד לעבט דאָך אימער־אייביק.
יעדן אָוונט זאָגט ער אַ קאַפּיטל תהילים.
זיס זיין זאָגן — אַלע צרות איינצושטילן,
און צו מאַכן אַלע ספקות זיכער, גלייביק.

אונדזער קיניג דוד טוט ביינאַכט נישט דרימלען,
רייסט אויך נישט די האָר זיך, אָדער ס׳קלייד אין שטיקער.
נאָר אַ ניגון ציט ער — ווערט די ערד ווי שיכור,
און עס ווערט אַ רעש דאָרט אויבן אין די הימלען.

אונדזער קיניג דוד איז אַ ייִד אַ פּראָסטער
דורך די טעג פון שרעק — די טעג פון שוואַרצער האַרונג.
זיין געטראַנק איז וואַסער, ברויט מיט זאַלץ זיין נאַרונג,
ליבט דאָס גאַיעס, און צו ווייב אַ צוגעלאָזטער.

אונדזער קיניג דוד קען זיי וואויל, די שונאים.
ס'ליגט נאָך אין זיין בגד דאָס אַמאָליק שטיינדל,
און ער גלעט עס — עלעהיי אַ קינדס אַ חנדל,
און אַ קלוגער שמייכל זון־באַזונט זיין פּנים.

אונדזער קיניג דוד היט דעם שטיין צום זכר:
ווי צום רשעות! ס'אַראַ האַפּט אין הארניש — פּאַנצער?
דעמאָלט לויפט זיין ניגון דורך דער וועלט דער גאַנצער,
און דאָס פינצטערניש ווערט שיטערער און בלייכער.

אונדזער קיניג דוד זעט, ווי עס גענענט שוין
יענער הויכער טאָג פון פולע רייפע פריידן,
ווען דער הימל וועט באַגריסן ערדס גן־עדן,
און מיט גוטס באַטויען יידן — אַלע מענטשן.

אונדזער קיניג דוד קוועלט אין זיך פּאַרטייעט,
שפּילט אויף יענעם טאָג ווי אויף אַ פידל־סטרונע.
ווער ס'קאָן הערן — דער ליכט־אויף מיט גרויס אמונה,
און דעם שונאס פלוך ווערט בענטשנדיקער פּאַיעט.

אונדזער קיניג דוד איז אין גבורה — לייביק,
און אין מילדקייט, ווי אַ כשר, ליכטיק לעמל.
היטן היט ער אונדז און וואַכט מיט ריינעם פלעמל —
אונדזער קיניג דוד לעבט דאָך אימער־אייביק.

צו אַ ציפּער

וואָכעדיק, אין אַרבעט־קלייד, ווי קאַפּריזיק־פּאַרגרייזט,
קומסטו אַביסל שעמעוודיק, גריילעך אומבאַגריסט.

נאָר הער — עס פּאַסט דיר וואויל אַ געדרייטער גיי אין שטייג,
און ס'פּאַסט, אַז אַלץ פּאַרענגטער זאָל דיר ווערן דיין שטעג.

פאַרצוימט און פאַרהוילן איז געבליבן דיין געשטאַלט,
האָסט געצערנט און געמאַכט צערנען, און זיך נישט געשטילט.

האָסט געריסן זיך צום שיפסטן, צו דעם דרייסטסטן באַרג,
און געזען געדרענג פון פיל טעג ווי אַ שעה אויף באָרג —

ווי אַ קאַרגע שעה, וואָס ווערט פאַרוויסט און פרעמד צעאַרבט,
ברעקלעך, וואָס ווערן מער קיינמאָל נישט ווערן איינגעקאָרבט.

און אויב דו האָסט נאָך אַלץ נישט געמאַכט דעם שפּרונג פון טויט,
איז ווייל מען דאַרף זיין ריין און ראוי פאַר לעצטער טאַט.

ביסט געווען פיל־שטראָמיקער שטראָם, וואָס רינט — נישט דערדרינט.
פאַרוואָר! האָסט נישט געקאָנט אַריבער דעם אָפּגרונט־ראַנד,

וואו חושך פלייצט אומצעטיילט, אָן צוים פון גוט און שלעכט,
וואו חשק שפּאַנט נאַקעט און דער ווילן שלאַנגיק שלייכט,

איך באַיאָ דיך, באַשיידיקע צאָל, כ׳טוליע דיך רייף.
און אויב ווערסט באַשערן — אונדזער טראָט איז אַלץ אַרויף.

ישראל עמיאָט

צוריקוועגס

1

ווילקל אײַן דײַן געזיכט אין מײַן זעל,
ווי דער צעוויגטער בוים
זײַן צעשראָקן פּנים
אין דער נאַכט.
איך בין ציטערדיקע וויג
פאַר דער וועלט, וואָס לייגט איר קראַנקן קאָפּ ערשט
דרימלענדיק אין מיר.
פאַרוויקל דײַן געזיכט אין מיר —
וועט עס שענער זײַן און טרויעריקער.

דער טויט, וואָס פּילט מיך אָן,
איז גוט און דערבאַרעמדיק און מילד
ווי אַ טרויעריק געזאַנג
אין מויל פון אַ קינד,
און ווי דער ווינט
וואָס דרעמלט אײַנגעשטילט
אויף אַ בוים
אין חלום די צווייגן קושנדיק.

2

איך נעם ליב האָבן:
דאָס הויז אין וועלכן דו האָסט געוואוינט
(כ'האָב מיך אויסגעלערנט יעדעס שפּעלטעלע דערין)
און דאָס געסל וואָס פירט צו אים
(פאַרוואָס קען אויך עס אַזוי גוט?)
און דעם שלאָג פון מײַן האַרץ,
וואָס נאָר דײַנע טריט
האָבן אַזוי צאַרט געקענט שלאָגן.

און אַלע פויגל וואָס פליען אין דער ווייט
(אפשר וועלן זיי דיך אין זייער פלי דערגרייכן?)
און אַלע בזשאָזעס אויף די וועגן,
וואָס האָבן דיך געקענט
(איך שעם מיך צו וויינען
און זיי שעמען זיך נישט).

3

דאָס אַלץ, וואָס שטייט צווישן אונדז,
טונקלט מיטן טאָג צוזאַמען:
פויגל טראָגן אונדזער בענקשאַפט
צום ערגעץ־לאַנד אַוועק,
דעם אָוונט — אונדזער ניגון
זינגען אַלע הייזער איצט אויס,
אַפילו שאָטנס זענען דערבאַרעמדיק אַצינד
ווי מענטשן פאַרן טויט.
זאָג,
פאַרוואָס ווערט אַלץ ווייטער דער וועג
צווישן אונדז,
איינער צום צווייטן שפרייזנדיק?

4

עס שפּיגלט זיך מיין טרויער אין דיין אויג —
אַ בוים ביים וואַסער אין מיטן פעלד.

פון טאָג איז אַ סימן נאָר געבליבן
אויף וואָלקנדלעך אין דער הויך.

יעדן גרעזל איז ליב די וויג פון ווינט,
פאַרמאַכן די אויגן און נישט זען די נאַכט.

שטילער פון שטיל לעב איך מיין לעבן איבער אויף דאָס ניי
טרויעריק און שיין.

איז אַ הימל טאַקע דאָ דאָרט אין דער טיף?
מיין לעבן נויגט זיך — אַ פאַרקערטער בוים צו אים...

עס שפּיגלט זיך מיין טרויער אין דיין אויג —
אַ בוים ביים וואַסער אין מיטן פעלד.

5

פאַרהיט —
מיין דינעם שנירל טריט
אין דער וועלט.
מיין שאָטן —
ד'עם טונקעלן ניגון פון מיין געמיט.
מיין איינזאַמן שפּאַציר,
מיין ליד. —
דעם טרויער פון מיין אויג,
מיין לעצט געשטאַלט
צו ד'ער וואַנט צוגעבויגט.

6

געפינ מיר דעם וועג צו מיין ווייטיק —
איך האָב אים פאַרלוירן.
טויזנט דעמערן טרויערן
פון אַלץ, פון אַלץ אַרויס,
ווייך און אומעטיק אָן קלאַנג
שווימען וואָלקנס לייכט
מיט דיינע טריט,
אייביק ווייט פון מיר.

און מיין לעבן וועט שוין אזוי הענגען
פון קיינעם נישט אויפגעוויקלט —
אַ טרויער פּאָן.

7

און ווייב אַרום מיר,
און קינד אַרום מיר,
נאָר איך בין אַליין.

נאָר איך בין אַליין
אין איינזאַמען גיין,
און ציטערדיק איינגעהאָרכט אין דיר,
און פול מיט דיר.

דאָס איז מיין אומעט —
דער שאָטן פון דיין פרייד,
צווייגן הענגענדיקע איבער זוניקע פלאַכן
טרויער טריפנדיק.

דאָס בין איך — עמעצנס געשטאַלט.
יענער איז שוין טויט.

8

דער בוים וואָס וויינט אויס זיין „זיי געזונט"
מיטן פנים צו דער ערד פאַלנדיק
אונטערגעזעגט;
דער אינוואַליד,
וואָס שטייט איבערן קבר
פון זיין פאַרשניטענעם פוס;
דער טאָג וואָס וויל נישט שיידן זיך
און פאַרבאַהאַלט זיך
אין אַלע ברונעמער אויף דער נאַכט;
און איך מיטן דינעם טרויער אָנגעפולט.
שיק מיין בענקשאַפט דיר מיט, —
עס שלאָגט מיין האַרץ אַ מיליאָן מאָל איבער
יעדן איינעמס טרויער ביים געזעגנען.
זע:
וויפל ליבשאַפט מיינע ס׳האָבן באַגנען אין דער ווייט פאַרטראָגן,
און מיינע טריט זענען נאָך אַלץ
ליפּן אָנגעשפּיצטע
קושנדיק דעם טראָטואַר...

9

אין דיינע אויגן האָט דער שניטער שוין די תבואה געפירט פון פעלד,
און אַלע צווייגן שאָקלען מיט די קעפּ: יאָ, עס איז געשען,

און ווינטן פאָרן זיך מיטן גאָלד פון פאַרנאַכט
און געבוירן אַ ניגון אַן עלנטן.

אין דיינע אויגן — דער ווייטיק פון מיין האַרבסט, די שיינקייט פון מיין האַרבסט.
בלעטער רוישן, רוישן, רוישן, ווערן טויטלעך מיד אַנטשוויגן.
כוואַליעס גאָרן אין אומבאַקאַנטע וועלטן
און בלייבן ביים נאָענטסטן ברעג אַנטוישטע ליגן.

דער אומעט אין דיין וואַנדער־בליק —
אַ ליידיק שיפל אויפן טייך אַ הוידנדיקס
אַנגעבונדן ביים ברעג.

10

נאָר נישט געוויינטע אויגן קענען אַזוי שיין זיין,
און ס׳איז דיין פּנים פריש נאָך פון נישט קלערן,
דיין העלע פרייד נישט געלאָשן האָבן טרערן,
קענסט זיכער נישט דעם אומעט פון אַליין זיין.

און וואָס דען מערער ווי דען קליין זיין,
דער טיפער גרונט פון דיין גאַנץ באַגערן.
פאַרלאַנגען אַלע צונויפגעגאָסן ווערן,
און איין באַגער: געליבט און פאַרשטיין זיין.

דאָך אין דיין שיינקייט עפּעס וואָס פאַראַנגען,
אַ ווייטער הויך פון וועלטן נישט פון דאַנען,
דיין בליק דערפירט מיך צו זייער ווייטן האָפן.

כ׳פיל דעם הויך אויף די פליגל פון פרימאָרגן,
אַמאָל אויך אין האַרץ פון דער נאַכט דערוואָרגן,
און אין דער וואונדערלעכער באַגייסטערונג פון שאַפן.

11

פאַרוואָס ווערט שטיל דער טאָג ווען דו גייסט פאַרביי?
און אַלץ איז אָפּגעטאָן.

אָפּגעזונגען, אָפּגעקלונגען.
און יעדער קלאַנג ווערט ווידערקלאַנג.
אַ פרעמדער איז דאָ געווען און געשטאָרבן לאַנג.
איך בין עס דער פרעמדער, —
איך הער מיין אייגן לעבן אַצינד,
ווי אַ ווייט און פרעמד געזאַנג
אויפן ווינט.

12

אַ תפילה

דערבאַרעם דיך אויף די מענטשן וואָס טראָגן
וועלט איבערקערעניש אין זייער בלוט,
און פּטרן זיך אויף דער ריזיקע,
און שטאַרבן אונטער די רעדער פון אַ צוג.

אויף אַלע וועלטן, אויף אַלע שטערנס,
וואָס ווילן שלאָפן און מע לאָזט זיי נישט,
און מוזן דרייען זיך,
ארום זיך אַליין צי אַרום עמיץ אַנדערש ווען,
ווי בלינדע פערד דרימלענדיקע.
די ערד האַלט אין איין באַגערן, יערן און ווערן,
און געבוירט דערנער און ווילד־גראָז,
און זי האָט זיך אויף דיר דאָך פאַרקוקט,
און געוואָלט געטלעכעס, געטלעכעס, געטלעכעס שאַפן.
דערבאַרעם דיך אויף איר.
איך ווייס אַז אַלץ איז אַ רינג אין אַ רינג,
און יעדער טאָג
איז אַ קלאַנג נאָר אין אַ גרויסן וואונדערלעכן ניגון
וואָס זיין אָנהויב איז דער באַשאַף פון דער וועלט,
און זיין סוף — דער סוף פון אַלע דורות.

פאַרוואָס האָסטו מיך נישט באַשאַפן פון אָנהויב אָן,
און מיר לעבן לאָזן ביזן סאַמע סוף,

איך זאָל דיך קענען באַוואונדערן אויפן גאַנצן
און זאָגן דיר אַ לויב:
— ס'איז וואונדערלעך! ס'איז שיין!

און איך, און מיין זיידע, און מיין אייניקל וואָס קומט,
קומען אין מיטן און גייען אַוועק,
און פרעגן: וואָס? צו וואָס? פאַרוואָס? —
שטיקלעך נאָר געהערט —
דערבאַרעם דיך אויף אונדז.

מיין קינד האָט דיך געאַנט און וויינט אָן אַ פאַרוואָס,
און יעדע כּלי פאָלט פון מיין האַנט
ווען זי האָט דיך מיט איר שטומקייט פאַרנומען;
איך בין נישט זיכער מיט מיין שאַנק, מיט מיין טיש,
מיט מיין וואַנט,
זיי זאָלן זיך נישט אויפהויבן אַ פראָסטן אינדערפרי
און אַנטלויפן פון מיר,
פון דיר פאַרפאָלגט. — —
דערבאַרעם דיך, דערבאַרעם דיך אויף אַלץ!...

י. פּאַפּיערניקאָוו
(תל אביב).

לידער פון דער היים

מיין היים איז געווען דער קוואַל פון מיין אומעט און טרויער, —
אַ ברונעם — און שטילן מיין דורשט ניט געקענט;
אַ תפיסה, וואו כ'האָב נישט געפונען דאָס טויער
צו קענען אַרויס פון די ענגע פיר ווענט.

דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פינף ברידער — אינאיינעם —
האָט יעדער געלעבט פאַרשלאָסן ביי זיך אין דער צעל,
אַן אויסוועג געזוכט און נישט ריידנדיק קיינער צו קיינעם —
אַ שפּאַן נישט אַריבערגעגאַנגען די אייגענע שוועל...

אַזוי האָט פאַרפרעמדט אין דער שטום יעדער איינער געליטן,
און קיינמאָל — זיך איינער צום צווייטן מיט עפּעס געווענדט,
אַזוי זענען אַלע געוואַקסן פאַרזעגט און פאַרשניטן
און ס'האָבן זיך אָפטמאָל געשלאָגן אַכט קעפּ אָן אַכט ווענט.

##ביים טאַטנס טיש

דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פינף ברידער;
ס'איז מיטאָג. אַכט טעלער, אַכט לעפל ווי רידער,
אַכט קעפּ, ווי די אַנקערס, ביי יעדן געבויגן,
פאַרזונקען אין זיך מיט פאַרנעפּלטע אויגן.

מ'זיצט אַרום טיש, ווי ס'וואָלט קיינער געזעסן,
מ'עסט, ווי ס'וואָלט יעדער אַליין זיך געגעסן,
אַליין זיך דאָס האַרץ מיטן מעסער געשניטן,
ווי יעדער וואָלט וועלן זיין אָפּגרונט פאַרשיטן.

און שווער, ווי אַ שטיין איז ביי יעדן דער ביסן,
מ'קען נישט צעקייען, וואָס יעדער וויל וויסן

און פרעגט עס ביי זיך אין פּאַרביסענעם שווייגן:
פאַרוואָס בלוט פון בלוט איז זיך פרעמד און נישט אייגן.

דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פינף ברידער;
נאָך מיטאָג צעגייט מען ווי אורחים זיך ווידער
צוריק אין אַכט וועלטן, צוריק אויף אַכט ימען,
וואָס ברעגגען אין שטורעם אַכט שיפלעך צוזאַמען...

דעם טאַטנס שלאָף

שלאָפט דער טאַטע נישט רואיק אַדורך זיינע נעכט,
עס וועקט אים כסדר פון שלאָף דאָס געשריי פון דער נויט,
און כ׳הער ווי ער זאָגט צו דער מאַמען: ס׳איז שלעכט,
און ווינטשט זיך אַז איידער אַ לעבן אַזאַ־אָ — דעם טויט.

און ס׳טרייסט אים די מאַמע: ס׳וועט בעסער זיין, שלאָף, ס׳איז שפּעט!
און ווידער פאַרזינקט אַלץ אין פינצטערער טיף,
ווי יעדער פון אונדז וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אין שלאָף אָן אַ ברעט,
מיט מורא אַז אונטערגיין זאָל נישט די שטוב, ווי אַ שיף.

שלאָפט נישט דער טאַטע. אין דרויסן — באַגינען שוין באַלד,
איך קוק אויפן טאַטן:—די וועלט האָט אים אויף אייביק פאַרלאָזט.—
מיר דאַכט זיך: ס׳איז ווינטער, און ס׳קנאַקט וואו אַ דעמב אין אַ וואַלד
און פאַלט מיט אַ דונער, אַנידערגעלייגט פונם פראָסט.

דער מאַמעס חלום

חלומט זיך דער מאַמען יעדע נאַכט — דער טויט.
זי וויינט פון שלאָף און ס׳קלאָגט איר קול, ווי ווייט און אומבאַקאַנט,
און אַלע כאַפּן מיד צעשראָקענע זיך אויף,
און זעען: ס׳נעמט דער טאַטע איר פון האַרץ אַראָפּ די האַנט.

ווערט שטיל און אומהיימלעך אַזוי,
ווי נאָר־וואָס וואָלט מען פון דעם הויז ארויסגעפירט אַ מת,
און ווען מיר שטייען אויף נישט אויסגעשלאָפענע די נאַכט
דערזעען מיר פאַר זיך דעם טאָג, ווי אונדזער העלן נס...

כ׳קען שוין נישט...

כ׳קען שוין נישט מער! האָט דער טאַטע געזאָגט.
און צו װײַזן װי גרױס ס׳איז די לאַסט, װאָס ער טראָגט —
פאַרריסן די אױגן צום הימל געװענדט
און פֿונאַנדערגעקרײַצט זײַנע שװערע צװײ הענט.

כ׳קען שוין נישט מער! — כ׳האָב גענוג אײַך געדינט,
און די הענט — װי צװײ פֿליגל צעבראָכן פון װינט —
אַראָפּגעלאָזט אין דער טיף פֿון דער אײגענער װעלט,
און געשטאַנען, װי ס׳װאָלט זיך אַ מיל אָפּגעשטעלט.

קען זײַן...

קען זײַן, קען זײַן, אַז נאָך אין װיגל —
האָט מען מיך שױן אױסגעלערנט זײַן אַלײן,
און פרי מיך אױפגעהערט צו װיגן און פאַרװיגן,
און אַ נישט אַנטװײַנטס —
געלאָזט מיך שעה׳ן קײַכן פון געװײן,
ביז כ׳פלעג — אַ מיד׳ס, אַ העשנדיק׳ס —
אָן כוחות בלײַבן ליגן.

קען זײַן, קען זײַן —
ס׳האָט קײנער נישט געזען, װי איך — אַלײן,
אַ קרײַכנדיקער קראַט אױף אַלע פיר, —
האָב פלוצלונג זיך אַ שטעל געטאָן
און אָנגעהױבן פאַלנדיק צו גײן,
און ס׳האָט די מאַמע מיר נישט אױסגעשטרעקט די אָרעמס,
נישט גענומען פּאַטשן מיט די הענט פאַר פרײד,
און נישט צעשריגן זיך פאַר גליק:
— עס גײט שוין! ס׳גײט!...

און, װי ס׳איז קײנער נישט געװען בײַ מײַנע ערשטע טריט —
אַזױ האָט קײנער נישט געהערט פון מיר די ערשטע רײד,
װאָס האָבן פאַר דער צײַט געמאַנט,

גערעגט, און נישט געפֿונען קיין באַשייד, —
אַזוי האָט קיינער נישט געהערט פֿון מיר דאָס ערשטע ליד,
וואָס האָט ביים אָנהויב שוין דערציילט פֿון טויט...

אַז כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל פֿאַרלאָזט די היים —
האָט קיינער מיך צום וועג אַרויסבאַגלייט,
האָט קיינער מיר קיין ברכה אויפֿן וועג נישט מיטגעגעבן;
שטילקייט האָט פֿאַרמאַכט נאָך מיר די טיר,
פֿאָרויס געגאַנגען איז די אומבאַקאַנטע ווייט;
פֿון הינטן האָט מיך נאָכגעקוקט באַדויער;
דער שאָטן איז געגאַנגען, ווי אַ קנעכט אַ שוואַרצער
ביי דער זייט,
און פֿעסט צום האַרץ האָב איך געדריקט
דאָס קינד מיינס: טרויער.

מ. גיציס

בטחון

אפרים
שלמה
ישראל
יהודה
שרה
דער פרעמדער
ערשטע געשטאַלט
צווייטע געשטאַלט
דריטע געשטאַלט
דאָס פאָלק

אין שול. די ווענט פאַרהאַנגען מיט שוואַרצע, לאַנגע פאָרטיערן. אין מיטן פון דער מזרח־וואַנט אַן אָרון־קודש. ביי די זייטיקע ווענט עטלעכע בענק און שטענדערס. ס׳איז טונקל. נאָר איין בלוילעכער ליכט־פאַס פאַלט פון אויבן. שלמה און ישראל זיצן אויף אַ באַנק. אפרים שטייט ביים אָרון־קודש, זאָגט שטיל זיין תפילה. זיי טראָגן לאַנגע, שוואַרצע קליידער, מיט געלע לאַטעס אויף דער ברוסט.

א פ ר י ם: קדוש... קדוש... קדוש... זאָל דאָס געטלעכע אין מיר, אין מיין פאָלק און אין דער מענטשהייט אויפלויכטן אין פרייהייט, ווי עס לייכט אויף די זון אין פינצטערניש. און זאָל מענטש זיך דערנעענטערן צו מענטש מיט אַ ריינעם האַרץ, מיט ליבע און פאַרשטענדעניש. אָמן... אָמן...

ש ל מ ה און י ש ר א ל: אָמן... אָמן... (אפרים בלייבט אויף אַ ווײַלע שטיין מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ און גייט לאַנגזאַם אַרויס).

י ש ר א ל: ס׳איז גוט אַזוי... זאָגן יעדן טאָג אַן אייגענע תפילה פון האַרצן, ווי דער רבי יהודה האָט געהייסן. אין דעם מאָמענט פון אויפלייזן זיך אין ווערטער, דערנעענטערן מיר זיך, ווירקלעך, צום הייליקן גייסט. יעדן טאָג אַזוי — און עס ווערט אַלץ ווייניקער

און ווייניקער פלאַץ פאַר שנאה און צווייפל. ליידער באַנעמען נאָך ניט אַלע זיין לערע, דעם זין און דעם תמצית פון באַהעפטונג אין אמתער תפילה.

ש ל מ ה: איך באַנעם עס יאָ, און דאָך קאָן איך ניט אַרויסברענגען די תפילה מיינע מיט ווערטער. איך בלייב שטיין, ווי אַ זינגער, וואָס וויל זינגען און האָט פאַרלוירן די שטימע.

י ש ר א ל: אָבער דיין נשמה טוט דאָך תפילה?

ש ל מ ה: זי טוט.

י ש ר א ל: דאָס וויל דאָך דער רבי יהודה — אַז ס'זאָל זינגען אין האַרצן די ליבע צו דעם אַלמעכטיקן דורך דער ליבע צו דער מענטשהייט.

ש ל מ ה: דער רבי האָט זיך שוין דריי טעג נישט געוויזן אין שול. אפרים האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אים געזען אין זיין לאַבאָראַטאָריע זיצן אַ פאַרשטאַרצטן, אַ פאַרטראַכטן. און נאָר די אויגן זיינע האָבן געברענט מיט אַ וואונדערלעכן פייער, ווי אין באַהעפטונג מיט גאָטהייט.

י ש ר א ל: און מיט וויסן. ניט אומזיסט איז ער דאָך פאַררעכנט געוואָרן אין דער וועלט פאַר דעם גרעסטן וויסנשאַפטלער, דענקער און גאון. און... אפשר האָט דאָס ליכט אין זיינע אויגן געברענט מיט דעם גרויסן צער, וואָס ער טראָגט אין זיך. עס קומען נייע גזרות, האָב איך געהערט...

ש ל מ ה: נייע גזרות? וואָס נאָך? וואָס נאָך? איז דען נאָך פאַראַן אַ גרויזאַמערע געטאָ אויף דעם ערד־קוגל פאַר אונדז? אָט דאָ אויף דעם אינזל זענען מיר דאָך אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנצער וועלט... עס איז דאָך ניט אַ געטאָ אין אַ שטאָט, אָדער אַפילו אין אַ לאַנד... — עס איז דאָך אַ וועלט־געטאָ. אָפּגעטיילט, פאַרשפּאַרט אויף אַן אינזל, אַרומגערינגלט מיט טיפע וואַסערן פון אָקעאַן, באַוואַכט פון שיפן, ווי אַ תפיסה... און וואָס האָבן מיר? וואָס פאַרמאָגן מיר? דער גאַנצער זין און אינהאַלט פון אונדזער לעבן איז דאָך נאָר דאָ אין דער איין און איינציקער שול אויפן באַרג, און נאָר דער נדר צו טראָגן די געלע לאַטע ביז באַפרייאונג דער־מאָנט אונדז נאָך אָן אונדזער בטחון.

י ש ר א ל: דער וועג צו גאָט איז ביי יעדן איינעם אין האַרצן, שלמה. יעדעס שטיקל ערד איז פאַר אונדז אַ שול, ווייל אַיעדער

איינער פון אונדז טראָגט מיט זיך זיין תפילה. די גוטע אויף דעם אינזל, וואוהין די פעלקער האָבן אונדז פאַרטריבן, איז נאָר אַ געטאָ פאַר דעם גוף; ווייל אַפילו צווישן שמאָלסטע ווענט קאָן מען ניט פאַרשפאַרן אַ נשמה, וואָס וויל באַהעפטן זיך מיט דעם גייסט פון דער וועלט.

ש ל מ ה: ניין, שלמה. ס'איז נאָר דער פרייער גוף און דער פרייער גייסט, וואָס גיט אַרויס דעם געטלעכן אַקאָרד. אַ פאַרשקלאַפטער גוף איז ווי אַ פידל אין אַ וואַקואום. ס'איז פוסט אַרום... און דער קלאַנג הערט זיך ניט. ס'איז גוף און גייסט, וואָס זינגט שירה, און ניט גוף אַליין, און ניט גייסט אַליין. און דאָ — דאָ איז אי דער גוף, אי דער גייסט אין גלות. ס'איז די לעצטע געטאָ, דער לעצטער וועג צום אונטערגאַנג.

י ש ר א ל: צווייפל איז דער שפּאַן, וואָס דערנעענטערט צום אונ־טערגאַנג.

ש ל מ ה: וואָס שנעלער, אַלץ בעסער. זעסט דאָך: די וועלט גייט אָן אָן אונדז.

י ש ר א ל: און אָן גאָט. גאָטס געטאָ איז אויך דאָ מיט אונדז. ער איז אויך אין גלות. — אַ גוטער שותף. וואו נאָך קענסטו אים איצט געפינען? גלויבסטו, אַז גאָט מאַכט אויף דעם שפּאַן פון צווייפל צו אונטערגאַנג? גלויבסטו, אַז גאָט, וואָס מיינט, אונד־זער מענטשלעכקייט, אונדזער מאָראַל, אונדזער גלויבן אין פריי־הייט — גלויבסטו, אַז דאָס אַלץ וועט אונטערגיין? אָ, ניין. מאַ־טעריע ווערט צעפאַלן און איז דאָך אומשטערבלעך. דער גייסט איז דער נר־תמיד, וואָס ווערט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן אין דער פינצטערניש.

ש ל מ ה: דו האָסט גלויבן.

י ש ר א ל: איך האָב.

ש ל מ ה: און דער רבי יהודה?... גלויבסטו, אַז ער האָט נאָך אויך דעם בטחון? גלויבסטו, אַז ער האָט אים ניט פאַרלוירן? ער איז געוואָרן עפּעס אַזאַ מאָדנער, לעצטנס, ניט צו דערקאָנען אים.

י ש ר א ל: ווער נאָך ווי ער היט אַזוי דעם לעצטן פונק פון בטחון?

ש ל מ ה:די משא איז דאָך אָבער אַזוי שווער אויף זיינע אַקסלען,

זיין גוף איז אָפּגעצערט, זיין גייסט — אין ראַנגלעניש טאָג און נאַכט... און דער צער.

ישראל: זי העלפט אים טראָגן די משא.

שלמה: זי? שרה?

ישראל: יאָ, שרה. די באַגלייטערין זיינע.

שלמה: האָט דאָך איטלעכער פון אונדז אַ באַגלייטערין מיט זיך, און דאָך —

ישראל: עס זענען פאַראַן הויכע בערג, אָבער איין באַרג איז פאַרט דער העכסטער — אונדזער רבי יהודה. עס זענען פאַראַן צווישן די פּלאַנעטן, וואָס מיר זעען, גרויסע פייערדיקע שטערן, אָבער איין שטערן איז פאַרט דער ליכטיקסטער — און דאָס איז שרה. (שלמה הויבט זיך אויף).

שלמה: נו, לאָמיר גיין.

ישראל: יאָ, לאָמיר גיין. אָך, אָך, אָך... עס ציען זיך ריטש־קעלעך, און טייכעלעך, און טייכן אַלע אין די ימען און פון די ימען — און אַזוי זענען אויך אונדזערע געשפּרעכן. די זעלבע וואַ־סערן, די זעלבע רייד, די זעלבע בערג, די זעלבע האָפענונגען. יעדע שעה, יעדער טאָג אין לעבן — פון אייביק אויף אייביק. (גייט צו צום ארון־קודש. שטייט אַ ווײַלע פאַרטראַכט. זאָגט שטיל). אָ, אומשטערבלעכער און געטלעכער פונק אין מיר און אין מיין פאָלק! פלאַקער אויף אין אונדז אַזוי, אַז אַלע הערצער אונדזערע, אָנגע־צונדענע אין גלויבן און אין ליבע, זאָלן אויפלויכטן אין איין גרויס האַרץ פון דער וועלט, ווי אַ נייע זון, וואָס זאָל אויפגיין איבער אַלע מענטשן פון דער וועלט. אָמן... אָמן...

שלמה: (שטייט ביים אָרון־קודש לעבן ישראלן, אַ שווייגנדיקער. פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט אין שטילן געבעט. צעשפּרייט צום סוף די הענט און זאָגט נאָך ישראלן) אָמן... אָמן... (גייען ביידע אַרויס).

(עס ווערט טונקעלער. שטילע טענער, ווי פון ווייטע ווייטן, דרינגען אַריין. עס עפנט זיך אַ זייטיקע טיר, און אויף די טרעפּ באַווייזט זיך רבי יהודה. הויך, אַסקעטיש, אין שוואַרצן. דאָס פּנים גלאַט געגאָלט. די האָר ווייס, געדיכט און צעשויבערט. די אויגן, ברענענדיק מיט סוד. שטייט אַ ווײַלע אויף די טרעפּ פאַרטראַכט. מאַכט אַ פּאָר

שפּאַן צום אָרון־קודש. בלייבט שטיין, ווי פֿאַרשטיינערט.
צענעמט פּלוצים האַסטיק דעם פּרוכת און עפֿנט דעם
אָרון־קודש.

י ה ו ד ה: **גאָט! אַלמעכטיקער גייסט פֿון אַלדאָס גוטס און אַל־דאָס שלעכטס, פֿאַרנעם מיינע רייד. איך, דער אָפּגעריסענער קלאַנג פֿון דעם קדוש — קדוש — קדוש אין דער וועלט, — איך רעד איצט צו דיר פֿון די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון מיין געביין. כ׳האָב דיך געפֿאָלגט, אַלמעכטיקער, און בין געגאַנגען אויף די וועגן, אויף וועלכע דו האָסט מיך געפֿירט. איך האָב געטראָגן די שווערע קלינגענדיקע קייטן. געבענטשט די בייטשן, מיט וועלכע דו האָסט געשניטן פּאַסן פֿון מיין לייב. געקושט די הענט דיינע — מיליאָנען הענט פֿון רשעים. געשלונגען דיינע ווערטער — קוילן ברענענ־דיקע אין מויל. געלאָזט פֿאַרטראָגן זיך, ווי זריעה, מיטן שטורעמ־ווינט, אַהערצו אויף דעם אינזל פֿון בטחון. איצט איז נאָך פֿאַר־בליבן אין מיר דער לעצטער פּונק פֿון גלויבן אין דיין גערעכטי־קייט, און איך נאָמען פֿון אָט־דעם לעצטן פּונק פֿאָדער איך: — אַנטפּלעק פֿאַר מיר דעם סוף. ווייז מיר דעם סוף פֿון מיין וועג! ווייז מיר דעם אָפּגרונט צו וועלכן דו פֿירסט, וועל איך אַליין אַ** שפּרונג טאָן. לאָז מיך שטאַרבן בנשיקה, ווי משה איז געשטאָרבן, **ווען דו האָסט אים געפֿירט צום באַרג און געוויזן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, — לאָז מיך אָבער ניט פֿאַרבלייבן דער אייביקער וואַנדע־רער, מיט דער קללה אויף מיין קאָפּ. גיב מיר געווג פֿאַרשטאַנד צו דערזען דיין אמתע צורה, צו דערקאָנען דיך — גיב מיר אַ צייכן, אדני־אלהים... — איך וואַרט.** (שטייט מיט צעשפּרייטע הענט. די פֿינצטערניש ווערט געדיכטער. בלויז פֿון אויבן ציט זיך דער פּאַס ליכט, צאַרט אין זיין בלוילעכקייט. די שטילקייט אַרום דריקט. עס דערהערט זיך פּלוצים יהודהס געלעכטער. און פּונקט אַזוי פּלו־צים ווערט זיין געלעכטער אָפּגעהאַקט. ער פֿאַרציט דעם פּרוכת, גייט שנעל אַוועק פֿון אָרון־קודש אין אַ ווינקל. עס עפֿנט זיך די טיר און אַ מאַן קומט אַריין. בלייבט שטיין ביי דער שוועל מיט דרך־ארץ. קוקט אויף יהודהן און שווייגט.

י ה ו ד ה: (באַמערקט אים) **קום נענטער, פֿריינט... קום נענטער.**

ד ע ר מ אַ ן: (דערנענטערט זיך) **איך האָב געוואָלט מיט אייך רעדן, רבי.**

י ה ו ד ה: רעד, זאָג, וואָס אויפֿן האַרצן. ניט איך און ניט דו דאַרפֿן מער באַהאַלטן אונדזערע מחשבות. אַלע דאָ האָבן מיר איין האַרץ, איין גלויבן און איין וועג. מעגסט מיר זאָגן אַלץ, ווי אין אַ ווידוי.

ד ע ר מ אַ ן: איך וועל זאָגן, רבי... ס'איז ע ר, וואָס וואַרפֿט אויף מיר די מורא.

י ה ו ד ה: ווער — ער?

ד ע ר מ אַ ן: איך ווייס ניט ווער. איך זע ניט זיין צורה, איך הער אָבער זיין קול.

י ה ו ד ה: און וואָס זאָגט ער?

ד ע ר מ אַ ן: יעדע נאַכט רעדט ער צו מיר, און איך הער אים זאָגן: גיי צום רבין און פֿאָדער דערלייזונג... פֿאָדער דערלייזונג...

י ה ו ד ה: איך ווייס.

ד ע ר מ אַ ן: איר ווייסט, רבי?

י ה ו ד ה: איך ווייס. דו ביסט ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער, וואָס הערט זיין קול, און קומט צו מיר פֿאָדערן דער־לייזונג. אַלע וועט איר קומען. אַלע. און נאָר דעמאָלט וועט קו־מען די דערלייזונג, ווען ער וועט קומען צו מיר, און רעדן צו מיר און וועט פֿאַר מיר אַנטפּלעקן דעם סוד.

ד ע ר מ אַ ן: דעם סוד?

י ה ו ד ה: דעם סוד.

ד ע ר מ אַ ן: און דעמאָלט, רבי?

י ה ו ד ה: דעמאָלט וועל איך דיך רופֿן.

ד ע ר מ אַ ן: איך וועל קומען, רבי.

י ה ו ד ה: גוט אַזוי. גוט.

(דער מאַן גייט צו פֿאַמעלעך צום אָרון־קודש. לייגט צו די הענט צום האַרצן. שטייט אַזוי אַ ווײַלע אין געבעט און לאָזט זיך גיין צו דער טיר).

ד ע ר מ אַ ן: (ביי דער טיר שוין) **מיט בטחון, רבי.**

י ה ו ד ה: מיט בטחון.

(דער מאַן גייט אַרויס).

י ה ו ד ה: דאָס קול, דאָס קול — זיין קראַפֿט ווערט שטאַרקער און מעכטיקער... און אַזוי וועט אויך ווערן זייער גלויבן אין מיר. און מיט דער קראַפֿט, וואָס וועט פֿירן מיך, וועל איך פֿירן זיי.

(עס קומט ווידער אַריין ישראל. דערזעענדיק יהודהן, בלייבט ער שטיין ביי דער טיר)

י ה ו ד ה: קום נעענטער. וואָס שטייסטו ביי דער טיר, ישראל?

י ש ר א ל: עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איר קומט מיר אַנטקעגן, רבי, אַזוי הויך און מעכטיק, ווי אַ באַרג.

י ה ו ד ה: דו זעסט געשטאַלטן, און אַנדערע הערן אַ קול, וואָס רופט. דו הערסט ניט קיין קול, ישראל?

י ש ר א ל: איך הער אויך, רבי.

י ה ו ד ה: וואָס זאָגט עס דיר?

י ש ר א ל: דאָס קול איז אייער קול... און דאָך אַזוי פרעמד. עס רופט צו אייך, אָבער —

י ה ו ד ה: אָבער וואָס? זאָג.

י ש ר א ל: איך האָב מורא פאַר דעם קול.

י ה ו ד ה: דו אויך — מורא?

י ש ר א ל: יאָ. עס רעדט פון דערלייזונג, אָבער דער דמיון גייט ניט אויף אין מיר, ווי אַ ליכטיקער שיין. דער דמיון גייט אויף אין מיר, ווי אַ טונקעלער באַרג. אָט אַזוי ווי איך האָב אייך געזען אַנטקעגן קומען, ווען איך האָב געעפנט די טיר. מיין האַרץ איז אָפן, רבי. איך קאָן עס ניט פאַרבאַרגן. עס דריקט מיך עפּעס אַ מורא. איך ווייס אָבער און פיל, אַז איך האָב אין זיך דעם פונק פון בטחון, און איך היט אים שטאַרק, ווי איר האָט מיך געלערנט.

י ה ו ד ה: ווי איך האָב דיך געלערנט.

י ש ר א ל: און מיטן כוח פון מיין גלויבן וועל איך פאַרטרייבן די שרעק.

י ה ו ד ה: די שרעק. —

י ש ר א ל: איז פאַראַן נאָך אַ שטראַל, רבי? און איר זעט אים?

י ה ו ד ה: יאָ, ער איז פאַראַן און איך זע אים. — ער קומט אָבער ניט פון דער ליכטיקער זייט. ער קומט פון דער פינצטערניש. עס איז דער שטראַל פון דעם טמא. און עס איז אפשר דאָס קול פון דעם טמא, וואָס שרעקט אַייך אַזוי. עס שרעקט מיך אויך. איך רעד צו דער גאָטהייט, און זע דעם שוואַרצן טיפן אָפּגרונט. איך לערן אייך תפילה־טאָן, און אַליין מאַך איך יעדן טאָג אַ שפּאַן אַלץ נעענטער און נעענטער צום ברעג. דער מענטשלעכער גייסט,

ישראל, אַפּילו מײַנער, וואָס נערט זיך מיטן כּוח פון אײער גלויבן, איז ווי אַ ים וואָס ווען דו וואַרפסט אַרײַן אַ שטײן אין אים, טרײַבט אײַן כוואַליע די צווײטע אין קרײַזן ביז צום ראַנד פון משוגעת. און ווען מיר קוקן טיף אַרײַן אין דעם ים, דערזעען מיר אונדזערע צורות פאַרענדערטע, משונהדיקע, טײַוולשע. און דערפאַר די שרעק וואָס באַפאַלט. זעסטו דען ניט די פאַרענדערונג אויך אין מיר, ישראל?

ישראל: איך זע, רבי.

יהודה: אַ שוואַרצער טונקעלער באַרג.

ישראל: יאָ, רבי.

יהודה: דו הערסט ניט דאָס קול ווידער, ישראל?

ישראל: ניין, רבי, איך הער ניט.

יהודה: דו קאָנסט ניט הערן. עס רעדט איצט בלויז צו מיר. גיי — לאָז מיך אַלײן.

(ישראל גייט אַ טרויעריקער אַרויס. יהודה הייבט זיך אויף. בלייבט שטיין מיט אַן אויסדרוק פון פורכט אויף זיין פּנים. די אויגן געווענדט צו דער טיר. עס באַווייזט זיך דער פרעמדער. אין אַ שווארצן מלבוש, אָבער אין דער געלער לאַטע. זיין קוק — דרייסט און קלוג. אַ קוים באַמערקטער שמייכל אויף די ליפּן. דער פרעמדער און יהודה קוקן איינער אויף דעם צווייטן, שווייגנדיק)

דער פרעמדער: רבי יהודה.

יהודה: כ׳האָב געוואַרט אויף דיר. געפילט — דו קומסט. דײַן פּנים איז מיר באַקאַנט. איך ווייס אָבער ניט, צו האָב איך דיך געזען אין חלום, צו גאָר אין דער געשטאַלט פון —

דער פרעמדער: פון די דאַזיקע, וואָס —

יהודה: וואָס האָבן מיך פאַרטריבן אַהערצו אויף דעם אינזל.

דער פרעמדער: כע—כע—

יהודה: טראַכטנדיק וועגן דיר, פלעג איך דיך שטענדיק זען ווי אַ שונא.

דער פרעמדער: ווי אַ שונא? וואָלט איך דען צו דיר געקומען ווען איך וואָלט געוועזן דײַן שונא?

יהודה: דײַנע מעשים רעדן העכער פון דײַנע ווערטער.

דער פרעמדער: דו טראָגסט זיך נאָך אַלץ אַרום מיט דײַן „אַתה־בחרתנו" קאָמפּלעקס? מיט וואָס ביסטו ערגער אָדער בעסער

ווי אַנדערע? מיינסט, אַז ס'איז ביי מיר אַ קאַפּריז אַזאַ צו זיין בלויז דיין, ווי דו רופסט עס, „שונא".

יהודה: איך ווייס, אַז ס'איז ביי דיר ניט קיין קאַפּריז. עס איז ניטאָ אין דיר דאָס ראַציאָנאַל־גייסטיקע.

דער פּרעמדער: גערעכט, יהודה, גערעכט. איך האָס דאָס ראַציאָנאַל־גייסטיקע, ווייל עס איז אַ מיזעראַבעלע, אימפּאָ־טענטע אויסטראַכטעניש. דאָס ראַציאָנאַל־מעכאַנישע אָבער איז אַ קראַפט. עס דינט מיר. מיט דעם ראַציאָנאַל־מעכאַנישן האָב איך באַשאַפן די ציוויליזאַציע, וואָס דינט מיר אויך. איך, און נאָר איך, האָב געלערנט דעם מענטשן צו מאַכן דעם פייל און דעם בויגן. איך, און נאָר איך, האָב אים געלערנט צו מאַכן די שווערד, און די ביקס, און דעם פּולווער, און די פלי־מאַשין, און די ראַ־דיאָ. און ווי דערפאָלגרייך איך בין, זעסטו דאָך. די וועלט איז פול מיט דעם. דאָס ראַציאָנאַל־מעכאַנישע באַהערשט איצט די וועלט. דו ווייסט עס זייער גוט, יהודה. דו אַליין האָסט דאָך אויך ביי מיר געלערנט, כאָטש האָסט ניט געוואוסט, אַז דאָס בין איך דער לערער. דו וואָלסט נאָך אַלץ געטראָגן די ששת־ימי־בראשיתדיקע פייגן־בלעטער, ווען דו פאָלגסט דעם, וועמעס נאָמען איך וויל ניט דערמאָנען. איך, אין דעם געשטאַלט פון דעם נחוש־הקדמוני, האָב געעפנט דיינע אויגן. די חיות, און די פלאַנצן, און אַלע אַנדערע נאַטור־כוחות האָב איך איבערגע־לאָזט פאַר א י ם, זענען זיי געבליבן אין דעם זעלבן צושטאַנד ווי אין אָנהייב. פאַר זיך האָב איך גענומען — דיך, און מיט דיר און דורך דיר וועל איך א י ם פאַרניכטן. איך האָב דיך געמאַכט מעכטיק, און איך בין שטאָלץ מיט דיר.

יהודה: (מיט אַ ביטערן שמייכל) און, ווייל איך בין אַזוי מעכטיק, האָבן מעכטיקערע פון מיר פאַרשפּאַרט מיך אויפן אינזל.

דער פּרעמדער: איך וועל דיך באַפרייען.

יהודה: ווי אַזוי?

דער פּרעמדער: מיט די זעלבע מיטלען, מיט וועלכע איך האָב דיך געבראַכט אַהער.

יהודה: מיט מאַכט, מיט גרויזאַמקייט און בלוט?

דער פּרעמדער: דאָס גייסטיקע — כע! — האָט אַנ־

געוואָרפן אויף דיר אַ שרעק פאַר בלוט. דאָס ווייזט, ליידער, ווי טיף דאָס פרימיטיווע לעבט נאָך אין דיר.

יהודה: אָן בלוט איז ניטאָ קיין לעבן.

דער פרעמדער: איך וועל דיך לערנען צו באַשאַפן בלוט.

יהודה: אום צו האָבן מער וואָס צו פאַרגיסן?

דער פרעמדער: יאָ, די וועלט איז נאָך ניט אינגאַנצן דורכגעגאַנגען די יסורים פון באַשאַף. ביי אים איז די וועלט אויפן זעקסטן טאָג געווען פאַרענדיקט, — ביי מיר איז ערשט אינדער־מיט. עס וועלן נאָך פאַרגאָסן ווערן ימען בלוט, יהודה. און אויב דו מיט דיין פאָלק וועלן דאַרפן אומקומען אין דעם פּראָצעס, וועט עס אויך ווערט זיין.

יהודה: און צוליב וואָס האָסטו איצט געלאָזט דערפילן זיך און דערקאָנען זיך צו מיר?

דער פרעמדער: אין דעם באַשטייט דער סוד. נאָר אין דער פאַרצווייפלונג פון דיין גייסט, האָסטו זיך שטענדיק דערנענ־טערט צו מיר. האָב איך דיך געבראַכט אַהערצו, און האָב גערעדט צו דיר אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. איך האָב גערעדט צו יעדן איינעם אויפן אינזל, און געלאָקט זיי מיט מיראַזשן פון פאַר־ניכטונג און זעלבסט־פאַרניכטונג. קומען זיי דאָך איצט צו דיר און פאָדערן די דערלייזונג, פאָדערן דאָס, וואָס דו און טויזנטער פאַר דיר האָבן צוגעזאָגט צו ברענגען און האָבן ניט געבראַכט. האָסט געהערט מיינע רייד — פון מיר צו דיר, און מיינע רייד צו דיר דורך זיי; און דער הימל אַרום איז שוואַרץ, און די כוואַליעס פון פאַרצווייפלונג — נאָך שוואַרצער; און די זון גייט ניט אויף און וועט ניט אויפגיין; און ער, צו וועמען דו און דאָס פאָלק טוען תפילה יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט, — ער שווייגט. איז איצט די צייט געווען פאַר מיר צו קומען. דורך דיר און דורך דיין פאָלק אויפרייסן דעם לעצטן פונק פון זינען אין דער גייסטיקייט. און אין דעם כאַאָס פון וואַנזין אויספורעמען דעם אויבערמענטש פון ראַציאָנאַלער מעכאַנישקייט, וואָס וועט דינען בלויז מיר און וועט תפילה טאָן בלויז צו מיר. איך וועל דיר אַנטפּלעקן דעם סוד פון בלוט, יהודה. איך וועל דיר אַנטפּלעקן דעם סוד פון לעבן, פון טויט און פון אַבסאָלוטער צעשטערונג. איך וועל דיר געבן דעם

כוח אויפצורייסן יעדן אַטאָם און יעדן עלעקטראָן אין דעם אוניווערס, און אין דעם אויפרייס וועלן אַלע קוואַדריליאָנען שטערן אַ ציטער טאָן. ז י י ן ממשלה וועט זיך ענדיקן, און עס וועט קומען די דערלייזונג. —

י ה ו ד ה: (ווי אין אַ טראַנס) און ס׳וועט קומען די דערלייזונג. (אין דעם מאָמענט באַווייזט זיך אין דער טיר שרה. זי בלייבט שטיין אויף די טרעפּ און קוקט אויף יהודהן. דער פרעמדער בויגט אָן דעם קאָפּ, ווי פאַרנויגנדיק זיך און טרעט אָפּ הינטערווייּלעכס צו אַ טונקעלן ווינקל, וואו ער ווערט אומזעבאַר).

ש ר ה: איך האָב געהערט דיין שטימע, יהודה. האָסט גערעדט צו זיך אַליין. צו איז דאָ עמעצער געווען?

י ה ו ד ה: איך גלויב, ס׳איז דאָ עמעצער געווען. און אפשר —

ש ר ה: ביסט לעצטנס אַזוי צעשפּליטערט און צעריסן, יהודה. דו דאַרפסט רו. די אַרבעט און יסורים מאַטערן אויס דיין גייסט.

י ה ו ד ה: מיין גייסט?!... גייסט גייסט! ס׳אַ חלום!

ש ר ה: דו שרעקסט מיך... ניט דיינע ווערטער. —

י ה ו ד ה: שרעק? שרעק? ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך! דערלייזונג איז ניט אין גייסט. דערלייזונג איז אין וויסן.

ש ר ה: האָסט פאַרלוירן דעם מוט, ליבסטער? האָסט דאָך אַליין מיך געלערנט, אַז די מענטשהייט האָט אַ גרויס האַרץ, און דאָס האַרץ וועט אַ ציטער טאָן אונטער די טרערן פון אונדזער פאָלק. עס וועט זיך אָנפילן מיט רחמנות און מיט ליבע. קום צו מיר, יהודה. איך וועל דיר געבן רו... כ׳וועל דיך צודריקן צו זיך. קום צו מיר.(זי זעצט זיך אויף די טרעפּ. יהודה לאָזט זיך גיין צו איר, וויל זיך שטעלן אויף די קני און קען ניט, גלייך ווי עמעצער האַלט אים אָפּ. זי ציט אים אָבער צו זיך מיט אירע הענט, לעגט זיין קאָפּ אויף איר שויס).

ש ר ה: דיין קאָפּ איז אַזוי הייס, ביסט קראַנק, יהודה מיינער, קראַנק. שלאָף איין, שלאָף איין. וועסט אויפוואַכן מיט די שטראַלן פון דער זון... מיט מיין ליבע צו דיר.

י ה ו ד ה: כע—כע...

ש ר ה: האָסט געהערט? ס׳האָט עמעצער געלאַכט.

י ה ו ד ה: אפשר ער? —

ש ר ה: ווער?

י ה ו ד ה: דער פרעמדער.
ש ר ה: דער פרעמדער? וואָס טוט ער דאָ?
י ה ו ד ה: ער האָט מיר אַנטפּלעקט דעם סוד — דעם סוד פון דערלייזונג. הער, הער, שרה! ניט גייסט, נאָר וויסן! ניט לעבן — נאָר טויט! נעם מיין האַנט, פרעמדער! נעם מיין האַנט!
ש ר ה: ניין, יהודה, ניין. איך וועל ניט לאָזן. קוק אין מיינע אויגן, יהודה. אין מיינע אויגן וועסטו זען דאָס ליכט פון לעבן.
י ה ו ד ה: און דו קוק אין מיינע אויגן וועסטו זען דאָס ליכט פון פינצטערניש. ליכט קומט אויך פון פינצטערניש... הערסט? הערסט? עס דונערן וואולקאַנען? ניין — דאָס דונערן האַרמאַטן, באָמבעס און קאַנאָנען! הערסט? הערסט? — וואָיעט דאָס דער שטורעמווינט? ניין — דאָס וואָיען יללות פון מענטשן. דאָס שטורעמען כוואַליעס בלוט פון וואונדן, כאַ—כאַ—כאַ—כאַ—כאַ!
ש ר ה: יהודה, קוק אויף מיר. גיב מיר דיין האַנט... קום צו מיר. מיין מאַן, מיין גאון. וואו זענען די צאַרטע ווערטער מיט וועלכע דו פלעגסט מיך רופן? האָסט שוין מער גאָר ניט פאַר מיר, מיין מאַן יהודה?
י ה ו ד ה: איך האָב, איך האָב — איך וועל מיין מאַנטל אויס־שפּרייטן פאַר דיר פון ים צו ים. איך וועל אויסרייסן פאַר דיר די הערצער מענטשלעכע, און ווי מיט בלומען אויספלאַנצן מיט זיי די ערד פאַר דיר. יעדער טראָפּן פון פרימאָרגנדיקן טוי וועט זיין פון בלוט. און באָדן וועסטו זיך אין מילך און בלוט פון זויגנ־דיקע מוטערס. אָנשטאָט פּערל וועל איך דיר געבן די ציינער פון גאונים. אויף צונגען פייער פון ברענענדיקע שטעט וועסטו פליען צו די וואָלקנס. די יללות פון געשאָכטענע וועלן זיין ווי לידער פאַר די אויערן דיינע, און פון ביינער מענטשלעכע וועל איך בויען פּאַלאַצן פאַר דיר. כאַ—כאַ—כאַ — — — — (ווערט אַנטשוויגן. באַהאַלט דעם פּנים ביי איר אויפן שויס. יהודה הויבט זיך לאַנגזאַם אויף. ווישט אָפּ דאָס פּנים מיט די הענט, ווי אָפּוואַשנדיק אַ חלום. גייט צו צום אָרון־קודש. שטעלט זיך אויף די קני און לעגט זיך מיטן גאַנצן קערפּער און מיטן פּנים צו דער ערד. עס ווערט טונקעלער, נאָר דער ליכט־פּאַס שיינט פון אויבן. יהודה ליגט אַזוי אַ לאַנגע צייט, אומבאַוועגלעך, ווי אַ טויטער. שרה ווערט אומזיכטבאַר. פון טונקעלן ווינקל דערהערט זיך דער שטילער געלעכטער פון דעם פרעמדן. יהודה הויבט זיך אויף. רעדט שטיל):

יהודה: האָסט מיר ניט געגעבן דעם ענטפער. דו שווייגסט. איך אָבער קאָן ניט שווייגן מער. איך, דער פאַריער, דער אומבאַ־רירבאַרער, איך וועל דיך פאַרטיליקן. איך וועל זיך פאַראייניקן מיט אים! מיט אים, וואָס איז אין דיר, וואָס איז דער צווייטער אין דיין צווייאייניקייט, מיט אים וועל איך זיך פאַראייניקן און אַריינ־שליידערן דיך און דיין וועלט אין כף־הקלע! אים וועל איך אָוועק־געבן מיין גייסט, מיין וואָרט, מיין טאַט, מיין יעדן אָטעם... (שרייט ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפער) אויס מיט דיר, אויס! גענוג! איך גלויב ניט מער אין דיר! גענוג געוואָרט! גענוג געליטן! גע־נוג! (דרייט זיך האַסטיק אויס. די ליפּן ווייס, די אויגן ברענען, די האָר צעשויבערט. שטרעקט אויס די האַנט פאַראויס מיט כוח): דו, צווייטער אין דער צווייאייניקייט — נעם מיין האַנט! (פון טונקלקייט באַווייזט זיך דער פרעמדער. גייט צו צו יהודהן. קוקט אויף אים, ווי היפּנאָטיזירנדיק אים).

יהודה: נעם מיין האַנט! איך גיב דיר אַלץ, וואָס כ'האָב אים געגעבן. איך גיב דיר מיין קאָפּ, מיין וויסן, מיין האַרץ, מיין ליבע, מיין נשמה, מיין גייסט, מיין צער, מיין געוויסן, מיינע תפילות, מיינע טויזנטער מצוות און זינד, מיין הויז, מיין שול, מיינע ברידער און שוועסטער, מיין פאָטער און מוטער, מיין פאָלק, מיין וועלט — פאַר דעם קץ.

דער פרעמדער: דעם קץ? צום ערשטן וועסטו דאַרפן דורכ־גיין דעם וועג צום קץ. און קץ איז ווידער אָנהייב פון באַשאַף —

יהודה: און די דערלייזונג?

דער פרעמדער: אין דער פאַרניכטונג פון דיין מין. מיין שליטה איז איבער דיר און איבער דער ערד, אָבער ניט איבער אַלע קוואַדריליאָנען שטערן.

יהודה: איז דיין קראַפט ניט אַבסאָלוט?

דער פרעמדער: איך בין מיט אים פאַרבונדן ערגעץ וואו. און די פאַרבינדונג קאָן איך ניט געפינען. ווייל ביים קנופּ איז ער — איך, און איך — ער.

יהודה: אָבער דער סוף פון מיר וועט סיי־ווי זיין דער סוף פון אַלע וועלטן און פון אים און אויך פון דיר. פיר מיך מיט אַלע וועגן צו דעם סוף.

דער פרעמדער: דו שטייגסט מיך איבער, מענטשן־קינד,

מיט דיין ווילן און אַנטשלאָסנקייט אַ שפּרונג צו טאָן אין חלל. אָבער איידער איך פיר דיך אויף אַלע וועגן פון גסיסה־געגנוס צום ברעג, מוזטו אויסלעשן דאָס נ י ט ד ע ר מ אָ נ ט ע וואָס ליגט ערגעץ טיף, טיף אין דיר, און וואָס איז ד ע ר ק נ ו פּ צ ו י ש ן ד י ר א ו ן א י ם.

י ה ו ד ה: וואָס איז דאָס ניט דערמאָנטע?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: דאָס ניט דערמאָנטע ברענגט מיר אַרויף אויפן געדאַנק אַן אַנדער מענטשנקינד, וועמען איך האָב שוין געהאַט ביים ברעג פון באַרג, גרייט אַ שפּרונג צו טאָן.

י ה ו ד ה: דער נוצרי?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: יאָ, דער נוצרי. און איך האָב פאַרלוירן, ווייל צו שטאַרק האָט געברענט אין אים דער פונק.

י ה ו ד ה: דער פונק?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: יאָ, דער פונק, וואָס איר רופט „גלויבן" און „בטחון".

י ה ו ד ה: אָבער דער גלויבן אין דיר איז דאָך אויך גלויבן!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: אָט זעסט! אויך דו האָסט מורא אויס־צולעשן אין דיר דעם פונק. דו שטעלסט ניט איין: דו ציטערסט נאָך אַלץ פאַר דעם אומבאַקאַנטן, פאַר דעם אַבסאָלוט. כע—כע... אַ פונק ביים לעבן, ביסטו געוואוינט צו גלויבן, איז אָפט אַ פייער נאָכן טויט. מענטשן האָבן ליב צו וואַרפן זייערע הערצער אין דעם פייער. עס ווערט „מאַרטירערטום"! איין האָנט אים — און ס'איז גייסט! די צווייטע האָנט מיר — און ס'איז בלוט! און איך און ער רייסן זיך איבער דיר. ווילסטו איצט אויבעט שפּילן די שפּיל? — — אויס מיטן פונק, יהודה! לעש אים אויס! — צו אפשר האָסטו שוין חרטה?

י ה ו ד ה: ניין, איך האָב ניט קיין חרטה. מיט גלויבן, מיט בטחון האָב איך סיי־ווי־סיי די דערלייזונג ניט געבראַכט; וועל איך זי ברענגען מיט פינצטערניש און מיט בלוט. נעם מיין לעצטן פונק! נעם, אויב ס'איז נאָך פאַראַן אַ לעצטער פונק אין מיר!

(דער פרעמדער הויבט אויף די פינגער פון זיין לינקער האַנט, ווי אין סימבאָלישן ריטואַל. עס נידערט אַראָפּ אַ געדיכטע פינצטער־ניש און דער פּאַס ליכט פון אויבן ווערט אויסגעלאָשן. מיט דעם פאָספאָרירנדן פינגער, וואָס שיינט אין דער לופטן, מאַכט דער

פרעמדער אַ פייערדיקן קרייז אַרום יהודהן. אויף די ווענט און אין די ווינקלען פאַנגט זיך אָן אַ וואַקלאַנאַליע פון ליכט און שאָטן... קאָשמאַר פון טויזנטער אויגן און טויזנטער ליפּן אַרום... אַ רויט־לעכער שיין הויבט אָן פאַלן פון אויבן און אין דעם שיין — דאָס געשטאַלט פון יהודהן. ער שטייט מיט אויפגעהויבענע פאַרבלוטיקטע הענט, שאָקלט זיך הין און צוריק און זינגט אַ ניגון פול מיט התפעלות... און, ווען ער הערט אויף זינגען, דערהערט זיך ווייט, ווייט דאָס געלעכטער פון דעם פרעמדן. ווי דער רויש פון כוואַליעס קומט פון ווייטנס דאָס ברומען פון פאָלק. יהודה שטייט מיט פאַר־מאַכטע אויגן די הענט צעשפּרייט. רעדט פייערדיק און פיבער־דיק):

יהודה: מיין פאָלק! מיין פאָלק! פאַרנעם מיין וואָרט. דאָס וואָרט פון דער צווייאייניקייט! באַהעפט זיך מיטן שטורעמווינט, מיט וואַסער און מיט פלאַם, מיט בלוט, מיט קללה און מיט סם! מיט שווערד, מיט ביקס און מיט קאַנאָן! מיט גזלה, מיט האַס, מיט פאַלשקייט און מיט מיר, מיט מיר — מיט אייער פירער יהודה!

(די ווייטע ילולות און ווילדע געשרייען פון פאָלק מישן זיך אויס מיטן געוואָי פון שטורעמווינט, וואָס שטייגט אַלץ העכער און הע־כער. פון דער טונקלקייט רייסן זיך אַרויס איינציקווייז דריי גע־שטאַלטן).

ערשטע געשטאַלט: הערט זיך איין! הערט זיך איין! עס קומט דער אָנזאָג! עס שוועבט שוין דאָס וואָרט פון נביא! עס פאָכט מיט שוואַרצע פליגל די גאולה! עס קומט דאָס וואָרט! עס קומט די טאָט! עס קומט דער נס! ברידער! ברידער! לויב צום פירער! (פאַרשווינדט)

צווייטע געשטאַלט: העי! העי! העי! זאָל שאַלן העכער אייער געשריי! זאָלן אייערע טאָצן ווערן בליצן! לאָזט זיך דרייסט אַרויס מיט שטורעם! עס קלאַפּן צו די דונערס — פּויקן! זאָלן גיסן, פליסן בלוטן־שטראָמען! לויב צו אונדזער פירער, צום אויסלייזער יהודה! (פאַרשווינדט).

דריטע געשטאַלט: הערט אויס! הערט אויס! עס איז דער אָנזאָג! דער באַפעל! רייסט אַראָפּ די געלע לאַטעס פון די ברוסטן! די הערצער וועלן פלאַקערן אין אייך מיט געלן פייער! פאַרשאַרפט די ציין! פאַרשפּיצט די נעגל! לאָזט פריי אייער לייב

און אַלע תאוות! צינדט אָן די שטעט! פֿאַרברענט די בריקן! צע־שיסט די ערד און אַלע הימלען! ניטאָ קיין גאָט! ניטאָ קיין געטער! אַזוי זאָגט ער, דער נביא און דער פירער, דער משיח און אויס־לייזער יהודה! לויב צום אויסלייזער יהודה! (פֿאַרשווינדט).

ד אָ ס פ אָ ל ק: לויב! לויב! לויב! צו אונדזער פירער און אויס־לייזער יהודה!

י ה ו ד ה: מיין פֿאָלק, מיין פֿאָלק, פֿון אָט דעם באַרג האָבן מיר יעדן טאָג געוואַרט אויף אונדזער זון — זי איז ניט אויפגעגאַנגען די זון. ניטאָ קיין זון!

ד אָ ס פ אָ ל ק: ניטאָ קיין זון!

י ה ו ד ה: ווען די פינצטערע נאַכט האָט פֿאַרשפּרייט אירע פֿליגל איבער אייך, האָט איר באַלויכטן אייערע ווינקלען מיט דעם ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פֿון אייערע תורות. און ווען אַלע בייזע קללות פֿון דער וועלט האָבן ווי שניידנדיקע ווינטן אָ לאָז געטאָן זיך איבער אייערע דעכער, האָט איר מיט דער וואַרעמקייט פֿון אייערע הערצער געוואַרעמט זיך איינער לעבן צווייטן. איר האָט אַוועקגעגעבן אַלץ פֿאַר דערלייזונג, און די דערלייזונג איז ניט געקומען. זי וועט אָבער קומען איצט. זי וועט קומען, און זי וועט זיין אין דער גסיסה פֿון דער וועלט.

ד אָ ס פ אָ ל ק: אין דער גסיסה פֿון דער וועלט.

י ה ו ד ה: עס וועט ניט אויפגיין מער די זון.

ד אָ ס פ אָ ל ק: עס וועט ניט אויפגיין מער די זון.

י ה ו ד ה: און ס'וועט הערשן משוגעת אין דער וועלט.

ד אָ ס פ אָ ל ק: משוגעת, משוגעת.

י ה ו ד ה: אַזוי זאָג איך דער פירער, דער אַלמעכטיקער. אַזוי זאָג איך — יהודה.

ד אָ ס פ אָ ל ק: קדוש — קדוש — קדוש — יהודה!

(ישראל לויפֿט אַריין, ווי געטריבן פֿון בייזע גייסטער. פֿאַרצווייפֿ־לונג און צער אויף זיין פּנים. קוקט זיך דערשראָקן אַרום, און, דערזעענדיק יהודהן, הויבט ער אויף די ציטערדיקע הענט מיט אַ געוויין).

י ש ר א ל: רבי, רבי, ס'איז לעסטערונג, רבי!

י ה ו ד ה: לעסטערונג זאָל זיין!

י ש ר א ל: דו, מיין רבי יהודה, ביסט אַ מורד געוואָרן? זאָל איך

אויסרייסן מיינע אויגן און מיין האַרץ? זאָל איך איצט אָפּלייקענען זיך, און דיך, און דעם באַשעפער, און איינטונקען מיינע הענט אין בלוט? זע, די לעסטערונג האָט אויפגעפראַלט די טירן פון דעם גיהנום, אַרויסגעלאָזט די בייזע רוחות, בייזע שדים, וואָס טאַנצן שוין דעם טאַנץ פון טויט. זע, די געטלעכע ווערטער ליגן צעטראָטן אויף די וועגן. די בלעטער פון די הייליקע ספרים קאָרטשען זיך אין פלאַמען פייער. דיין גייסט, דער ליכטיקער, ווערט פאַרשלונגען אין רויך און אין שוועבל.

י ה ו ד ה: דיינע ספרים קאָרטשען זיך שוין יאָרן טויזנטער אין פלאַמען, און דו און ער האָבן ניט געהאָלפן. דיינע ווערטער די געטלעכע האָט מען אין שטייגן פאַרשפּאַרט, און דו און ער האָבן ניט געהאָלפן. די בייזע ווינטן, רוחות, שדים טאַנצן שוין דעם טאַנץ פון טויט פון ששת־ימי־בראשית, און ער און דו האָבן ניט אָפּגע־שטעלט דעם טאַנץ.

י ש ר א ל: ניט מיר, רבי, זענען צו באַשטימען ווי לאַנג עס דאַרף זיין דער טאָג און ווי לאַנג די נאַכט, ווי לאַנג עס מוז גע־דויערן די פינצטערניש, און ווי לאַנג די ליכטיקייט. דער גלויבן האָט טויזנטער יאָרן געהיילט די וואונדן אונדזערע... לאָז ניט איצט דעם גלויבן ווערן אַ שלאַנג אין אונדזערע הערצער. דער גלויבן האָט אונדזער צער און פיין פאַרוואַנדלט אין געדולד, אין שטאָל! אָן גלויבן — בין איך ניט איך, דו ביסט ניט דו, און אַלץ איז גע־ווען, און איז, ליגן פון אָנהויב ביזן סוף. ניין, רבי, ניין!

י ה ו ד ה: דער גלויבן איז ניט געווען קיין גלויבן, דער ליגן איז ניט געווען קיין ליגן, דער אמת איז ניט געווען קיין אמת. און עס איז ניטאָ, און עס איז ניט געווען, און עס וועט ניט זיין די וואָג און די מאָס צו מעסטן עס. ס׳איז ניט געווען, און ס׳איז ניטאָ און ס׳וועט ניט זיין דער וועג, וואָס זאָל פירן צו אַ ציל, צו אַ זין. ניטאָ קיין רחמנות! פאַרשליגג, פאַרצוק, צערייס איינער דעם צווייטן! דערלייזונג איז בלויז אין טויט, אין אונטערגאַנג, אין ניט זיין... לעש אויס דיין פונק, ישראל!

י ש ר א ל: ניין, רבי, איך וועל ניט אַרויסרייסן דעם לעצטן פונק וואָס אין מיר.

י ה ו ד ה: איך וועל דיך צווינגען, ישראל — איך וועל דיך צווינגען!

י ש ר א ל: אָן גלויבן האָסטו קיין שליטה ניט איבער מיר.

יהודה: איך וועל פאַרניכטן דיך און דיין עקשנות.
ישראל: דו האָסט מיך געלערנט: אדם יסודו מעפר, וסופו לעפר... און שטויב איז אויך אומשטערבלעך, און גייסט איז דער נר־תמיד. — אַזוי האָסטו מיך געלערנט.
יהודה: דיין גייסט ווערט אויסגעלאָשן צוזאַמען מיט דיר אין דער פאַרניכטונג. לעש אויס דיין פונק אין זיך און אין דיינע ברידער, וועסטו ברענגען די גאולה.
ישראל: די גאולה ליגט אין פונק, רבי, און מיין פונק וועט ניט אויסגעלאָשן ווערן.
יהודה: אַז אוי און ווי זאָל זיין צו דיין עקשנות, ישראל! אַלע בייזע כוחות, אַלע בייזע גייסטער, שווערד און הונגער, פייער און מגפות, די רשעות פון אַלע פעלקער, און פון אַלע צייטן זאָלן פאַלן אויף דיין קאָפּ און אויף דיין געביין, ישראל. אין אַנגסט און אין יסורים זאָלסטו זיך אַליין פאַרשעלטן, און מיט די אייגענע הענט אויסלעשן דעם פאַרשאָלטענעם מאַרטירער־פונק אויף אייביק און אויף אייביק. אַזוי זאָג איך — יהודה.
(דער שטורעמווינט יאָמערט מיט געשרייען און מיט ילָלות פון פאָלק. יהודהס שטימע קלינגט אין שטורעמווינט מיט גרויל).
אין בלוט און אין פייער, אין פינצטערניש און אין מגפה — צו גאולה! אין זכר, אין נקבה, אין קינד און אין זקן, אין אַלע אברים מיט אַלע חושים — לעשט אויס דעם לעצטן פונק!
ישראל: ברידער, פאָלגט אים ניט!
יהודה: (טוט אַ ווילדן שפרונג אויף ישראלן, כאַפּט אים אַן ביים האַלדז) **איך אַליין, איך אַליין מיט מיינע הענט וועל אויסלעשן דעם פונק אין דיר. איך — כאַ—כאַ—כאַ!** (מיטאַמאָל ווערט אויפגעפראַלט די טיר און אין שטראָם פון ליכט באַווייזט זיך שרה. יהודה לאָזט אָפּ ישראלן, ער טרעט אָפּ אויף צוריק צום אָרון־קודש, וואו ער פאַלט אויף די טרעפּ, ווי אַן אונטערגעשניטענער. שרה גייט צו צו ישראלן, הויבט אויף זיין קאָפּ מיט איר האַנט, ווישט אָפּ מיט דער צווייטער זיין שטערן, רופט צאַרט):
שרה: ישראל.. ישראל...
ישראל: (עפנט אויף די אויגן) **אַ שרעקלעכער חלום... דער רבי, דער רבי...**
שרה: ער וועט קומען צו זיך. ער וועט קומען.
(נעמט אַרום ישראלן און גייט מיט אים לאַנגזאַם צו יהודהן. שטייען

אַזוי אַ ווײַלע און קוקן אויף אים. ישראל הויבט אויף יהודהס קאָפּ, און שרה שטעלט זיך הינטער אים און גלעט זײַן שטערן מיט אירע ווײַסע הענט)

י ש ר א ל: (מיט געבעט) רבי... רבי יהודה... רבי יהודה...

(יהודה עפנט די אויגן, קוקט און זעט גאָרניט)

י ש ר א ל: לעגט צונויף די הענט, ווי אין תפילה, בויגט זיך צו צו יהודהן) רבי, דאָס בין איך — ישראל. זאָגט מיט מיר, רבי. זאָגט מיט מיר: קדוש — קדוש — קדוש.

י ה ו ד ה: קדוש — קדוש — קדוש.

י ש ר א ל: אַלמעכטשלעכער און געטלעכער גײַסט פון פרידן, פון ליבע און רחמנות.

י ה ו ד ה: פון ליבן, פון פרידן און רחמנות.

י ש ר א ל: מיט דײַן ווילן און מיט דײַן גנאָד וועל איך לעבן.

י ה ו ד ה: מיט דײַן ווילן און מיט דײַן גנאָד וועל איך לעבן.

י ש ר א ל: און וואַרטן אויף דער זון, אויף דער ליכטיקייט מיט בטחון.

י ה ו ד ה: און וואַרטן אויף דער זון, אויף דער ליכטיקייט מיט בטחון.

י ש ר א ל: אָמן.

יעקב גלאַטשטיין

א. לעיעלעס

א

„לאַבירינט" הייסט דאָס ערשטע לידער־בוך פון א. לעיעלעס, דערשינען אין 1918. א. לעיעלעסעס עו״שט בוך קומט ווי אַ צינז די ערשטע יוגנטלעך־דיכטערישע אָנונגען, ווען דער צוריר צו דער וועלט איז אַ קוים־קוימיקער, אַ ציטעריק־פאַרכטיקער, ווי דער צוריר פון אַ בלאַט אָן אַ פאַרטערטער שויב. אין יענעם פעריאָד פון שאַפן זינגט דער דיכטער:

> די וועלט און איך, איך און די וועלט:
> מיר רייזן צופעליק צוזאַמען.

ס׳איז יוגנטלעך געמיט. געמיט, וואָס האָט נאָך די וועלט באַוואוסטזיניק ניט ארייננעגנומען אין זיך. ס׳איז נאָר אַ צופעליקע צוזאַמענרייזע פון דיכטער און וועלט אין אַן אומגעהייערן חלל. און די ניט־אָרגאַנישע, ווייל ניט־באַוואוסטזיניקע, שייכות צו וועלט בילדעט שוין במילא יענע אומגעהייערע אַטמאָספערישע איינזאַמקייט, וואָס רינגלט דעם דיכטער אַרום און וואָס דעקט צו מיט אַ ריזיקן שאָטן לעיעלעסעס יוגנטלעך בוך. וועלט־פאַרוואָרפנקייט קוואַלט פון אונטער דעם טרויער־שטיין, וואָס פאַרזיגלט לעיעלעסעס שאַפן אין זיין ערשטן פעריאָד. אָט די וועלט־פאַרוואָרפנקייט איז דער גורם צו לעיעלעסעס פאַרשליסן זיך אינם זעלישן לאַבירינט, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעהאַקט.

שוין דער ערשטער ציקל אונטערן נאָמען „איך" קלינגט ווי אַ „כה אמר" פון אַ יונג געמיט, וואָס איז אויסגעפּולט מיט שאַרפן טרויער און מיט פּחד. ס׳קומען תפילות, יאָמערן, קלאָגן־זיך, גוזר זיין אויף זיך דעם דין; ס׳קומען דערוואַרטונגען, האָפנונגען, גליאיקע וואונטשן, אַנטוישונגען; ס׳קומט דער אייגנאַרטיקער קאָמפּלעקס פון דער דיכטערישער יוגנט, וואָס קלאַפּט אַ פאַרלוירנס אין טונקעלן זעלישן לאַבירינט, אָן די הויכע שמאָלע ווענט, אין די געוועלבן־טויערן, זוכט אַן אויסגאַנג צו וועלט, אַ שייכות. עס איז קאָנטראַסטן־שפּיל פון ליכט און שאָטן, גלויבן און יאוש, פריידיקייט און מידיקייט. און אין סאַמע קאָנטראַסטן־שפּיל שטעלט זיך גאָר דער דיכטער אַוועק

און זאָגט צו זיך אַליין מיט אַ הויך, טרוקן קול, ווי ער וואָלט זיך אַליין אַ גרויזאַמען פּסק־דין געלייענט:

אויף מיר הענגט די זינד און פלוך פון דורות,
און דער משפּט איז שוין לאַנג באַשיידט;
כ׳גיי אין שאָטן פון טויזנט מורא׳ס,
פרעמד איז מיר די גנאָד פון איינזאַמקייט. —

אַ שאַרפער זאַג, אַ חלף׳דיקער, אַ זאַג, וואָס עס פאָדערט זיך צו אים יענע הונדערטפּראָצענטיקע אויפריכטיקייט, וואָס איז דער ערשטער עכטער פאַרבאַדינג פאַר׳ן דיכטער. די לידער פון דעם זשאַנר פאַר־מאָגן אין זיך אַן עסקעטישע געפייניקטקייט, וואָס קומט צוגלייך מיט אַ לאַנגדויערנדיקן געראַנגל מיט זיך אַליין, מיט כחות חומר׳דיקע אין זיך, וואָס גייען אויף אין בלוט ווי אַ ים׳יקע וועל. אין שעה׳ן פון אַזאַ געפייניקטקייט שפּירט דער דיכטער:

און פונקט ווי אַ בעדואין
דריי איך זיך אין וואָרט־געשפּין,
אין דער וויסט פון וואָרט־געשפּין.

אויך וואָרט טראָגט אין אַזעלכע שעה׳ן ניט קיין דערלייזונג. וואָרט ווערט װ ו י ס ט, ווערט וואָרט־געשפּין, וואו די זעל דרייט זיך אַריין און אַרויס, ווי אַ בעדואין. אין אַזעלכע שעה׳ן קומט אפילו דער דיכטער צום באַדלערישן דערפילן „פון מיין אייגענעם טרופּ — דעם גערוך״. אַ שווערמוטיקייט פאַנגט דאָס יוגנטלעכע האַרץ אין קלעם אַריין.

און אַז דעם דיכטער געלינגט זיך דורכהאַקן אַ פענצטער צו וועלט, כאָטש אַ קליין, שמאָל, תּפיסה׳דיק פענצטערל — אינ׳ם צווייטן ציקל „דורכן פענצטער״ — ווערן זיינע געדאַנקען אויך ניט יוגנטלעך־פריידיקער, פריילינגדיקער. ווארעם וואָס איז שוין דערפון, אַז דער דיכטער געפינט שוין אַ שייכות צו וועלט און אַ קאָנקרעטע שייכות — די פרוי און די וועלט — אַז דאָס געמיט, וואָס פאַרקניפּט זיך מיט אָט דער שייכות איז אַ טרויעריקס, אַ לאַבירינט־געמיט, וואָס פאַרנעמט דאָס פאַרבייווייען פון דער פרוי פאַר׳ן פענצטער ווי אַ „זיפץ אין דער נאַכט״ און מאַכט געבוירן אַזעלכע שורות, ווי:

מיין ליבע, זי איז ניט פון פרייד העל באַטאָגט,
מיין ליבע, זי צאַנקט און זי פלאַטערט —

מיין טרוים איז פון גאָלדענעם שיין ניט געוועבט,
מיין טרוים איז פון שוואַרצן געשפּונען.

פון אַזאַ ליבע און פון אַזאַ טרוים פירט דער גלייכער וועג צו די זעלבסט־פאַרלייקענונגס־לידער אין ציקל „דעם האר", ווען דער דיכטער דערפילט, ווי:

די נאַכט איז שטיל און אין שטומען לויערן
ליגט גאַר די וועלט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן,
און הערט דעם גאַנג פון מיינע זינד־געדאַנקען.

אין אַזאַ נאַכט, ווען די יונגע זעל ווערט פונאַנדערגעריסן מיט די אייגענע הענט, אַזוי, אַז די אינערע געשפּאָלטנקייט ברעכט זיך אַרויף, איז קלאָר דאָס פעסט־שטעלן זיך אַליין:

און איך וואָגל, וואָגל מיר,
אַלץ פון גאָט'ס צו שטנ'ס טיר
און צוריק... און מיינע טעג —
זיי פאַרגייען אויפ'ן וועג.

וועלט־פרעמד איז דעם דיכטער דאָס פרייוויליקע אונטערגעבן זיך די ליידנשאַפטן, דאָס פאַרנעמען דעם רוף פון גוף, דעם חומר'דיקן באַפעלערישן רוף ווי אַ געבאָט פון גאָט, ווי אַ מעכטיקן נאַטור־כּח, וואָס גייט אַריבער איבער'ן מענטשלעכן ווען, ווי דער אַקער איבער'ן פעלד. עס זענען דאָ באַגריפן פון גאָט און שטן, פון כּחות לויטערע און טמאַ'דיקע, און ווען עס זענען דאָ אַזעלכע באַגריפן, איז אויך דאָ די וואָגלעניש פון גאָט'ס צו שטנ'ס טיר; איז אויך דאָ געראַנגל פון גאָט־ און שטן־כּחות אין זיך גופא, אויפ'ן סאַמע תהומ'יקן דעק פון דער נשמה.

אַ טיפער קומער לויפט פאַראויס דעם דיכטער איבער'ן גאַנצן שטח פון בוך, איבער דעם ציקל „פאַרשיידנס" ביז דער פּאָעמע „יהודה הלוי", אַן ערשטלינג־געשטאַלט ביי לעיעלעסן, וואָס פּאַסט זיך אָבער אַזוי אוממיטלבאַר אַריין מיט זיין טראַגישן גורל אינ'ם שטימונג־געוועב פון בוך. כאַראַקטעריסטיש איז ווי אַזוי דער דיכטער פּאַסט אויף און געשטאַלטיקט יהודה הלוי'ס בענקשאַפט נאָך ציון, אַ בענקשאַפט, וואָס איז צעטראָטן געוואָרן אויפ'ן שוועל פון געגאַרטן לאַנד אונטער די פערד־טריט פון ווילדן אַראַב:

הערסט די שטים ניט, וועלכע וואָרנט
זינגט דער מענטש טרוימט אויף דער ערד:

פאַר דעם טרוימער — בלויז זיין חלום,
דאָס — און גאָרניט מער באַשערט ?

זעסט די האַנט ניט פון דעם מזל,
וועלכע שרייבט דאָרט פון דערווייט :
קיינער זאָל ניט וואַגן מאַכן
פון אַ טרוים אַ ווירקלעכקייט — —

צו אַזאַ סך־הכּל דערפירט דער דיכטער די וויזיאָנעריש־אויפגעגליטע לעגענדע־געשטאַלט פון יהודה הלוי. דער דיכטער זעט ניט קיין צונויפקניפּונג פון חלום און וואָר.

אַ יוגנטלעך בוך איז „לאַבירינט". יוגנטלעך לויט דער גרויסער דאָזע אומבאַהאָלפנקייט אין וועלט־געפיל, אין וועלט־געראַנגל, וואָס קומט אין אים צום אויסדרוק. יוגנטלעך אויך לויט דער פאָרם. עס שפּירט זיך אין ווערק אַן אויסדרוק־זוכעניש, אַן אויסדרוק־וואַקלעניש. אָבער שוין אין דעם בוך, ווי אין יעדן ערשטלינג פון אַן עכטן דיכטער, ליגט איינגעוועבט אין עמבריאָנאַלן צושטאַנד זיין גאַנצער ווייטערדיקער מהות. שוין אין דעם בוך איז צו געפינען דעם דיכטערס גרויסע פאָדערונג צו פאָרם, ווי זיין באַזונדערש־אַנטוויקלטן פאָרם־חוש. שוין אין דעם בוך געפינען מיר שורות, וואָס גליען מיט אינערלעכער בילד אויסשטראַלונג, ווי : „בין אויף וועגן אַלערליי געגאַנגען, זיך ווי זאַמד, צעפּיצלט אין דעם זאַמד" ; „אַ בליק, וואָס שפּרייט אויס אין דעם האַרץ ווייסע בלומען" ; „פאַרלאָזט דאָס לאַנד, וואָס האָט געגלעט אים מיט דער זיידענער האַנט פון רום" — ליכטיקע בשורות פון א. לעיעלעסעס בילד־עלעמענט, וואָס פאַרנעמט אַזאַ קענטיקן פּלאַץ אין א. לעיעלעסעס שאַפן.

ב

די לידער פונ׳ם ווייטערן, רייפערן פּעריאָד פון זיין שאַפן, צום אַלעם ערשטן די לידער, וואָס גייען אַריין אין בוך „יונגהאַרבסט" זענען שוין פון אַ העלערער באַפאַרבונג. העלער קודם־כּל לויט׳ן מאָטיוו. אויך אין „יונגהאַרבסט" געפינען מיר נאָך שטאַרקע עכאָס פון לעיעלעסעס „לאַבירינט". אויך דאָ שלאָגן מיר זיך אָן אָן אַזעלכע טיפּישע שורות, ווי :

טרעפּן. מאַסן. שטייגן. פאַלן. פינצטער. ליכט.
ווענט אַרום. מאַסיוו און דיק. דאָך פאַלט אין שטראַלן
דורך די ווענט דער דרויסן. נישט קיין ווענט — וואָלן.
עפנט אַלץ זיך און פאַרמאַכט זיך אומגעריכט.

און אפילו ביים סאַמע אָפּשלוס פון בוך, וואו דעם דיכטערס קול קלינגט פאַרשטיקט־ודוי׳דיק, איז צו לייענען:

דער וועג פון שטאַרבן זאָל זיין טונקל און שמאָל.
אַ לאַנגער גראַט. אַן ענגער טאָל.

א. לעיעלעסעס פאַרשלאָסנקייט שפּאַרט אַרויס אינ׳ם אייגנאַר־טיקן שטימונגס־רעקוויזיט פון: קעלער, צעל, גראַט, ווינדל־טרעפּ, פינצ־טערניש א. א. וו. פאַרשלאָסנקייט איז בכלל איינע פון די גרונט־אייגנ־שאַפטן פון לעיעלעסעס ליד. געהערט דאָך לעיעלעס נישט צו די השתפכות־הנפש־דיכטער, וועמעס לידער שטעלן מיט זיך פאָר „לירישע אויסגוסן". מאַכט דאָך א. לעיעלעס תמיד דעם איינדרוק ווי זיין ליד וואָלט לאָזן אָנען וועגן פיל ברייטערע געפילן און געדאַנקען־רוימען, וואָס שפּרייטן זיך אין זיין הינטערגרונט און וואָס קוקן אַרויס דורך די פּערז־שפּאַרונעס, ווי אַ זון־העלקייט דורך וואָלקן־שפּאַלטן. איז דאָך א. לעיעלעס אויך אין זיין פאָרם דער, וואָס בויט אויף צוימען, טויערן, וואָלן ארום זיין ליד; דער, וואָס טראָגט זיין ליד ניט אונטער אַ הייס־בריאיקן, ווי פאַרמלאָז־צעשמאָלצענעם בליי, נאָר אַ קיל־פאַר־ענדיקטן, אָפט אַן אַרומגעמויערטן, אַן אַרכיטעקטאָניש־פאַרשפּיצטן, ווי אַ גאָטישן שלאָס־טורעם. אָפּגעשלאָסנקייט אין געפיל. אָפּגעשלאָסנקייט אין פאָרם. די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט־שטריכן פון לעיעלעסעס אינדיווידואַליסטישער ליריק שטרייפן אויף דורך דעם „יונגהאַרבסט"־געוועב. לעיעלעסעס שלעסער־מאָטיוון אין „יונגהאַרבסט" פאַרמאָגן שוין אין זיך אַ העלקייט „פון ווייטע לבנות און וווייטערע זונען", וואָס אמת — אַ העלקייט, אַ ווייטלעכע, אָפט די העלקייט פון וואָנזיניקע אויגן, וואָס זענען העל־קלאָר פון שרעק אין אָנבליק פון אַ שריפה אין דולהויז־צעל, אָבער, וואָס מער מיר גייען אין בוך אַריין, וואָס ברייטער און רוימיקער עס עפנט זיך פאַר אונדז די „יונגהאַרבסט"־לאַנדשאַפט, אַלץ מער אויפגעהייטערט ווערט די העלקייט, אַלץ מער קלינגען אונדז אַנטקעגן אויפגעלויטערטע, אויפגעלויכטענע מאָטיוון. אַן אויפגעקלאָר־טער, אויפגעשפּיגלטער „יונגהאַרבסט"־הימל שפּרייט זיך איבער די מאָטיוון פון בוך. דוכט זיך — אויך דאָ זענען זיי אין זייער רוב ריין

פון סענטימענטאַלער פאַרטרוימטקייט, וואָס „יונגהאַרבסט״ צינדט אָן אין געמיט פון סענסיטיווע דיכטער. אויך דאָ געפינען מיר יענעם ניכטערן טאָן, וואָס קלינגט אויף אין לעיעלעסעס סאַמע אויפגע׳שכור׳טע לידער. אויך דאָ געפינען מיר לעיעלעסעס קאָנטראַסטן־זעאונג און קאָנטראַסטן־שפּיל, ווי אין די לידער: „ביזנעס״, „נאָקטורן״ ; אויך דאָ געפינען מיר אַזאַ פאַרטיפט קאָנטראַסטן־ליד, ווי „גאָטס האַרץ״, וואָס ברענט שחיטה׳דיק אין זון־פאַרגאַנג איבער דער פינקלענדיקער בראָדוויי. דער קאָנטראַסט געהערט דאָך אויך צו די סאַמע אייגנטימלעכקייטן פון לעיעלעסעס ליד. באַזונדערש אונטער דער האַנט איז דעם דיכטער פונאַנדערצוויקלען זיין קאָנטראַסטן־ספּעקטאַקל אויפן פּאָן פון ניו יאָרק. צי איז דען דאָ אַ שאַרפערער קאָנטראַסט ווי דעם דיכטערס געמיט, וואָס גליט מיט זון־פאַרגאַנג־פאַרבן פון גאָט׳ס קראַנק, פאַרוואונדעט האַרץ — און די שטייניקע, אויפגע׳בבל׳טע, אין אכזריות׳דיקן עלעקטריע־ליכט שימערירנדיקע ניו־יאָרק ?

אָבער דאָמינירנדיק אין בוך — איבער די לידער „ווערים״, „קינדער״, „טראַנס״, „לאַנגווייל״ און „איינער״ — איז דער לויטערליכטיקער טאָן פון „יונגהאַרבסט״, וואָס גייט אויף אַן אויפגעצייטיקטער איבער זוניק־אויפגעפראַלטע פעלדער, איבער רייפע וואַסערן, איבער האָריזאָנטן, וואָס פאַרבויגן זיך צו דער ערד אין באַנגער לויטערקייט. מיר לייענען די שורות :

העל צינדן זיך דעם יונגהאַרבסטס צאַרטע, גאָלדענע קופּאָלן.
פון מערב׳ס פּערלמוטער ווייט מיט שמאַכטיק־רייפן אַראָמאַט.
די גראָזן זיפצן לינד און מאַט, מיט בענקשאַפט פלאַטערט צווייג און בלאַט.
אום יעדן בוים־שפּיץ לייכטן יונגהאַרבסטס באַנגע אַרעאָלן.
אין אָט דעם צויבער־רייך פון בלייכער רו און פאַרביקן פאַרפום
שפּרייז איך, מיין גאָלדענע, און רוף דיך שטיל און זוך דיך שטיל אַרום.
דו ביסט נישט האַרבסט־גאָלד; ביסט שפּעט־פרילינגס־ליד, וואָס פרייט און טוט דאָך וויי.
דער מאָרגן־רייץ פון מזרח ; דער טאַנץ פון מערב׳ס לעצטער אָוונט־פעע.

און אָט דאָס „שפּעט־פרילינג־ליד״, וואָס „פרייט און טוט דאָך וויי״ בלייבט שוין נאָכציטערן אין אונדז מיט אַלע דיך־דינע עכאָס, אַוועקוואַנדערנדיק אויף ווייטערע שטעגן פון בוך.

די „רויטע געאָרגינעס פון יונגן האַרבסט פלאַמען מיט בלוטיקער בענקשאַפט״ אין דער ברענענדיקער סעריע פרויען־געשטאַלטן, די כל׳ערליי יואָלאַס, סעלימאַס, וויאָלאַס, יאלאנדאס, עלאדעאַס, וואָס באַ־

וועגן זיך אין אַן אויפגעצויבערטן רויך־רינג רונד־אַרום דעם דיכטער. די אַלע פרויען־געשטאַלטן, אַנגעקליידט אין עקזאָטישע נעמען, ווי אין פרעמדלענדישע, בונטפאַרביקע קליידער, זענען ניט גענומען פון דער אַרומיקער קאָנקרעטער וואָר, נאָר אויסגעוועבט פון די איידלסטע, צאַרטסטע, זייד־געוועבן פון דער פאַנטאַזיע. זענען זיי אפשר ניט אַזוי קאָנקרעט ווי די, וואָס האָט דעם דיכטער „דערעסן", צי אפילו די, וואָס דער דיכטער „טאָר נישט ליבן". דערפאַר, אָבער, זענען זיי אַזוי פאַרבנרייך, אַזוי שפּילנדיק און אין אַזעלכע שיינע ריטמען און ביל־דער אָנגעטאָן, אַז זיי ווירקן ווי ליכטיק־שומיקע מעלאָדיעס, גראַציעז־אַרויסגענאַרטע פון אַ פאַרבענקטן ציגיינער־פידל. דאָס זענען פאַרשיי־דענע טענער פון איין פאַרביק און גרויס ליבע־ליד, וואָס אַ דיכטער, געצנדינעריש פאַרליבט אין דער שיינקייט פון דער וועלט, האָט אין גליאיקן טראַנס אויפגעזונגען.

דער ציקל ליבע־מאָטיוון איז אויך איינע פון די שענסטע מאַני־פעסטאַציעס פון לעיעלעסעס איידעלן געהער פאַר ריטם און סטיל. שוין אין די נעמען אַליין, ווייזט אונדז דער דיכטער, ליגט פאַרוועבט דער כאַראַקטער פון יעדן פרויען־געשטאַלט באַזונדער. דאָ העלפט ער זיך אַרויס מיט שפּראַך־פּינזל און מיט זיין רעגנבויגנדיקער פאַרבן־סקאַלע. אינטואיטיווער שפּראַך־חוש, וואָס צעצוימט קאָנווענציאָנעלע שפּראַך־גרענעצן און דערמעגלעכט צו צעצווייגן, ניואַנסירן און אַנט־פּלעקן פילפאַרביקן לעבן אין שפּראַך, בלייבט לעיעלעסעס אייגנשאַפט. אין די־אָ לידער זענען די ריטמען פרייער, ברייטער און לופטיקער. דאָ איז אויך די בילדלעכקייט אַ געלייטערטע, אַ דורכגעוואַרעמטע פון אַ שטראַליקן ליריזם. בילדער, צופעליק אַרויסגעריסענע לשם איל־סטראַציע, ווי: „עס זיפצן די וואונדיקע וועלן פון די פאַרנאַכטיקע טשעלן", „בלויז אין דעם זילבער־טייך פון מיין וואונטש און געבאָט, שוימט דער מאַרמאָר פון דיין ליב" — דערציילן אונדז פון אַ לירישן געמיט, וואָס דערטאַפּט אינטואיטיוו די פאָרם פאַר זיין איבערלע־בונג.

פון אַזעלכע לידער איז דער צוגאַנג צום „געזאַנג פון די פישערס" אַ דירעקטער. „דאָס גאָלדענע פישל", אַ לאַנג־געגאַרטס און געחלום׳טס, האָט דער דיכטער פּלוצים געפונען אַ זיך־צאַפּלענדיקס, ווי אַ גאָלדענער שטראַל, אין ליכטיקן נעץ פון זיין ליד.

ג

אויפ׳ן שוועל פון „יונגהארבסט״ געפינען מיר דעם ציקל לידער, וואס באדייט אן איבערברוך אינ׳ם דיכטערס ביז איצטיקן שאפן, אן איבערברוך, וואס דריקט זיך, קודם כל אויס אינ׳ם געפינען א וועג ארויס פון שארף־אינדיווידואליסטישן לאבירינט, א צוזאמענהאנג מיט וועלט, א שייכות. אזוי ארום איז דאס לעצטע לידער־ציקל אין „יונג־הארבסט״ א גורם צו אן אויסברייטונג אין דער טעמע, פארטיפונג פונ׳ם עצם מהות ליד און זיין פארם. ווער האט געשאפן אט דעם איבערברוך? א גרויסע און טראגישע געשעעניש אין לעבן פונ׳ם יידישן פאלק, א געשעעניש, וואס האט שוין נישט איין דיכטער ביי יידן ארויסגעהויבן פון זיין ד׳ אמות׳דיקער ליד־וועלט, אוועקשטעלנדיק אים מיט׳ן אפענעם געזיכט אנטקעגן די דרויענדיקע כמארעס פון זיין צייט. ס׳איז דער וועלט־קריג און זיינע המשכ׳דיקע דערשיינונגען: די רעוואליוציע אין רוסלאנד און די אוקראינישע פאגראמען. דאס לעצ־טע קאפיטל פונ׳ם וועלט־חורבן — די פאגראמען אין אוקראינע, וואס האבן א וויי געטאן מיט׳ן פארוויסטנדיקן אטעם פון א נייער גזירת ת״ח אין סאמע הארץ פונ׳ם אויפקומענדיקן וועלט־וואונדער, וואס האט זיך פראקלאמירט אלס רוסישע רעוואליוציע, ווען צוזאמען מיט׳ן גרינעם גראז אויף די פרישע קריג־קברים, האט אויך אויפגעגרינט אין דורכגעשווידערטן געמיט א האפענונג־שפראץ פון א ווידערגעבורט־לעבן; — אט דער אויפגעכוואליעטער בלוט־קאשמאר האט א טרייסל געטאן ווי א שטורם־ווינט דאס געוויסן פונ׳ם יידישן שרייבער. און ווי שטאר־קע עכאס פון אט דעם שטורעם־ווינט האבן אפגעקלונגען אין דער יידישער ליטעראטור א גאנצע ריי ווערק, וואס האבן אנגעזאגט נייע שליחות׳ן פאר׳ן מאדערנעם יידישן ווארט. טייכן יידיש בלוט האבן זיך גענומען שפיגלען אין די לידער פון א גאנצער ריי דיכטער: אין „וואלף״, „די שטאל״ פון ה. לייוויק, „א נאכט״ פון מ. ל. האלפערין, „די קופע״ פון פ. מארקיש, „1919״ פון ל. קוויטקא. דאס יידיש־דיכטערישע ווארט איז ענגער צונויפגעפלייִשט געווארן מיט טראגיש־יידישער וואר, מיט גורל׳דיקע און געשיכטלעכע פראבלעמען פון יידישן לעבן, און האט דורך דעם באקומען מער אחיזה, מער וואג. ס׳איז גע־קומען דער געזעלשאפטלעכער מאמענט, וואס האט גע׳כפל׳ט די שליחות פון יידישן ווארט, ארויפפירנדיק אים אויפ׳ן ברייטן, לאנגן טראקט פון דער תקופה, דארט וואו חיילות טראמפלען דורך אין בייזע,

קאָשמאַרפולע נעכט, וואו עס טורעמען זיך בערג פון חרוב געוואָרענע ישובים, וואו דאָס ליכט פון ניי־וועלט נעמט זיך קנוילן און אַרויסשיילן פון רויטן קאָשמאַר־נעפּל, ווי אַ קלאָרע זון פון בלוט־פאַרפלאַמטע, אויפגעריסענע באַגינען־וואָלקנס....

דערווייל איז עס געקומען — דער אָנזאָג אויף ניי־שליחות פונ׳ם יידיש־שעפערישן וואָרט — אין דער פאָרם פון פּאָגראָם־לידער און צווישן זיי די לידער פון א. לעיעלעס: „דאָס ליד פון געלן וואַנזין”, „גאולה”, „ווייס און גאָלד”, „די מעשה פון הונדערט”.

די פּאָגראָם־לידער פון א. לעיעלעס הויבן זיך אָן מיט יאָמערנדיקע יידישע קינדער, וואָס דערקריכן שוין נישט צו די „צוגעגרייטע בעטן”, מיט אויפשוידערנדיקן לאַך פונ׳ם „געלן וואַנזין”, וואָס שפּאַנט איבער לענדער און וועגן און בייטשט אונדז אונטער „מיט שטאַרצנדע אויגן, מיט הענט, צום הימל געשטייפטע ווי תליות”. דער סך־הכל פון חשבון, אויב נאָך נישט קיין פולער און אָפענער, שלומערט שוין אין אָט דעם טאַנץ פון געלן וואַנזין, אינ׳ם ביטער־ציכטערן אויסגעשריי: „שעכט אונדז! שעכט אונדז אַלע מיט אַמאָל!”. אויב מיר געפינען דאָ ניט ביאַליק׳ס גליאיק־פלאַמענדיקן „שמים, בקשו רחמים עלי” — געפינען מיר דאָ, אָבער, פאַרמעסט, אַן אַנטקעגן שטעלן זיך דעם „אין רחמים בדין” מיט׳ן שאַרף פון וואָרט, וואָס ווערט אַרויסגענומען פון געמיט ווי אַ שווערד פון שייד.

מיט אַ טרויעריק קול דערציילט אונדז דער דיכטער זיין אייגנ־אַרטיקע גאולה־וויזיע אויף דעם רוישיקן סקווער פון דער רוישיקער מעטראָפּאָליע. אַ פאַרקערטע יחזקאל־זעאונג שפרייט זיך פאַר׳ן דיכטערס זעליש אויג: ניט קיין טאָל פון טויטע ביינער וואָס זענען לעבעדיק געוואָרן, שפרייט זיך פאַר אים, נאָר אַ טאָל פון לעבעדיקע ביינער, וואָס דער טויט האָט פונאַנדערגעשאָטן...

...און ווען איך האָב מיינע אויגן ווידער אויפגעהויבן,
האָב איך דערזען אַ מנין טויטע יידן.
און אַלע — אויגן בלויז,
וואָס האָבן געשפּיצט אַרויס,
אַרויס — און אַריין
צו מיר אין האַרץ,
און געשטאָכן און געשטאָכן
נישט אַ טאָג און נישט טעג, נאָר וואָכן, וואָכן לאַנגע.

האָב איך מיינע אויגן ווידער אָפּגעקערט
און געפילט די שווערקייט פון טויזנט קברים ערד.

און אַז דער דיכטער דערשפּירט די שווערקייט פון טויזנט קברים ערד, קלינגט פאַר אים אויף דאָס וואָרט „גאולה", „ווי קלאָאונעך־גלעקלעך אין דער פּוסטקייט פון דער וועלט, אין דער לערקייט פון מיין זעל". דאָס איז דער פּעסימיזם פון אַן אבל, וואָס ווען דער מת ליגט פאַר אים, שטייט געשריבן, טאָר מען אים ניט פּרוואוון טרייסטן, ווארום די טרייסט — אפילו ווען זי איז אַ גאולה־טרייסט — קען דאַן אַמאָל אַ קלונג טאָן ווי אַ קלאָאונעך־גלעקל. אָבער, מערקווירדיק, ווי אָט דער זאַלציקער פּעסימיזם פונ׳ם ליד — זאַלציק ווי אַ טרער אין אָנבליק פון אַן אָפענעם קבר־גרוב, דערפירט ניט צו קיין רעזיגנאַציע־שטימונג, ווייל עס איז אַ טרער, וואָס רעוואָלוציאָניזירט, פּונקט ווי דער פּעסימיזם פונ׳ם ליד שלאָגט ניט אַריין אין יאוש, נאָר גיט, להיפוך, אַ פּאָך מיט אויפגעפייערטן דינאַמיט.

און אַזוי־אָ, מיט דער חשבון־מאָנונג פון זיין טרויער, גייט דער דיכטער, גייט דער דיכטער צו צום געפּלאָנטער פון „ווייס און גאָלד" — גערעכטיקייט און דערלייזונג — וואָס איז אָנגעוואָרפן געוואָרן ווי די מיסיע פון יידישן פאָלק, און נעמט עס ציען ווי אַן אומגעהייערע נעץ פונ׳ם אַלטן ים פון דער יידישער געשיכטע. פון פּראָסקוראָוו, די אַרענע פון די אוקראַינער פּאָגראָמען ציט זיך אַ לאַנגער וועג אין געדיכטעניש פון דורות, אַזש צום גזר פון גאָט אין מדבר: אחד. ווי דער דיכטער וואָלט אויף אַ באַרג געשטאַנען און אין ליכט פונ׳ם זונפאַרגאַנג, ווי אונטער אַ רויט־שטראָמענדיקן פּראָזשעקטאָר דערזען די גרויסע געשיכטלעכע קאַמפן פונ׳ם יידישן פאָלק. אָט הערט ער דאָס שמעטערן פון נבוכדנאצר׳ס געפּאַנצערטע אייזנוועגענער, וואָס האָבן דאָס לאַנד אויפגעריסן, דאָס פאָלק פון לאַנד געטריבן: „צו בויען דעם גרויסן קעניג׳ס פּאַלאַצן, צו פירן זיינע רייטוועגענער, אויסצוהאַקן אין שטיין זיינע גרויסע העלדן־טאַטן"; אָט הערט ער דעם טראָט פון שמעון בר־גיורא׳ס און יוחנן מגוש־חלב׳ס לעגיאָנען, דעם ברויז פון קנאים־בלוט „וואָס האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט פיר ווינטן פון דער וועלט, נישט צו רוען און — צו לעבן"; און אָט דערהערט ער אַ רוף פונ׳ם זעלבן רויטן בלוט פון פאָלקס־האַרץ, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פון קנאים־בלוט אין מאַרטירער־בלוט — אין דער אינקוויזיציע — און היט דאָך דעם בונד מיט די פיר ווינטן פון דער ערד, דער בונד וואָס הייסט: גערעכטיקייט און דערלייזונג.

פאַרשאַרפטער און אַ סך אָפענערער, אין קינסטלערישן זין, איז אָט דער חשבון־מאָנונג אין דער „מעשה פון הונדערט". נאָך מער — חשבון־מאָנונג ווערט דאָ פאַרוואַנדלט אין אָנקלאָג און פּראָטעסט, וואָס איז געגנוג בולט און סאָציאַל־פּאַרשפּיצט, הגם דאָס ווערט ניט צוגעטראָגן דעם לייענער אין שווערע־שאַרפע פּראָזע, נאָר וואַקסט אומ־מיטלבאַר אַרויס פון סאַמע תוך פון דער פּאָעמע.

געשריבן איז די „מעשה פון די הונדערט" אין פאָרם פון כראָניק, און הגם דער מאַטעריאַל איז אָן אַבער מין החי פון דער בלוט־אָפּגייענדיקער היינטצייטיקייט, איז דאָך דאָ אינ׳ם סטיל פון דער פּאָעמע עפּעס פון די אַלטע כראָניקעס, וואָס זענען געשריבן געוואָרן פון פאַרצייטיקע מחברים — לעבן־געבליבענע עדות פון גרויסע קאַטאַסטראָפעס אין יידישן לעבן. אינ׳ם אַלטן כראָניק־סטיל ווערט דערציילט די מעשה פון די הונדערט „איבערגעבליבענע, שוואַכע, ניט אויפגעגעסענע, אַנטרונענע", וואָס האָבן זיך אין טאָג פון גרויסן צאָרן, ווען „פאַר׳שרפה׳עט איז געוואָרן דאָס גוטסקייט פון דער וועלט, און אויסגעטריקנט איז געוואָרן דער זין פון דער וועלט", — זיך פאַרבאַהאַלטן אין אַ וואַלד און — דאַן האָט גאָט אַלע זיינע הימלען פאַרלאָזן, האָט פאַרשטומט די שירה פון די מלאכים און „אַן איינזאַמער גאָט ביי דער שוועל פון זיין וועלט", האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן אין שטומען, פאַרכטיקן וואַלד, זיך אויסגעצויגן צו די פיס פון זיינע לעצטע הונדערט שוואַכע באַשעפענישן און צו זיי תפילה געטאָן:

לייזט מיך אויס פון דעם בונד מיט די מענטשן.
פון דעם בונד מיט דער וועלט.
באַפרייט מיך.

און אַז די הונדערט האָבן פאַרנומען גאָט׳ס „פאַרכטיקע יללה" און אים אויסגעלייזט פון זיין טעות, האָט דער איינזאַמער גאָט, וואָס איז פריער געלעגן צו זייערע פיס און געקלאַפּט: זיין אומגליקלעך פנים אָן דער שוואַרצער ערד", גענומען און „אַוועקגעשלייכט אויף זיין בויך" און — עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דיווירקלעכע מעשה פון די הונדערט. די הונדערט האָבן פאַרלאָזן דעם וואַלד, און ווייל עס איז קיין סדר אין דער וועלט ניט געווען, נאָר דער סדר פון איידער־וועלט, פון תהו, האָבן די הונדערט שוואַכע באַזיגט די שטאַרקע, וואָס האָבן באַלד דעראַנט, אַז זיי האָבן שוין אין די הימלען דעם סדר העולם ניט צו מאָנען און האָבן זיך דאַרום גלייך אונטערגעגעבן. און די מעשה פון

די הונדערט קומט צום עפילאָג: אַזוי ווי קיין סדר העולם איז שוין מער ניט געווען, האָבן זיך די איבערגעבליבענע גענומען עסן איינער דעם אַנדערן, ביז וואַנען עס זענען געבליבן צוויי בלויז, וואָס „איי־נער היט דעם צווייטן, און קיינער ווייסט ניט ווער ווער וועמען וועט אויפ־עסן" און צוזאַמען מיט די צוויי בלייבט אויך: „איך — וואָס בין דאָ דאָס אַלעס צו דערציילן"...

פונאַנדערגלידערנדיק דעם מהות פון דער פּאָעמע, אַראָפּשיילנדיק פון איר די אַלעגאָרישע הויטן, דערזעען מיר, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז סיי לויט דער טעמע, סיי לויט׳ן אייגנאַרטיק־יידישן לבוש אַ נאַציאָנאַל־יידישע שאַפונג, ווערט זי אָבער אַרויסגעשאָסן צו סאָציאַלער הויך. נאָך מער. דער סאָציאַלער מאָמענט קומט ווי אַן אויסשטראַלונג פון נאַציאָנאַלן. און ניט בלויז מיט דער פאַרלייקענונג פונ׳ם כביכול, וועמען דער דיכטער צווינגט זיך אַראָפּצולאָזן פון זיינע הימלען אינ׳ם פּאַרכטיקן וואַלד־געפלעכט פון מענטשלעכן לעבן, בעטן אויסלייזונג ביי די הונדערטער, נאָר אפילו מיט׳ן פעסימיסטיש־קליינ־גענדיקן אויספיר איז עס דאָך סאָציאַל. סאָציאַל, ווייל רעוואָלוציאָני־זירנדיק, ווייל סדר העולם ווערט אין דער פּאָעמע־שפּיגל געוויזן ווי דער סדר פון שטאַרקע און שוואַכע, און ווען אַזאַ סדר פאַלט — פאַלט במילא די שטאַרקע און שוואַכע־פאַרטיילונג אינ׳ם טונקעלן לעבן־וואַלד.

און אין סך־הכל: מיט אַ רויטן בלוט־שטראָם האָט די וועלט זיך אַריינגעריסן אינ׳ם לאַבירינט פון דיכטערס זעל און אים געצוואונגען צו ווערן — געזעלשאַפטלעך, צו שטעלן זיין ליד אין ליכט פון נאַ־ציאָנאַלע און סאָציאַלע ווייטיקן פון אונדזער עפּאָכע, צו זוכן און גע־פינען שייכות פון היינט מיט נעכטן, אָנהאַנג און אָנלען אין יידישן עבר, אַרויסהויבן דעם זין פון יעדן פּראָבלעם־שפּליטער אין זיין פּאַר־זיכטיקייט און אויך אין זיין צונויפלייגן זיך אין המשכ׳דיקער, האַר־מאָנישער איינהייט — ווי דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר׳ן ווייטערן אַנטוויקלען זיך פון א. לעיעלעסעס שאַפונגס־וועג.

ד

צווישן לעיעלעסעס „מעשה פון הונדערט", דעם דיכטערס ערשטן גרויסשוואונגיקן פּאַרמעסט אויף אידייען־ליד, אויף ליד, וואָס טראָגט אין זיך דעם, פיל־געגאַרטן פון יעדן דיכטער, סינטעז פון „איך" און

„וועלט", און „פּאַביוס לינד", דאָס ווערק, וואו דעם דיכטערס גאַנג צום סינטעטישן אידייען־ליד ווערט געקרוינט מיט אַ פּאַרנעם־רייכן באַרג־אַרויף — ליגט א. לעיעלעסעס „ראַנדאָס". דאָס יידישע ליד האָט אין א. לעיעלעסעס „ראַנדאָס"־בוך באַקומען אַן אויסגאַנג צו דער וועלט, אַ דעראָבערונג פון אומגעווײנלעכע ליד־פאָרמען, וואָס זענען דער יידישער דיכטונג היבש פרעמד געווען. דאָס אַלט יידישע „לא תעשה לך פסל"־געבאָט, דאָס אַלט יידישע אַנטקעגנשטעלן וואָרט אַנט־קעגן בילד, הויל־פלאַמיקע וויזיע, פאָרמלאָזע אידייע אַנטקעגן אַלט־גריכישע שיינקייט־געזעצן, ווערט דורך לעיעלעסעס פאָרם־אַקצעפּטי־רונג באַזונדערש שאַרף פאַרנייַנט.

דאָס יידיש־דיכטערישע וואָרט האָט זיך שוין לאַנג געניטיקט אין מרגלים, וואָס זאָלן אויסשפּיאָנירן דאָס נאָך ניט דערפאָרשטע וואָרט־מלכות. ווייל וואָרט, ווי אַ לעבעדיקע הויט, לויט בעל־מחשבות'עס אַן אויסדרוק, גאַרט צו לעבן, צו אָטעם, צו אויסשפּרייטונג. ווייל וואָרט, וואָס ווערט קאָנסערווירט און איינגעשטאַנען, ווערט צוזאַמענגעפאַלן, פאַרדאַרט און אויסגעליידיקט פון יעדן שאַפערישן סטימול, ווי אַ זאַנג, וואָס ווערט אויסגעקלאַפּט פון ווינט. א. לעיעלעס, ווי איינער פון די פירער פון די וואָרט־מרגלים, וואָס, די פון אים געשאַפענע דיכטונגס־שול, די „אינזיכיסטן", האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט, איז ניט בלויז אַ וואָרט־מרגל, נאָר אויך אַ וואָרט־אַנטדעקער.

שוין דער ערשטער „ראַנדאָס"־ציקל, וואָס עפנט דאָס בוך, ווייזט אַ נייעם אופן פון ליד־געשטאַלטונג:

איך גלויב ניט אין קיין צייט. איך לייקן אָפּ דעם ליגן.
מיין עבר איז נאָך דאָ. און ערגעץ אויף די שטיגן
פון גרינעצלאָזן רוימ'ס פּאַלאַצן שטייט נאָך איצט
דאָס וויגל פון מיין קינדהייט, און מיין יוגנט קריצט
נאָך היינט אוזאָרן פון מפּלות און פון זיגן.

און ווייטער:

און אַלץ איז — ציטער־טענער פון איין קאָסמאָס־ניגון.
דער בלינדער קען מיט איין וויבראַציע זיך פאַרוויגן,
דער זעער דרינגט אין פלאַם, וואו העל דער אין־סוף בליצט.
און יונג איז אונדזער פרייד, אויף אייביקייט געשטיצט,
כאָטש הינטער אונדז שוין לאַנגע, רונדע יאָרן ליגן.
איך גלויב ניט אין קיין צייט.

אין דער געפּרעסטקייט פון דער שורה, אינ׳ם געמאָסטענעם ריטם, אינ׳ם צונויפלייגן זיך פון בילד אויף בילד, ווי פלאָסט אויף פלאָסט, ווי אין דער הייך פון געדאַנק, וואָס שוועבט איבער דער מאַרמאָר־קילקייט פון ליד — אין דעם אַלעם מאַניפעסטירט דער דיכטער פאָרם־מייסטערשאַפט, אַרכיטעקטאָנישע מעגלעכקייטן, וואָס זענען אַ פועל יוצא פון אַן אייגענעם, אויסגעטיילטן צוגאַנג צו ליד־שאַפונג. דערביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די קילקייט, וואָס לעיעלעסעס „ראָנדאָס" טראָגט אויף זיך און וואָס קומט פון פערפעקטער פאַררונדיקטקייט, פון סקולפּטאָרישער אָפּגעשלאָסנקייט, איז נאָר אַ דרויסנדיקע, אַן אויסערע. עס איז די קילקייט פון אַ טראָפּישער פרוכט, וואָס טראָגט אין איר אייז־דערפרישנדיקן לייב די שטראַלן פון דער גליאיקער זון. אונטער דעם שטאָל־געהאַמערטן פאַנצער פון לעיעלעסעס פאָרם פאַרנעמען מיר דאָס קלאַפּן פון אַ לעבעדיק האַרץ, פון אַ סענסיטיוון און געפילפולן דיכטער. אינ׳ם רייפן פעריאָד פון יעדן דיכטער, פאַרמאָגט זיין ליד אין זיך עפּעס פון דער באַלזאַקישער פרויען־געשטאַלט, וואָס טראָגט אין זיך אַזוי פיל באַוואוסטזיין פון לעבן, באַוואוסטזיין וואָס גרענעצט זיך אָפּט מיט שאַרפן טרויער און וואָס פאַרניינט די לייכטפיסיקע טרוימעריי־שיכרות פונ׳ם דיכטער־אָנהויבער...

און דאָ קומען מיר צום אינטעלעקטואַליזם פון לעיעלעסעס ליד. זיכער האָט לעיעלעסעס ליד אין זיך אינטעלעקטואַליסטישע קערנער. אָבער, צי איז דען יעדע דיכטונג, אויב נאָר עכט, פריי פון אַ געוויסן אינטעלעקטואַליזם ? צי זענען די גאָלד־געשמידטע סאָנעטן פון באָד־ליער, אין וועלכע עס גליט דער זון־פאַרגאַנג פון מענטשלעכע ליידנ־שאַפטן, פריי פון אַ געוויסער אינטעלעקטואַליסטישער באַפאַרבונג ? און — צי איז דען אָט די אינטעלעקטואַליסטישע באַפאַרבונג אין איר תוך ניט קיין אָנלען, ניט קיין פעדעסטאַל פאַר׳ן ליד־מאָנומענט ? שוין דער עצם פראָצעס פון ליד־געשטאַלטונג, ווי מיר האָבן אָנגעמערקט, מוז זיך אַרויסהעלפן מיט אינטעלעקט, ווייל דער דיכטער, אין מאָ־מענט פון זיין שאַפן, מוז זיין סיי אין זיך, סיי איבער זיך. עס מוז תמיד אין אים זיין אָפן אַ פאַרבאַהאַלטן אויג, וואָס קאָנטראָלירט זיין אייגן שאַפן, שטאַרקט די אחריות פון ליד, דערפירט זי צו ליד־שליחות, וואָס מיט׳ן אויספאָרמירן זי, הערט זי שוין אויף צו זיין בלויז שליחות פאַר׳ן דיכטער און הויבט אָן צו ווערן אויך שליחות פאַר דער וועלט. אָט די אחריות־פאַרשטאַרקונג פונ׳ם ליד, וואָס קומט אַ דאַנק דעם וואַכן, אויפזעענדיקן בליק פון געדאַנק, העלפט אויס־

ברייטן דעם דיכטערס ליד־האָריזאָנטן, דערמעגלעכט אים, באָוואוסט־זיניק, זיך צו באַפרייען פון לירישער איינגעשטאַנענקייט, פון וואָרי־אירן זיך זעלבסט. דער דיכטער הערט אויף צו זיין אַ פאַר׳כשוף׳טער אין זיין אייגענעם רינג, אדרבא, ער גייט באָוואוסטזיניק אַרויס פון זיין חוני־המעגל־קרייז, פון זיין פויגל־פרייען געזאַנג, וואָס איז אין סאַמע תוך, ווי פאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט אויפקלינגען, ניט קיין פרייהייט פאַר׳ן דיכטער, נאָר אַ פאַרשקלאַפונג צום אייגענעם פרייען געזאַנג. דער אינטעלעקטואַליזם (וואָס איז צוליב עפּעס אַ טעות פאַר־שריגן געוואָרן פון אייניקע ווי אַ חסרון), העלפט דעם דיכ־טער צו קענען קירעווען דאָס אייגענע געזאַנג, צו קענען באָוואוסט־זיניק פאַרווענדן די אומבאָוואוסטזיניקע כחות אין זיך. דאָס העלפט אים אויך צו דערגרייכן צו יענעם געבענטשטן סינטעטישן אָפּשלוס פון ליד, צו וועלכן א. לעיעלעס איז, מיט דער רייכער גאַמע פון זיין לי־רישן געמיט, ווי מיט דער דינאַמיק פון זיין אינטעלעקט, דערגאַנגען אין בוך „ראָנדאָס״.

אַז א. לעיעלעסעס באַזונדערע פאָרם־אַקצענטירונג האָט דאָך ניט געשטערט צו דער טיפער עמאָציאָנעלישקייט, וואָס קוואַלט אויפ׳ן גרונט פון זיין ליד, זאָגט עדות טאַקע דער ערשטער ציקל אין בוך, וואו די אַזוי קאָמפּליצירטע ראָנדאָס־פאָרם שטערט ניט דעם לייענער צו פאַר־נעמען דעם שימער פון עכטן געפיל, וואָס דער דיכטער ברענגט דאָ צום פאַרשיין. יעדע ליד־אָפּטיילונג ווירקט מיט זיין אָפענער, ממש דאָ־קומענטאַרישער אויפריכטיקייט, ווי אַ טייל פון אן אני מאמין. דער געפרעסטער ריטם קומט דאָ ווי אַ באַגלייט־דערשיינונג צום אינערן ריטם פון דיכטערס עמאָציאָנעלער וועלט. דאָס זעלבע איז צו זאָגן איבער די „טריאָלעטן״, וואָס זייער עפּיגראַם־מעסיקע געטאָקטקייט העלפט נאָר אַרויסצוהייבן דאָס שטימונג־בילד, וואָס זיי שפּיגלען אין זיך אָפּ:

ווּאונדער גרויסער אין אַ קליינעם פורעם,
כ׳בויג אַ דאַנקבאַרער פאַר דיר מיין קאָפּ.
זאָגט דער אמת, וואָס אין העכסטן טורעם —
ווּאונדער גרויסער אין אַ קליינעם פורעם —
מיין ביסטו. איך מייד, ווי דו, דעם שטורעם,
און איך נידער אויך פאַרשעמט אַראָפּ.
ווּאונדער גרויסער אין אַ קליינעם פורעם,
כ׳בויג אַ דאַנקבאַרער פאַר דיר מיין קאָפּ.

צי איז דען ניט אַן עכט ליד, וואָס שלאָגט אָן אַ קאָנטאַקט אין מענטשנס געמיט, אַ „וואונדער גרויסער אין אַ קליינעם פורעם״?

א. לעיעלעס ברענגט פאַר אַ ריי ליד־מוסטערן, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר אַ חידוש, אַ נייס. דאָך באַנוצט ניט א. לעיעלעס אָט די אַלע קאָמפּליצירטע און אין יידיש בכלל זעלטן געברויכטע פאָרמען ווי סתם באַפּוצונג און אָרנאַמענטיק. זיי זענען אין זייער תוך קונציק־געהאָפּטענע לבושים אויף סאָציאַלע, טיף־מענטשלעכע אינהאַלטן. ווי ווייט ס׳איז למשל, דער בליק פון לעיעלעסן אויף דער סאָנעט פונ׳ם בליק פון גרויסן השכלה־משורר יל״ג, אַ זינגער פון טיף־ערנסטע, הערצאָישע אינהאַלטן, וואָס האָט דעם סאָנעט גענוצט דוקא צו סאַטירישער אונטערהאַלטונג. און צי זענען דען איצט אויך ניטאָ אַזעלכע, וואָס באַטראַכטן דעם סאָנעט פאַר אַ שיין־געטאָקט שטעקעלע, וואָס פאַסט פאַר דער שפּראַך פון אַ פּעטראַרקאָ, ווערליין, אָבער ניט פאַר׳ן שטייניקן תכלית׳דיקן יידיש. אָבער אַ מאָדערנער דיכטער (מאָדערן אין באַגריף פון אריינזאַפּן אין זיך די קולטור־דערגרייכונגען פון עבר פליוס פון זיין צייט) קען ניט גיין אויף אַזעלכע וויתורים כלפי זיין שפּראַך — זיין ליד־אינסטרומענט. יעדע ליד־פאָרם האָט איר סימבאָל. און ווען דער דיכטער קומט און איז מזווג זיינע סימבאָלן מיט די סימבאָלן פון דער אַנטשפּרעכנדיקער ליד־פאָרם, איז עס דער זיווג וואָס הייסט: קונסט. און ווען א. לעיעלעס קומט מיט זיין סאָנעטן־קראַנץ „האַרבסט״, דאַן איז עס אַן אויסגעטיילטער ליד־זיווג אין אונדזער נייער דיכטונג:

דאָס איז דער האַרבסט. דאָס זענען די פאַרנאַכטן,
ווען ס׳איז אייגנצייטיק אומעטיק און העל,
ווען ס׳עפנט אַלע שלומערנדע פּראַכטן,
די פריידיק־לויטער ווערנדיקע זעל.

ניט נאָר האָט א. לעיעלעס אויפגעקלונגען אין זיין האַרבסט אַזאַ שיינע צאַרטע מעלאָדיק, ער האָט אויך געעפנט אַלע „שלומערנדע פּראַכטן״ פונ׳ם „סעזאָן פון רייפן גאָלד״, ווי ער שפּיגלט זיך אין די קלאָרע טייכן פון דיכטערס געמיט. אַזאַ קרישטאָל־געשליפנקייט פון וואָרט, אַזאַ פינקלדיקער בלענד, ווי שפּיגל־ראַנדן אין זון, אין יעדן פערז. דער באַנגער, גאָלדענער יום־טוב פון האַרבסט, מיט׳ן זיסן טעם פון זיינע רייפע פרוכטן, מיט׳ן רויטן, שטילן אָפּגלאַנץ פון זיינע פאַרנאַכטן, מיט׳ן בראָנזענעם קומער פון פאַרגיין אין דעם שטילן שאָרך

פון זיינע אויסגעלייזיקטע וועלדער, שפרייט זיך רחבות׳דיק אין סאַ־נעטן־קראַנץ:

אין שיין פון דעם פאַרגיין ווערט אַלעס לויטער,
און אַלעס קריגט אַ ניט־געהאַטן ווערט.
בלוי ווערט וויאָלעט, וויאָלעט ווערט רויט און רויטער,
און מער קיין גרענעץ צווישן הימל, ערד.

דאָ איז יעדע שורה שפע׳דיק אָנגעגאָסן מיט׳ן ליכט פון אויס־דרוק. די סאָנעטן־פאָרם, אין וועלכער אָט דער גאָלדענער סנאָפּ פון דיכטערס שטימונגען איז געבונדן, קאָנצענטרירט און פאַרטיפט נאָר דעם דיכטערס אויסדרוק־וועלט.

אין „ראַנדאָס" קומט אויך צום פאַרשיין לעיעלעס דער אורבאַ־ניסט, דער דיכטער פון גרויסשטאָט־מאָטיוו. און גרויסשטאָט־דיכטער איז לעיעלעס קודם־כל, ווייל, אין קעגנזאַץ צו פיל אַנדערע יידישע דיכטער אין אַמעריקע, ציט ער זאַפטן פון דער דירעקטער ניו יאָרקי־שער וואָר און ניט פון פאַרגאַנגענע, מעבר־לימיקע חלומות. ניו יאָר־קיש איז לעיעלעס אויך צוליב דעם, ווייל ער האָט די גרויסשטאָט, אָט דעם ניי־וואונדערלעכן מאָטיוו אין דער יידישער דיכטונג אומ־מיטלבאַר, אָן קללות און אָן ברכות, אַריינגענומען אין זיך.

לעיעלעסעס ציקל „ניו־יאָרק" שטעלט מיט זיך פאָר אַ שפּאַ־ציר איבער דער וועלט־שטאָט. אָט איז דער דיכטער אין וואָל־סטריט, וואָס איז „שמאָל ווי אַ הייל", אָט איז ער אויף דער ריזיקער מאַנ־העטן־בריק, אָט פליט ער אין סאָבוויי, וואו דער יאָגנדיקער צוגיקער ריטם פּראַלט אויף זעאונג נאָך זעאונג, געשטאַלט נאָך געשטאַלט פון דער קאַליידאָסקאָפּישער מעטראָפּאָליע. מיט דער געשווינדקייט פון אַ פילם־לענטע וויקלט לעיעלעס פאַר אונדז זיינע ניו יאָרקישע עקס־פּרעסיעס: לידער־בילדער, שפּליטער־זעאונגען און געשטאַלטן־אויפ־צייכנונגען, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אַמעריקעס בבל־טורעם מיט זיין גרויסשטאָטישן ווירוואַר, מיט׳ן נעץ פון פאַרבן, ליכט־פונקען, קנייטשן, שמייכלען און געוויין־צוקן אויף זיין אויסטערלישער מאַסקע.

אָבער איבער אָט דעם גרויסשטאָטישן ספּעקטאַקל, וואָס הייסט „ני יאָרק", הויבט זיך אַרויס די שטים פונ׳ם דיכטער, וואָס איז איינס

מיט׳ן מענטש, וואָס זוכט דעם אמת, „און האַרט, און ברומט, און גאַרט און שטומט, און רייסט זיך דאָס לייב, וואָס ער (דער אמת)

קומט ניט״. דאָ מאַניפעסטירט דער דיכטער די אייביק־לעבנדיקע, אייביק־גלויבנדיקע מענטשלעכע פערזענלעכקייט, וואָס וואַקסט אַרויס פונ׳ם אַספאַלט, ווי אַ בוים פון באָדן און פאַרלירט ניט זיין געטלעכן פּרצוף אינ׳ם ווירוואַר פון שטיין און שטאָל.

אָבער ניט בלויז לויט זיין מאָטיוו לאָזט זיך דערקענען די אומ־מיטלבאַרקייט פון לעיעלעסעס גרויסשטאָט־ליד. אינ׳ם עצם ליד־געביי, אין יעדן אָפּגעפּרעסטן ניואַנס שפּיגלט זיך ניו יאָרק, שפּיגלט זיך סטיל און ליניע פון גרויסשטאָט.

ווי אַ שטאַרקער שלוס־אַקאָרד פון בוך קומט די גרעסע״ע ליריש־פילאָזאָפישע פּאָעמע „דער באַרג״ — אַ וויזיע אייגעקריצט אין פעלז־זיק־שאַרפע פאָרמען. אַלס מאָטאָ קומען די שורות פון לאַפּקאַדיאָ הוירנס „יאַפּאַנישע גייסטער־מעשיות״: „האָט דער באַדיסאַטווא געזאָגט צום תלמיד: אָט דער באַרג שאַרבנס ביסטו״. מיט דער ערטערווייז אַב־סטראַקטער און עטוואָס פּרעמדאַרטיקער סימבאָלישקייט באַווירקט דאָך די פּאָעמע מיט׳ן טיפן געראַנגל פון סקעפּטיציזם און טרויער, וואָס אין איר, מיט׳ן אומוואַנדלען דעם באַרג שאַרבנס אין אַ „אומפאַר־מיידלעכן באַרג פון אחריות״, וואָס יעדער לעבעדיקער וועזן טראָגט אין זיך, ווי מיט׳ן דערגראָבן זיך פון דיכטער צו די כאַר־שטימען פון דומם, בלענדעניש, גייסט און איך, פון די אַלע מעטאַפיזישע כחות, וואָס קרייזן אַרויף פון סאַמע הארץ פון באַרג אַרויס. אין דער אייגנ־אַרטיקער בילדלעכקייט פון דער פּאָעמע, אין אַזעלכע בילדער ווי „איז די ערד אנטלאָפן פון אונטער אים, און דאַרשטיקע מיילער האָבן געגריזשעט זיינע קני״, צי: „בויט דער מעכטיקער אַלע פלענער. און פאַרבאַרגן ליגן אַלע וועלטן אונטער זיינס אַ ברעם״ שפּיגלט זיך דאָס נאַכטיק־גלויביקע געמיט פונ׳ם דיכטער, נאַכטיק־גלויביק, ווייל גע־קנעטן פון פינצטערן יאוש און שטערנדיק־געלייטערטן גלויבן. דער באַרג מיט שאַרבנס איז ניט בלויז דעקאָראַטיווער פאָן, אַרענע פאַר ליטערונג און לויב, שנאה און ליבע, סקעפּסיס און אמונה, פאַר׳ן גאַנצן קאָמפּלעקס שטימונגען און געדאַנקען, וואָס פלעכטן זיך אַריין און אַרויס אין אָט דער שאָפונג; דער באַרג מיט שאַרבנס איז דאָס סאַמע געמיט פון מענטשן, דער שיכט־אויף־שיכט־טורעם פון אויסגע־לאָשענע און טליענדיקע ליידנשאַפטן, כחות וואָס ראַנגלען זיך מיט אַנאַנד, וואָס פאַרלייקענען זיך און דערגאַנצן זיך, וואָס בילדן דעם משונה׳דיק־געפורעמטן כאַאָס פונ׳ם מענטשלעכן זיין. פונ׳ם באַוואוסט־

זיין, אַז דער גאַנצער באַרג מיט שאַרבנס — „דאָס אַלץ ביסטו״, ביז דאָס דערהערן די שטים, וואָס האָט אים גערופן: „שטיי אויף! גיי! דער גאָרטן ווערט צייטיק פאַר דיר. קלאַפּ אין דער טיר און זאָג: איך!״ — ציט אַ לאַנג שווערער וועג, לאַנג און שווער ווי דאַנטעס ניין גיהנום־רונדן אין דער ערד טיפעניש, אָבער:

...איז נאָך דער צווייפל אין צעריסענע צויטן
דער פרייד נאָכגעהאַנגען.
ער האָט געהערט קלאַנגען פון קייטן,
געזען לייבן געבונדן
און דערנער אין אָפענע וואונדן.
האָט ער אָנגענומען דאָס באַשערטע.
זיך אויפגעהויבן,
געגאַנגען,
און שטיל געקלאַפּט אין דער טיר.

און כאָטש די פרייד פון לויטערן קלאַפּ אין טיר, פון דורכגעליטענעם און דורכגעלייטערטן קומען צו זיך, איז נאָך אַזאַ, וואָס דער צווייפל אין צעריסענע צויטן הענגט איר נאָך — ווירקט זי דאָך אין איר אויפשאַלביים אויסגאַנג פון דער פּאָעמע, ווי אַ שטילע טרייסט, ווי אַ שטראַל פון ליכט אין שטאָק פינצטערניש.

אין אַ געוויסער בין־השמשות־שטימונג פון מענטשלעכן געדאַנק ווערן געשאַפן אַזעלכע אַלעגאָרישע בילדער־אויסדרוקן, ווי די, וועלכע לעיעלעס פאַרקייטלט אין זיין פּאָעמע. ס׳איז אָבער דער בין־השמשות פון פאַרטאָג, די דעמערונג, וואָס ברענגט דעם אויפבראָך פון דער זון מיט זיך, דאָס העלע וואונדער פון געבורט.

ה

אויב אין „לאַבירינט״ האָט עס געהייסן: „די וועלט און איך״ — „מיר רייזן צופעליק צוזאַמען״, הייסט עס שוין אין א. לעיעלעסעס „פּאַביוס לינד״:

איך ווייס אַצינד
מיט מערער האַפט:
די וועלט און איך —
די זעלבע קראַפט.

מיר הויבן אָן די כאַראַקטעריסטיק פון „פּאַביוס לינד” מיט אַ ציטאַטע, וואָס געפינט זיך ביים סאַמע שלוס פון בוך, אין דער פּאַר־סך־הכל׳ונג־פּאָעמע „צו דיר — צו מיר”, ווייל זי גיט אונדז אין האַנט אַריין דעם שליסל צום בוך, ווי צו דעם גאַנצן מהלך, וואָס ליגט פון „לאַבירינט” צו „פּאַביוס לינד”.

ס׳איז קודם־כל אַ באַוואוסטזיניקער אויפברעכן די שטייג פון יחידיש׳קייט, אין וועלכער דער דיכטער האָט זיך אומבאַוואוסטזיניק ביי זיין אַנהויב וועג פאַרשלאָסן. אין „פּאַביוס לינד” האָבן מיר אַן אָפּענעם און מוטיקן אַרויסגיין צו דער וועלט, צו די פּראָבלעמען פון דער צייט. דאָס הייסט אָבער ניט בשום אופן אַן אַוועקגיין פון זיך. אין איינעם פון די קרעדאָ־לידער אין בוך ענטפערט דער דיכטער קלאָר און אָפן אויף דער מאָנונג:

געפין דעם וועג, דעם פשטות־ברייטן,
און לייג אויף אים דאָס האַרץ דיינס אויס.
דער כלל וויל הערן זיינע נויטן,
זיין פרייד דורך גאָלדענע טרומייטן,
טאָ זינג, און זינג פאַראויס! —

אַ מאָנונג, וואָס זייער פיל געשוואָרענע כלל־און צייט־פאַרזאָר־גער שטעלן שאַרף און אומקאָמפּראָמיסלעך אַרויס דעם היינטצייטיקן דיכטער. און ווי קלינגט לעיעלעסעס ענטפער? —

...כ׳בין קיין דראַטגייער אויף טעמען.
זאָל ס׳וואָרט צום כלל זיך טאָן אַ שפּאַר,
וועל איך ניט צאַמען אים, ניט קלעמען.
כ׳וועל הייסן ברענען אים ווי זשאַר.
דערווייל זאָל ס׳ליד מיינס דער פאַרנעמען
ווער ס׳וויל אַ ליד.
ס׳פרעגט ניט פאַר ווּעמען.
מיין ליד — ס׳איז שטענדיק צייט דערפאַר.

אָט דער בולט אויסגעדריקטער ענטפער, אַן ענטפער פון אַן עכטן, זעלבסטבאַוואוסטזיניקן פּאָעט, דער האַרינטע „צייט”, וואָס שטייט גרייט מיט דער פאָן און מיט׳ן טרומייט, איז אַ געגנוגנדיקער באַווייז, ווי ווייט לעיעלעס האָט מאַכנדיק אַ באַוואוסטזיניקן שריט ווייטער אויף זיין ליד־וועג, ניט מוותר געווען און ניט אָפּגעווישט

דעם איך פון זיך, די פולע גאַמע פון ריין־יחיד׳ישע מאָטיוון, וואָס זענען דער נער־פונקט פון יעדן אמת׳ן דיכטער.

אויך אין „פאַביוס לינד" קומט אונדז אַנטקעגן די אינערע וועלט, וואָס דער דיכטער טראָגט אין זיך און וואָס ער זינגט אַרויס פון זיך. דאָ האָבן מיר קודם־כל לעיעלעסעס געפיל־פאַרבונדנקייט מיט ז'ער נאַטור, אַ געפיל־פאַרבונדנקייט, וואָס וואַקסט אויס אין אַ ברענענדיקער בענקשאַפט אָדע ווי אין ליד „אָקטאָבער", אַ ליד, אין וועמענס לאַנגע בראַנזענע שורות מיר פאַרגעמען דעם פליגל־פלאַטער פון וועלט־גייסט, וואָס האָט גענידערט „ווי אַ גאָלדיק־דורכזיכטיקע טויב" און דעם דיכטער אויפגעמונטערט „גלויב!". גראַד דער האַרבסט מיט׳ן „ווייַן און ליכט פון רייפן האָבער", מיט׳ן באַנגן אַראָמאַט פון זיינע פעלדער און פאַרבן, אַסאָציאירט זיך ביים דיכטער מיט׳ן גלויבנדיקן וועלט־גייסט, מילד־מורמלענדיק ווי אַ טויב. דאָ געפינען מיר שפורן פון צאַרטן ראָמאַנטיזם. אַ צווייט ליד „אַ באַגעגעניש" פאַרשטאַרקט אָט דעם איינדרוק. אין דאָזיקן ליד שילדערט לעיעלעס מיט דינעם, ליכטיקן הומאָר, זיינס אַ באַגעגעניש מיט אַ גראָזן־האָפּסער. און אינ׳ם אַראָפּפאַל פונ׳ם קרוין פון באַשאַף פאַר׳ן גראָזן־האָפּסער איז דאָ דאָמאַנטישער פאַרנויגן זיך פאַר איר מאַיעסטעט, דער נאַטור און פאַר דער גרויסער איבערגעוויכט פון דער נאַטורס אור־סודות, וואָס דער גראָזן־האָפּסער טראָגט אין זיך כלפּי דעם אַעראָפּלאַן, די סאַמע שטאָלצסטע מאַניפעסטאַציע פון הייַנטצייטיקן מענטשן און — פון זיין אכזריות.

אַ סך איינגעלעבטקייט אין דער נאַטור געפינען מיר אויך אין אַזעלכע לידער, ווי: „זומער", „בוימער", וואו דער דיכטער טוט תפילה:

> גיט מיר פון אייער רו,
> אַ, צווייגנדיקע ברידער,
> גיט מיר פון אייער חכמה,
> איר שטייגנדיקע, געדולדיקע שוויגער.

איז עס ניט מערקווירדיק אָט דער תפילה׳דיקער טאָן, וואָס לעיעלעסעס ליד נעמט אָן, ווען זי טוט אַ וואַנדער אַרויס פון די גרויסשטאָטישע אַספאַלטן צו דער נאַטור, ווען זי ווערט אָנגעהויכט מיט׳ן צאַרטן וואונדער פון ערד׳ס גרינעכצן און צווייגנדיקע ברידער? דאָס ראָמאַנטישע נאַטור־געפיל, וואָס ליגט אָרגאַניש איינגעוועבט אין

דיכטערס ווען, אונטער אַלע האַרטע צייט־הויטן, גיט זיך דאָ פּלוצים אַ טשוכע אויס, אַ שטעק אַרויס דאָס גרין־גרינע קעפּל ווי אַ דינער גראָז און אַ פּריילעכן זאַפּ אַריין אין זיך דאָס גאָלדענע ליכט פון דער זון, דעם שמייכל פון ווינט, דאָס גאַרע געדויש פונ׳ם וואונדער־לעכן לעבן, וואָס די אייביקע מוטער — די נאַטור טראָגט אין אירע אָרעמס. לעיעלעסעס נאַטור־ליד איז אויך כאַראַקטעריסטיש מיט דעם, וואָס נאַטור עקזיסטירט ניט פאַר׳ן דיכטער ווי אַ באַשטאַנד־טייל אַליין און פאַר זיך, ווי אַ געוויסע טעמע, צו וועלכער דאָס געפיל גיט זיך וועך־ניט־ווען אַ נויג און דיקטירט צו נעמען די פעדער אין האַנט. לעיעלעס זעט נאַטור אין שייכות מיט מענטש. און דאָס איז אפשר דאָס סאַמע גרונטיקסטע און פאַרכאַפּנדיקע אין לעיעלעסעס אייגנאַר־טיק נאַטור־ליד. ניט נאַטור אַלס פאַן, אַלס דעקאָראַטיווע דערשיינונג, נאָר נאַטור דורך דער פּריזמע פון מענטשלעכן איך, געזען מיט די אי־נערע אויגן פון מענטשנס זעל — אַזאַ נאַטור־מאָטיוו איז אייגן לע־יעלעסן.

צו יחיד׳ישע מאָטיוון געהערן אויך די ציקלען: „מיינע לידער״, „נאָענטע און ווייטע״, „טונקלעניש ן״. דאָ געפינען מיר דעם דיכטער מיט זיין חשבון־הנפש, מיט זיין אויפקניפּן און פאַרקניפּן שייכות׳ן צו נאָענטע פון זיך און צו ווייטערע, מיט זיין אָנשלאָגן שטימונג־קאָנטאַקט מיט בילדער, געשטאַלטן, דערשיינונגען, מיט דער שטומער און ריידנדיקער וועלט, וואָס לעבט זיך אויס אין דיכטערס איך און אין זיין אַרום.

צום מאָטיוו פון חשבון־הנפש איז א. לעיעלעסעס מענטאַליטעט זייער געאייגנט. ווי אַ דיכטער מיט שאַרפע און טיפע מאָגונגען צו וועלט, צייט און סביבה, זענען זיינע מאָנונגען אומ׳ברחמנות׳דיק גע־ווענדט קודם־כל צו זיך. ליד איז פאַר לעיעלעסן ניט קיין אַראָפּנעמען נאָר אַן אַרויפנעמען לאַסטן אויף זיך. ליד באַפרייט ניט, ליד איז מחייב. דער „וואונדיקער דאָרשט״, דער „ברי״ און די „צערייצט־קייט, וואָס וויל ניט אָפּלאָזן״ זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר לעיעלעסעס ליד־שאַפונג. פון דעם איז פאַרשטענדלעך דעם דיכטערס פּערמאַנענטער אומקערן זיך צו זיך, זיין אָפּט קאָמענטירן אין ליד — זיין אייגן ליד, זיין פּרואוון עס וועגן און אויסטייטשן, ניט אַזוי פאַר יענעם ווי פאַר זיך:

מיינע לידער קאַלטע זענען
און פון זיי מיט ווייטקייט בלאָזט.

האָט קיינער ניט געהערט פון קאַלטן ברענען,
ניט געלעקט דעם פלאַם פון פראָסט ?
מיינע לידער האַרטע זענען,
שטייפער פעלזיקער מאַרשרוט.
קאָן קיינער ניט אין האַרטן פעלז דערקענען
קיל פאַרטייעט לאַוואַ־בלוט ?

אין זיין השבון־הנפש, אין זיין האַלטן אויג איבער זיך, קומט דער דיכטער צו דער טיפערער, סובטילערער כאַראַקטעריזירונג פון זיין אייגן ליד, וואָס ער זעט זי ווי „אַן אַרומגעצאַמטע לאַנדשאַפט”. לעיעלעס איז ביכולת צו שאַפן דיסטאַנץ פון זיך — צו איך, פון זיך צו אייגן ליד.

אין ציקל „נאָענטע און ווייטערע” געפינען מיר דעם דיכטערס דראַנג אויפצוקניפן און פאַרקניפן שייכות׳ן מיט נאָענטע און ווייטערע פון זיך. פאַר לעיעלעסן, ווי פאַר אַ שאַרף־קאַנטיקן מענטשן, איז חבר׳שאַפט אַ באַגריף, וואָס פאָדערט נסיונות, צוגרייטן זיך, וואָס פאָדערט פריער „זופן דעם ליג פון לעבן, דעם ווייַן פון ווייטיק”. צווישן מענטש און מענטש שטייען תמיד שפּיזלדיקע ווענטלעך. בכדי איינצווואַרפן די ווענטלעך פאָדערט זיך עבודה. אין דעם שטריך לאָזט זיך בשום אופן ניט זען קיין פאַרשפּיצטקייט פון דיכטערישן עגאָ. להיפּוך. ערשט דאָס פולע אָפּשאַצן פון ווערט און כאַראַקטער פון מענטשן צווינגט דעם דיכטער אויף צו צאָלן „א סך טעג איינזאַמקייט פאַר אַ רגע צוויי־דריי־פירזאַמקייט”. דאָ לאָזט זיך אויך אָנטאַפּן די סובטילע זייט פון דיכטער, וואָס פאַרבאַריקאַדירט זיך אין זיין אינערער וועלט, אין יענער „עולם אשר בלבבי”, וואָס ביאַליק האָט מאַניפעסטירט, ווייל אין איר פילט ער זיך זיכערער, גאַנצער און ווייל אַן אַריבערגיין די שוועל פון זיין אינערער וועלט איז מחייב זייער אָפט צו נעגירן זיך זעלבסט, ווי אויך צו נעגירן דעם צווייטן — דורך קאָמפּראָמיס.

אָבער איינגעבראָכן די ווענטלעך, זיך דורכגעריסן דורך באַריקאַדן, געפינט דער דיכטער אַ שייכות, אַ דערפרישנדיקע און אויפמונטערנדיקע צום מענטשן פון גייסט, קעמפער און טרוימער, וואָס האָבן אויף דורות זיך פאַרפלאָכטן אין גאַנג פון דער וועלט. אין די לידער פון דעם זשאַנר איז אַרויסצוטיילן זייער שטאָלענע פאָרם, ווי קליינע סקולפּטורן, אויסגעהאַקט אינ׳ם פעלז פון וואָרט. די קרוין

פון די לידער איז די פּאָעמע „בייראָן" — אַ פּאָעמע, וואו ס'איז אין דער געשלאָסענער ראַם איינגעפּאַסט דאָס זעלישע בילד פון'ם שטאָלצן אַלבאַטראָס פון דער וועלט־ליריק, וועמענס פּלאַמיק וואָרט האָט ניט נאָר אַנדערע געבריט, נאָר אויך „פאַרצערט דעם דאַך און פונדאַ־מענט פון זיין אייגענעם געביי". מיט אַ באַזונדערן אימפּעט אונטער־שטרייכט לעיעלעס די בונטאַרישקייט פון דער בייראָן־דערשיינונג, וואָס האָט די קרוין פון דיכטערס גלאָריע אין אַ באַזונדערן ליכט־פלאַקער געמאַכט אויפגליען.

אין זיינע „טונקלנישן" שלאָגט א. לעיעלעס אָן שטימונג־קאָנ־טאַקט מיט אַ גאַנצער ריי דערשיינונגען, וואָס זענען אַרויסגעשניטן געוואָרן פון זייער צופעליקייט און איינגעוועבט אין דיכטערישן גע־מיט. צי דאָס איז די גראָטעסק־אַרטיקע „מאַדאָנע אין סאָבוויי", וואָס הגם זי זיצט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, טראָגט זי דאָך אַוועק דעם דיכטערס געמיט אויף פליגל פון אַסאָציאַציע אַזש קיין גליל און אַזש צו דער שפּירונג „ווי עס רירט זיך גאָטס גייסט אין מיר, ווי אַ האָז, ווי אַ שלאַנג, ווי אַ פויגל"; צי דאָס איז דזשייקאָב עפּשטיינס מאַדאָ־נע מיט די „צערטלעך־שטאַרקע הענט און גרויסע ערדישע פיס"; צי דאָס איז די שלאַנקע נעגער־טענצערין אין אַ נעגערשן קאַבאַרעט, וואו „עס שפּילן הייסע פייפלעך פון וואַלד און בוש", צי גאָר די הער־מאַפראָדיט־סטאַטוע אין רוים — אין זיי אַלעמען, אין אָט די אַלע „טונקלענישן" געפינט דער דיכטער בליצן פון ליכט, שטראַלן פון לעבן, וואָס דרינגען אים דורך און שלאָגן אָן אין אים קאָנטאַקט.

ד

דער צענטראַלער מאָטיוו אין בוך איז אָבער דער סאָציאַלער. ניט נאָר איז „פאַביוס לינד" דער פולער פאָרטרעט פון לעיעלעסן דעם אויסגעשפּראָכן־סאָציאַלן פּאָעט. ס'איז אויך פון די געציילטע ביכער אין דער מאָדערן־יידישער דיכטונג, וואו סאָציאַלע פּראָבלעמען ווערן מיט אַזוי פיל געמיט און מיט אַזוי פיל מסירת־נפש באַהאַנדלט. ס'מוז אָבער באַטאָנט ווערן די אייגנאַרטיקע פּאַרטיפטע און אויסגעברייטער־טע אינטערפּרעטאַציע פון'ם באַגריף „סאָציאַל", וואָס מיר געפינען אין „פאַביוס לינד". ניט קיין סאָציאַלע ליריק, צוגעשניטן לויט'ן פּאַ־סאָן פון דער לעצטער צייט־מאָדע, אויך ניט קיין באַשטימטע פּאַרטיי — אָדער אפילו אויסגעשפּראָכענע קלאַסן־קאַמף־לאָזונגען זענען עס. מיר

באַטראַכטן לעיעלעסעס שאַפונג אַלס צו כאַראַקטער־פול און עכט, זי זאָל לייכט קענען איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן מיט דער צייט, אויף נאָכצור־שנאַפּן די כל־ערליי געזעלשאַפטלעכע ווינטן, וואָס נעמען בלאָזן פון דער גאַס און דורך דעם פאַרוואַנדלען איר שעפער אין זייער פּאַראויסלויפער אָדער נאָכלויפער.

שוין די גרויסע צאָל ריין־אינדיווידועלע לידער אין דאָזיקן בוך, וואָס טראָגט אויף זיך דעם גליאיקן שטעמפּל פון אונדזער תקופה, איז בכח צו מאַניפעסטירן לעיעלעסעס וואָרט־גאַנג. אָבער, אויך די אויס־געשפּראָכן־סאָציאַלע לידער, וואָס הייבן זיך אַריבער איבער יחיד'שער שטימונג און שלאָגן אָן אין כלל־פּראָבלעמאַטיק, זאָגן עדות אויף דער אויסגעשפּאָרכנקייט פון דיכטערס שאַפונג־אַרט. אויך אַזאַ ליד ווי „צום יידישן פאָלק" נעמט לעיעלעס אַריין אין קרייז פון זיינע סאָ־ציאַלע מאָטיוון. איז דאָך אויך דער יידיש־ נאַציאָנאַלער מאָטיוו אין זיין תוך סאָציאַל, אויב נאָר דער דיכטער קען פון'ם מאָטיוו אַרויס־שלאָגן גורלדיקע, געשיכטלעכע פונקן און דורך דעם אים לאָזן אויפ־בלענדן אין אוניווערסאַלן ליכט. אין „צום יידישן פאָלק" געפינען מיר דעם דיכטערס אָנהעגנגען זיך אינ'ם אַלטן גייסטיקן קיום־באַוואוסט־זיין, אָן וועלכן דאָס פאָלק האָט זיך געהאַלטן דורורת אויף דורות, ווי אָן אַ פעלזיקן אַראָפּהאַנג איבער אַ תהום.

גרויסן שוואונג באַקומט לעיעלעסעס סאָציאַלער מאָטיוו אין „אַמעריקע 1927". לעיעלעסעס סאַקאָ־ און וואַנזעטי־לידער זענען ניט בלויז עפּאָכאַלע דאָקומענטן, זיי געהערן צו די גליאיקע לידער פון רעוואָלט, וואָס פלאַקערן אויף די שייד־וועגן פון דער געשיכטע. שוין די אָנהויב־שורות:

> ניט קיין פאַראַדן גרייט מען פאַר פליענדיקע העלדן.
> ניט קיין יום־טוב־פּענער צעווייט מען פאַר צוריקגעקומענע זיגער.
> די אויפגערייצטע מורא צעפּראַלט איר מויל,
> צעהילכט זיך מיט קללות רויטע, געלע, גרינע,
> שיקט אַליאַרמען איבער דער מדינה:
> היטן זאָל מען, אָפּהיטן די זעט פון די זאַטע,
> די זיכערניש פון די זיכערע. —

אָפענער און דירעקטער איז לעיעלעסעס סאָציאַלער מאָטיוו אין די לידער, וואָס זענען פאַרבונדן מיט'ן נאָמען „פּאַביוס לינד". שוין אין „ראַנדאָס", אויפ'ן סאַמע שוועל פון בוך, געפינען מיר דעם נאָ־מען. און אָט טראָגט אַ גאַנץ בוך אָט דעם נאָמען אויף זיך. נאָר קודם־

כל: ווער איז פּאַביוס לינד? זיכער, אַז פּאַביוס לינד איז א. לעיע־
לעס. אָבער גענויער וועט דער ענטפער זיין, ווען מיר זאָגן, אַז פּאַ־
ביוס לינד איז אַ לעיעלעס־געשטאַלט, איינער פון דער ריי, וואָס דער
דיכטער האָט אויסגעפאָרעמט אין זיינע לידער און דראַמעס. אויף צוויי
וועגן איז א. לעיעלעס געקומען צו זיין פּאַביוס לינד־געשטאַלט —
אויפ׳ן וועג פון זיין געזעלשאַפטלעכער אָריענטאַציע און אויפ׳ן וועג
פון זיין אויסגעטיילטער ליד־פאָרם. דער ערשטער וועג פירט אים די־
רעקט צו ג ע ש ט אַ ל ט אין ליד. דער צווייטער — אומדירעקט.
געשטאַלט אין ליד איז אמאייגנסטן די דיכטער, וואָס פאַרבינדן ליד־
שליחות מיט׳ן כלל און אינ׳ם כלל. ניט קיין צופאַל, וואָס אַ בייראָן האָט
צווישן אַנדערע זיינע העלדן זיך באַזונדערש פערזאָניפיצירט אין „טשאַילד
האַראָלד״. איז דאָך בייראָן ניט געווען בלויז דער דיכטער פון וועלט־
שמאַרץ, נאָר אויך דער וואָר־אַקטיווער רופער צו דערלייזונג. אין דעם
פאַל איז אַזאַ העלד אַן אָרגאַנישער אַרויסוואוקס פונ׳ם דיכטערס לייב
און לעבן. אין דעם ליכט זעען מיר אויך די געשטאַלט פון פּאַביוס
לינד. ווען לעיעלעס בלייבט דער פּאָעט פון אויסגעשפּראָכן־אינדיווי־
דואַליסטישער מענטאַליטעט, וואָלט ער ניט געשטויסן געוואָרן צום
אויסטיילן אַ געשטאַלט פון זיך. זיין אייגן געשטאַלט, דאָס געשטאַלט
פון א. לעיעלעס אַליין, וואָלט אים געווען גענוגנדיק. מיט׳ן פאַרוואַנד־
לען זיך פון א. לעיעלעס אין אַ פּאַביוס לינד איז אויך פאַרבונדן דאָס
אומוואַנדלען זיך אין אַ געזעלשאַפטלעכן דיכטער. און דאָ קומט אים
פּאַביוס לינד שטאַרק אַנטקעגן. ווייל ס׳איז אַ געשטאַלט, אַן אַרויס־
געטיילטע פון זיך, אַן אַוועקגעשטעלטע אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ
פון אייגענעם איך, און דאַרום אויך — אַ דאַנקבאַרער מעדיום פאַר׳ן
דיכטערס געראַנגל מיט וועלט און צייט, מיט׳ן גאַנצן קאָמפּלעקס
פּראָבלעמען, וואָס זיין תקופה האָט אים אָנגעוואָרפן. אין דעם פּרט
שטייט לעיעלעס ניט אַליין אין דער יידישער דיכטונג. ער איז אין
דער דיכטונג־ספערע פונ׳ם שניט פון אַ ליעסין, לייוויק, באָריישאָ,
האַלפּערין, גלאַטשטיין, ווי פאַרשיידן די אַלע דיכטער זאָלן ניט זיין
אין זייערע ליד־געשטאַלטן. פּאַביוס לינד קומט מיט מאָנונג, מיט
חשבון־הנפש, מיט טרוים און גלויבן. ס׳פּעלט אים טאַקע דער אָפּן־
שטראַלנדיקער אָרעאָל פון קדושה און מאַרטירערטום, וואָס באַצירט אַ סך
מאָל אונדזערע ליד־העלדן. דערפאַר פעלט אים אָבער ניט קיין אמת׳ן
העלדן־וואָפן: אָפענעם, אומקאָמפּראָמיסלעכן וואָרט־קאַמף כלפּי די שאָטנ־
דיקע זייטן פון מענטש און תקופה, פאָרמען, און אויך טיפן גלויבן

אין דער גערעכטיקייט און שיינקייט, וואָס דאָס לעבן טראָגט אין זיינע אייביקע — גרינענדיקע גרונטן.

שוין דער ציקל „פּאַביוס לינדס טאָג־בוך" שטעלט צונויף אַ פּרצוף־פּנים פון אַ געשטאַלט. ליד אויף ליד לייגט זיך ווי אַ שטריך אויף אַ שטריך:

מוטערדיק, טיף אין מיין אינגעווייד
מאָנען לידער אין מיר ווי אַ וואונד אין געביין.

דאָ האָבן מיר בתכלית־הקיצור׳דיקע, אָבער אויסשעפּנדיקע, כאַראַקטעריזירונג פון דיכטערס שייכות צו וואָרט. דאָס אָרגאַנישע, מוטערדיקע אויסטראָגן דאָס וואָרט צוגלייך מיט זיין וואונדיקן מאָנען אין דיכטער. דאָס וואָרט ווערט געבוירן ניט בלויז מיט אַלע מיסטעריעס פון לעבן, ליבע און טויט אין זיך, עס ווערט אויך געבוירן מיט מאָנונג, מאָנונג, וואָס איז וואונדיק ערב זיין געבוירן, ווייל ער מאָנט געבוירן צו ווערן, מאָנונג, וואָס איז ווייניקער שאַרף נאָכ׳ן געבוירן, ווייל עס מאָנט תכלית און זין פון געבוירן... און מאָנונג פאַרבלייבט שוין דער גרונט־שטריך פון פּאַביוס לינדס געזיכט. אויסדרוק, סיי אין זין פון אינערע האַרמאָניע, וואו יחיד׳ישע און כלל־מאָטיוון קומען צונויפגעריגגט. די אינערע האַרמאָניע פון דיכטערס שאַפונגס־וועלט איז אויך איינע פון די גורמים צו לעיעלעסעס געשטאַלט־פורעם. געהערט דאָך לעיעלעס צו די דיכטער, וואָס פירן צונויף אַלע זייערע סתירות צו איין סינטעטישן סך־הכל; צו דיכטער חוט־השדרה׳דיקע, ביי וועמען אַלע מאָטיוון וואַקסן פון זיי אַרויס ווי צווייגן פון איין שטאַם־בוים. גרונטטאָניקייט אין דער ליד־וועלט קען דערפירן צו געשטאַלט־אויסטיילונג. און פּאַביוס לינד האָט אין זיך פון יענער גרונטטאָניקייט לעיעלעסעס, פון זיין צונויפשנירן מאָטיוו מיט מאָטיוו, אויפבויענדיק פון זיי אַ דיכטערישע איינהייט. שוין זיין טאָג־בוך איז אַ קייט פון פאַרשיידנסטע מאָטיוון, אַ שפּיגל, וואָס ווייזט אי די שטריכן פון דיכטערס פּערזענלעכקייט, אי די שטריכן פון דער צייט, דער קטלגית, אין וועלכער דער דיכטער שאַפט. ס׳קומען ליד־פאַרצייכענונגען — דעם ערשטן פעברואַר: וועגן גיליאָטין, וועגן קאָנטראַסט פון לייב קעגן אייזן, וועגן פולער האַרמאָניע מיט זיך: צו קושן דאָס שטאָל פון מעסער און ברידערלעך גריסן דעם הענקער אין טיפן באַוואוסטזיין, אַז „דו ביסט בלויז אייזן, איך בין בלויז אומשולדיק", — אַ גרויס ליד, וואָס שעפּט אויס די מאָטיוון פון פעברואַר. שוין פון גאָר אַן אַנדער שטימונג־מעטאַל געשמידט, וועגן אַ טאָג, ווען „זשאַווער־

דיקע שטאַבעס, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט אַ ברוגז׳ע מיטווינטער־זון, זענען געוואָרן לופטיקע פלאָרענטינער קאָלאָנעס״, צוליב דעם, ווייל אַ וואַרעמער שמייכל, אַ גוט וואָרט האָט אויף זיי אָנגעהויכט אַן איידעלע פרייד, אַ מילדע, פריש־וויסטיקע הייטערקייט. ס׳קומט אַ ליד־פאַרצייכנונג, אין פעברואַר 15:

בענק אויס דאָס וואָרט,
וואָס זאָל אָפּשטעלן די רציחה פון מידע, בייזע מחנות.
טראָג אויס דאָס וואָרט,
וואָס זאָל ריידן ווי דאָס שווייגן פון גרייז —

שורות, וואָס קלינגען דורך אני־מאמינ׳דיק דורכ׳ן גאַנצן טאָג־בוך. און אָט איז אַ ליד־ פאַרצייכנונג, אין „פעברואַר 21״ וועגן „אַ שיכור, אַ קאַליקע און אַ קנעכט״, וואָס „האָבן פאַרטיידיקט די העכסטע רעכט״ — אַ היינט־צייטיקע באַלאַדע, מיט דער גאַרער פאַנטאַסטיק פון דער שפּעטנאַכטיקער, רויער סאָבוויי־ווירקלעכקייט, אין וועלכער עס פיבערט אָבער ווי אַ ליכטיקער שטערן דער אמת־דורשט פון פאַביוס לינד:

כאָטש ניכטער איך, מיט גאַנצע גלידער באַשטאָט,
לויט הויט און אויגן אַ נאָרדיק כמעט —
האָב איך מיט לייב און לעבן טיף דערפילט,
אַז אויך איך געהער אַהער צו דעם בילד.

און ווי אַ המשך כמעט פון אָט דער ליד־פאַרנאָטירונג קומט שוין אין „פעברואַר 22״ אַ שאַרף אויס׳טענה׳ן זיך מיט די „פעלקער פון דער ערד״:

מיר האָבן בלוט, וואָס קאָן דעם אמת שאַרפן.
ס׳וועט סטייען אי פאַר אייער רויב אויף קעסט,
אי ס׳גאַנצע רויב־ווערק אייערס צו פאַר׳שרפ׳ען...

אין „טאָג־בוך״, ווי אין ציקל אונטער׳ן נאָמען „פאַביוס לינד״, געפינען מיר דעם גאַרן געפלעכט פון פאַביוס לינדס שטימונג, געפיל און געדאַנק. אין זיין אויפריכטיקייט, אין דער איידעלער נאַקעטקייט פון זיין אמת־געשטאַלט, דעקן זיך אין זיין ליד די פערזענלעכע מיט די נאַציאָנאַלע מאָטיוון, די נאַציאָנאַלע מיט די סאָציאַלע, ביז צו דער אויפטורעמונג פון פול־געשטאַלטיקייט.

צו דער געשטאַלטונג פון פאַביוס לינד פירט אויך דער אומדי־

רעקטער וועג פון לעיעלעסעס פאָרם. לעיעלעסעס ליד האָט אין זיך פּלאַסטיק, מעשה׳דיקייט, וואונדערלעכן געפלעכט פון לירישן, עפּישן און דראַמאַטישן עלעמענט. לעיעלעסעס ניט־ווענדן זיך צום לייענער אין לירישן „פּער־דו״, אין דירעקטן, פּאַטעטישן קאָנטאַקט־אָנשלאָג, נאָר אויפ׳ן אומדירעקטן עפּישן אָרט, געפּינט אין פּאַביוס לינד־געשטאַלט אַ גאַנגבאַרן אויסדרוק. קלערער פאַרנעמען מיר עס, זיך באַקענענדיק מיט דער פּאָעמע „צו דיר — צו מיר״ ביים שוועל פון בוך. אַ פּאָעמע, וואו דאָס געשטאַלט „פּאַביוס לינד״ קוקט אַרויס צו אונדז באַזונדערס קאָנקרעט.

די פּאָעמע „צו דיר — צו מיר״ איז אין תוך דער סאַמע אַני־מאמין פון דיכטער לעיעלעס, פון צווישן די פּאָעמע־בלעטער קוקט אַרויס דאָס געשטאַלט פון אַ יידישן דיכטער, וואָס שטייט אויף אַן איינזאַמען פעלז אין מיט פון ברויזנדיקן צייט־אָקעאַן און זיין וואָרט לויכט פאַר אים מיט פאַקלדיקן ליכט. אַריינוואַקסנדיק מיט זיין ערלעכן באַוואוסטזיין אין אַלע גורל׳דיקע פראַגעס און סתירות פון אונדזער צייט, דערזעט דער דיכטער איר גרויסע טראַגיק, די טראַגיק פון אַ תקופה, וואָס האָט דערמעגלעכט, אַז איר פאַרטרעט זאָל זיין: „אַ מענטשל מיט דער נאָז פון אַ שנאַפּער, מיט דער פריזור פון אַ טויבן־כאַפּער, אַ קליין מענטשל, וואָס וויל נאָר גרויס: גרויס שפּרייזן, גרויס ריידן, גרויס פייניקן, הונדערטער, טויזנטער, מיליאָנען, הייליק פּייניקן״. אָבער אין אָט דער היטלערישער פיגור, וואָס איז דערשינען אויפ׳ן האָריזאָנט פון אונדזער צייט מיט דער סאַדיסטישער מיסיע פון הייליקן פייניקן (יענעם), זעט דער דיכטער נאָר דעם אַרויס־וואוקס, דעם סאַמע שפּיץ פון דער גרויסער רשעות, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אויפ׳ן דעק פון אונדזער דור. און די רשעות צו אַזאַ אָפּער געשטאַלט האָט נאָר געקענט דערברענגען דאָס אַוועקגיין פון היינטצייטיקן מענטשן פון זיך אַליין:

עס איז דער דור פון לאַנגן האַס און לאַנגער נויט,
און ניט קיין אויסלייזער — אַ תליון איז דאָס וואָרט.
עס שטייען ברידער פינצטערע ווי ערב מאָרד
און ביידע רעדן רייד און קיינער קיינעם טרויט.

אָבער ניט נאָר ביי די אָפענע „שפּרייטער פון מגפות״ זעט דער דיכטער די האַנט פון היינטיקן דור, „פון לאַנגן האַס און לאַנגער נויט״, אויך דאָרט „וואו די האָפנונג שלאָגט אַרויס פון עכטסטן קוואַל,

דערזעט דער דיכטער דאָס שלעכטס, וואָס איז „בייז ווי אַ שאַקאַל". אפילו אין דער כלומרשט אומשולדיקער קאָרעספּאָנדענץ פון מאָסקווע אין אַמעריקאַנער צייטונג, אַז „וואו צווייַ געליבטע אין דעם ס. ס. ס. ר. — ריידן זיי נאָר וועגן דעם פינף־יאָר־פּלאַן", דערזעט דער דיכטער דאָס פאַרשרייען פון היינטיקן מענטשן זיך אַליין, דאָס ניט אייַנזען, אַז די אייביקע טיף־מענטשלעכע געפילן זענען קיינמאָל קיין סתירה ניט צו אַלמענטשלעכע טאַטן. להיפוך, זיי באַשייַנען מיט'ן הויכן שטערן־ליכט פון דער מענטשלעכער נשמה דעם מענטשנס וועג אין לעבן אַריין, העלפן אים אַרייַנצובליקן אין טריליאָניקער וואָר און בויען פּלענער אויף טריליאָנען מיט אַ יאָר. און וואונדערלעך־עכט, הגם מיט אַ סאַטירישער נאָטע, קלינגט דאָס ליד, וואָס לעיעלעס עצה'ט דעם סאָוועטישן פאַרליבטן אָנצושרייבן פאַר זיין חבר'טע, וואָס „ראַטעוועט מיט אים דעם בוריקעס־פאַרזיי אויף די פעלדער פון אוקראַינע". אין ווייזן דער זון דעם פּלאַן פון מענטשלעכן לייב, שלומערט דער הימן דורך טרערן אי צו מענטש און אי צו ליכט. כל זמן דער גלויבן אין מענטשלעכן לייב, אין הייליקייט און אומבאַרירלעכקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, ליגט אין אַש, איז ניט מעגלעך יענער ליכטיקער הימן, וואָס זאָל אויפקומען ווי אַן אויסלייזונג דורך טרערן פאַר'ן פאַרפייניקטן מעטנטשן. לעיעלעס, דער אויסגעשפּראָכן־סאָציאַלער פּאָעט, וואָס איז צערטלעכער צו „הענט פון זעג און קנעט, פון בוי און הויב, ווי ס'איז געווען פּאָ צו אַנאַבל־לי", וואָס פאַרמאָגט „מער האַס ווי שאול'ס חושכ'דיקער האַס אין נוב, צו וועלט פון בייטש און געבויגענער קני", קען ניט פאַרזען די פאַרנויגונג פון מענטש אפילו אין די רייען פון די, וואָס האָבן אָנגעלאַסט אויף זייערע אַקסלען די גורל'דיקע שליחות צו זיין צוקונפטסבויער.

און ניט נאָר אין דער אַרומיקער וועלט, אויך אין דער יידישער וועלט, מיט וועלכער דער דיכטער איז אַזוי צונויפגעוואַקסן, זעט ער כאַאָס און צעריסנקייט. ס'פעלט דער גרויסער אַרומנעמענדיקער אמת, וואָס זאָל עפענען דאָס באַוואוסטזיין פון פאָלק — אַ קוק צו טאָן די לויערנדיקע געפאַרן אין כמאַריקן פנים אַריין און — מאַכן דעם געהעריקן סך־הכל.

אָבער ניט נאָר צעריסנקייט אינ'ם אַרום זעט לעיעלעס. ער פאַרמאָגט גענוג אַנאַליטישן חוש צו דערזען די צווייענדיקייט, די ליכט־און

שאָטנדיקייט אין אייגענעם גייסט. ניט איין פּאַביוס לינד דערזעט ער אין זיך, נאָר פּאַביוס לינד 1 און פּאַביוס לינד 2, איינער, וואָס פּאַרלייקנט אילוזיע און אַ צווייטער, וואָס גלייבט אין איר, און פון דעם — דעם דיכטערס שלעפּן זיך אין לעבן ווי „אין מדבריות" און גלייכצייטיק זיין אָרגאַניש שפּירן „די וואָרצלען טיפע פון זיין אַלטן שטאַם".

לעיעלעס איז אָבער ניט קיין קוהלת־דיכטער און די רעזיגנאַציע פון „הכל הבל" איז ניט דער לעצטער שטריך זיינער אונטער דער אויסגאַנגלאָזיקייט פון אונדזער צייט. ער רעוואָלטירט און שליידערט אַ מאַניפעסט צו מענטש זיך אַ קער צו טאָן צו זיך אַליין, צום ליכט, וואָס נעסט אין זיינע פּאַרהוילענישן און אין וועמענס קיום דער דיכ־טער איז פול מיט גלויבן. ניט צופעליק איז די פאָן פון דער פּאָעמע פרילינג און דאָס אָרט, וואָס דער דיכטער האָט זיך אויסגעקליבן, צו קענען דאָרט מיט באַזונדערער בולטקייט רעפלעקטירן זיינע געפילן — דער שוועל פון בראָנקסער טייך. דוקא לעיעלעס דער שטאָט־דיכ־טער דערשפּירט אין פרילינג דעם געטלעכן וואונדער פון דער נאַטור, די פרישקייט און האַרמאָניע, וואָס זי שטראָמט אַריין אין מענטשן. ערשט דורכ'ן נאַטור־פּאַרהאַנג דערזעט ער די פּיינען פון אונדזער צייט און דעם אויסלייז פון אונדזער צייט, וואָס ליגט אין אויסלייז פון מענטשן אַליין. נאָר וויסנדיק דעם סוד פּאַרוואָס דער זאַמען ליכט, וואָס איז „פּאַרזייט פון אויבן", איז פיל מער „געוועגדט אַראָפּ", קען מען קומען צום באַוואוסטזיין, אַז „ס'ווינקט אויך שמייכל אין דעם סומנעם פּלאַנעטער און מיט אַ פייף ווערט וואונדער פון דער וואונד" — אַ גלויבנדיקער אַקאָרד צו זיך און צו דער וועלט.

ז

גלייכצייטיק צו געשטאַלט אין ליד, גייט א. לעיעלעס צו דער אייגנטלעכער אָרענע פון געשטאַלט — צו דער דראַמאַטישער פּאָע־מע און צו דער דראַמע. לעיעלעסעס גאַנג צו דער דראַמע איז אויך זיין גאַנג צו רייפקייט, צו פורעם. געאיבט אין ליד־שאַפונג, איז זיין פען פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין יענעם איידעלן, אָבער צוגלייך שטאַ־ליק־פעסטן אינסטרומענט, וואָס זאָל זיין ביכולת זיך איינצובויערן אין פעלז פון דער דראַמע און אַרויסהאַמערן די געגאַרטע געשטאַלטן. סטיל־רייפקייט האָט לעיעלעסן געגעבן פליגלען זיך אַ טראָג צו טאָן

צו באַרג־הייכן פון דער געשיכטע, פון וואַנען ער שעפּט זיין דראַמע־שטאָף. אָבער, אויסגעאַרבעטער, באַוואוסטזיניקער וועלט־בילד און גע־זעלשאַפטלעך־אידייאישע פּראָבלעמען־אויפפאַסונג האָבן געגעבן שוואונג און קראַפט אָט די פליגלען. און אָנגעלאָדן מיט דיביידע עלעמענטאַרע אייגנשאַפטן, אָן וועלכע עס קען בכלל ניט געמאָלט זיין קיין בשלום׳דיקער אַריין־און־אַרויס אין און פון געשיכטלעכן פּרדס, אין קינסטלערישן זין, האָט זיך לעיעלעס אַ לאָז געטאָן אַזש צום זעכ־צעטן יאָרהונדערט, צו יענער אויסטערלישער עפּאָכע, ווען דער רע־נעסאַנס האָט זיך געגומען וויקלען ווי אַ רויטער זון־אויפבראָך איבער די תהום׳ען פון מיטלאַלטער. הויך, גאָר הויך, האָבן זיך גענומען אויסלייגן זילבערנע שטרייפן, בלייכע צייכנס פון אַ נייער תקופה. טיף אין טאָלן פון די יידישע געטאָס זענען אָבער נאָך געלעגן אָנגעוואַקסן די שאָטנס פון די פינצטערע יאָרהונדערטן. ווי אַ שוואַרצע וואָנט איז דער גירוש־שפּאַניע געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבער׳ן יידישן לעבן. אָבער, אויך די שאָטנס האָבן זיך גענומען באַוועגן. פייערן האָבן מיטאַמאָל זיך באַוויזן. דאָס זענען שוין ניט געווען בלויז די פייערן פון דער אינקוויזיציע, וואָס האָבן אָפּגעגאָסן מיט רויט ליכט דאָס יידישע לעבנסבילד. מיט אַן אַנדער ליכט האָבן זיי גענומען אויפגלי־ען, לעכער דורכבויערן אין געדיכטן חושך־שיכט, אין וועלכן דער מיטלאַלטער האָט אָנגעטאָן דאָס יידישע פאָלק ווי אין אַ זאַק. דאָס זענען געווען פייערן פון גאולה, פון משיח׳יזם, וואָס האָבן מיטאַמאָל גענומען טרייבן די פינצטערניש דורך טיר און טויער, באַדראָענדיק בכלל צו פאַרלענדן די געטאָ־מויערן און פאַרפלייצן די וועלט, ניט בלויז די יידישע, מיט׳ן ליכט פון „באחרית הימים״.

וואָרום — קוקן מיר זיך צו צו די אייגנטלעכע היסטאָרישע מאָ־טיוון אין אונדזער ליטעראַטור, זעען מיר, אַז ניט סתם יידישע גע־שיכטע האָט מיטאַמאָל אַ פלייץ געטאָן איבער אונדזערע ליטעראַטור־פעלדער; אַז נאָר געוויסע מאָמענטן אין דער געשיכטע, מאָמענטן צענטראַלע, עפּאָכע־מאַכנדיקע, מאָמענטן, אין וועלכע די אייביקע כאַ־ראַקטער־שטריכן פון פאָלק האָבן אויף אַ באַזונדערן אופן זיך אַריבער־געהויבן איבער דער אויבערפלאַך, — זיי זענען עס, וואָס פילן אויס דעם היסטאָרישן מאָטיוו אין אונדזער ליטעראַטור. לייד און דערליי־זונג, קדוש־השם און גאולה, וואָס זענען תמיד געגאַנגען דורך אונדזערע געשיכטלעכע געוועלבן געאַרמט, פאַרברידערט, אונטערהאַלטנדיק איי־נער דעם צווייטן, דאָס זענען די סאַמע העכסטע שטאַפלען אויף אונד־

זער געשיכטע־לייטער. שטייענדיק אויף אָט די שטאַפּלען, לאָזט זיך זען דאָס גאַנצע יידישע לעבן אויף אַלע זיינע בערג און טאָלן, ניט בלויז אין דער פלאַך, נאָר אויך אין דער טיף; דערמעגלעכט עס אַ בליק צו טאָן איבער׳ן גאַנצן פאָלקס־לעבן, וואָס איז איין אומאיבער־רייסלעכע קייט פון געשיכטע, ווירקלעכקייט און צוקונפט; דערמעג־לעכט עס ניט בלויז שאַפן אַ שאַפונג, נאָר שאַפן אויך גלייכצייטיק דעם יעניקן זין פון דער שאַפונג, וואָס וואַקסט אַריבער די גרענעצן פון בלויז איין מענטשלעכן לעבן, וואָס נעמט אָן פאַר די האָר און הויבט אַריבער — איבער בערג, איבער אָפגרונטן — אין דער סטראַ־טאָספערע פון גייסט, וואו די נשמות פון פעלקער הויערן, וואו דורות שפילן זיך אין שאָטן פון דער אייביקייט ווי קינדער, וואו די איבער־וועלטיקונג פון טויט שאַפט דאָס געפיל פון אייביקער יונגשאַפט, וואָס דאָס איז דאָך דער תמצית פון אַלע קונסטן.

און צי דאַרף מען דען אַ פאַסיקערן יאָרהונדערט פאַר׳ן גרויזאַם־פאַרביקן אויפבליץ פון קדוש־השם און גאולה־וויזיע, ווי דער זעכצנ־טער? צי דען איז דער געראַנגל פון העלישע אינקוויזיציע־פייערן מיט לויטערע משיח־פלאַמען אַ ניט באַזונדערס צוגעפאַסטער ליכט־עפעקט צו דער דראַמע פון דעם שניט, וואָס לעיעלעס האָט פאַרטראַכט? און אַזוי איז געבאָרן געוואָרן לעיעלעסעס שלמה מלכו — די אויסטער־לישסטע געשטאַלט פון אויסטערלישסטן יאָרהונדערט?

קומען מיר אין אינטימער באַרירונג מיט דער דראַמאַטישער פאָעמע, וואָס איז אַזוי פלאַמענדיק געפורעמט אין אירע צען בילדער־רינגען, דאַן גייען אונדז אַנטקעגן צוויי עיקר׳דיקע מאָטיוון אין דער דער־שיינונג מלכו, אויף וועלכע דעם דיכטערס אויפמערקזאַמקייט איז באַ־זונדערס וואַך געפאַלן. דאָס איז, קודם־כל, די פאַרוואַנדלונג פון דיאַגאָ פירעס אין שלמה מלכו און דאַן — זיין צונויפגיין און פונאַנדערגיין זיך מיט דוד ראובני.

לכאורה׳דיק אויפגעפאַסט זענען די צוויי מאָמענטן ניט באַזונדערס געבונדן. אָבער נעמען מיר דעם ענין גרינטלעכער, דאַן ניט נאָר אַ שייכות געפינען מיר אויס צווישן אָט די מאָמענטן, נאָר אויך, אַז די פאַרוואַנדלונג דיאָגאָ פירעס —שלמה מלכו קומט ווי אַ מין פאָרשפּיל צום קאָנפליקט מלכו — ראובני.

דאָס אומקערן זיך פון מאַראַן דיאָגא פירעס, אַ געבירטיקער

קריסט, צו אָפענער יידישקייט, נאָך מער — אַזש צום סאַמע קדש־קדשים פון יידישקייט — צו משיח׳ישקייט, האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך ניט געקענט צוגיין אַזוי גלאַט און גיך ווי די געשיכטלעכע כראָניק פאַרצייכנט. אפילו דאָס אַריינברענגען זיך זעלבסט אין אברהם אבינו׳ס בונד, האָט אויך ניט געקענט גורם זיין, אַז דער געוואָרענער ייד זאָל מיטאַמאָל דערהערן אין זיך די שטים פון געבאָרענעם משיח. פאַר׳ן קינסטלער, וואָס זעט די געהיימע פראָצעסן, וואָס פאַרבינדן איין געשיכטלעכן עפּיזאָד מיט׳ן צווייטן, איז אומדענקבאַר אַזאַ שפרונג איבער אַלע גדרים פון עוואָלוציע. ניט אַזוי לייכט האָט עס געקענט צוגיין דער איבערגאַנג פון פאָרטוגעזישן קעניגלעכן הויף — דורך אַ בליק־אַרטיקן וואַנדער־וועג — צו דער אינקוויזיציע־תפיסה און צום שייטער. ס׳זענען זיכער געווען בערג און טאָלן, תהומות און אויפשטייגן, אויף אָט דעם וועג. דיאָגאָ פּירעס האָט זיך זיכער ניט אַזוי לייכט אונטערגעגעבן שלמה מלכו׳ן. און די „מחשבה־רייניע", אין וועלכע דער עקזאַלטירטער מוכיח און משיח האָט זיך שטורמיש אויפגעלייזט האָט זיך געהאַט גענוג אָנצולייַדן ביז וואַנען זי האָט זיך באַפרייט פון לייב. איידער נאָך ס׳איז געקומען דרויסנדיקער געראַנגל, געראַנגל מיט דער וועלט — און דער גאַנצער וועג מלכו׳ס איז דאָך געווען איין גרויסער וועלט־געראַנגל: מיט קעניגן, מיט׳ן פּויפּסט, מיט קאַרדינאַלן, מיט די מאַנטינ׳ס פון יידישן לאַגער און לסוף מיט ראובני׳ן אַליין — איז געקומען דער אינערלעכער געראַנגל, דער געראַנגל אינדערהאַלב דער נשמה. דער וועג פון דיאָגאָ פּירעס צו שלמה מלכו איז גענוג לאַנג, אפשר אַזוי לאַנג, ווי דער וועג פון שלמה מלכו צום שייטער. און אָט דער וועג איז דאָך אין דער געשיכטלעכער כראָניק ניט אַרויסגעהויבן געוואָרן. אָט דער וועג האָט דאָך מלכו ניט אַדורכגעמאַכט אויף אַ געשיכטלעכער אַרענע, פאַר׳ן אומזעבאַרן, אָבער, גענוג רעאַלן אויג פון די קומענדיקע דורות, נאָר דורך די טיפע קאַטאַקאָמבן פון זיין בלוט, דורך די הייל־געוועלבן פון זיין זעל. פאַר׳ן געשיכטע שרייבער איז אַזאַ וועג אויך ניט וויכטיק. ער פאַרצייכנט בלויז די טאַט, דעם פייער־פלאַם פון אַרויפגעשאָסענעם דינאַמיט, אָבער ניט דעם פראָצעס פון זיין דערוואַרעמונג און אויפהיצונג. פאַר׳ן דיכטער אויף געשיכטלעכע מאָטיוון איז ער אָבער באַזונדערש וויכטיק. ווייל ערשט דערטאַפּנדיק דעם געהיימען, אונטערערדישן וועג, וואָס פירט יעדע געשיכטלעכע פערזאָן צו איר העכסטן פאַרנעם, ערשט דאַן לאָזט זיך דערזען אין פולן ליכט די אינערלעכע וועלט פון דער היס־

טאָרישער געשטאַלט, לאָזט זיך דערשפּירן דעם געהיימען שיפר פון איר לעבן און שאַפן. אין דעם פאַל מלכו האָט שוין די עצם פאַרוואָנד־לונג פון דיאָגאַ פּירעס אין שלמה מלכו באַהאַלטן אין זיך זיין קומענ־דיקן קאָנפליקט מיט ראובני׳ן. ווייל ווי מערקווירדיק: שלמה מלכו און דוד ראובני האָבן זיך דאָך געזאָלט דערגאַנצן איינער דעם צווייטן, ווי משיח בן אפרים און משיח בן דוד. צי דען איז דוד ראובני ניט באַרופן געווען אויסצוקעמפן דעם זיג פון שלמה מלכו, אָט אַזוי ווי דוד המלך האָט בשעתו אויסגעקעמפט אַלע מלחמות פון שלמה המלך, בכדי ער, שלמה, זאָל קענען מיט ריינע הענט אויפשטעלן דעם בית־המקדש: אָבער דאָ עפנט זיך דער קאָנפליקט, וואָס איז אין לעיעלעסעס דראַמאַטישער פּאָעמע אַ סך שאַרפער געזען געוואָרן, ווי דער אָפענער ריס צווישן מלכו און זיין סביבה, צווישן דעם דערלייזער מיט די, וואָס דאַרפן דורך אים דערלייזט ווערן, צווישן שעפער מיט די, וואָס דאַרפן דורך זיין האַנט געשאַפן ווערן. פון ביידע ריסן, פון אויסערלעכן און אינערלעכן, איז דער אינערלעכער, דער ריס מלכו — ראובני, אַ טיפערער, אַ בלוטיקערער, ווייל — אַ באַהאַלטענער. ערשט צום סאַמע סוף, ביים לעצטן נסיון פאַר׳ן קיסר קאַרל, ברייטערט ער זיך אַזוי אויס, אַז ווען ראובני גייט אַוועק אין צפון, גייט גאָר מלכו אין סאַמע דרום...

וואָס האָט געבראַכט צו אַזאַ ריס? די גרונט־פאַרשיידנקייט פון מלכו׳ס און ראובני׳ס אַרט אויפפאַסונגען פון דעם משיח־באַגריף. ראובני האָט דעם יידישן משיח־געדאַנק אויפגעפאַסט ווי אַ פּאָליטישער ציוניסט (נאָך פאַר דר. הערצלען). א סברה, אַז אָט דער פירשט פון כייבאַר איז גאָר געווען אַ געבירטיקער פון פּראַגער געטאָ (אַזוי האָט אים, למשל, ניט אָן רעכט געזען און געפורעמט מאַקס בראָד). ערשט די געטאָ האָט אים געצוואונגען צום געדאַנק מיט וואָס פּראַ וועג לאָזט זיך אַמפּראַקטישסטן פאַרווירקלעכן די באַפרייערישע יציאת־געטאָ. ער איז געווען געגנוג ניכטער־קלוג איינצוזען, אַז ס׳איז דאָ איין רעאַלע קראַפט, מיט וועלכער די פעלקער פון דער ערד קענען זיך רעכענען, דאָס איז — אַנטקעגנשטעלן קראַפט קעגן קראַפט. מיט דעם איז ראובני געקומען צום פויפּסט קלעמענט דעם זיבעטן, צום פּאָרטוגעזישן קעניג יאָאַן דעם דריטן, צום דוכס פון ווענעדיק, צום קיסר קאַרל דעם פינפטן. אַ געדאַנק, אַ רייפער, פלאַנמעסיקער, וועגן יידישע חיילות אין כייבאַר, וועגן באַוואָפענען אַלע יידן פון געטאָ און שיקן זיי קעגן סולטאַן, וועגן אָפּנעמען מיט געוואַלט דאָס צוגערויבטע היימלאַנד, —

האָט אים אונטערגעטראָגן. און פון דעם — די שטענדיקע באַטאָנונג פון ראובני'ן — איך בין אַ קריגסמאַן. מאַן פון טאַט. גרויס און געוואַגט איז ראובני'ס פּלאַן. ס'איז אַן אָפענער שפּיל פון אָדער — אָדער. אָט קומט אים אַנטקעגן שלמה מלכו, דער בעל־חלומות און וואָרזאָגער, ניט פון קיין געטאָס קומט ער, נאָר פון קעניגלעכן הויף, וואו זיין שיינער גוף איז געאיידלט געוואָרן, ניט אין אינקוויזיציע־פייערן, נאָר אין די גלוסטנדיקע בליקן פון די שיינע דאָנאַס, ער קומט מיט'ן גרויסאַרטיקן חלום פון גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט, ניט בלויז פאַר יידן, מיט'ן דערהויבן צו „אַלץ" דעם „גאָרנישט", מיט'ן פאַרניינען לחלוטין דעם גוף אין אים אויפ'ן חשבון פון גייסט, מיט'ן באַרעכטיקן די „ברענער", ווייל „אַן די ברענער — ווי וואָלטן דען געקענט פאַרברענטע זיין", מיט'ן מאַניפעסט:

אָ, גלוסט דעם קערן, נישט דעם לבוש!
ס'איז לאַנד — נישט פלאַך פון ערד,
נאָר דאָרט וואו די נשמות לויכטן...

און — צי קענען זיך צונויפגיסן, דערגאַנצן אָט די ביידע פאַרשיידנאַרטיקע שטרעמונגען פון משיח'ישן געדאַנק? צי קענען אין דעם פאַל טרוים און טאַט הויזן צוזאַמען אָן אַ ויתרוצצו? און ס'וואַקסט אַרויס דער אינערער קאָנפליקט מלכו־ראובני און דערגרייכט זיין אַפּאָגיי בעת זייער אינאיינעמדיקן אָנקלאַפּן אין די טויערן פון קיסר קאַרל'ס אויפמערקזאַמקייט. ווען ראובני קומט מיט זיין קראַפט אָנצולענען זיך אָן דער גרעסערער קראַפט פון קיסר קאַרל, קומט אין דער זעלבער צייט מלכו דעקרעטירן דעם קיסר, ער זאָל פונאַנדערלאָזן זיין אימפּעריע, ווייל דאָס איז דער וועג פון גאָט־מלכות אויף דער ערד, אונטערשוועקנדיק דורכדעם אויך דעם יסוד, וועלכן ראובני פּרואווט אַוועקשטעלן.

וואו איז צו געפינען די סיבה צו שלמה מלכו'ס וועלט־גאולה־געדאַנק, וואָס ער שטעלט אים אַזוי אָפן קעגן ראובני'ס רעאַלן פאָלק־גאולה־געדאַנק? ווי געזאָגט — לעיעלעס האָט אים געפונען אין מלכו'ן גופא. שוין דער עצם טאַט פון ווערן אָפענער ייד ווייזט, אַז מלכו האָט קיין קלאָר־פּאָליטישע השבונות פאַר זיין ווייטערדיקן גאולה־וועג ניט אָנגעוואָרפן. לויט ראובני'ן איז בכלל מלכו'ס אָפענער ייד־ווערן אַ צוגעאײַלטער, ניט־באַרעכנטער און ניט קיין נוצבריננגענדיקער טאַט. אַלס קעניגלעכער סעקרעטאַר פון פּאָרטוגעזישן געריכט, וואָלט ער אפשר

ריין פּאָליטיש מער געקענט העלפן ראובני׳ס געוואַגטן שאַך־צוג ווי מיט זײַנע גליאיקע נביאות איבער׳ן חורבן פון רוים און ליסאַבאָן. מלכו׳ן האָט אָבער ניט סטימולירט קיין לאָגישע פּאַרטראַכטונג. ער איז גיכער געשטויסן געוואָרן פון אַן אינערן בלוט־אימפּעראַטיוו. לויד איז פאַר אים געוואָרן פון אַ גאולה־צייכן — גאולה־זין. ווען ראובני האָט געזען אין לייד די דירעקטע סבה צו זיין משיח־טאָט, האָט מלכו אין לייד אַליין געפונען דעם זין פון דער וועלט. ווען ראובני האָט, ווי אַ פּועל יוצא פון לייד־באַוואוסטזיין געוואָלט דערפירן זיין פאָלק צו שטאַנד פון די פעלקער פון דער ערד, האָט מלכו ווי אַ פּועל יוצא פון לייד־געפיל געוואָלט דערפירן די פעלקער פון דער ערד צום שטאַנד פון זיין פאָלק. מלכו׳ס פאָלק איז שוין געווען אויסגעלייזט, ווייל אויפגעלייזט אין דער שליחות „צו זיין די שטראַלן פון דעם אמת״, ווייל באַפרייט פון ערד־לבוש און דערהויבן צום אַלגעפרייזטן „גאַרנישט״, וואָס איז „גאָר״. דאַקעגן איז נאָך די וועלט, די ניט־יידי־שע, ניט געווען אויסגעלייזט. ראובני׳ס פאָלק, אָבער, איז ניט געווען אויסגעלייזט, ווייל ניט דערפירט צום ממשות׳דיקן ערדישן „גאָר״ פון די וועלט־פעלקער. דעריבער וויל מלכו „מיט אונדזער פיין די וועלט דערלייזן״ און ראובני וויל דאָס פאָלק פון פיין דערלייזן. דאָ האָבן מיר צוויי קלאָר־קעגנגעזעצטע וועלט־השקפות, וואָס מוזן זיך באַקעמפן. און דאָס איז דער טראַגישער קאָנפליקט. שוין אין עצם צונויפטרעף מלכו־ראובני איז געלעגן זייער צושיידונג: ראובני איז געגאַנגען אָנקלאַפּן אויף האַרטע, אכזריות׳דיקע טירן פון גרויסמאַכטיקע ביטערע שונאים, איז געגאַנגען מיט הויך־פּאָליטיק, מיט דיפּלאָמאַטיע. און מלכו איז אַוועק צו זיין לייב־גערעגל (וואָס ווערט דורך לעיעלעסן נאָך בולט׳ער אונטערשטראָכן מיט׳ן אַריינפירן דעם דבורה׳לע־עפּיזאָד), צום קבלה־נעסט אין צפת, בכדי זיך אָנצוגליען מיט קבלה׳שער וויזיע פאַר זיינע משיח׳ישע וואָרזאָגונגען, צום רוימישן פּעבל, צום ברייטן יידישן המון, צו דער פאַרהערלעכונג פון שייטער. און אַז ביידנס וועגן האָבן זיך געשלאָסן — ביים סאַמע לעצטן קיסר קאַרל־פּרואוו — האָבן זיי זיך ערשט פונאַנדערגעריסן און — אָפּגעשלאָסן דעם מלכו — ראובני קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע. אין אונדזער געמיט בלייבט אָבער לאַנג קלינגען די לויטערע, ווי הייליקע פלאַמען, שורות פון שלמה מלכו:

> ווער עס האָט איין לעבן בלויז,
> זאָל דאָס לעבן אָפּגעבן מיט שמחה...

צי איז די מלכו־געשטאַלט היסטאָריש אויסגעהאַלטן, לויט אַלע געשיכטלעכע כראָניק־פעסטזעצונגען, דאָס איז אין דעם פאַל, ווי אין פאַל פון יעדן קינסטלעריש־געפורעמטן היסטאָרישן העלד ניט וויכטיק. די געוויסע טענה, אַז לעיעלעסעס מלכו איז מער לעיעלעס ווי מלכו, רעדט נאָר צו לעיעלעסעס גונסטן. דאָ לאָזט זיך ציטירן דעם מייסטער און אַפּאָלאָגעט פון היסטאָרישן ראָמאַן ליאָן פויכטוואַנגער, אַז „לעגיטימאַציע פון אַ היסטאָרישן ראָמאַן איז נישט די פּינקטלעכקייט פון זיין מאַטעריאַל, נאָר אויסשליסלעך די דיכטערישע פּערזענלעכקייט פון זיין אויטאָר". דאָס וויכטיקסטע איז, אַז אָט דעם געוואונטשענעם גלויבן אין קינסטלערישער רעאַליטעט פון לעיעלעסעס געשיכטלעכער פיגור, פאַרפלאַנצן אין אונדז הן די אויפריכטיקייט, מיט וועלכער יעדע שורה פון ווערק אָטעמט, הן די צמצומדיקייט און געפרעסטקייט פון זאַץ און בילד, הן דער ספּעציפישער אַראָמאַט פון יענער אויסטערלישער עפּאָכע, וואָס שפּיגלט זיך אינ'ם ווערק, און הן די אוניווערסאַלע אויסשטראַלונג, וואָס די דראַמאַטישע פּאָעמע גיט פון זיך אַרויס. לעיעלעס האָט די אידייען פון מלכו און ראובני געשטאַלטיקט ניט בלויז ווי צוויי גרונט־שטרעמונגען אין יהדות, נאָר אויך אין דער אַלמענטשלעכער געשיכטע. מיט'ן אויפהילן די אוניווערסאַלע גאולה־אידייען, וואָס טליען אין יידיש־משיח'ישן געדאַנק, האָט לעיעלעס זיך אידענטיפיצירט מיט'ן גרונט־שטריך פון יידיש־געשיכטלעכן מאָטיוו, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין די ווערק פון אַש, אָפּאַטאָשו, לייוויק, ליעסין, אין אַלע די שאַפונגען אויף געשיכטלעכע מאָטיוון, וואָס מאַניפעסטירן דעם וועלטלעכן כאַראַקטער פון דער נאַציאָנאַלער יידישער וואָרטשאַפונג.

ח

דער קאָנפליקט פון גאולה־וויזיע און גאולה־פאַרווירקלעכונג קומט נאָך בולט'ער צום פאָרשיין אין דער דראַמע „אשר לעמלען". אויך אין אָט דער שאַפונג האָבן מיר אַ פאַראַלעלן אידייען־קאַמף צו „שלמה מלכו". נאָר ווען שלמה מלכו קומט אויס זיך צונויפצושטויסן מיט ראובנין, קומט אשר לעמלען, אַ צווייטן מיסטישן משיח פון זעכצעגטן יאָרהונדערט, אויס צו קעמפן מיט זיך זעלבסט. און נאָך מער — מיט סביבה, מיט דער סביבה, וואָס איז אָנגעגליט געוואָרן פון זיין, לעמלענס, אייגענעם משיח'ישן פייער. דאָס געוואַגטסטע אין דאָזיקן ווערק איז, זיכער, לעיעלעסעס אַראָפּרייסן אַלע מיסטישע שלייערן, מיט וועל־

כע די משיח׳ישע פיגור פון אשר לעמלען איז איינגעהילט. (וואָס פאַראַ מרחק צווישן לעיעלעסעס זען אשר לעמלען און מאַקס בראָד׳ס). אשר לעמלען אין לעיעלעסעס ליכט איז אַן אויסגעשפּראָכן סאָציאַלע פיגור. מיר שפּירן אפילו ניט אַרום אים די יידיש־מיטלאַלטערלעכע ספּערע, פול שאָטנס, בלוט, חצות־ליכט און מיסטישע גאולה־רופן. דער טליתים־וועבער אשר לעמלען איז אַ פּשוטער ייד מדלת העם, און ער פאַרשטייט משיח׳ס אויפקום פּשוט אָבער עכט: ווי אַ באַפרייאונג פון אונטער־יאָכטע. און ווען עס קומען צו אים דיטריך הובער און אַלע איבעריקע ניט־יידן, אויך אַנגעגליטע פון אַ געוויסן האַנס פייפערליינ׳ס נבואה, מיט׳ן ווילן צו פאַראייניקןביידנס זעאונגען אין איין גאולה־מאַרש, גיט אשר לעמלען אויף דעם זיין ברכה. שוין מט׳ן אָפענעם צונויפ־שנירן צוויי דערלייזונגס־מאָמענטן פון צוויי נאַציעס, אין אַט דעם פאַקט אַליין מאַניפעסטירט פאַר אונדז לעיעלעס דעם אוניווערסאַלן כאַראַקטער פון לעמלענס משיח׳ישן אויפקום. די טראַגעדיע פון לעמ־לען איז אָבער, פונקט ווי די טראַגעדיע פון האַנס פייפערליין, דעם גוי׳אישן משיח׳אישן נביא, וואָס די משיח׳ישע באַוועגונג, דורך אים אַליין אַרויסגערופן, וואַקסט אים, לסוף, אַריבער, אַזוי ווי פייער, וואָס ווערט געבוירן פון אַ קליין שוועבעלע־פלאַם פאַרלענדט לסוף די שווע־בעלע אַליין. אשר לעמלען קומט מיט גאָטס וואָרט און בלייבט וואָרטן אויף גאָטס אַ צייכן, אין דער צייט, ווען די מאַסן האָבן שוין גענומען סטיכיש פאַרווירקלעכן די גאולה אין לעבן אַריין, פאַרווירקלעכן אויף אַזאַ אופן ווי אַלע גאולות, דורכ׳ן פאָלק אַרויסגעהויבענע, ווערן פאַר־ווירקלעכט: מיט פלאַם און בלוט. דאָ האָבן מיר אַ בולט׳ן אָנדייט אויף אונדזער צייט, אַ רמז ווי אַזוי געשיכטלעכע פּראָצעסן חזר׳ן זיך איבער אונטער די סאַמע פאַרשיידנסטע פאָרמען. דאָ האָבן מיר אויך די אַלט־נייע טראַגעדיע פון יעדן משיח׳שן פירער, וואָס די מאַסן כאַפּן אויף זיינע לאָזונגען, טייטשן זיי אויס לויט זייער שטייגער און קערן זיך אָוועק פון אים זעלבסט. פאַר יעדן גאולה־ברענגער איז תמיד גרייט זיין באַרג נבו, די אַרענע פון זיין איינזאַמקייט, אויף וועלכער ער בלייבט געבונדן צו עפּעס אַ געטלעכן פאַרזאָג ניט אַריינצוגיין אין לאַנד, וואָס ער אַליין האָט אויסגע׳חלומ׳ט, נאָר זען זי פון וויי־טער דיסטאַנץ.

„וואָס הייסט, אייגנטלעך, וואונדער? איז דאָס אויפשטיין פון געמיינעם פאָלק אַנטקעגן די האַרן ניט קיין וואונדער, ניט קיין נס פון משיח׳ס צייטן?" — אין די רייד פון ירוחם דעם טישלער, וואָס

איז אַליין אויפגעוועקט געוואָרן צו באַוואוסטזיניק, בונטאַריש לעבן, דורך אשר לעמלען'ס משיח־רוף, קלינגט פאַקטיש די פאַרלייקענונג פון אָשר לעמלען, וואָס האָט זיך אָפּגערופן, ווי שמואל אין עלי'ס טעמפל, אויף אַן אינערלעכן גאָט־רוף און איז שוין צו אים געבליבן אַ צוגעבונדענער, אַ וואַרטנדיקער אויף ווייטערע צייכנס. די ירוחמס האָבן אָבער אויפגעכאַפּט דעם פאָדים פון אשר לעמלען'ס האַנט און אים ווייטער גענומען ציען שוין אויף זייער, לחלוטין ניט אָפּוואַרטנ־דיקן, שטייגער, אַזש ביז מאָמענטן, ווען זיי גליען זיך אָן מיט'ן „באַ־פרייאונגס־ריטואַל" פון רייסן די געלע לאַטעס פון זיך, פון אָפּענעם איבערגיין צו די רייען פון די קעמפנדיקע פויערים־מאַסן, די יעניקע, וואָס האָבן אויך פונקט ווי די ירוחמס, אויפגעכאַפּט דעם פאַסטעך האַנס פייפערליינ'ס גאָטס־צייכן, אָבער די פירונג פון זייער באַפריי־אונגס־קאַמף איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פראָסטער, נאָך נקמה־דורשטיקע באַרבאַראַ. אשר לעמלען שטויסט זיך דאָ צונויף מיט'ן גע־באָט־כח, וואָס שטעקט אין אַלע מאַסן־אויפשטאַנדן. דאָס איז דער כח פון די „באַרבאַראַ"ס אין אַ סטיכיש־באַרבאַרישער פאָרם... און אָט דער צונויפשטויס בילדעט דעם טיפן ריס פון ספק אין לעמלען'ס געמיט. צי קען דען געמאָלט זיין „יושר — דורך רציחה, גוטסקייט — דורך נקמה, גאולה — דורך בלוט?" — דאָס איז די פראַגע, וואָס לעמלען שטעלט זיך אַליין, ציענדיק דעם פאָדים פון געדאַנק אַלץ ווייטער: „און אפשר איז דאָס דיין ווילן? אפשר ווילסטו, אַז ליכט זאָל קר־מען דורך חושך, גערעכטיקייט מיט גוואַלט, דער יום־טוב פון דער וועלט אין געוויין און קללות געהילט? און איך — זאָל איך זיי פירן דורכ'ן בלוטיקן ים?"... אין מורא'דיקער פאַרביטערטקייט איז לעמ־לען אפילו גרייט אויף אַ געפערלעכן שריט: „דאָס קען איך נישט! און אויב דאָס איז דיין רצון, וויל איך אים נישט! וועל איך זיך אָפּ־קערן פון אים, וועל איך אַנטלויפן פון דיר!" נאָר דאָ טרייסט ער זיך ווידער און פרואווט זיך איינריידן, אַז „ניין, דאָס איז נישט דיין רצון, דאָס איז נישט דיין וועג" און מיט אַ פנים, באַשטראַלט פון רויטן זונ־אויפגאַנג ווענדט זיך אשר לעמלען צו גאָט: „גאָט, גאָט, פאַרלאָז מיך נישט. האָסט זיך באַוויזן צו משה'ן אין דער מדבר, גערעדט צו אים פון אַ דאָרן־בוש. רייד איצט צו מיר פון די גראָזן, לאָמיך הערן דיין וואָרט פון צווישן די וואָלקנס, לאָמיך זען דיין האַנט פון דאָרט, וואו די זון דאַרף אַרויסגיין..." און אַזוי בלייבט אשר לעמלען אין זיין צווייפל און וואַרטעניש ביז וואַנען דער פאָלקס־אויסברוך גייט איבער

אים אַריבער, אכזריותדיק און געבאָטפּול; ביז וואַנען דאָס געוויין פון זיין בלינד־איבערגעבנסטן מאמין יצחק קצב דעקט אים איין אין גלי־ווער; ביז וואַנען זלמן־נאַר, די ספּעקטאַקל־אַרטיקסטע פיגור אין אשר לעמלענ׳ס קרייז, וועמענס באַרוף איז „איינצוהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון דער וועלט" (און דאָס גלייכגעוויכט פון לעיעלעסעס „אשר לעמ־לען"־שאַפונג) — פאַרענדיקט די גאולה־דראַמע מיט זיין טרויעריק־שפּאַסיקע גראַמען אויף עברי־טייטש.

אין לעיעלעסעס געשיכטלעכן אומגאַנג צו דער היינטצייטיקער ווירקלעכקייט אויף אַלע אירע טראַגישסטע פּראָבלעמען, ליגט ניט נאָר אַ סך קולטור־באַוואוסטזיין. עס ליגט אויך אַ סך קינסטלעריש קענען. דער בעסטער עדות: די קלאָרקייט און געלייטערטע פּשטות, אין וועל־כע זיין „אשר לעמלען" איז אויסגעגאָסן. דער געשיכטלעכער אומגאַנג העלפט דאָ נאָר אַרויס סיי דעם דיכטער און סיי דעם לייענער זיך צו אָריענטירן אין אונדזער קאַליידאָסקאָפּישן לעבנס־גאַנג. פון געשיכט־לעכן באַרג־הייך זעען זיך דייטלעכער די לעבנס־קאָנטורן אין טאָל פון אונדזער היינטצייט. און וואָס נעענטער, און וואָס גרינטלעכער אָט די לעבנס־קאָנטורן צו דערקענען און געשטאַלטן — דאָס איז דאָך דער סאַמע קערן פון לעיעלעסן, דעם ליד־ און דראַמע־פּורעמער, דער סאַמע בולט׳סטער צייכן פון לעיעלעסן דעם היינטצייטיקן דיכטער, ווען ער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין סך־הכל־ליכט פון צוואַנציק יאָר שאַפן.

קאָוונע, 1938.

מלך ראַוויטש

י. אָפּאַטאָשו

ה. לייוויק

נ. מייזיל

לעאָ קעניג

אהרן צייטלין

מלך ראַוויטש

פּראָסטע ווערטער מיט גאָט אין ניו־יאָרק
וועגן לעבן, טויט און יידישקייט

דערלאַנג אַ האַנט, מיינע איז אויסגעשטרעקט,
איך טו עס אָפן, איך מאַך נישט קיין סוד,
לאָמיר זיך איבערבעטן, אַלטער יידישער גאָט —
אייביקער גאָט — מיין גאָט.

איך האָב געבלאָנדזשעט — פון דיר און צו דיר,
און אָט איצט ערשט באַנומען דיין יסוד,
איז לאָמיר זיך איבערבעטן, דערלאַנג אַ האַנט —
אַלטער, אייביק יונגער גאָט.

נאָר בויג מיך נישט איין — איך וועל מיך נישט לאָזן,
מאַך נישט קיין חיה פון מיר, וואָס קריכט אויף אַלע פיר.
אָט אַזוי קום איך, פּראָסט און אויסגעגלייכט,
און אַזוי וויל איך בלייבן ביי דיר — און דו ביי מיר.

און אַזוי ווי איך קום נישט אויף אַלע פיר,
נאָר פּראָסט און גלייך און אויפן יסוד
פון איינפאַרשטיין פון אַ מענטש און זיין גאָט,
ווייל אַ וואָרט פון אַ מענטש קען אויך זיין געבאָט,

איז פאַרבעט איך דיך צו מיר, אין מיין פּראָסטער שטוב,
אָט איז מיין שטול — און איך וועל זיצן אויפן ראַנד פון בעט.
צייט צו פאַרשטיין זיך — דו ביסט אוראַלט, איך אויך נישט מער יונג,
און צייט שוין צו טאָן אַן ערנסטן רעד.

עס איז אמת, אַז איך האָב מיך געוואָרפן קעגן דיר,
געשריגן, געשפּיגן — נאָר נישט ווי אַ לץ,
געץ דיך גערופן — און געטראָגן ווי אַ באַרג
אויף זיך די משא פון דיין געזעץ.

איך קום ווי אַ מאַן מיט מיין ווילן צוריק, נעם־זשע מיך נישט אַריין
אין המון פון די ווידערגעפונענע זין,
די זאַך איז גאַנץ פּשוט, איך קום צו דיר און בעט דיך צו מיר,
ווייל איך האָב איצטער באַנומען דיין זין.

דעם זין פון דער וועלט און דעם שכל פון מענטש,
און דעם שכל פון ייד, וואָס לייטערונג
ברענגט ער אויף דער וועלט מיט דעם, וואָס ער איז
ווי אַ וואַנדער־שטערן אין הימל — אַ וואַנדער־פונק

אויף דער זינדיקער ערד.
אָט צינדט ער זיך אָן מיט שטורעם און שרעק
און ער לייטערט זי אויס
און פליט ווייטער אַוועק.

דיין זין איז באַנייאונג, און אייביק ביסטו נישט דערפאַר, ווייל דו ביסט
אייביק אַלט, — נאָר ווייל דו ביסט אייביק יונג.
דו ביסט דאָך נישט אייביק דערפאַר, וואָס ביסט אַש,
נאָר דערפאַר, וואָס דו ביסט אין אַש דער פונק.

* * *

און צייט איז שוין, ס'איז הויכע צייט,
איבערצושרייבן דיין אַלט געזעץ,
דו ביסט דאָך דער פלאַם, וואָס געצן פאַרברענט
און נישט קיין האָלצערנער געץ.

דיין פנים בייט זיך, ווי דאָס הייליקע פנים פון אַ מענטש,
האָסט פאַרבאָטן עס דערפאַר צו קריצן אין שטיין,
און אַזוי ווי עס בייט זיך אייביק דיין פנים,
דאַרף אַזוי דיין וואָרט אויך זיין.

איז נישט גאַנג דיין זין ? פאָראויס און פאָראויס —
און אייביקע פאַרענדערונג ? —

— — —

איז מיר אָנגעקומען שווער פון די רעבעלעכס אַש
אַרויסצושאַרן דיין אמתן פונק.

איך בין נישט קיין מסור — אָסור, מיין גאָט,
נאָר די רעבעלעך האָבן, ווי אַ פליג אַ שפין,
ווי אַ שפין מיט שפינוועבס דיך אַרומגעשפונען
און אַרויסגעזויגן דיין ליכטיק בלוט, דיין אמתן זין.

נאָר איך האָב אים דאָך מיט ציטערנדיקע הענט
פון שטויב און פון אַש אַרויסגעשאַרט,
און אַז איך האָב אים דערפילט, האָט אַזאַ מין פרייד
פון מיין האַרץ אַרויסגעשפּאַרט,

אַז איך האָב אַ געשריי געטאָן: איבערגעבעטן —
און פון איצט און ווייטער צוזאַמען גיין.
איך האָב געליטן און איך האָב דיך פאַרשטאַנען,
וויל־זשע אויך דו מיך פאַרשטיין.

איך האָב מיך פאַרבענקט נאָך דיר, ווי דער ים אין ווינט,
האָט זיך מיין האַרץ מיט בענקשאַפט צעוויגט,
געגנוג דער נאַרישער ברוגז,
און זיין צעקריגט.

נישט אין טלית און תפילין קום איך צוריק,
אין אינהאַלט קום איך און נישט אין פאָרם,
איך קום ווי א מענטש — נעם מיך אויף ווי אַ מענטש
און ניט ווי אַ וואָרם.

איך טראָג דיר נישט מיינע פּלייצעס אונטער
צום שמייסן מיט דיין רוט,
מיין פּנים ברענג איך דיר, און אויך איך בין ווער — און אויך איך
האָב געזען — כי טוב, אַז דו ביסט גוט.

אָן של יד די האַנט, אָן של ראש דער קאָפּ,
אָן ציצית און וואָכעדיק איז מיין קלייד,
דערלאַנג מיר דיין האַנט, די געטלעכע יד
איצט, היינט און אין אייביקייט.

* * *

און ווייל דו ביסט אַ האַר איבער לעבן און טויט,
און ווייל איך האָב מיך ווידער צו דיר פאַרטרויט,
איז לאָמיר שוין איבעררײדן, אַז מיר ריידן שוין,
חוץ וועגן לעבן — אויך וועגן טויט.

אודאי איז מיין ליבע צום לעבן, ווי עס איז
אַן ערשטע ליבע פון אַ יונג צו אַ מויד,
נאָר איך ווייס דאָך, אַז ווי ליבע ענדיקט זיך מיט לעבן,
אַזוי ענדיקט זיך לעבן מיט דעם טויט.

און דאָס לעבן איז פאַרט אין מיינע הענט,
און וועגן טויט מאַכסטו אַלץ נאָך אַ סוד,
ווייל אַז נישט — וואָס וואָלט געווען דער חילוק
צווישן מענטש און גאָט — —

איז וויל איך דיך בעטן, כאָטש איך שטיי נאָך אין מיין לעבן,
ווי אַ שניטער פאַר שניט אין זיין פעלד פון קאָרן,
יאָ, — וויל איך דיך בעטן, ווייל עס מאַכט זיך שוין אָפּט,
אַז איך דערפיל אין האַרץ דעם דאָרן,

בעטן דיך — גאָט — אַ נישט־בלוטיקן טויט,
ווייל נישט־בלוטיק איז געווען מיין זיין,
וויל איך דעריבער נישט־בלוטיק אין
דער אייביקייט אַריין.

איך וויל שטאַרבן אויף אַ בעט, אויסגיין ווי אַ ליכט,
אין שטילן, אין לעצטן, הייליקן פלאַם,
פאַראייניקן זיך מיט דעם אייביקן לעבן,
ווי אַ פונק מיט פלאַם, ווי אַ טראָפּ מיט ים.

מענטשלעך איז מיין לעבן געווען אויף דער ערד,
זאָל אויך מענטשלעך זיין מיין לעצטע שעה,
איך וויל נישט שטאַרבן ווי די אָקסן שטאַרבן,
מיט פאַרבלוטיקטע פיסקעס אין די שחיטה־הייזער פון טשיקאַגאָ.

און דער גוף, וואָס אַזוי פיל וואונדערלעכע פרויען,
האָבן געגילדט מיט דעם זיס־גאָלד פון זייערע קיש,
זאָל ער זיך וואַלגערן ערגעץ אין גאַס,
אין בלוט — און מיסט־געמיש ?

פאַרשרייב מיר אַ טויט, ווי מיין לעבן איז געווען,
אומבלוטיק און נישט מיט קיין מעסער אין ריפּ,
דיין דינער משה׳ן האָסט אַליין דו געקושט,

נאָר דײַן דינער מלך וויל בעסער שטאַרבן
מיט אַ קוש פֿון זײַן געליבטערס ליפּ —

דו ביסט דאָך נישט אײפֿערזיכטיק, מײַן גאָט,
וואָס פּונקט ווי דיך, האָב איך ליב די פֿרוי.
מיר פֿאַרשטייען זיך איצט אייביק און גוט,
האָסט נישט דו אַליין מיך באַשאַפֿן אַזוי?

טויט איז דאָך דעם לעבנס לעצטע ברכה —
איז בענטש מיך מיט אים און נישט שעלט,
און שיק מיר אים אומבלוטיק און שטיל ווי אַ ברכה —
די לעצטע רגע פֿון מײַן וועלט.

איך וויל נישט אינמיטן גאָס ווי אַ חיה,
באַקומען אײַנגערוימט דײַן לעצטן סוד —
איך האָב דיך דאָך ליב — איז ווי אַ סוד פֿון ליבע,
אין דער שטיל וויל איך דערהערן דעם טויטן־סוד — גאָט.

איך בין נישט זינדיק, איך גיב דיר מײַן מענטשלעך וואָרט,
פֿון דער טיפֿסטער טיפֿעניש,
דו וועסט מיר דאָך נישט פֿאַררעכענען פֿאַר זינד
אַ ליבע צו אַן אשת איש.

ווײַל אויב ליבע איז הייליק איז אָט אַזאַ ליבע
צוויי מאָל הייליק — ווײַל צוויי מאָל איז זי פֿרייד און לייד.
איך בין נישט זינדיק און בין דעריבער
צו קיין שום חרטה נישט גרייט.

* * *

בעט דיך איבער, גאָט, מײַן גאָט,
ס׳איז נישט פֿאַר דײַן עלטער און אויך נישט פֿאַר מײַן
עלטער פּאַסיק, אַז דו זאָלסט מיט דײַנעם אַ זון,
וואָס רופֿט דיך צוריק — ברוגז זײַן.

איך בין אַוועק פֿון דיר אין מײַן וועלט — איבער דײַן וועלט.
איצט קום איך צוריק — אין מײַן אייגענער וועלט טיף אַרײַנגעזונקען.
און אין דײַנער — גאָט; חוץ אויף דער לבנה און אויף די שטערן
אומעטום געווען.

אודאי ווערט אַ שאָד זיין איבערלאָזן די וועלט,
נאָר איך קום דיך נישט נודיען פאַר קיין לענגערע יאָר.
וויפיל גיסט, איז גוט. נאָר איבערבעטן וויל איך מיך
אויף אַן אמת, עס איז נישט קיין שאָטן פון קיין האָר

קיין שאַכער־מאַכער דערביי, מיין גאָט,
מיר איז איינזאַם אַן דיר אויף דעם שיינעם טאָרג,
וואָס רופט זיך לעבן — און איינזאַמער נאָך צווישן צוויי מיליאָנען
יידישע שטיף־ברידער אין ניו יאָרק.

* * *

איז אָפּגערעדט אַלץ — וואָס־זשע שטייסטו נאָך
אָט אַזוי אויף דער שוועל — נישט אַהער, נישט אַהין?
קום אַריין, ווי אַ גוטער טאַטע קומט
צו איינעם פון זיינע זין.

קום אַריין און זעץ דיך אויף מיין שטול,
און איך וויל מיך זעצן צו די פיס דיר אַראָפּ,
און אויב דו האָסט מיך ווידער ליב און דו ווילסט מיך פאַרשטיין,
לייג אַרויף דיין האַנט אויף מיין קאָפּ.

קומסט טאַקע אַריין? נו, קום — נו, קום —
ביסטו דאָך מסכים אויך אויף מיין יסוד?
איז וויל איך דיר מיט התפעלות זאָגן,
אַז נישט נאָר דער יידישער גאָט — נאָר דו ביסט טאַקע דער
וועלטן־גאָט.

ווי גליקלעך בין איך דיך צו האָבן אין מיין שטוב,
און ווידער אין מיין האַרץ — אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט,
און אויב דו ביסט שוין דאָ — וויל אַראָפּריידן איך
פון האַרצן די לעצטע לאַסט.

* * *

אָט ווען איך וואָלט אַ נביא אין דיין פאָלק,
אָדער וואָלט כאָטש אַ תלמיד חכם זיין,
וואָלט איך ווי משה אויף דעם באַרג אַמאָל,
געקומען צו דיר אין הימל אַריין,

און וואָלט דיר צוריקגעבראַכט דיינע לוחות,
מיט אַ האַמער און מיט אַ דלאָט,
און וואָלט דיר געזאָגט, אַז זיי זענען שוין אַלט
און מען דאַרף זיי איבערקריצן — דיינע געבאָט.

איבערהאַקן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין,
מיין גרויסער, קלוגער גאַסט,
פאַר נייע פיר טויזנט יאָר — און אפשר
אויף אייביק שוין צוגעפּאַסט.

* * *

אָט דאָס איז אַלץ, מיין גוטער גאָט,
און איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך אויסגעהערט,
האָר פון מיין לעבן און פון מיין טויט,
און פון דיין פאָלק און פון אַלע פעלקער פון דער ערד.

איז איבערגעבעטן ? אודאי, גאָט,
מיט ווערטער פשוט און פּראָסט.
איך בין טאַקע אַוועק פון דיר — כ׳בין אַ מענטש,
אָבער דו ביסט דאָך מיין גאָט

און האָסט מיך נישט פאַרלאָזט.

י. אָפּאַטאָשו

יום-הדין

„— — — לויט דער בקשה פון דעם ליטעראַטן־און־זשורנאַליסטן פאַראיין, האָט דער וואַרשעווער שטאָט־ראַט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ גראַניט־שטיין פאַר ה. ד. נאָמבערגס מצבה.

דער גראַניט־מאַסיוו איז פון דעם צענומענעם פּראַוואָסלאַוונעם סאָבאָר, וואָס איז געשטאַנען אויפן אַמאָליקן זאַקסישן פּלאַץ".

(פון אַ נאָטיץ אין דער וואַרשעווער פּרעסע, 1928).

ר' שמחה פּיזשיץ איז נאָר וואָס געהאַט קריקגעקומען פון דאַ־ווענען. ער האָט אויסגעטאָן די געהאַקטע קאַפּאָטע, אויסגעטאָן דעם צילינדער און אין אַ שוואַרצן סאַמעטענעם שלאָפראָק, לויז פאַר־גאַרטלט, אין אַ קליין קאַפּעלע אויפן גרויליכן קאָפּ האָר, איז ער אַרויס אויפן באַלקאָן, וואו רויטע געראַניום בלומען זענען געוואַקסן אין גרין געפאַרבטע קעסטלעך.

ס'איז געווען אַכט אינדערפרי. און כאָטש די זון, אַ יונגע, האָט זיך נאָך אַלץ געריסן פון מזרח, איז דער פרימאָרגן, אַ רייפער, שוין געהאָנגען איבער הייזער, איבער גאַסן, האָט געעטעמט מיטן זאַפטיקן ריח פון האָניק־באַרנעס.

פונעם באַלקאָן, וואָס אויפן זעקסטן שטאָק, האָט פּיזשיץ געזען האַלב וואַרשע. פאַר די אויגן האָט זיך געצויגן דער פשעיאַזד, וואָס איז געווען ברייט אין דער מיט און שמאָל פון ביידע עקן.

די ברייט פון פשעיאַזד איז געווען געפּאַקט מיט דראָזשקעס, מיט אָנגעלאָדנטע לאַסט־וועגענער, מיט טרעגער איינגעשפּאַנט אין שטופּ־וועגעלעך, מיט דורכגייער אין די הונדערטער.

אַלץ — דער גאַנצער געדרענג — האָט זיך געריסן צו די שמאָלע דורכגענג, וואָס האָבן געפירט פון איין זייט אויף נאָוואָליפּקי, פון ד'ער צווייטער — אויף לעשנע.

די שמאָלע טראָטואַרן זענען נישט געווען דורכצוגיין. פון גאַסן,

געסלעך און הינטערגעסלעך האָבן זיך געשאָטן מענטשן — אַ שטראָם אַרויף, אַ שטראָם אַראָפּ — פאַרפלייצט דעם פשעיאַזד.

וואו אַ קער — מאַנצבילן, ווייבער, קינדער. מען איז געשטאַנען איבער קוישן פריש־געבעקס. קוילישן מיט לייטערס, קוילישן מיט צוגעברוינטע פייגל. מען איז געשטאַנען איבער קעסטלעך יום־כּפּור ליכט — סטרינענע, וואַקסענע. די וואַקסענע ליכט האָבן ליכטציטער געצויגן אַרום דעם באַנוול, וואָס מען האָט דערמיט געמאָסטן ס'אַלטע פּראַגער בית־עולם. עולם האָט זיך געקליבן אַרום שטופּ־וועגעלעך מיט טרויבן, מיט עפּל, מיט באַרנעס, מיט פלוימען. יידן, מיט טלית־און־תּפילין זעק אונטער די אָרעמס, האָבן זיך געאיילט פון דאַווענען. יידן, מיט נאָסע בערד, און פּאות, האָבן זיך געאיילט פון מקווה. דינסט־מיידלעך מיט געשחטענע כּפּרות האָבן זיך געאיילט אַהיים.

און כאָטש ס'געדרענג אויפן פשעיאַזד איז היינט גרעסער געווען ווי אַלעמאָל, איז אָבער דער טומל געווען קלענער. די פּאַרקויפערס האָבן כּמעט ווי נישט אויסגערופן זייער סחורה. די קויפערס — האָבן זיך נישט געשטופּט. נישט דרייסטע זענען זיי אונטערגעקומען. מען האָט זיך געדונגען מיט אַ האַלב מויל. אַ גראָשן אַרויף, אַ גראָשן אַראָפּ — מען האָט באַצאָלט און מען איז ווייטער געגאַנגען. וואו אַ טראָט — אַ נעבעכדיק פּנים און אַן אויסגעשטרעקטע האַנט. כּמעט קיינער איז נישט פאַרבייגעגאַנגען. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער אויסגעשטרעקטער האַנט. מען האָט אַריינגעלייגט אַ נדבה, און דער טראָט איז געוואָרן לייכטער, זיכערער.

ס'איז געווען ערב יום־כּפּור תּרע"ג.

ר' שמחה פּיזשיץ איז געווען אויפגעלייגט, וואָס יידן גרייטן זיך אַזוי צום יום־הדין. ער איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט נישט בלויז געווען דער ווירט פון זיין אייגענער מויער, נאָר דער בעל־הבית פון גאַנץ וואַרשע. זיין גלייכער וואוקס און די ברייטע פּלייצעס האָבן אים געמאַכט אויסזען העכער. די בלאָנדע קיילעכדיקע באָרד, אַן אויסגעקעמטע, האָט זיך געשפּרייט איבער דער וועסט, ווי אַ פּעכער. און אין די אויגן, נישט קיין גרויסע, בלויע אויגן, איז געלעגן חכמה, יידישע חכמה.

ר' שמחה פּיזשיץ איז געווען דאָזאָר אין וואַרשע. אי חסידים, אי מתנגדים זענען געווען צופרידן מיט אים. פּיזשיצעס עלטער־זיידע, אַ רייכער וואַלד־סוחר, איז געווען אַ פאַרברענטער קאָצקער חסיד. פּי־זשיצעס זיידע און טאַטע — פון די אָנגעזעעסטע חסידים אין גער.

ער אַליין, ר׳ שמחה פּיזשיץ, וואָס איז שוין יאָרן צו קיין רבי נישט געפאָרן, איז אין תוך פאַרבליבן אַ שטיק חסיד, פון די חסידים, וואָס לערנען מורה־נבוכים, וואָס האָבן ליב אַ שווער שטיקל אבן־עזרא און רעדן נאָך אַלץ וועגן ר׳ מענדעלע קאָצקער מיט אַ ציטער.

ביי פּיזשיצעס זיידע, צי ביים פאָטער, זענען די וואַלד־שרייבער געווען רביים׳שע לייב־חסידים. ביי פּיזשיצן זענען די וואַלד־שרייבער געווען פרומע משכילים. נישט איין אָרעמער משכיל, וואָס האָט פּי־זשיצן מסביר געווען אַ שווער שטיקל אבן־עזרא, אים געהאָלפן טרעפן אבן־עזראַס אַ חידה, איז ביי אים געוואָרן אַ וואַלד־שרייבער.

ר׳ שמחה פּיזשיצעס קינדער זענען שוין קיין חסידים נישט גע־ווען. ער האָט געהאַט דריי זין. פון די עלטערע צוויי האָט ער, אויבן־אויף, געהאַט גרויס נחת.ביידע — אָנגעזעענע דאָקטוירים אין וואַר־שעווער יידישן שפּיטאָל. ביידע האָבן געהאַט ווייבער, געהאַט קינ־דער. ביידע זענען אָבער געווען ווייט פון יידן, ווייט פון יידישקייט. אָט דעם נחת האָט פּיזשיץ פונעם יונגסטן זון, פונעם דריי און צוואַנציק יאָריקן דוד, שוין נישט געהאַט. דוד איז געווען אַ שטיק סאָציאַליסט, אַ שטיק יידישיסט. אויפן פאָטערס חשבון האָט ער זיך יאָרן אָפּגע־וואַלגערט אין רוים, אין פּאַריז. דערנאָך איז ער אַ שטיק צייט אינ־גאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן. ער איז אַהיימגעקומען אַ סקולפּטאָר. דוד האָט זיך פאַרקליבן צום פאָטער אין הויז אַריין אויפן העכסטן שטאָק. דאָרט איז ער שוין ס׳צווייטע יאָר געזעסן און געקלעפּט מענטשן, זיי אויסגעהאַקט אין מירמל־שטיין.

פון די דריי זין האָט בלויז דער יונגסטער, דער סקולפּטאָר, זיך געקענט צונויפריידן מיטן פאָטער, ליב געהאַט אַריינצוקוקן אינעם פאָטערס ספרים. פּיזשיץ האָט אים דערפאַר ליב געהאַט, אפשר ליבער געהאַט פון די עלטערע צוויי. ער האָט עס אָבער קיינמאָל נישט אַרויס־געוויזן. ער האָט שטענדיק געהאַט טענות, אַז דער יונגסטער וועט זיך קיינמאָל צו קיין תכלית נישט דערשלאָגן, וועט שטענדיק זיצן ביים פאָטער אויפן קאַרק.

איצט אָבער, ווען פּיזשיץ איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן און האָט געזען, ווי דער עולם אויף דער גאַס שאָקלט פון זיך דאָס טאָג־טעגלעכ־קייט, האָט זיך אין פּיזשיצן אויף אַ וועק געטאָן דער יום־כפור ציטער, וואָס איז געזעסן אין אים נאָך פון די קינדער־יאָרן. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע עלטערע צוויי זין זענען שוין פאַראַיאָרן צו כל־נדרי אויך נישט געווען אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע. דערפאַר איז דעם

יונגסטן, דודן, ענג געוואָרן דעם פּאָטערס גערער שטיבל און ער האָט יום־כּפּור געדאַוונט ביי די בראַצלאַווער חסידים, די יגיעי־־כּפּיםניקעס. ער האָט געזען אינעם זון אַ שטיק טאַטע. איז דאָך בחורווייז פּיזשיצן אויך ענג געוואָרן ס'גערער שטיבל. ער האָט געבענקט נאָך מענדע־לעס אַ וואָרט, נאָך ר' איטשע־מאירס אַ וואָרט. נישט איין מאָל האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט אויף יום־כּפּור קיין גער, געוואָלט הערן ווי דער רבי זאָגט פּאַר גאָר נאָענטע מענטשן תורה. דעם „שפת אמתעס" תורה האָט זיך אָבער צו אים נישט צוגעקלעפּט. ס'איז מערנישט גע־ווען קאָצק, נישט דער „חדושי־הר"ים". געבליבן איז אים אָבער די נסיעה אין אַ בויד מיט חסידים איבער אַ שליאַך, וואָס האָט זיך גע־צויגן פון וואַרשע קיין גער.

פּיזשיץ איז אַריין צו זיך אין קאַבינעט. ארום די ווענט — שוואַר־צע, מאַסיווע ספרים־שענק. אויף דער וואַנט איבערן שרייב־טיש — דעם רמ"בם'ס בילד. פּיזשיץ האָט אַ לענגערע צייט געשפּרייזט אי־בערן קאַבינעט. מיטן שפּרייזן האָט ער אָפּגעשאָקלט פון זיך די מויער, די וועלדער, די פּאַדריאַדן. דער טראָט איז געוואָרן לייכטער, די פּאָלעס פון שלאָפראָק זענען זיך עטוואָס צעפלויגן. אַן אויפגעלייגטער האָט ער געעפנט אַ שופלאַד, וואו ס'זענען געלעגן בריוו. ער האָט אַרויסגענומען אַ בריוו, וואָס ר' איטשע־מאיר האָט געשריבן צו פּיזשיצעס זיידע. דער בריוו איז געווען אין יידיש. מיט פּופּציק יאָר קריק, עטלעכע טעג פאַר יום־כּפּור, האָט ר' איטשע־מאיר געשריבן דעם בריוו. פּיזשיץ האָט געקוקט אויפן אָפּגעריבענעם כּתב, אויפן האַריקן פּאַפּיר און צום הונדערטסטן מאָל גענומען לייענען דעם בריוו מיט אַ זוהר־ניגון:

„— — — אם אין אני לי, מי לי — אַז איך וועל נישט טאָן מיין אַרבעט, ווער וועט זי פאַר מיר טאָן? יעדער מוז זיין אַרבעט אַליין אָפּטאָן. ואם לא עכשיו, אימתי? — פרעגט זיך, ווען וועט זיין דער „עכשיו"? דער יעצטיקער „עכשיו", אין דער מינוט, וואָס מיר ריידן, איז דאָך פון בריאת־עולם אָן נישט געווען. פריער איז געווען אַן אַנ־דער „עכשיו", שפּעטער וועט זיין אַן אַנדער „עכשיו". און אין יעדער „עכשיו" איז די אַרבעט, איז די עבודה, אַן אַנדערע. דאַרף מען ווערן אַ מחותן מיטן כּלל. אַז מען טוט אין כּלל, האָט מען פון כּלל. מען האָט פון כּלל נאָך מער, וויפיל מען טוט אין כּלל. ווייל מען קען האָבן פון יעדן יידנס ע כ ש י ו, אויב דער ייד האָט אין זיין ע כ ש י ו געטאָן עפּעס גוטס. וואָרן — כשאני לעצמי מה אני — טוט אַ מענטש אַ גראָבקייט און וויל תשובה טאָן, טראַכט ער דאָך וועגן דער געמיינ־

קייט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. און וועגן וואָס מען טראַכט, אין דעם ליגט מען. מען ליגט מיטן גאַנצן נפש אין דער געמיינקייט. דער מח ווערט פאַרגרעבט, ס'הארץ — פאַרוואַקסן. און דאָס ברענגט דעם מענטש צו עצבות. דער מענטש נעמט זיך מוטשען. מוטשע אַהער די בלאָטע, מוטשע אַהין די בלאָטע — ס'בלייבט אַלץ בלאָטע. יאָ געזינ־דיקט, נישט געזינדיקט — וואָס האָט מען אין הימל דערפון? אין דער צייט, וואָס איך טראַכט וועגן זינד, קען איך דאָך זיין אַ נ ו ק ב־מ ר ג ל י ו ת, כ'קען דאָך דרילן אָרליאַנסקע פערל, אַז אין הימל זאָל מען דערפון עפּעס האָבן. דעריבער — סור מרע — קער אָוועק פון שלעכטס, קלער דערפון נישט — ועשה טוב — און טו בלויז גוטס. האָסט געטאָן עברות — פאַרגעס אָן זיי. ס'וועט באַלד זיין יום־כפור. און ערב יום־כפור דאַרף דער מענטש אַזוי אַרבעטן איבער זיך, ער זאָל מער נישט טראַכטן וועגן די אָפּגעטאָנענע עברות. מען דאַרף זיין גרייט צו טאָן בלויז מצוות מתוך שמחה. דער מענטש דאַרף זיין פריילעך. און ביים דאַווענען דאַרף מען דורכלויפן „על חטאים" וואָס שנעלער, נישט ליגן אין די חטאים, נישט טראַכטן וועגן זיי. מען דאַרף דאַווע־נען מתוך שמחה, אַ געזאַנג דאַרף אויפגיין אינעם מענטש, ווי ס'שטייט אין „תומר־דבורה" — האדם ראוי שיתדמה לקונו — דער מענטש איז ראוי ער זאָל זיך פאַרגלייכן צום באַשעפער.

פּיזשיץ האָט לאַנג געקוקט אויפן בלאַט פּאַפּיר, וואו צווישן די ווערטער איז נישט געווען קיין פּינטל, קיין אָפּשטעל. אותיות, ווער־טער, שורות — אַלץ האָט זיך געקייטלט, אַלץ האָט זיך געשפּרייט ווי אַ טייך.

אַ זיכערקייט איז אויפגעגאַנגען אין דעם פיר־און־פערציק יאָריקן פּיזשיץ. נישט די זיכערקייט פון די אייגענע הייזער, פון די אייגענע וועלדער, נאָר די זיכערקייט פון אַ ר' משה קאָרדאָווירער, ווען ער האָט געזוּנגען צו גאָט זיין „תומר דבורה", די זיכערקייט פון אַ ר' איטשע־מאיר, ווען ער האָט געשריבן דעם בריוו צו פּיזשיצעס זיידע.

ווען ער, פּיזשיץ, וואָלט געקענט איבערגעבן אָט די זיכערקייט דעם יונגסטן זון, דודן? ס'האָט אים אַ צי געטאָן צום זון, וואָס איז געזעסן מיט אַ שטאָק העכער, געזעסן און געקלעפּט, און געפורעמט זיינע מענטשן. און ווי ער האָט זיך געקליבן אַרויפצוגיין צו אים, האָט דער טעלעפאָן, וואָס איז געשטאַנען אויפן שרייב־טיש, זיך צעקלונגען.

פּיזשיץ האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו און אַ הויב געטאָן ס'טרייבל צום אויער. ס'האָט גערעדט פּיזשיצעס פאַרוואַלטער, אולי־

אַנד, אַ ציכטיק מענטשל, וואָס האָט שטענדיק געהאַלטן אין האַנט אַ גוט פאַרשניצטע בלייפעדער, האָט באַגלייט יעדעס וואָרט מיט אַ ציפער. אוליאַנד האָט גערעדט שטיל, מען האָט אָבער געקענט הערן יעדעס וואָרט זיינס:

— פאַניע פיזשיק, ס׳איז געווען אַ טעלעפאָן פון גענעראַל־שטאַב. דער נייער פאָלקאָווניק, סמירנאָוו, האָט געבעטן איר זאָלט זיין ביי אים צוויי נאָך מיטאָג. ווי איך פאַרשטיי וויל ער אייך איבערגעבן דעם גאַנצן געהילך־פאַדריאַד.

— היינט? ערב יום־כפור? — האָט פיזשיק געהאַט טענות צום פאַרוואַלטער זיינעם, — נישט איך קען דעם נייעם פאָלקאָווניק, נישט איך קען זיך דורכריידן מיט אים. הערט, אוליאַנד, אפשר וואָלט איר אַריבערגעגאַנגען?

— כ׳וואָלט גערן געגאַנגען, פאַניע פיזשיק, נאָר דער פאָלקאָווניק האָט באַפוילן, אַז ער וויל ריידן מיט אייך, נישט מיט מיר. איז דאַרפט איר גיין. מען דאַרף זעען, אַז אַחוץ אייך, פאַניע פיזשיק, זאָל קיין ליוועראַנט נישט האָבן קיין דריסת־הרגל אין שטאַב. נעמט מיט דודן. ער וועט שוין פאַר אייך ריידן.

— גוט, נו, כ׳וועל שוין צוגיין.

פיזשיק האָט אויפגעהאַנגען ס׳טרייבל. ער איז נישט געווען צופרידן מיטן טעלעפאָן. דער וויזיט אין שטאַב, און דווקא היינט, איז פאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש. ער האָט קריקגעלייגט אין שופלאָד אַריין ר׳איטשע־מאירס בריוו און אַ נישט אויפגעלייגטער זיך געישובט צי ער זאָל פריער אַרויפגיין צום זון, צי ער זאָל פריער איבערבייסן. דערצו האָבן פון קיך זיך געטראָגן ריחות פון פריש־געבעקס, ריחות פון געבראָטענע כפרות.

אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען מאַדאַם פיזשיק. זי איז געווען אָנגעטאָן אַזוי, ווי זי וואָלט זיך געקליבן מיט אַ וויזיט. די שוואַרצע האָר, דורכגענומען אַרום שטערן מיט אַ גרויליכן פאַס, זענען געווען פאַרנומען אויפן קאַרק אין אַ קאָקס. ס׳לענגלעכע, מאַטע פנים, די בריליאַנטענע קעפלעך אין די קליינע אויערן, די גאָלדענע אַלט־פרענקישע בראָש — אַלץ האָט דערציילט פון אַלטן יידישן יחוס. זי האָט באַגעגנט דעם מאַן מיט אַ פאַרליבטן מאַמע־שמייכל:

— צייט עפּעס איבערצובייסן, שמחה.

— אָט גיי איך.

— כ׳בעט דיך, שמחה, קלינג אָן די קינדער זיי זאָלן אַריבער־קומען פאַרפאַסטן.

— וואָס דאַרפן זיי פאַרפאַסטן, אַז זיי פאַסטן נישט ?

— איך בעט דיך, שמחה.

—איך וועל נישט קלינגען און זיי וועלן נישט קומען.

— ביסט אַן עקשן !

ס׳ווייב איז געגאַנגען אויף אַ פּריער. טריט, קליינע, דראָבנע, האָבן זיך געקייקלט איבערן פּוטרירטן דיל. נאָך איר — דער מאַן. אין מיטן גיין האָט ער זיך אַ צי געטאָן, זיך אויסגעגלייכט, פעסטער פאַר־צויגן דעם גאַרטל פון שלאָפראָק, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אָפּטאָן אַ וויכטיקע אַרבעט. ער איז אַריין אין באָד־צימער, איז געגאַנגען זיך וואַשן צום עסן.

אינעם באָד־צימער, געמאַכט פון ווייסע קאַכלעס, האָט די וואַנע פאַרנומען אַ דריטל. אין אַן אָנגעלאָזטער וואַנע וואַסער זענען אַרומ־געשוואומען דריי העכט און אַ קאַרפּ. ס׳וואַסער האָט אויסגעזען גרינלעך. די העכט מיט פאַרשפּיצטע פּליס־פּעדערן האָבן זיך געטראָגן הין און קריק, פאַרטריבן דעם קאַרפּ אין אַ ווינקל, אויפן באָדעם פון דער וואַנע, וואו ער איז געזעסן, האָט געדרייט מיטן פעכער־ווייידל, געגלאָצט מיט די קיילעכדיקע גלעזערנע אויגן און מורא געהאַט אַרויפ־צושווימען.

פּיזשיץ האָט זיך געוואַשן די הענט, זיי געווישט אין אַ האַריק האַנטעך און האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מענטש, יום־הדין און אכזריות גייען האַנט אין האַנט.

2

ר׳ שמחה פּיזשיץ אין אַ העל־ברוינעם אַנצוג, אין אַ העל־ברוינעם קאַפּעליוש, האָט זיך פאַרקליבן אויפן העכסטן שטאָק. אין דעם לאַנגן, טונקעלן קאָרידאָר זענען געשטאַנען פעסלעך ליים, גולם־פיגורן אַן הענט, אַן פיס, געגאָסן פון גיפּס. דער קאָרידאָר האָט דער־מאָנט דעם מהר״ל׳ס בוידעם. דאָ האָט דוד געוואוינט אין אַן אַטאַליע מיט אַ גלעזערנעם דאַך. פּיזשיץ האָט אָנגעקלונגען. ס׳האָט זיך גע־הערט דודס קול :

— אַריין.

דער קליינגעוויקסיקער דוד, מיט אומרו אין אַלע גלידער, איז

געשטאַנען אין מיטן אַטאַליע לעבן אַ פיגור געקנאָטן פון ליים. די פיגור איז געווען אַזוי הויך, אַז מען האָט געדאַרפט אַרויפקריכן אויף אַ לייטער מען זאָל דערגרייכן צום קאָפּ.

דוד, אָן אַ ראָק, די אַרבל פון העמד פאַרקאַשערט, די ברוינע האָר צעשויבערט איבערן שטערן, האָט זיך גלייך נישט געכאַפּט ווער ס׳איז אַריינגעקומען. ער האָט זיך געדרייט אַרום דער פיגור. ס׳לינקע אויג האָט ער פאַרמאַכט און ס׳רעכטע האָט ער אָנגעשטעלט דאָ אויף איין ווינקל פון דער פיגור, דאָ — אויף אַ צווייטן.

דער פאָטער האָט געקוקט אויפן זון, געקוקט אויף דער פיגור און מיט אַ שמייכל אין דער באָרד אַריין זיך געפרעגט:

— ווער איז דער גוג־מגוג?

— טאַטע? — איז דער זון אַנטקעגן געגאַנגען דעם פאָטער און זיינע טונקל־ברוינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן — ביי דיר איז עס אַ גוג־מגוג? דאָס דאַרף גאָר זיין אַ מאָדערנער ייד!

— אַ מאָדערנער ייד? — האָט דער פאָטער מיט גרויס חידוש נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער פיגור.

דוד איז נישט איינגעשטאַנען. ער האָט זיך געדרייט אַרום דער סטאַטוע, געהויבן דאָ די רעכטע האַנט, דאָ די לינקע:

— זע, טאַטע, אַ שטערן... זע, אַ בליק... נישטאָ דער שטענדיקער גלות־שטעקן, די שטענדיקע גלות־טאָרבע...

אינעם הויב פון פאָטערס פלייצעס, איז געווען קענטיק, אַז ער קלייבט זיך אין זונס אַרבעט איינצאַנצן נישט פונאַנדער. ער האָט צענור־מען די באָרד מיט פינף פינגער און אָנגעהויבן מיט אַ טאָן פון אַ געשעפטסמאַן:

— מען האָט נאָך מיר געשיקט פון גענעראַל־שטאַב. מען וויל כ׳זאָל איבערנעמען דעם גאַנצן געהילץ־פּאָדריאַד.

— נו? — האָט דוד אָנגעשטעלט די אויגן אויפן פאָטער.

— כ׳וויל זאָלסט מיט מיר מיטגיין.

דאָס מיטגיין מיטן פאָטער אין גענעראַל־שטאַב אַריין איז ביי דודן געווען אַן אָפּקומעניש. דער פאָטער האָט זיך נישט געקענט דורכ־שמועסן אין רוסיש. דער זון האָט נישט געוואָלט ריידן אין וואַרשע קיין רוסיש. ווען דער פאָטער האָט אים אָבער גערופן אין גענעראַל־שטאַב אַריין, האָט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט מיטצוגיין. און אפילו איצט האָט ער געמאַכט אַ מינע, אַז ער איז גרייט. ער וועט נאָר אַרומוואַשן ס׳ליים פון די הענט.

דוד איז צו צום קראַנפּאַס, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ שפּאַניש ווענטל. ער האָט זיך אויף גיך אַרומגעוואַשן. אינעם צע־קנייטשטן שוואַרצן קאַפּעליוש מיט די צו־ברייטע ראַנדן, אין דעם גרויען העמד, אין דעם נישט געפּרעסטן, שמיידיקן אַנצוג, האָט ער גיכער אויסגעזען, ווי אַ דראַמאַטער, נישט ווי קיין סקולפּטאָר.

טאַטע־זון זענען אַראָפּ אויף דער גאַס און האָבן זיך געלאָזט צו די דראָזשקעס, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ לאַנגער שורה אויף נאַוואָליפּקי. דער ערשטער דראָזשקאַרזש איז זיי אַנטקעגנגעפאָרן. פאַרבייגייער האָבן דערקאַנט פּיזשיצן, דעם וואַרשעווער דאָזאָר, און זיך געגומען אָפּשטעלן. איינער פון עולם האָט אַ זאָג געטאָן:

— דאָס פאָרט ער אודאי אין גענעראַל־שטאַב אַריין מען זאָל באַ־פרייען די יידישע זעלנער אויף יום־כפור.

ס׳האָט זיך געלייגט אויפן שכל. דער נייגעריקער בליק ביים עולם איז געוואָרן ווייכער, וואַרעמער. מען האָט נאָכגעקוקט די אָפּע־נע דראַזשקע, וואו דער איינגעלייגטער דאַך האָט פאַרשטעלט פּיזשיצן מיטן זון. בלויז צוויי קאַפּעליושן — אַ העל־ברוינער און אַ שוואַרצער — האָבן זיך געהויבן אַרויף, אַראָפּ, אַ ווייל אונטערגעטענצלט און זענען פאַרשוואונדן פון אויג. ביים עולם איז אויפגעגאַנגען אַ פרייד, אַז ס׳יידיש לעבן איז זיכער. בלויז דער באַהאַלטענער יום־כפור ציטער האָט נישט געלאָזט איינשטיין, איינגערוימט, אַז מען דאַרף זיך גרייטן צום יום־הדין.

די דראַזשקע האָט דורכגעשניטן לעשנע, קראָלעווסקע, האָט זיך פאַרבייגעטראָגן דעם זאַקסישן גאָרטן און זיך אַריינגעדרייט אויפן זאַקסישן פּלאַץ. די געגילטע קופּאָלן פונעם רוסישן סאָבאָר האָבן גע־בלענדט די אויגן.

פּיזשיץ האָט עס איבער די ליפּן נישט געבראַכט, נאָר יעד׳עס מאָל, ווען ס׳איז אים אויסגעקומען פאַרבייצופאָרן דעם זאַקסישן פּלאַץ, האָט ער געהאַט טענות צו זיך פאַרוואָס ער האָט צוגעשטעלט ס׳גע־הילץ פאַרן סאָבאָר.

די געביידע פונעם גענעראַל־שטאַב, די אייזערנע טויערן, די זעלנער אויף דער וואַך, האָבן זיך נישט געלאָזט לאַנג פאַר־טראַכטן. ס׳האָט גענומען אַ ווייל ביז מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אין דער געביידע. און אַז מען האָט זיי שוין געהאַט אַריינגעלאָזט, איז אויסגעקומען צו וואַרטן, נישט אין קיין זאַל, נאָר אין פּאָדערהויז אַ קנאַפּע האַלבע שעה.

דאָס וואַרטן אין פּאָדערהויז האָט דודן געקאָסט אַ שטיק געזונט. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך. נאָך מער — פאַרן פּאָטער. דערווייל האָט זיך געעפנט אַ טיר. אַ זעלנער איז אַרויסגעקומען און האָט זיי געפרעגט:

— איר וואַרט אויפן פּאָלקאָווניק?

דער זעלנער האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ גרויס צימער מיט אָפענע פענצטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין אַ סאָד אַריין.

ביי אַ פּירעקיקן טיש, איבער אַ שטויס פּאַפּירן, איז געזעסן אַ קורצער, דיקער קאָזאַק אין אַ לויז, באַטיסטן העמד, אין אַ פּאָר ברייטע, בלויע הויזן. ער האָט געשריבן און אַרויסגעלאָזט פון אַ קורצן פּאָר־צעלייענעם ציבעק קליינע שפּריצן רויך. דער קאָזאַק האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי קיינער וואָלט נישט אַריינגעקומען. ער איז געבליבן זיצן איבער די פּאַפּירן, האָט געדרויכערט און צווישן די אויגן האָט געציטערט אַ „טשוב" שיטערע האָר, וואָס זענען נישט געשטאַנען, נישט געלעגן, און האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי איבער־ציילן.

איבערן שרייבטיש, אויף אַ האַלבער וואַנט, איז געהאָנגען ני־קאָלאַי דער צווייטער אין אַ געגילטער ראַם. די באַקן, די אויגן, ס'בערדל די מעדאַלן — אַלץ אין פלאַמען. וואו אַ דריי מיט די אויגן — ניקאָלאַי האָט נאָכגעקוקט.

ערשט איצט, האָט דוד זיך דערפילט געקרענקט און באַליידיקט. און צומייסטן פאַרן פּאָטער. ער האָט חשק געהאַט אָנצוזידלען דעם פּאָלקאָווניק, געוואָלט אים זאָגן, אַז מיט מענטשן דאַרף מען זיך באַגיין אַנדערש. ער האָט באַמערקט, אַז דער קאָזאַק מיט די אַראָפּ־געלאָזטע וואָנסן האָט אויף דער ברייטער נאָז אַ בראָדעווקע און אויף דער בראָדעווקע שטייט אַ האָר האַלב קיילעכדיק, ווי אַ סערפּ.

דער פּאָלקאָווניק האָט אויפגעהערט שרייבן. ער האָט אַוועק־געלייגט די פעדער, טיפער אַריינגענומען אין מויל אַריין דעם קורצן ציבעק און האָט זיך באַקוועמער אויסגעצויגן אין זיין פּאָטער־שטול. ער האָט דעם קאָפּ אַ דריי געטאָן צו פּיזשעצן און געוויזן אויף דודן:

— ווער איז ער?

דוד האָט נישט געקענט הערן, ווי דער פּאָטער שטאַמלט און זיך אָפּגערופן:

— איך בין פּיזשיצעס אַ זון. מיין פּאָטער רעדט נישט קיין רוסיש, בין איך מיטגעקומען...

דער פּאָלקאָווניק האָט געהאַט אַ מינע ווי מען וואָלט צו אים נישט גערעדט. ער האָט אַפילו דודן נישט אָנגעקוקט און אַ פרעג געטאָן פּיזשיצן:

— נאָך וועמען האָב איך געשיקט?

— אַז מיין פּאָטער רעדט נישט קיין רוסיש...

דער פּאָלקאָווניק האָט אים ניט געלאָזט ענדיקן. ער האָט גערעדט צו פּיזשיצן און געוויזן מיט אַ גראָבן פינגער אויף דודן:

— לאָז ער אַרויסגיין.

— אַז כ'רעד נישט קיין רוסיש — האָט פּיזשיץ, אָן מראה אין פּנים, געזאָגט אויף פּויליש.

— אַז דו ווילסט נישט אַז ער זאָל אַרויסגיין — האָט דער פּאָלקאָווניק געקוקט אויף פּיזשיצן פון אונטערן שטערן אַפּער, גערעדט העכער און אָפּגעהאַקט, ווי ער וואָלט קאָמאַנדעוועט אַן אַרמיי — טאָ גייט ביידע!

דודס האַרץ האָט געבלוטיקט. ער האָט פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך, געזען בלויז פאַר זיך דעם שיטערן „טשוב" האָר, ווי ביי כמעלניצקין, און אַלץ ביי אים האָט זיך געריסן נקמה צו נעמען. ער האָט אַ ציי געטאָן דעם פּאָטער פאַר אַן אַרבל און געזאָגט אין יידיש:

— טאַטע, קום.

פּיזשיץ, אַ בלאַסער, ווי דאָס בלוט וואָלט אין גאַנצן אויסגעלאָפן פון זיין פּנים, האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. זאָל ער בלייבן — האָט אים וויי געטאָן פאַר דודן. זאָל ער אַוועקגיין — פאַרלירט ער אַ פאַרמעגן. פּיזשיץ האָט זיך אַ רגע געקווענקלט און אַ זאָג געטאָן צום זון:

— כ'וועל זיך שוין ווי עס איז דורכשמועסן. אַ יון בלייבט אַ יון. גיי אַהיים, דוד.

דוד האָט נישט געוואוסט, ווי ר'נאָך ער האָט זיך געפונען אויף דער גאַס. ס'פּנים האָט אים געפלאַמט, ווי מען וואָלט אים אויסגעפּאַטשט. ער האָט זיך געטראָגן פון איין גאַס אויף דער צווייטער און אַלץ אין אים האָט זיך געקאָרטשעט, געוויינט אָן טרערן. ער האָט פיינט געקראָגן דעם פּאָטער, וואָס האָט זיך געלאָזט באַליידיקן. ער האָט געטראַכט, אַז דער פּאָטער איז נישט בעסער פון די אַלע יידן, וואָס דרייען זיך מיט די שטעקעלעך אין די הענט איבער

די וואַרשעווער גאַסן, שאַרפֿן די קרומע מוחות, ווי ר׳נאַך עמעצן אָפּצונאַרן, אָפּצושווינדלען. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דער פּאָטער איז געשטאַנען פֿאַרן קאַזאַק אַ צעשראָקענער, ווי אַ מה־יפֿית־יידל, און אַ שנאה צום פּאָטער, צו דער גאַנצער וועלט, האָט אויפֿגעבלעזלט אין אים. דוד האָט זיך געשאָלטן, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַ ייד, וואָס ער איז געבליבן אַ ייד. ס׳יונגע האַרץ האָט זיך געקאָרטשעט פֿון ווייטאָק, די אויגן זענען פֿאַרלאָפֿן פֿון חרפּה.

אויפֿן זאַקסישן פּלאַץ האָט דוד זיך אָפּגעשטעלט. איבער די גאַסן, איבער די הייזער האָבן זיך געשפּרייט די פֿאַרביקע קופּאָלן פֿון סאָבאָר. דער פֿאַסאַד פֿון רויטן גראַניט האָט געפֿלאַמט אין דער זון, וואָס האָט זיך גענומען זעצן.

דוד איז אַריין אין סאָבאָר. דאָס גאָט־דינסט האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן און דער סאָבאָר איז נאָך געווען כמעט ליידיק. אויס־געדינטע מיליטער־לייט מיט זייערע ווייבער האָבן דאָ און דאָרט געקניט. פֿון די טונקעלע, אָפֿענע טירן האָבן אַרויסגעבלישטשעט די אָפּגעגילטע איקאָנעס, וואָס האָבן זיך געטוקט אין די פֿלעמלעך פֿון די וואַקסענע ליכט, און די אייל־לעמפּלעך. דער פֿינקל האָט זיך אויס־געמישט מיטן „מאַראַלישן" קול פֿונם פּאָפּ, וואָס האָט זיך געדרייט אין זיינע פּראַוואָסלאַוונע בגדים מיטן קעסעלע קטורת אין דער האַנט. דער פּאָפּ האָט געזאָגט תּפֿילות מיט אַזאַ כּעס און בייזער, אַז די צעצויגענע ווערטער זענען געווען מער ענלעך אויף אַ קאָמאַנדע, ווי אויף אַ תּפֿילה.

דוד איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. די הענט אָנגעשפּאַרט אויף אַ גראַניט־קאָלאָנע. אויף די הענט — דער קאָפּ. אַלץ אין אים האָט געציטערט — וואָס בייזערט ער זיך אַזוי, דער פּאָפּ ? וואָס קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, ס׳וויגעלע פֿון פּראַוואָסלאַוויע, געהערט נאָך נישט דעם רוס ? רוסלאַנד — אַ זעקסטל וועלט. דער סאָבאָר — די פּראַ־וואָסלאַוונע אידעע, וואָס האָט שוין אויך איינגענומען די קאַטוי־לישע וואַרשע. און מיר יידן ?

דוד האָט נישט געזען, ווי מען לעשט די ליכט, ווי דער עולם צעגייט זיך. ער האָט נישט געפֿילט, ווי אַ זקן גייט צו אים אונטער :

— איר שלאָפֿט ?

— ניין — האָט דוד אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, אָנגעקוקט דעם זקן מיט די לאַנגע האָר און זיך אַ רוק געטאָן אויף קריק.

— נישט קיין פּראַוואָסלאַוונער? — האָט דער זקן געוואָלט טרעפן.

— ניין, נישט קיין פּראַוואָסלאַוונער.

— אין דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע איז דאָ פּלאַץ פאַר אַלע־מען — פאַר קאַטאָליקן, פאַר פּראָטעסטאַנטן, פאַר יידן.

ס׳קול ביים זקן איז געווען זיסלעך, ווי דער ריח פון קטורת, וואָס האָט געקרעלט אין דער נאָז, אין האַלדז. דוד האָט זיך גע־נומען רוקן. דער זקן איז אים נאָכגעגאַנגען. און אַז דוד איז שוין געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך בין אַ ייד.

— כ׳פרעג ביי אייך נישט — האָט דער זקן אַרויפגעלייגט זיין ווייכע, וואַרעמע האַנט אויף דודס — אַז ס׳וועט אייך זיין שלעכט, אַז איר וועט זיך געפינען אין אַ נויט, קומט אַריבער.

דוד האָט נישט געענטפערט און איז אַרויס. פוןביידע זייטן אַריינגאַנג זענען געווען אויסגעזעצט באַוואַקסענע בעטלער. אַן דער זייט פון די בעטלער איז געזעסן אַ „הייליקער". ער איז געזעסן אויף דער גאָלער ערד. ס׳פּנים — איינגעפאַלן. ס׳מויל — אָן ציין. ס׳גרויע בערדל — שיטער. מען האָט בלויז געזען נאָז און אויגן. אויפן פּנים — אַן אומהיימלעכער שמייכל. אַרום „הייליקן" האָבן זיך געקליבן קינדער, ווייבער, מיליטער־לייט, זיך איינגעהערט ווי ער רעדט:

„— — — מעג עס זיין אַ בייז אויג, מעג עס זיין אַ באַ־נעמעניש, מעג עס זיין אָפּצושטרייכן אַ שלאָף קינד — אַלץ טו איך. וויל איינער אַ גורל, וויל איינער ס׳דאָברע־מזל אַראָפּלייענען — אַלץ טו איך. איר זעט דעם פּראַוואָסלאַוונעם סאָבאָר? אַז איך וויל קען איך אים מאָרגן איבערטראָגן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. כ׳בין אַ גורל־וואַרפער, כ׳לייען אַראָפּ מענטשן פון די הענט..."

קינדער, ווייבער, מיליטער־לייט האָבן געוואָרפן מטבעות אין אַ בלעכענער שיסל אַריין, געשטעקט די הענט דער „הייליקער" זאָל וואַרפן גורל, זאָל אַראָפּלייענען ס׳דאָברע מזל, זאָל דערציילן, ווי די פּראַוואָסלאַוונע אידעע נעמט איין די וועלט.

ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט ווען דוד איז אַרויס פון די גוי־אישע גאַסן און איז אַריין אין די יידישע, וואו מען האָט כמעט קיין מענטשן נישט געזען. פון לעשנע האָט ער אַריינגעשניטן אין פּשעיאַזד. די ליידיקייט דאָ האָט געשראָקן. ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ פאַרשפּעטיקטער ייד, וואָס האָט זיך געאיילט צו כל־נדרי. פון גאַ־

וואָליפּיע האָבן זיך אַרויסגעשאַרט עטלעכע יונגען און זענען גלייך פאַרשוואונדן אין אַ הויף. אַנגעצונדענע יום־כּפּור־ליכט האָבן אַרויס־געפינקלט פון די פאַרמאַכטע פענצטער, אומגעהאַרישער געמאַכט די טיפע שטילקייט.

דוד איז אַריין צו זיך אין הויף. ער האָט אויסגעמיטן דעם פאַראַדנעם אַריינגאַנג, נישט געוואָלט זיך באַגעגענען מיט קיין שטר־ביקע. ער האָט זיך געהויבן מיט די קיך־טרעפּן. ריחות זענען אים באַפאַלן — פיש אין זיסן, געבראָטנס, געזאָטנס, „טעקאָטנס" גע־פּרעגלט אין האָניק, שעפּטאַלן. די ריחות האָבן אים דערמאָנט, אַז ער האָט פון אין דער פרי אָן גאָרנישט געהאַט געגעסן. אָן אָטעם איז ער אַריינגעפאַלן צו זיך אין דער אַטאַליע. ער האָט פאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר און גענומען ווישן דעם שווייס פון שטערן, פון קאַרק, פון די הענט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם ראָק, דעם קאַ־פּעלוש און גענומען שפּרייזן איבערן לאַנגן אַטאַליע, געשפּרייזט פאַרביי דער הויכער פיגור פון דעם „מאָדערנעם ייד", פאַרביי די הילצערנע געשטעלן, וואו ס'זענען געשטאַנען קעפּ, ביוסטן, געקנאָטן פון ליים און געוויקלט אין נאַסע שמאַטעס.

אין מיטן שפּרייזן האָט דוד זיך געכאַפּט, אַז ס'איז נאַכט געוואָרן און אַ שרעק איז אים באַפאַלן. וואָס טוט ער דאָ, אין וואַרשע, אויף אַ בוידעם, ווען ער האָט גאָר געדאַרפט זיין אין רוים, אין פּאַריז, געדאַרפט איבעררעאַשן און איינגעמען אַ וועלט? אין געאייל האָט ער גענומען אָפּוויקלען די נאַסע שמאַטעס פון די געשטעלן. ער האָט געוויקלט גיך, אָפּגעוויקלט מיט פיבער, געריסן די שמאַטעס, ווי באַנדאַזשן. מענטשן אָן הענט, אָן פיס, אָן פּנימער. ס'האָבן זיך בלויז געזען פּלייצעס און אַקסלען — צעדרייטע, צע־קרימטע, צעהויקערטע. פּלייצעס אין די צענדליקער, אין די הונדער־טער, האָבן זיך געבויגן, זענען געפאַלן, ווי אויף אַ שלאַכטפעלד.

דוד איז געלאָפן צו דער פיגור פון דעם „מאָדערנעם ייד". ער האָט געריסן פון אים שטיקער, געריסן מיט אַזאַ רציחה, אַז די פיגור האָט זיך גענומען בייגן. דער „מאָדערנער ייד" האָט יעדער רגע געקענט פאַלן פון די פיס. די פיגור איז קלענער געוואָרן, די גלייכע פּלייצע — אויסגעקרימט. דוד האָט זיך גענומען רוקן פון דער פיגור. און ווי ער האָט זיך גענומען רוקן, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר:

— עפן, עפן, זון מיינער!

דוד האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די שפּיץ נעגל, זיך איינגעהערט. און אַז דאָס קלאַפּן איז געוואָרן שטאַרקער, האָט ער זיך פאַרשטאָפּט מיט די פינגער די אויערן און זיך אַ ריס געטאָן איבער דער פינצטערער אַטעליע. די מורא פאַרן סאָבאָר, פאַרן פּאָפּ, פאַרן שמדן זיך, איז אין אים געוואַקסן. דאָס קלאַפּן אין טיר האָט נישט אויפגעהערט. פון שרעק האָט דוד זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע פיר. ער איז פאַרקראָכן אונטערן בעט און האָט אַליין זיך צעלאַכט. ערשט איצט איז ער געווען מיילן ווייט פון סאָבאָר, מיילן ווייט פונעם פּאָפּ. און דער „מאָדערנער ייד" מיטן גלות שטעקן, מיט דער טאָרבע, האָט זיך גערוקט צו אים אַ געבוי־גענער, געשמייכלט מיט ר' שמחה פּיזשיצעס קלוגן שמייכל.

ה. לייוויק

דער גייער

וועגן מנחם באַריישאַ

ס׳איז זעלטן, דוכט זיך מיר, צו טרעפן אַ שרייבער, צו וועמען דער נאָמען פון זיינס אַ ווערק זאָל זיין אַזוי צוגעפּאַסט צו אים אַליין, ווי דער נאָמען „דער גייער״ — דער טיטול פון מנחם באַריישאַס לעצט ווערק — איז צוגעפּאַסט צו מנחם באַריישאַ.

דער נאָמען „דער גייער״ בעט זיך מיר זאָלן אים גלייך אויפּ־נעמען, און מיר זאָלן אינם העלן ליכט, וואָס שטראַלט אַרויס פון אים, זען די געשטאַלט פון מנחמען אַליין. און ס׳איז ניט דערפאַר, ווייל דער נאָמען לאָזט זיך גלאַט אַזוי דרשהנען, נאָר ווייל אין אים איז דאָ אַ דירעקטער און טרעפלעכער אמת — אַ מזלדיקער אמת. אַזוי ווי פאַר אַלעמען, און אפשר מער נאָך פאַר מנחמען אַליין, וואָלט מיטאַמאָל קלאָר אַרויסגעלויכטן פון אונטער אַלע טונקעלע כמאַרעס זיין, מנחמס, מזל־שטערן.

מנחם באַריישאַ דער גייער.

וואָס מיינט גייער? — פריער פון אַלץ מיינט עס וועג. לאַנגער וועג. מיר שטעלן זיך פאָר, און זעען פאַר זיך, אַן אומענדלעכן שליאַך, וואָס ציט זיך און דרייט זיך דורך פעלדער און וועלדער און שניידט דורך, אָדער שלייכט פאַרביי, שטעט און לענדער, און דער וואַנדערער איבערן שליאַך שפּאַנט אָן אויפהער. אָט אַ געבויגענער אונטער דער לאַסט פון זיך אַליין, אַ פאַרקלעמטער — און אָט מיטאַמאָל אַ האָפערדיקער, אַ צעזונגענער איבערן גרויסן גאַנג וואָס האָט ניט קיין סוף.

ווען עס קומט די מינוט פון האָפערדיקייט — קומט אויך די גליקזעליקייט און די עכטע פרייד פון גאַנג, און דאַמאָלסט ערשט ווערט פון וואַנדערער און פון וואָגלער גייער.

וואַנדערער איז — פרימיטיווע מדרגה; גייער — העכערע מדרגה. די פאַרוואַנדלונג מאַכן דורך אי מנחם אַליין, אי די העלדן פון זיינע ווערק, וואָס זענען אין תוך גענומען איין מענטש — איין מענטש אַ ליידנדיקער, אַ צעריסענער אין זיין געמיט, אָבער אַ גאַנצער אין דער אַנונג פון זיין באַשערטקייט, פון זיין גלויבן אין העכערן אמת און אין זיין עקשנות דעם אמת דורכצופירן דורך זיך אַליין, ווי

שווער און פײַנלעך עס זאָל אים ניט אָנקומען. מנחמס העלד, כאָטש ער איז אַ העלד פון אַ גרויסער עפּאָכע — פון אונדזער בלוטיקער און סתירותפולער עפּאָכע — וואָלט זיך אינגאַנצן פאַרשעמט ווען ער וואָלט הערן ווען זיך דאָס וואָרט העלד. סיי זאַוול רימער, סיי נח, פון „גייער", סיי בעקער פון „גלגול", און אַפילו דוד המלך פון „פּאַסטוך דוד", וועמען מען וואָלט דאָך געוויס געקאָנט רופן העלד — זיי ווערן אַלע אַוועקגעשטעלט אין וואָס פּשוטערע און געווייגלעכערע סיטואַציעס.

יאָ, אַפילו דוד אַליין ווערט אַוועקגעשטעלט ניט ווי דער מלך, נאָר ווי דער פּאַסטוך; אין באַוואוסטזיין פון זיינע שוואַכקייטן און זיינע זינד און אין זיין גאָר ניט מלכותדיקער חרטה און געוויין.

ס'איז אין תוך ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן דוד דעם מלך און זאַוול דעם רימער. און אויך ניט צווישן זיי און נח דעם גייער. דער מלך דוד ווען מען לאָזט אים נאָר, וואָלט מיט פרייד אָנגענומען דעם גורל פון אַ זאַוול און פון אַ נח. ד. ה. אַרויסבאַפרייען זיך פון אונטער אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און עפנטלעכקייט, און וואָלט אַוועק צוריק אין שטילקייט און פאַרשאָטנטקייט — זיין אַ אינו נראה, אַן איינער פון פאָלק, און טראָגן אין זיך דעם באַוואוסטזיין, אַז עפּעס גאָר וואונדערלעכעס ווייס ער וועגן דעם מענטשנס זיין אויף דער טרויעריקער ערד.

זיי אַלעמען, אין זייערע פּשוטסטע סיטואַציעס, געלינגט מנחמען, אין דער זעלבער צייט, אַרומרינגלען מיט אַזאַ לופט פון חשיבות אַז אַלע קאָנפליקטן און זאַכן, אַפילו ווען זיי ווערן אָפּטמאָל באַשריבן מיט צופיל־פּרטימדיקער באַלאַדנקייט, ווערן דורכגענומען מיט עכטער פייערלעכקייט.

עס האָט לאַנג גענומען מנחמען ביז וואַנען ער איז אַליין פון וואַנדערער און וואָגלער געוואָרן ג י י ע ר. און זיין וואַנדערונג און וואָגלונג האָט זיך אים געגעבן שווער און יסורימדיק.

איך טראַכט איצט, אַז די דאָזיקע יסורימדיקייט אַליין איז געווען אַן אויסשטראַלונג פון זיין מזל־שטערן.

דוכט זיך דער זעלביקער וועג — און דאָך אַזוי אַנדערש דער אופן ווי אַזוי שריפטשטעלער גייען אויף אים. איינער — אַז ער דערזעט זיך אויפן אומענדלעכן שליאַך — ווערט ער גלייך דער האַר איבער זיין אייגענעם טראָט און אויך דער האַר איבער דעם מאַר־

שרוט וואָס איז אָנגעצייכנט פאַר אים. געניוער געזאָגט: ער אַליין באַשטימט און צייכנט אָן גלייך די ליניע פון זיין גאַנג, און יעדער טראָט איז פאַר אים אַן ענין פאַר זיך אַליין, כמעט אַ ציל פאַר זיך אַליין. אַזוי ווי אין יעדן טראָט וואָלט זיך אָפּגעשפּיגלט די אומענדלעכ־קייט פונם גאַנצן וועג. און ער גייט פון ווערק צו ווערק אַזוי ווי פון אַ פאַרענדיקטקייט צו אַ צווייטן אָנהייב, כדי דער צווייטער אָנהייב זאָל קומען צו אַ נייעם אָפּשלוס, וואָס זאָל ווידער ווערן אַ נייער אָנ־הויב. און אַזוי אָן סוף.

אַ צווייטער שריפטשטעלער, אַז ער דערזעט זיך אויפן׳ אונענד־לעכן שליאַך — ווערט ער געפּלעפּט פון דער אומענדלעכקייט, און אַלע זיינע חושים ווערן אַזוי ווי באַוועלטיקט פון אַזאַ מין בלענדנדיקן פּחד. עס נעמט אים לאַנג, און אָפּטמאָל זייער לאַנג, ביז וואַנען ער פועלט ביי זיך, אַז ער מעג זיך באַטראַכטן פאַר אַ פולן האַר איבער זיין אייגענעם מאַרשרוט. ביז וואַנען וואָס ווען — לאָזן זיך זיינע פיס גיין שווער און וואַגיק, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען צוגעשמידטע צום וועג מיט אַ קייט, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען פאַרמשפּטע. און יעדער טראָט איז שטענדיק געווענדט אויף י ע נ ע ר זייט פון זיך, צום ווייטן אַהין, זיך אַליין באַטראַכטנדיק נאָר ווי אַ מיטל, ווי עפּעס, פון וואָס מען דאַרף וואָס גיכער אָפּגיין, איבערלאָזן אַהינטער זיך. יעדער טראָט ווערט אַזוי אַרום בבחינת קרבן, וואָס ווערט גע־בראַכט אויפן מזבח פונם גרויסן וועג. און דער וועג ווערט אָפּט צוליב דעם פאַרוואַנדלט אין אַן אָנגעברענטן מדבר. דער גאַנג ווערט ווי אַ מין אָפּריכטן גלות. אַ מין שליחות־דערפילונג, וואָס ווערט גזר. די פיס נעמען זינקען אין הייסן זאַמד, די קני ברעכן זיך, און איבער די אַקסלען הענגט אַ שווערע אָוונטיקייט. —

שטעל זיך ניט אָפּ וואַנדערער, שפּאַן מיט אַלע כחות. דו מוזט. אָבער דאָרט ווייט, ווייט וואַרט אויף דיר מנוחה.

אין לעצטן רעזולטאַט גייען ביידע שריפטשטעלער צו איינעם און דעם זעלבן ציל — קומען צו דער פולסטער דערגרייכונג זייע־רער: צו דער קלאָרסטער געשטאַלטיקונג פון זייער לעבן אויף דער ערד. זייערע אויגן זענען געווענדט צום זעלביקן אין־סוף. זייערע שוואַרצאַפּלען ברענען מיט זעלביקן פייער און זעלביקער בענקשאַפט. דער חילוק איז נאָר אין זייער באַציאונג, וואָס זיי האָבן צו זייער איי־גענעם טראָט. און ס׳איז אודאי ניט שייך צו זאָגן, אַז דער אָדער יע־

נער אופן פון גיין איז דער אמתער, אָדער דער גרעסערער. ניט אין טערמינען פון גרויס און קליין האַנדלט זיך, נאָר אין טערמינען פון ל י י כ ט ע ר ן גורל און ש ו ו ע ר ע ר ן גורל. און מנחם באַרייִשאָ געהערט צו די שריפטשטעלער פון שווערערן גורל. סיי מיט זייַנע טעמעס, סיי מיט־זייַן אינערלעכן מהות, סיי מיט זייַנע קינסטלערישע וואָקלונגען און דערגרייכונגען.

דער שווערערער גורל פון אַ שריפטשטעלער איז אַוודאי ניט גלאַט אַ קאַפּריז. ס'איז דאָ אַ טיפער זינען אין דעם שווערערן גורל.

אין געוויסע צייטן פון טונקלקייט און אומבאַשטימטקייט זעט מען ניט גוט אַרויס דעם זינען פון אָט דעם גורל, אָבער מיטאַמאָל ווערט אַלץ אויפגעלויכטן און קלאָר, און מיר דערזעען ווי דער מנחמשער מענטש, און מנחם אַליין, וואָס איז ניט איינמאָל געווען אין סכנה אַוועקצופאַלן אין מידקייט און עלנטקייט, האָט אין דער טיפעניש פון אַלע זייַנע אברים פאַרמאָגט אָן אַ שיעור אמונה אַז יעדע טואונג זייַנע, יעדער אויסדרוק פון זייַן נשמה איז געווען א רמז אויף עפּעס גאָר וויכטיקעס. און דאַמאָלסט ווערן אפילו שוואַכקייטן פאַרשטענדלעך און ליב. זיי ווערן באַרעכטיקטע טיילן פון עפּעס גרויסעס. מיר קענען זיי ניט אָפּפרעגן. מיר זאָגן: וויבאַלד אַז זיי זענען פאַרגעקומען, האָבן זיי מסתמא באַדאַרפט און ג ע מ ו ז ט פאַרקומען.

עס איז געווען מנחמס אָנגעשטרענגטע און אויסדויערנדיקע אַרבעט איבער זיך, וואָס האָט אויסגעשמידט פון אים אַ גלויביקע, קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, און אַוועקגעשטעלט אים אין דער ערשטער ריי פון די יסודותדיקע שאַפער פון אונדזער ליטעראַטור, פון די, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויפן דור.

אינם ליכט פון זייַן לעצט ווערק „דער גייער״, וואו עס קומען צום אויסדרוק אַ גאַנצע עפּאָכע, גאַנצע דורות אין אַזאַ גרויסן פאַרנעם און אַרייַנדרינגונג, אין אַזוינע פאַרטיפטע מאָטיוון — אין דעם דאָזיקן ליכט ווערן גאָר אַנדערש אויפגעשייַנט פאַר אונדז אי די לידער פון „אַ רינג אין דער קייט״, אי די לידער פון „זאַמד״, אי „זאַוול רימער״, אי „פּאַסטוך דוד״, אי „דער גלגול״, אי אַלע אַנדערע לידער און פּאָעמעס פון מנחמען. מיר דערזעען איצט, אַז ס'איז געווען אַ ג אַ נ צ ע ר גאַנג. מיר קענען איצט טראַכטן, אַז ס'איז געווען אפילו פּלאַן אין אַלץ. אפילו ווען מנחם אַליין האָט ניט אַלע־

מאָל געוואוסט דערפון. ס'איז דער פּלאַן, וואָס ליגט אין דער נאַטור פון שעפערישקייט. אין דעם דאָזיקן פּלאַן ווערן אפילו וואַקלונג און פאַרלאָרנקייט באַרעכטיקטע טיילן און באַקומען זייער תיקון.

* * *

מנחם באָריישאָ, ווי אַ סך פון אונדזער דור, האָט געבראַכט מיט זיך, פון זיין קינדהייט, אַ טיפן יידישקייט־באַוואוסטזיין, אָדער — אויב מיר זאָלן געברויכן אַ פילאָזאָפישן אויסדרוק — וואָלט מיר געזאָגט: יידישקייט־סובסטאַנץ. און דאָס איז געווען, — ווי ביי אַ גרויסן טייל פון אונדזער דור, — אויב ניט די איינציקע סיבה, וואָס האָט געשטויסן צו דיכטונג און צו שאַפן אַ ליטעראַטור, איז עס אָבער געווען די וויכטיקסטע סיבה. ביי מנחמען זעט זיך עס אָן גאָר בולט. גלייך ווי מען נעמט לייענען מנחמען, — פון די ערשטע זאַכן זיינע, — דערפילט מען ווי ער איז פאַרכאַפּט אין כישוף פון אָט דער יידישקייט־אַנונג, ווי ער גייט פאַרביי און איז באַוואוסטזיניק מקריב אַלע אַנדערע מאָמענטן. ער פילט יידישקייט אי ווי אַ לעבנס־עטיק, אי ווי אַ לעבנס־שיינקייט, און אין זיינע אויגן, ווי אין די אויגן פון זיין דור, האָט זיך אָפּגעזעצט דאָס ליכט פון י. ל. פּרץ. און אַזוי ווי ער וואָלט זאָגן צו זיך אַליין: אויב ניט אַרויסהויבן אָט די בענקשאַפט מיינע נאָך דער געשטאַלטונג פון אַ נייעם האַרמאָנישן יידישן מענטשן, וואָס זאָל אַרויסגעאַנטפּלעקט ווערן פון אַלע אונדזערע חורבות און צוזאַמענבברוכן — פאַרלירט די דיכטונג און די ליטעראַטור אונדזערע איר יסוד און איר לעבנס־באַרוף.

און דאָס איז געווען אַ געזונטע בענקשאַפט, אַן אַרויסגעדרונגענע פון וואַרצלדיקער באַהעפטונג מיט דער טראַגיק פון אונדזער דור, וואָס איז געגאַנגען מיט אָפענע אָרעמס אַנטקעגן אַלע מאָדערנע אידייען און געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, און וואָס האָט אין דער טיף פון דער נשמה אין דער אמתן געפילט, אַז אָט־די אידייען און אידעאַלן זענען פון אייביק אָן געווען דער קנין פון אונדזער קולטור אין משך פון טויזנטער יאָרן, און אַז זיי זענען געווען ניט נאָר אידייען און אידעאַלן, נאָר אויך — און מער נאָך ווי אויך — דער עיקרשט — יסודותדיקע מעשים, וואָס האָבן אויפגעהויבן צו גרויסער הויך ניט איין נשמה פון אַ יידישן פאָלקס־מענטשן. — דורך מאָראַלישן איינשטעל, דורך מסירת־נפשדיקן גובר זיין זיך אַליין, וואָס דער אמתער באַדייט דערפון איז: צוגיין צו דער גאַנצער וועלט אָרום ווי אַ מיט־שותף

און ווי אַ מיט־פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אַלע מעשים פון מענטשן — מיטן געדאַנק, אַז פריער פון אַלץ דאַרף דער מענטש אַרויפלייגן אויף זיך אַליין די גרעסטע התחיבותן פון גוטס און וועלט־דינונג. אַזאַ מדרגה קען שוין בשום אופן ניט אידענטיפיצירן זיך מיט רשעות, מיט צעשטערונג, מיט בלוט־פאַרגיסונג, מיט הערשאַפט־שנאה, מיט מלחמה און פאַרשקלאַפונג. מוז שוין במילא אויף ד ע ר מדרגה זיין אויך דאָס קינסטלערישע וואָרט — אויף דער מדרגה פון אמת, וואָס איז שיינקייט, און פון שיינקייט וואָס איז אמת.

קומען צו דער אויפפאַסונג פון אַבסאָלוטן באַיאָען און פאַרהייליקן דאָס לעבן איז ניט אַזוי לייכט געווען. ניט פאַר די אַמאָליקע פאַרשטייער פון יידישן וואָרט און לעבנס־פאַרמירונג, און ניט פאַר די היינטיקע. אָבער זיכער איז, אַז היינט, אין דער אַזוי בלוטיקער און אַזוי אָפן־רשעותדיקער עפּאָכע ווי אונדזערע, קומט אָן שווערער ווי ווען ניט איז די באַיאָאונג פון לעבן און די באַיאָאונג פון וואָרט. און טאָקע אין דעם, וואָס די היינטיקע פאַרשטייער פון יידישן וואָרט מאַכן דורך שווערערע קאָנפליקטן מיט זיך און מיטן אַרום — טאָקע אין דעם באַשטייט זייער וויכטיקייט און אויך זייער נייקייט אין אונדזער גייסטיקן לעבן — אין אונדזער קאַמף, וואָס מיר פירן פאַר קיום און פאַר אַ נייער וועלט־אָרדנונג.

איז מנחם איינער פון אונדזערע פּיאָנערן, וואָס האָבן, ניט געקוקט אויף וועלטלעכקייט, ניט אויפגעהערט אויפצונעמען דעם יידישן מענטשן און די יידישע ליטעראַטור מיט רעליגיעזן אויפציטער; מיטן זעלבן אויפציטער האָט מנחם געאַנט דעם קאָנפליקט, וואָס מיר האָבן מיט די פעלקער אַרום — און אין זיין קאָנקרעטן פאַל — מיטן פּוילישן פאָלק; און אויך אַזוי האָט ער אויפגענומען דעם פּרוי־און־ליבעמאָטיוו. דאָס זעען מיר אַרויס פון ערשטן בוך זיינעם „אַ רינג אין דער קייט": אין די „פּשוטע לידער", אין די פּאָעמעס „פּוילן", „תפילות" און אַנדערע זאַכן פון בוך.

ס'איז נאָך ניטאָ אין ערשטן בוך דער פולער באַוואוסטזיין פון זיינע כחות, וואָס מיר זעען אין זיינע לעצטע ווערק. מיר ווערן אָבער שטאַרק נתפעל, וואָס נאָך מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק האָט מנחם שוין געזען די נשמה־צעריסנקייט פונם היינטיקן יידן, און דערשפּירט די מאוימדיקע קעלט און איינזאַמקייט, אין וועלכע זיין נשמה וואַרפט זיך אום, און וואָס נאָך מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק, איידער

נאָך פוילן האָט פֿאַרזוכט דעם טעם פון מלוכה, ווען פוילן איז נאָך אַליין געווען אין יאָך פון גלות און פאַרשקלאַפֿונג, האָט מנחם אין זיין פּאָעמע „פוילן" אַזוי שאַרף שוין פאָראויסגעזען דעם טראַגישן קאָנ־פליקט, וואָס שפּילט זיך אָפּ היינט צווישן פּוילישן פאָלק און יידישן. דער קאָנפליקט צווישן פּאָליאַק און ייד האָט מנחמען, זעט אויס, קיינמאָל ניט געלאָזט רוען, און געטריבן אים ווידער אַמאָל אומצו־קערן זיך צו דער טעמע — פאַרטיפן דעם קאָנפליקט ביז גורל, ביז פאַרפאַלנקייט און טויט, ווי אין זיין שפּעטערדיקן דראַמאַטישן דיאַ־לאָג „דער גלגול".

אין בוך „רינג אין דער קייט" איז מנחם בלאָנדזשענדיקער וואַנ־דערער, נאָך ווייט פון ג י י ע ר. — דערפאַר איז ער אין אַ סך ער־טער פונם בוך פאַרנעבלט־אומבאַשטימט, און דאָס עכטע פון זיין געזאַנג פאַרלירט זיך אָפּט. לעבט מען זיך אָבער אַריין אין מנחמס וועלט און מען שאַרט אָפּ די שטערונגען — גיבן אַ לויכט שאַרפע אָנזאָגן, דורכ־נעמענדיקע ווערטער פון אמתן אויפלייזן זיך אין גאָט־געדאַנק און ליבע־עקסטאַז. מען דערזעט אויך שוין דאַמאָלסט מנחמס געזונטע נויגונג צום פאָלקס־טאָן און צום פאָלקס־מענטשן, צו דער ברייטער עפּישקייט און צו דער תהלימדיקער התרוממות. מען זעט שוין דאָרט די שפּורן פונם וואונדערלעכן, תמימותדיקן זאַוול רימער און אויך פון דעם קאָמפּליצירטן, צו אַ גרויסער פּערזענלעכקייט אויפגע־הויבענעם, נח פון מנחמס לעצטן גרויסן עפּאָס־ווערק — אָט דער נח, צו וועמען עס זענען געווען געווענדט אַלע טעג פון מנחמס לעבן, אַלע מנחמס זעאונגען און חלומות. —

עס נעמט דורך דאָס האַרץ ווען מיר לייענען אין מנחמס „תפילות", וואָס זענען געשריבן געוואָרן מיט דריי און אַ האַלב צענד־ליק יאָר צוריק אַזוינע שאַרפע שורות:

„ווי דער מוק אין דעם מאַרך פון דעם רשע
האָט דאָס שלעכטס פון דער ערד
אין מיין מאַרך זיך אַ נעסט אויסגעבויערט,
און עס בויערט צו שלעכטס.
אָבער מיינס איז דאָך דאָס.
אָבער מיינס — און פון דיר —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
טאַטע — פאָטער!

נידערסטו דאָך אַראָפּ יעדע נאַכט
אויף די חורבות פון אַלטן צעשמעטערטן הויז —
און דו וויינסט אויף זיין חורבן,
אַז דיין טרער זאָל אים אויפריכטונג ברענגען —
כ׳בין דאָך אויך גאָר באַשאַפן
פאַר אַ וואוינונג פאַר דיר —
פאַרוואָס קומסטו ניט, פאָטער ? — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און מיר ווערן אָנגעפילט מיט וואַרעמער טרייסטונג ווען מיר לייענען די לעצטע שורות פון די „תפילות״:

עפן אויף דיינע שטראָמען פון וואונדער. —
זאָלן קיינמאָל פאַרטריקנט ניט ווערן
דיינע קוואַלן פון סודות.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
איך זאָל דיין געבאָט אייביק פאָלגן.
זיין, ווי דו, איין און איינציק.
און דיך טראָגן אין האַרצן
איין און איינציק —
ביז איך וועל מיך באַפרייען און קומען צו דיר.

מיט דער אָנונג פון אמתער אמונה, שפירט מנחם דאָס אָנקומען פון דער פרוי אויף דעם וועג פון זיין לעבן. דאָס אָנקומען און דאָס אַריינרייסן זיך אין זיין לעבן — אָט ווי אַ כח, וואָס באַוועלטיקט און דערהויבט, און אָט ווי עפּעס, וואָס צעשטערט און צעפליקט. אָבער סיי די באַוועלטיקונג און סיי די צעשטערונג ווירקן דורך איינעם און דעם זעלבן געבאָט — דורך דעם געבאָט פון אַלמעכטיקן ווילן און אַלמעכטיקער בענקשאַפט.

מיד בין איך. שוואַך און פון הייליקייט שיכור —
קום צו מיר נענטער. נעם מיך אַרום — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
עס קומט שוין. עס קומט שוין. עס קומט שוין — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער ווילן און די בענקשאַפט דערגרייכן זייער העכסטע מדרגה

אין צוזאַמענגיסן זיך אין געזאַנג פון יצירה. דער אַקט פון לעבן ווערט אויפגענומען ווי יום־טוב, און עס צעטראָגט זיך די בשורה:

ער איז געקומען, געקומען, געקומען
לעבן אַרויסרופן, לעבן פון לעבן.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיטאַמאָל קומט אַן אַרונטערפאַל און אַ שפּירונג פון נאָגנדיקער זינד. אַרונטערפאַל און נאָגנדיקע זינד זענען זייער כאַראַקטעריסטישע מאָטיוון אין די מערסטע פון מנחמס ווערק. כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אַליין און כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע העלדן. דאָס לעבן קען ניט, לויט מנחמען, דערפירט ווערן צו דער אמתער הויך, וואו עס גייט ניט דורך די אומצאָליקע וועגן פון זינדיקייט. און דער מענטש מוז דורך אַ סך טעג און נעכט קאַרטשען זיך אין שפלות און אין באַוואוסטזיין פון זיין צעריסנקייט. די געפאַלנקייט און זינד־באַוואוסטזיין — זיי זענען ערשט דער סאַמע שטאָף פון וואַנען עס ווערט געבוירן די לויטערע דערהויבנקייט. אינם פייער פון זינד־באַוואוסטזיין גייט דורך זאַוול רימער, און אויך דער פאַסטוך דוד, און אויך נח. און דאָס דאָזיקע פייער איז די שטאַרקסטע קראַפט וואָס פירט אָן מיט זייער לעבן און פירט זיי צו געגאַרטער נחמה.

אין די פּאָעמעס „קניהענדיק" און „על חטא" זענען שוין גאַנץ שאַרף אָנגעצייכנט געוואָרן די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זינד־ און חרטה־באַוואוסטזיין, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין נחמה. און אינם ליכט פון דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין ווערט באַרעכטיקט וואָס מנחם דערלויבט זיך צו ריידן וועגן דער פרוי ווי וועגן גאָט.

ער שטייט מיט אויגן, ברייט געעפנט, איר אַנטקעגן —
און ווי אַ טרויעריקן וואונדער זעט ער זי.
די אויגן בלאַנדזשען איבער אירע ווייסע גלידער.
עס ציטערט אויף אַ ליפּ און ס׳בויגן זיך די קני. — —
די אַקסל — אויפגעדריקט. אין גאָרגל עפּעס שטיקט.
און מיטן קאָפּ און עלענבויגנס איינגעגראָבן
צום באָדן פאַלט ער וויינענדיק און ליגט. — —

און ליגנדיק אין צוזאַמענברוך און געוויין, קומט די אויפלויכטונג:

וואָס מערער זינד איך ברענג אויף מיינע אַקסל —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
וואָס טיפער כ׳פאַל פאַר דיר אין מידיקן באַגערן

אַלץ הייליקער ביסטו.

— —

אַזוי האָט גאָט, מיין גאָט, אין ליבע דיך באַשאַפֿן,
דו זאָלסט מיין היטערין און בייהעלפֿערין זיין

— —

ביז אַ געלייטערטער וועל איך דורך דיר געפֿינען
צו זיך אַליין אין הייליקייט די טיר. —

מיט דער זעלביקער תפֿילהדיקער אויפֿגעציטערטקייט האָט מנחם געשריבן זיין וויי־געשריי־פּאָעמע „פּוילן". דאָ איז דאָס וואָרט פֿעסטער און קלאָרער, און דער גאַנצער טאָן פֿון דער פּאָעמע איז היינט ניט ווייניקער פֿריש און אַקטועל ווי מיט פֿינף און דרייסיק יאָר צוריק.

מען קען ניט אויסמיידן פֿון ציטירן די רייד, וואָס עס רעדט אַ יידישער מענטש אַ צעווייטיקטער אין זיין פֿאַרליבטקייט אין אַ לאַנד, וועלכע וויל די פֿאַרליבטקייט זיינע גאָר ניט האָבן.

אין שנעלן לויף פֿון יוגנט־יאָרן זענען
צוזאַמען מיטן טוי פֿון יינגלשקייט, צערונען
די האָפֿענונגען און טרוימען, וואָס כ'האָב דאָ געשפּונען.
ווילד פֿרעמד אין דיינע גאַסן שפּרייז איך איצטער אום

— —

ערשט איצט, ווען מיט דער עלטער גלייך, האָט אויך דער דלות
אַריינגעקוקט אין דיינע שוין פֿאַרגרויטע שויבן,
ווען ס'איז, ווי פֿלעווע אויפֿן ווינט, פֿאַרפֿלויגן אַלעס
וואָס האָט אַמאָל דיין קאָפּ און בליק און טריט געהויבן,
ווען ד'האָסט אַליין געמוזט אַ טאָרבע אין די אָרעמס נעמען
און בעטלען גיין: ביי איינעם רעכט, ביי איינעם שוץ —
ערשט איצט האָסטו גענומען נישטערן ביי וועמען
עס זענען נאָך פֿאַרבליבן רעשטלעך פֿון דיין אַלטן גוטס,
און האָסט אַנטדעקט: מען האָט באַגנבעט דיך דורך יאָרן
אויף טלית קטנס, שייטלס און תכריכים־לייוונט.

— —

און ווי צעפּייניקט־גאַליק און געדעכטיק־שניידנדיק, אויך אין שייכות מיט די היינטיקע טעג אין פּוילן, עס קלינגען די ווערטער:

די פֿינגער פּריצישע שוין איינגעטונקט אין הערינג־פֿאַס,
דאָס זיידן־קלייד שוין איינגעריבט אין שענק ביים ביר,

די איידעלע האַנט צעראַצטביים ערדענעם געשיר —
און דאָך איז אַלץ געווענדעט נאָך דיין בליק צום טיר
אין שטומער האָפענונג — טאָמער וועט נאָך עמיצער פאַר דיר
באַווייזן זיך מיט חניפה־שמייכלען אַ געבויגענער אין דרייען — —

אָבער דער פּאָעט איז ניט פאַרסמט פון זיין צאָרן. ער האָט ליב די, אויף וועמען ער הויבט אויף זיין שטראָפנדיקן וואָרט. זינד און געפאַלנקייט זענען ניט נאָר דער נשמה־באַשטאַנד פון איינצלנע מענטשן, נאָר אויך פון גאַנצע פעלקער. און די פּאָעמע „פוילן" ענדיקט מגחם מיט יענער דערהויבנקייט, וואָס איז דער פולער תוך פון זיין לעצט גרויס ווערק „דער גייער" און וואָס די ערשטע שטראַלן פון דער דערהויבנקייט האָבן שוין גענומען דאַמאָלסט אַרויסלויכטן פון זיין געמיט.

און איך דאָס ציטעריקע אינגל, בלוט פון יענע,
וואָס האָבן איבער דורות שטיל באַ דיינע שוועלן
געצוואונגענע דעם רוקן איינגעבויגן, וועל אַליין
מיט אַ געבויגטן קאָפּ פאַר דיין פאַרצייאונג שטיין,
און ס'וועט דיין בליק פאַרגעסן מאַכן יענעם טאָג,
וואָס כ'האָב דאָ נישט דערזאָגט און וואָס איך זאָג.

דאָס לידער־בוך „זאַמד" איז אַ דירעקטער המשך פון „אַ רינג אין דער קייט". דער וואַנדערער וואָגלט דאָ אין זיין שווערן טראָט און לעבט אויס זיין פאַרלאָרנקייט און זיין אומעט ביזן סוף. דער וואָגלמאָטיוו איז שוין דאָ קלאָר און אָפן ביז גאָר. אַזוי ווי מנחם וואָלט געזאָגט צו זיך אַליין: אויב ס'איז מיר באַשערט אַ שטיק פון מיין לעבן פאַרברענגען אין ביטערן וואָגל, טאָ זאָל איך די ביטערקייט אויסטרינקען ביזן דעק. אַלע לידער און פּאָעמען פון בוך „זאַמד", אפילו די פּאָעמע וועגן מאָריס ראָזנפעלד און וועגן טעאָדאָר הערצל, זענען פאַקטיש איין זאַך, — איין ליד פון וואַנדערונג אָן אַ היים און אָן אַ גאָט. איין שטיק געשריי פון אין דער פרעמד. — עס איז טאַקע אמתער מדבר אַרום און אַרום. הייסער טרוקענער זאַמד, וואָס צעברענט די פיס און פילט אָן מיט טרוקנקייט און דאָרשט דעם גומען און די לונגען. עס איז יענער געיאָמער פון ליידיקייט, וואָס מנחם, דער תפילהדיקער, האָט דערהערט אַרום זיך פון אַלע זייטן פון דער וועלט. די וויסטעניש, וואָס וויל איינשלינגען יעדן לעבעדיקן אָטעם. ניטאָ פאַר וועמען צו קניען. ניטאָ צו וועמען תפילה צו טאָן. ניטאָ קיין איין וואַרעמער ווינקל, וואו צוצופאַלן מיטן מידן קאָפּ.

וואו איז אונדזער טאַטנס היים ?
— אין אַ קאַלטער גרוב אין ליים.
וואו איז אונדזער טאַטנס פאָלק ?
— מתים, די זענען זיין פאָלק.

האָט ער אָפּגעלעבט אַ וועלט
און קיין הויז ניט אויפגעשטעלט :
ווער עס רוט אין קאַלטן גרוב,
דאַרף נישט אויף דער ערד קיין שטוב.

עס נעמט שטייגן אין דעם פּאָעט די פאַרצווייפלונג, און די פאַר־צווייפלונג ווערט שוין דאָ דער כח, וואָס צווינגט אים צו ריידן אָן פאַרדעקונג וועגן דער פאַרלאָרנקייט פונם יידישן מענטשן. און פון ליד צו ליד גייט איבער דער זעלבער מאָטיוו ביז עקשנותדיקער ווי־דערהאָלונג. עס ווערט אַלץ מער און מער אונטערגעשטראָכן אין יעדן ליד דער נאַציאָנאַלער טרויער, ביז ער ווערט אינגאַנצן ווי איין גע־שריי פון דורות :

זיי קאָנען קומען דאָך — אַ דורות־לאַנגע קייט
פון קינד און עלטערן, פון טויט און לעבעדיק,
פון לאַנד וואו זון גייט אויף ביז לאַנד וואו זון פאַרגייט,
און קומען פאָדערן דאָס זייערע צוריק.
און אויב זיי קומען נישט — קום איך אַליין צו דיר —
אַ ברודער און אַ זון פון דיר און זיי, און מאָן :
וואו האָסטו אונדזער אַלעמענס ירושה אַהינגעטאָן ?

אָבער ווער וועט ענטפערן אויף דער דאָזיקער ביטערער פראַגע, אַז קיינער פון די, וואָס שלעפּן זיך איבערן זאַמד פון יידישן מדבר־לעבן, ווייס אַליין טאַקע שוין ניט וואו ער האָט אַהינגעטאָן אונדזער אַלעמענס ירושה :

דאָס איז דער גורל פון וואַנדערער בלוט.
פאַרטיק זיין יעדערן יעדע מינוט
אָפּגעבן אַלץ פונם קאָפּ ביז די שיך — —

דער וואַנדערער, כל זמן ער איז אין דער בחינה פון וואַנדערער און ניט מער, מוז ווערן מידער און מידער, און ס׳וועט אים ניט העלפן אפילו, אַז ער וועט צען מאָל בייטן זיין נאָמען פון הערשל אויף גענ־

ריך, און פון גענריך אויף הייבריך א. א. ו. — ער וועט ניט וויסן וואָס צו טאָן מיט זיך. און אַז ער וועט אַרויס פון געדולד וועט ער נעמען לאַכן ביטער און גאַליק:

אין האָטעלן לעבן זיי

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ריידן זיי אויף יעדער שפּראַך,
האַנדלען זיי מיט יעדער זאַך,
וואו אַ מאַרק און אַ געשריי —
אומעטום איז פול מיט זיי —

אָבער דאָס וועט אויף אַ האָר ניט מילדערן זיין פּיין און ניט אָפּפרישן זיין מידקייט, און דאָס האַרץ וועט ניט אויפהערן צו קלאָגן אין זיך דאָס יתום־געקלאָג:

ערגעץ אין גראַטעס פאַרצאַמט,
אונטער אַ בערגל פון זאַמד —
אונטער אַ זאַמדיקן שטיין
גליוועט מיין טאַטנס געביין —

דאָס הייסט ווידער און ווידער שלאָגן זיך אַליין איבערן קאָפּ: וואו האָסטו די ירושה אונדזערע אַהינ־געטאָן?

און אַז דער וואַנדערער וויל זיך טרייסטן מיטן חלום וועגן דעם דיכטער — זעט ער גאָר:

געבליבן אַליין איז דער דיכטער. —
וואוהין זאָל ער גיין, פון די אייגענע ברידער פאַרשטויסן
אָן שולד און אָן שוץ? — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דאָס, וואָס האָט נעכטן געפרייט און געזונגען,
דערציילט נאָר פון אייגענעם וויטאָק אַצינדער,
און שרעקיק באַגלייטן אין עלנטן וואַנדער
די אויגן פון בלייכע צעשראָקענע קינדער,
וואָס פילן די ערשטע דעם עלנד. — —

און אַז דער וואַנדערער וויל זיך טרייסטן מיטן חלום וועגן אַ גואל — דערזעט ער, אַז דער גואל איז גאָר אַ פרעמדער. און דער גואל — דער פרעמדער — אַז ער שטרעקט אַ אויס זיין האַנט

צום וואַנדערער — בלייבט ער גאָר אַליין מיטאַמאָל אַ דערציטערטער, אַן אומבאַהאָלפענער, און נעמט פרעגן:

וועד פירט מיך? — דער שטן, צי גאָט?

דער גואל אַליין ווייסט ניט ווער עס פירט אים. ווייל ער איז אַליין ניט מער ווי אַ וואַנדערער.

און דער גואל ווערט אַליין איינגעשלונגען אין די הייסע זאַמדן פון מדבר, ווייל „דאָס איז דער גורל פון וואַנדערער בלוט".

מנחם האָט די ביטערקייט פון אַזאַ צושטאַנד אויסגעטרונקען ביזן דעק. אויסגעטרונקען — און איז ניט געניזיקט געוואָרן. ער איז פון די דערפאַרונגען געשטאַרקט געוואָרן. אין דער טיף פון זיין נשמה האָט ער אין די שווערסטע שעהן פון עלנד געטראָגן דעם חלום וועגן דעם שטיל־אַקטיוון, מיט דער לעבעדיקער וועלט־אויסגעבונדענעם ג י י ע ר, דעם פאַרליבטן אין מענטשנס בענקשאַפט נאָך גוטע מעשים — דעם חלום וועגן דעם יידישן מענטשן, דעם היימישן, דעם נאָענטן, דעם אַרויסגעוואַקסענעם פון דער סאַמע טיפעניש פון פאָלק, וואָס קומט פון פאָלק און גייט אין פאָלק און ווערט אויפגעלייזט אין פאָלק. —

ביז דו האָסט מיך צו מענטשלעכער ליבע געפירט
און באַקערט צו אַ מענטשלעכן גאָט. —

צווישן „זאַוול רימער" און „גייער" האָט מנחם אָנגעשריבן אַ דיאַלאָג אין צוויי באַגעגענישן „דער גלגול" און אַ ביבלישע דראַמע „פאַסטעך דוד".ביידע ווערק ליגן אויפן גרענעץ פונם גייערס לאַנד. אָבער ניט דאָס געמיט און ניט די קלאָרקייט פון „גייער" זענען דאָ אין די צוויי זאַכן. און כאָטש הינטער זיי ליגן שוין קלאָר אָפּגעצייכנט זאַוול דעם רימערס טריט, און עס ציען זיך שטראַלן פון זאַוולס געשטאַלט, און די דאָזיקע געשטאַלט האָט געדאַרפט משפיע זיין אי אויף וויקטאָר בעקער דעם העלד פון „גלגול", אי אויף דעם „פאַסטעך דוד" — פון דעסטוועגן זעט מען כמעט ניט דיווירקונג פון זאַוול רימער אויף די דאָזיקע צוויי ווערק. אין „גייער", וואָס איז געשריבן אַ סך שפּעטער פון „גלגול" און „פאַסטעך", זעען מיר זייער קענטיק זאַוולס טריט און זאַוולס ליכט, און אין די דערמאָנטע צוויי ווערק — זעען מיר עס ניט.

עס קומט אויס אַזוי ווי מנחם וואָלט אַליין זיך אַנטקעגנגעשטעלט זאַוולען, און אויף אַ געוויסער צייט אָנגעשטרענגט זיך אַוועקצוטרייבן

פון זיך זאָוולס השפעה. עס קאָן זיין, אַז מנחם איז ניט געווען נאָך זיכער, צי דער זאָוולשער וועג איז אַ ריכטיקער וועג, און צי דער באַ־לאַדיש־עפּישער אופן פון באַאַרבעטן לעבנס־שטאָף, אויטאָביאָגראַפישע פּאַסירונגען, קינדהייט און יוגנט־חלומות וועט אים געבן גענוג קינסט־לערישע מעגלעכקייטן אַוועקשפּאַנען ווייטער מיטן גרויסן גייער־שליאַך.

איך האָב אַן איינדרוק, אַז ס׳איז אַזוי געווען. אַז אַ געוויסע צייט האָט מנחם געלעבט אין אַ שטימונג צו וועלן אַנטלויפן פון זאָוול רימער. און ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ נייע בענקעניש צוריקצוקערן זיך צום מדבר־וואָגל, אַזוי ווי מנחם וואָלט זיך אַליין דערשראָקן פאַרן קאָנקרעטן לעבן, וואָס ער האָט אַזוי גוט און ליבשאַפט־פול אויפגע־דעקט אין זאָוול רימער, און אַזוי ווי ס׳וואָלט אַ געשריי געטאָן אין אים אַליין די אימהדיקע שטימע פון גלגול.

„דער גלגול״, אַ דראַמע אין צוויי דיאַלאָגן, איז אַ ווערק פול מיט טונקלקייט. נשמה־אַנגסטן, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ קאָשמאַר. דער קאַמף צווישן ייד און ניט־ייד — צווישן דעם ייד בעקער און דעם פּאָליאַק מירסקי — ווערט דערפירט צו מוראדיקן אומגליק, צו אַ פינצטערער אומפאַרמיידלעכקייט. אַן אומפאַרמיידלעכקייט, פון וועל־כער קיינער קאָן זיך ניט אַרויסראַטעווען.

מנחמען איז געלונגען נאָר די ערשטע טייל פון דער דראַמע — דעם ערשטן דיאַלאָג—אַרויסצוברענגען מער־ווייניקער קלאָר. דער צווייטער דיאַלאָג — אַגב דער לענגערער און דער וואָס האָט באַדאַרפט דעם גאַנצן קאָנפליקט פון די צוויי העלדן פונאַנדערוויקלען און פאַר־שטענדלעך מאַכן פאַר אונדז — איז, ליידער, פאַרפלאָנטערט געוואָרן אינם שטאָף פון זיך אַליין. און אַז מיר לייענען עס איבער ביזן סוף, האָבן מיר אַן איינדרוק פון אַ שווערער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּ־געשפּילט צווישן בעקערן און מירסקין. אָבער אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט די טראַגעדיע — קאָנען מיר קלאָר ניט זאָגן.

עס איז, ווי מנחם וואָלט אונדז אַלעמען געצוואונגען אַריינקוקן אין אַ שטאָק־פינצטערן ברונעם. ס׳איז אַזוי פינצטער, אַז מיר זעען ניט קיין סימן פון אַן אָפּשפּיגלונג פון אונדזער פּנים. מיר ווייסן דאָך אָבער פאַרט, אַז ווען מען קוקט אַריין אין אַ וואַסער, דאַרף מען זען אַן אָפּשפּיגלונג. קוקן מיר און קוקן — און שרעק און מורא וואַקסן

אין אונדז. וואו־זשע איז פאַרט אַהינגעקומען אונדזער פּנים אין שפּיגל פונם וואַסער? — אונדזער פּנים איז אַראָפּגעזונקען צום דעק. אַראָפּגעזונקען און געבליבן דאָרט ליגן ווי אַ פינצטערער שטיין.

מנחם דערקלערט אין זיין פאָררעדע צום „גלגול" די מאָטיוון, וואָס האָבן אים באַוואויגן צו שרייבן אַזאַ פיינלעך ווערק. דער קאָנפליקט צווישן ייִד און ניט־ייִד מאַטערט אים אַ גאַנץ לעבן. האָט זיך אים געוואָלט איין מאָל פאַר אַלעמאָל גֶעבן דעם עסענץ פון דעם קאָנפליקט.

....„בין איך צוריקגעגאַנגען צו מיינע ערשטע געראַנגלען מיטן טאַטן, וואָס איך האָב געקענט, און מיטן זיידן, ווענען איך האָב געירשנט ניט קענענדיק, און האָב דערזען, אַז דורך מיין גאַנצן באַוואוסטזיניקן לעבן טראָג איך אין זיך אַ ירושה, וועלכער איך קען זיך ניט אונטערגעבן און וועלכע איך קען ניט בייקומען. ביי מיין חבר, אויף וויפיל ער איז פון מיר ניט אָנגעשטעקט, איז קיין סכסוך מיט דער ירושה ניטאָ: דערגרייכונגען ווערן אויסגעקעמפט דורך אָנגריף. איך אָבער לעב אין אייביקן סכסוך מיט דער ירושה: צייט און וועלט פאַרלאַנגען פון מיר אָנגריף, און אַליין ציט עס מיך צו אונטערגעבן זיך. מרידה און הכנעה ראַנגלען זיך אין מיר. און די מרידה האָט נישט אויף וואָס אָנצושפּאַרן זיך, און די הכנעה האָט נישט פאַר וועמען צו פאַלן" —

הייסט עס, אַז בעקער איז מנחם אַליין. און מנחם האָט געוואָלט אין דעם ווערק צוגיין צו זיך אַליין מיט דער גרעסטער אכזריות און פאַרמשפּטונג. צושטעלן זיך אַליין צום ווענטל פון דער געשיכטע. מנחם רעדט דאָ אָפן וועגן זיך אַליין דורך די ליפּן פון בעקערן.

מיט אַזאַ טאָן פון אייגענער פאַרמשפּטונג, מיט אַזאַ ערלעכקייט, האָט זעלטן ווער ביי אונדז גערעדט.

אָבער נאָר דען זיך וויל דאָ מנחם־בעקער פאַרמשפּטן? דער אורטייל ווערט אַרויסגעטראָגן קעגן דעם ייִדישן מענטשן בכלל. אַ מרידה קעגן דעם גאַנצן ייִדישן איינשטעל. ייִד און ניט־ייִד האָבן זיך, ווי מנחם פילט, אַריינגעגעסן איינע אין די אַנדערע מיט זייערע נאַציאָנאַלע ירושות. ער וואָלט געוואָלט, מנחם, לייזן דעם ביטערן קאָנפליקט פון ירושות אָן בלוט־פאַרגיסונג. דורך אַלע שווערע פּלאָגענישן קומען צו אַן אמתן ברודערשן בונד. אַנשטאָט איינע אין די אַנדערע אַריינעסן זיך מיט ציין און נעגל — איינע די אַנדערע טיף אָנערקענען. אָבער די געהאָפטע אָנערקענונג קומט ניט. עמיצער מוז מאַרטירעריש אומקומען. כדי איינער זאָל בלייבן דאָס, וואָס ער וויל זיין, מוז דער צווייטער אומברענגען זיך אַליין. וואו־זשע בלייבט לעבן

און הערשן? — דער, וואָס קעמפּט אויס דערגרייכונגען דורך אָנ־גריף. און בעקער, דער ניט־אָנגרייפער, דער אַנטי־פּויסט־מענטש, דער אַנטי־שווערד־מענטש, ברענגט אום זיך אַליין. —

בעקער זאָגט צו זיין פּוילישן פריינד, דעם שפּעטערדיקן אָפיצער פון דער פּוילישער אַרמיי, מיט וועמען ער פאַרברענגט איצט אונטערן דאַך פון איין צאַרישער קאַזאַרמע:

— — — — — אויף די וואָגלונגען
דורך היימיש בלוט און ערד ועסטו דערפילן
וואָס מיינט דער אמת. יאָ, איך בין מקנא.
ווייל ביז איך וועל דערזען מיין אייגן ליכט,
איז נאָך אַזאַ מהלך, אַזאַ ווייטעניש...

און נאָך:

דו ביסט אַנדערש. דו —
אויב ס'לעבט אין דיר אַ גלגול פון דיין ייִדן,
איז ניט קיין חלוק צווישן אייך. ביי ביידן אייך —
איין מיטל בלויז: מלחמה. ער — פאַר פאָטערלאַנד
און פאָלק, און דו — פאַר וועלט. און קענסטו וועלט
און פאָטערלאַנד צונויפבינדן, איז אַלצדינג קלאָר.
ביי מיר אָבער דער גלגול בענקט נאָך שלום, —
און איך דאַרף צו מלחמה גיין — — —

בעקער שפּירט אין זיך דעם טיפן ריס, און אַנט, אַז עפּעס זייער אומהיימלעכעס וועט מיט אים שפּעטער פּאַרקומען. און ווען ער זעגנט זיך נאָך דער ערשטער באַגעגעניש מיט זיין פריינד מירסקי, פילט ער, אַז עפּעס גורלדיקעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים, און וועט אים שוין נאָכגיין ביזן סוף פון זיינע טעג. און ער זאָגט מיט טרויער און טונקעלער האָפענונג:

און אפשר וועלן מיר זיך ווידעראַמאָל טרעפן,
און ביידע — איינס פון אַנדערן געפּירטע — זען,
וואו האָבן מיר זיך איינס דאָס אַנדערע דערפירט. —

נו, האָבן זיי זיך טאַקע ווידעראַמאָל געטראָפן. מיט יאָרן שפּעטער. אין סאַמע ברען פון מלחמה און רעוואָלוציע און — ווי דאָס האָרץ האָט געזאָגט בעקערן — איינס דאָס אַנדערע דערפירט טאַקע צו ערגעץ — צו טויט. צו הינריכטונג, צו זעלבסטמאָרד. ניט ביידע

אָבער זענען אומגעקומען. איינער נאָר. און דער איינער איז געווען, פאַרשטייט זיך, ניט מירסקי דער פוילישער אָפּיצער, נאָר בעקער — דער ניט אָפּיצערישער ייד. — —

דער פוילישער אָפּיצער איז געשטאַנען אויף די קני אַריבער דעם אומגעקומענעם בעקערן, דעם יידישן פריינד זיינעם, זיך גע־שאָקלט שטום איבערן קערפּער, געהאַלטן בעקערס האַנט, און געפילט ווי פון בעקערס האַנט וואָלט איבערגיין צו אים אַ ירושה פון לאַנגע דורות. —

* * *

נאָך „זאַוול רימער" איז זייער שווער בכלל אריינצולעבן זיך אין בעקערן פון „גלגול". און ווען עס וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זאַוולען מיט אַזאַ טיפּ ווי בעקער, וואָלט זאַוול, שטעל איך זיך פאָר, אָנגעקוקט בעקערן מיט פאַרחידושטע, גוט ברודערשע אויגן, וואָלט אים אָנגעכאַפּט ביים האַנט און וואָלט אים אַריינגענו־מען אין זיין קאַמער, אַריינגעלייגט אים אין אַ בעט, ווי מען לייגט אַריין אַ חולה, און וואָלט געוואַכט איבער אים אויף זיין שטומען אָבער ערלעכן אופן, ביז דער קראַנקער קאַשמאַר וואָלט זיך אויפגעלייזט און וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ליכטיקער זעאונג.

אָבער מנחם, ווי שוין געזאָגט פריער, איז, ווייזט אויס, ניט גע־ווען נאָך ביי זיך אינגאַנצן זיכער צי זאַוול קאָן טאַקע זיין אַ מוסטער־געשטאַלט, און ווער רעדט נאָך — זיך אַליין אידענטיפיצירן מיט זאַוולען.

מנחם האָט טאַקע ליב געהאַט זאַוולען, אָבער — געהאַלטן זיך פון אים אַביסל פון דערווייטנס. אויף אַ היבשער מחיצה. ס'איז נאָך אַלץ ניט געווען ד י געשטאַלט, נאָך וועלכער מנחם האָט געבענקט אַ גאַנץ לעבן. צו פרימיטיוו, צו תמעוואַטע איז זאַוול, אַז דער דיכטער אַליין זאָל קאָנען זען אין אים זיין אייגענעם פולן איך. דערפאַר, טראַכט איך, האָט מנחם נאָך „זאַוול רימער" אַ וואָרף געטאָן זיך מיט זיין גאַנצן הונגער נאָך קאָמפּליצירטן טראַגיזם פון אַ בעקער און פון פאַסטעך דוד.

אויסגעקומען איז אָבער, אַז מנחם האָט זיין הונגער נאָך קאָמ־פּליצירטקייט ניט געשטילט ניט אין „גלגול" און ניט אין „פאַס־טעך דוד".

דוד, דער געזאַלבטער מלך פון יהודה, אָבער אין דער טיף פון

זיין האַרצן אַ פאַרבליבענער פּאַסטעך־מענטש, האָט אין זיך צייטנווייז, אי געוויסע תמעוואָטע שטריכן פון אַ זאַוול, אי געוויסע גרויס־מענטש־שטריכן פון אַ נח. אָבער ניטאָ קיין האַרמאָניע צווישן די שטריכן. פּאַסטעך און מלך — ביידע פאַרצערן איינע די אַנדערע. דעם פּאַסטעך איז שווער בייצושטיין דעם מלכות־נסיון. ער צעקריפּלט זיין ערדישע פּשטות און פאַרלירט זיין נאַטירלעכקייט. און דער מלך ווערט צע־רודערט אין אונמעכטיקער פרומקייט, אין שוואַכקייט צו באַזיגן זיינע אויפגערייצטע תאוות, און קאָן ניט קומען צו קיין אמתן תקון אין זיך אַליין.

ער קלאָגט זיך פאַר גאָט:

אַ קללה בין איך פאַר זיך און דיין פאָלק,
און קיין פרידן פאַר זיי האָסטו מיר ניט געגעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ פירער שיק זיי, וואָס זאָל זיי ווי קינדער פירן,
און די רוט פון פאָטער זאָל נישט זיין שווער איבער זיי,
און מיר גיב די רו אונטער מיין אָרעמען דאַך.

און דער מלך, וואָס פילט זיך ווי אַ פאַרשאָלטענער, אַ צעריסע־נער, ווי איינער, וואָס איז ניט אויף זיין ריכטיקן פּלאַץ, בענקט נאָך זיין אַמאָליקער פּראָסטער, דאָרפישער גאַנצקייט. און ער שפּילט אין פאַרחלומטקייט אויף זיין פידל:

איבער די בערג און איבער די טאָלן.
אַרום דעם היימישן דאָרף בית לחם,
גייט מיט די סטאַדעס דער פּאַסטעך דוד.
זיין שטול איז אַ שטיין אויפן רוקן באַרג,
זיין שווערד אין האַנט איז אַ פּאַסטעך־שטעקן,
און זיין חיל — די סטאַדע שאָף. —

דאָס איז אָבער שוין ניט מער ווי אַ חלום פאַר דעם אין ספקות־און־מאַכטגלוסטעניש־פאַרקראַכענעם מלך. ער וועט שוין צו דער פּראָס־טער סטאַדע שאָף ניט צוריקקערן זיך. ער איז אין זיין גאַנצן וועזן אַ געפאַלענער ביי זיך. געפאַלענער אפילו פון אַ זאַוול. און האָט ניט אפילו איבער זיך די שליטה, וואָס עס האָט אַ זאַוול.

„נישטאָ קיין אומקער פאַר מיר. נישטאָ קיין דערלייזונג", אַזוי זאָגט דוד אין פאַרצווייפלונג, און שרייט אויס נאָך פאַרצווייפלטער:

ה. ליוויק

יעדע שעה ביזן לעצטן אָטעם,
וואַרטן אויף דער קללה און גאַרן רו, רו, רו. — —
אַז ווי איז מיר אויף מײַנע פאַרבליבענע טעג!
ווי אויף דעם בלוט, וואָס קומט מיר אַנטקעגן!

דער מלך דוד האָט קיין רו ניט געפונען שוין. און אויך מנחם האָט אין דודן קיין רו ניט געפונען. און ניט געקאָנט געפינען. ווײַל טיף אין זיך האָט מנחם, אין דער אמתן, געבענקט נאָך זאַוול רימערס ערלעכער גאַנצקייט, און ס'האָט אים, מנחמען, ווײ־געטאָן, וואָס ער האָט געקוקט אויף זאַוולען אַ ביסל פון אויבן אַראָפּ. און ס'איז געווען אַזוי, ווי זאַוול רימער וואָלט גערופן צו מנחמען: פאַרלאָז מיך ניט. פיר מיך ווייטער. עפן פאַר מיר די וועלט, די גרויסע יידישע וועלט — די פײַנלעכע, די פאַרבלוטיקטע, אָבער די ליכטיק־געדערכטע. די אָנגעפילטע מיט וויסן און מיט חכמה און מיט רחמים. נעם צו פון מיין וועג דעם בעקער־קאַשמאַר און די דודשע עגאָצענטרישע תאווה. שאַף מיך נאָכאַמאָל איבער. איך טראָג אַ געזאַנג אין זיך, אָבער איך האָב ניט דאָס ריכטיקע וואָרט פאַר מיין געזאַנג. גיב מיר דאָס ריכטיקע וואָרט — — — ווײַל איך זע דאָך: אין ווייטאָק און שפלות פּײַניקט זיך דעם מענטשנס האַרץ, דעם מענטשנס גוף — דאָס גאַנצע לעבן זיינס. און איך זע דאָך קלאָר ווי דעם מענטשנס גוף צאַפּלט זיך מיט אַזאַ ציטערניש אין זיינע מינדסטע אברים. איז דאָך יעדע צאַפּלעניש הייליק. איך זע דאָך. טאָ לערן מיך ווי צו האַלטן אויף אַלעמאָל הייליק דעם מענטשנס לעבן.

און מנחם האָט זאַוולס רוף פאַרנומען.

* * *

סיי וועגן „זאַוול רימער" און סיי וועגן די פיר קאַפּיטלען פון דעם ווערק „דער גייער", וואָס זענען געדרוקט געווען אין די „זאַמלביכער" און „צוקונפט", וואָלט מען געקענט און באַדאַרפט אָנשרייבן גרויסע אַרבעטן ווי זיי פאַרדינען עס, און עס וועלן געוויס נאָך געשריבן ווערן די אַרבעטן, ווען דער עפּאָס „דער גייער" וועט ווערן פאַרענדיקט און פאַרעפנטלעכט ווי אַ גאַנץ ווערק.

וואָס איז שייך מײַנע איצטיקע נאָטיצן פרעטענדיר איך ניט אויף פולער אויסשעפּנדיקער אָפּשאַצונג פון די צוויי פונדאַמענטאַלע ווערק מנחמס. מיר איז מער געגאַנגען אין דעם צו נאָטירן געוויסע שטריכן

פון מנחמס ק ו מ ע ן צו זיינע צוויי פונדאַמענטאַלע ווערק. מיר דוכט זיך, אַז דאָס ק ו מ ע ן צו די ווערק האָט מען ניט געגוג אָפּגעשאַצט ביז היינט, און געוויסע וויכטיקע שטריכן פון מנחמס גאַנג האָט מען אפילו פאַרזען.

„זאַוול רימער" און „דער גייער" זענען, ווי מיר דוכט זיך, ווערק פון איין ליניע, כאָטש „דער גייער" איז אַזוי ווייט אַוועק פון „זאַוול רימער" סיי מיט זיין קאָמפּליצירטקייט און סיי מיט זיין גוואַלדיקן פאַר־נעם. אָבער ביידע ווערק שטאַמען פון איין מקור: פון דעם פאָלקס טיפעניש און פאָלקס דערקענטעניש, און ביידע ווערק ווערן באַלויכטן מיט אמונה־ליכט פון פאַרגאַנגענע טעג און שטראַלן פון זיך אָפּ נאָך שטאַרקערן ליכט צו באַשיינען די צוקונפטיקע טעג פון אונדזער לעבן. ווען איך זאָג אמונה — מיין איך א מ ו נ ה א י ן ל ע ב ן, אין פשוטן האַרץ פון מענטשן, וואָס באַהעפטנדיק זיך מיטן גורל פון פאָלק און זיינע קולטור־אוצרות, ווערט דער פשוטסטער דערהויבן צו גבורה־דיקע מעשים. אין ביידע ווערק ווערט מיט אַן אייגנאַרטיק ליכט באַ־לויכטן די עצם פראַגע פון ג ר ו י ס ע מעשים. און מנחם בויט אויף פאַר אונדזערע אויגן אַזוינע סיטואַציעס, וואו פון פאַרזעענע, ניט וויכטיקע געשעענישן און איבערלעבונגען ווערט געבאָרן העל־דישקייט.

דער אמתער העלד איז, פון איין זייט, דער זאַוולשער פאַרשעמ־טער און שטאַמלדיקער מענטש, און פון דער צווייטער זייט — דער נח'שער, דער אויפגעלויטערטער אין לעבעדיקער יידישער חכמה און תורה, אָבער אויך ווי זאַוול, דער שטילער און באַשיידענער. —

דער זאַוולשער מענטש טראָגט זיך אַרום מיט אַזוי פיל בענק־שאַפט נאָך אַ ניי לעבן, מיט אַזוי פיל זעלבסטווירדע אין זיין באַצי־אונג צו די מענטשן פון ניט זיין שטאַנד, צו די אַזוי־גערופענע העכע־רע פון אים, צו וועמען ער ציט זיך אָבער צוליב וועלכע ער וועט ניט פאַרראַטן זיין סביבה און זיין טראַגישן וועג. ער וועט ניט אָפּגעבן פאַרן פרייז פון כלומרשטן ראַטעווען זיך אין עפּעס אַ בעסערקייט און אַ באַקוועמלעכקייט זיין—זאַוולס—וועלט פון ליידן און העלזעערישע חלומות. ער וועט ניט מקריב זיין אויך די פון זיין אייגענער סביבה, וואָס פאַרשטייען אים ניט און וואָס זענען א סך נידעריקער פון אים; ער וועט זיי ניט אַוועקוואַרפן. ער וועט בעסער אויסקלייבן דעם העכערן וועג: ער וועט זיך זיי אַוועקגעבן, ער וועט זיך אויפלייזן אין זייער אַלעמענס פיין, און וועט אפילו באַזיגן זיין ווידערווילן, וואָס ער האָט

צו זיין אייגן ווייב, וועלכע איז אויף אים אַרויפגעצוואונגען געוואָרן און וועלכע האָט מיט אים גייסטיק קיין שום שייכות ניט. ער דערפילט אָבער איר גרויסן צער, דאָס געוויין פון דעם רויען און יאָמערדיקן לייב, און דורכגייענדיק גהינומדיקע יסורים פון זינד־געפיל און חרטה, דערפילט זאַוול דעם טיפן צובונד, וואָס ער האָט צו אָט דעם יאָמערנדיקן לייב, — צובונד און אַחריות, וואָס ווערן דערהויבן צו ליבשאַפט.

„עס האָבן קיין קלעזמאָרים ניט געשפּילט אויף זאַוולס חתונה,
ס'האָט קיינער ניט געטאַנצט — — —

מיט דער גאַנצער שווערקייט און פּיין האָט זיך דאָס לעבן אַרויפגעלייגט אויף זאַוולס אַקסלען. און ווען עס זענען אָנגעקומען די בהלהטעג פון מלחמה און פּאָגראָמען, און אַוועקגעריסן זאַוולען פון זיין היימישער סביבה, איז די שווערקייט נאָך גרעסער געוואָרן. אָבער זאַוול איז ניט נאָר ניט פאַרלאָרן געוואָרן, נאָר פאַרקערט, געפונען זיך, אויפגעגאַנגען אין דעם ליכט פון פאָלקס העכערע כחות.

שטייט זאַוול און ער קוקט אויף אַלע טויזנטער,
וואָס ליגן אָנגעוואָרפן דאָ און קיינער ווייסט נישט
וואוהין ער גייט און וואָס וועט מאָרגן זיין מיט אים.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
פון פלוצימדיקן ריס אין האַרצן און דער פּריקרער שווערקייט
פון אַלעמענס געוויין הויבט זיך אָן אַרויסשיילן
די לאַנג דערוואַרטע אויסלייזונג און ס'ווערט אים לייכט. — —

און דורכמאַכנדיק אַלע גלגולים, אָנליידנדיק זיך סיי פון די אייגענע אומגעלומפּערטקייטן און פינצטערנישן און סיי פון די קלעפּ, וואָס די אַרומיקע וועלט האָגלט איבער אים, קומט ער צו דער גרויסער מדרגה פון פרייד, וואָס דער שעמעוודיקער דיכטער אין אים זינגט אויף:

עס הענגט קיין זינד נישט איבער אים. עס קומט קיין שטראָף ניט.
עס איז שוין אים באַשערט געווען אַ גרויסע פרייד.
ער איז געקומען און זיך אָנגעטרונקען מיט דעם פרייד — — —

פון זאַוול רימער צו נחן פון „דער גייער" ציט זיך אַ העלע ליניע — אַ ליניע צו אַ גוואַלדיקן באַרג אַרויף. און עס וועט געוויס ניט זיין קיין אומכבוד פאַר דעם אמתן גייער איבער דער גרויסער וועלט — פאַר נחן — דאָס וואָס איך זע זאַוולס אָפּשיין איבער זיין קאָפּ.

דער אָפּשיין שטראַלט אַרויס פון דער עפּישקייט. אין דעם „גייער" נעמט עס אַן אַ שוואונג פון גרויסע לייוונטן. דורות און לענדער. מענטשן־קאָנפליקטן און קולטור־קאָנפליקטן. אַלטע און נייע יידישקייט־פילאָסאָפיע. מלחמה און רעוואָלוציע, און נאָך און נאָך.

קלענסטע זאַכן און האַנדלונגען פון מענטשן ווערן אַרומגערינגלט מיט אַ יום־טובדיקייט, וואָס טוט זיך קיינמאָל ניט אָפּ. די יום־טוב־דיקייט ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט דורך דעם מעטאָד פון אַריינברענ־גען אינם גאַנג פונם סיפור לידער און תפילות. די לידער און תפילות רייסן ניט איבער ווילקירלעך דעם סיפור, נאָר זיי שטראָמען אַרויס פון די געשעענישן און זיי ווערן אָרגאַנישע באַשטאַנד טיילן פונם ווערק. די לידער און פּאָעמעס, וואָס קומען אַריין אין „גייער" זענען געזאַנ־גען, וואָס דאָס ווערק אַליין געבוירט. און אַזוי איז אויך מיט יענע ערטער פונם ווערק, וואָס זענען גענומען פון אונדזער ספרים־ליטע־ראַטור, פון קבלה און פאָלקס־מעשה און זענען איבערגעפלאַנצט גע־וואָרן. זיי זענען געראָטן איבערגעפלאַנצט געוואָרן און זיי האָבן זיך צוגענומען. זיי זענען דורכגעגאַנגען דורך מנחמס געמיט און זיי זענען געוואָרן אויסשטראַלונגען פון זיין אייגענעם לעבן.

מנחם האָט אין „גייער" פונאַנדערגעוויקלט אַלע זיינע שעפערישע כחות, צו תיקון געבראַכט די דערפאַרונגען פון זיין קינדהייט און פון זיינע רייפע יאָרן. אויסדויער, התמדה, אַרבעט איבער זיך און פאַר־טיפונג אין די קוואַלן פון אונדזער דורותדיקער קולטור זענען אים צו הילף געקומען. דאָס שטימט מיט דער טראַדיציע פון די בעסטע פאַרשטייער פון אונדזער אַלטער און פון אונדזער נייער ליטעראַטור — מיט דער טראַדיציע צו שאַפן גרויסע ווערק, וואָס זאָלן זיין ענג פאַרבונדן מיטן פאָלקס־גורל, און זאָלן זיין סיי אַ לערנונג און אַ וועג־ווייזונג, סיי אַ טרייסט.

איך וויל ענדיקן מיינע נאָטיצן מיט די ווערטער פון די תניא־געזאַנגען, וואָס דער גייער און מנחם אַליין זינגען פייערלעך אויס: —

ווער עס זעט אין זיך אַ פּונק, וואָס איז געליען
פון אייביקייט און בענקט צוריק צום קוואַל —
דער וועט דערזען דאָס גליען
פון פּונק אין י ע ד ן מענטש, און וועט צעשטראַלן
פון פרייד אַנטקעגן גרויס און קליין,
ווי איינער פרייט זיך מיט אַ ברודער אַ געקומענעם
פון ווייטער היים. —

נ. מייזיל

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

1

איך קען קאַדיע מאָלאָדאָווסקי שוין אַ מעשה פון אַ צוואַנציק יאָר. איך האָב זי צוערשט געזען אין קיעוו, — זי איז דאָן פון ערגעץ געקומען און דערנאָך אין ערגעץ אַוועק. איך האָב זי דערנאָך געזען אין וואַרשע, און אָט איצט זענען מיר מיט איר אין ניו יאָרק. פאַר מיינע אויגן האָט זי געמאַכט אירע ערשטע נישט־זיכערע ליטעראַרישע טריט אין דעם קיעווער זאַמלבוך „אייגנס", וואָס מיר, — דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, דאָברושין און איך, — האָבן דאָן אַרויסגעגעבן. עס איז געווען אין 1918 — 1919.

שפּעטער, יאָרן און יאָרן נאָך דער ערשטער קורצער באַגעגעניש, איז אַזוי אויסגעקומען, אַז דאָס רוב אירע לידער האָט זי פּאַרעפנטלעכט אין די אויסגאַבן, וואו איך האָב געהאַט אַ נעענטערע שייכות. במשך פון דער גאַנצער צייט האָבן מיר געפירט געמיינזאַמע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעטיקייט.

איז, דוכט זיך, פאַר מיר אַנטפּלעקט גאָר דער גאַנג פון דער־אָ יידישער דיכטערין, וואָס האָט פאַר די לעצטע צוועלף יאָר אַרויסגעגעבן אירע לידער־זאַמלונגען „חשוונדיקע נעכט" (1927), „דזשיקע גאַס" (1933), „פריידקע" (1935), „אין לאַנד פון מיין געביין" (1937), אויסער אירע זאַמלונגען פון די קינדער־מעשהלעך און קינדער־לידער און איר קינדער־דראַמע „אַלע פענצטער צו דער זון".

און דאָך, און דאָך איז גאָרנישט אַזוי גרינג און פּשוט צו כאַראַקטעריזירן קאַדיע מאָלאָדאָווסקי און געבן אַ גאַנץ בילד פון איר דיכטערישן גאַנג, דיכטערישן וועג.

„דיכטערישער גאַנג" און „דיכטערישער וועג" האָבן זיך נישט גלאַט אַזוי אַרויסגעכאַפּט צוליב מליצה־וועגן. שפּאַן, גאַנג, טריט, וועג — דאָס זענען עיקר־עלעמענטן, שטיקער תוך אין איר לעבן און איר שאַפן. אין איינעם פון אירע לידער, אין די „חשוונדיקע נעכט" זאָגט זי וועגן זיך: „איך בין אַ וואַנדער־מיידל" און „ווי רעגנס אַנגעלאָדן העגנגען שטענדיק אין דער לופט און פאַלן אומגעריכט אַ שפּע אויף

דער ערד, אַזוי איז פאַר מיר יעדע נייע שטאָט, אַזוי איז פאַר מיר יעדעס ניי אָרט״.

זי רוט נישט אויף איין אָרט, רוט נישט אויך, ווען זי לעבט אין א י י ן שטאָט. זי איז די סאַמע אומרואיקסטע צווישן די יידישע דיכטער.

זינט איך קען זי, איז זי אַ באַוואוסטזיניקער מענטש, מיט קלאָר־אויסגעשפּראָכענע אידעען, מיט פעסטע סימפּאַטיעס, טיפער ליבע און מיטגעפיל צו די „דערנידעריקטע און באַליידיקטע״ אין לעבן, און נאָך קלאָרער איז ביי איר די אַנטיפּאַטיע צו אומרעכט, צו סאָציאַלן אומרעכט, וואָס זי האָט זיך אָנגעזען אַלע אירע יאָרן אין שטעט און גאַסן, וואו איר „געביין״ האָט זיך אַהינגעטאָן. אָבער אין אירע לידער, אין דעם רוב לידער — מיטן אויסנאַם פון איייניקע אין „דזשיקע גאַס״ און אין „פריידקע״ — געפינען מיר נישט קיין דירעקטע, אוממיטלבאַרע איינדרוקן און אָפּקלאַנגען פון דעם געזעענעם און געהערטן און געפילטן. איידער זי טיילט זיך מיט די איינדרוקן, מוז זי עס אַליין אָפריער גוט אַדורכפילן, אַדורכליידן, און ערשט דערנאָך קומט עס ביי איר צום אויסדרוק. עס ווערט געגעבן ביי איר די פאַסירונג, די געשעעניש אַ רעכט־ביסל סוביעקטיוויזירט, אַ רעכט ביסל אַדורכגעפלאָכטן מיט אייגענע זאָרגן און פּלאָגן. די געשעענישן גייען לכתחילה אַדורך דורך איר פּריזמע, איידער זי קליידט זיי אָן אין דיכטערישע „פאָרמען״. דער שאַפונגס־פּראָצעס ביי איר איז: פון רשות־הרבים אין איר רשות־היחיד, כדי צו זיין ראוי צו קומען דורכן רשות־היחיד צום רשות־הרבים. אַזוי איז דער שטייגער ביי קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אַזוי איז איר כאַראַקטער אין שאַפן. אפשר פאַרלירן די געשעענישן און פאַסירונגען דורך דעם די שאַרפקייט, זייער רעאַליטעט, זייער אַקטועלקייט, אָבער דערפאַר געווינען זיי, וואָס זיי קומען אַרויס פאַרטיפט, באַלויכטן מיט דעם דיכטערישן שיין און אָנגעזאַפּט מיט דעם דיכטערס געמיט.

קאַדיע מאלאדאווסקי איז געקומען אין דער דיכטונג מיט שווערע דאגות און שטענדיקע חשבונות. זי איז מיט זיך קיינמאָל נישט פאַרטיק און אַוודאי איז זי ניט פאַרטיק מיט דער וועלט און מיט דעם סדר־העולם. און זי האָט חשבונות ניט בלויז אייגענע, נאָר אויך חשבונות פאַר דורות אָפריער. עס שטימט נישט אין אָט די חשבונות און זי האַלט דעריבער אין איין מאָנען ביי זיך און ביי וועלט.

איר ערשט לידער־בוך „חשוונדיקע נעכט” הויבט זי אָן מיט די־אָ עטלעכע שורות:

„אין חשוונד־קע נעכט
קומען דאגות אָן ווי מידע פערד
מיט שווערע קעפּ
און שלעפּן זיך הינטער די פענצטער פון די הייזער”.

און אָט אַזוי באַגלייטן זי די דאגות און שלעפּן זיך איר נאָך. פון די סאַמע יונגע יאָרן איז איר באַשערט צו טראָגן אויף אירע שוואַכע פּרויאישע פּלייצעס זאָרגן און פּלאָגן. פון די סאַמע יונגע יאָרן איז איר אַזוי באַשערט צו וואָגלען און צו וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד צו זוכן רו, צו זוכן פרייד, צו זוכן גערעכטיקייט, און ביז היינט צו טאָג אַזוי האַלט זי אין איין גיין, אין איין זוכן מנוחה, הרחבת־הדעת פאַר איר געפּלאָגט און געפּייניקט געמיט.

אין איינעם פון אירע ערשטע לידער, „אין בלויען באַגינען”, געשריבן אין יאָר 1920 (חשוונדיקע נעכט”, ז. 50) זאָגט זי:

„מיין פאַרמעגן נישט צו מעסטן, נישט צו וועגן,
ליגט צעוואָרפן וואו אויף וועגן,
ליגט באַהאַלטן אויף דער וועלט אין אַלע שפּאַלטן”.

און דאָס איז ווייט נישט געווען קיין מליצה פון אַ דיכטערין־אָנפאַנגערין. זי איז שוין דאַן געווען מיט אַן אייגענעם „פּעקל געשיכטע” אויף די פּלייצעס. זי האָט פאַרלאָזט איר היים־שטעטל קאָרטוז־בערעזע, אויסגעוווען אין וואַרשע, אין אָדעס, איבערגעלעבט אַ וועלט־מלחמה, אַדורכגעמאַכט אַ רעוואָלוציע און גלייך עטלעכע בירגער־קריגן, — אַ לאַנגער און שווערער לעבנס־וועג פאַר אַ יונג יידיש מיידל. בינו לבינו האָט זי זיך אַריינגעוועבט אין דער רוסישער ליטעראַטור און אויך אַריינגעלעבט זיך אין דער העברעאישער קולטור־וועלט ווי אַ שילערין אין דעם לערער־סעמינאַר, פריער אין וואַרשע און דערנאָך אין אָדעס. צווישן אירע לערער זענען געווען באַוואוסטע העברעאישע שרייבער און דיכטער, און צווישן אירע חברטעס־שילערין — שפּעטערדיקע באַקאַנטע לערער און שוישפּילערינס. און דאָ אינמיטן — טיף־דורכגעווייטיקטע משפּחה־איבערלעבענישן — טויט

פון דער מאַמע, קבר, מצבה. און געראַנגל פון אייגענער היים, פון אייגענעם שטעטל מיט וועלט, מיט וועלט־היים, מיט פרייד און מיט־שאַפער אין די שטעט, וואו עס איז איר אויסגעקומען צולייגן אַ האַנט, אונטערשטעלן אַ פּלייצע, מיטאַרבעטן, מיטליידן און מיטבויען.

שטייט זי אינמיטן און איז נישט פּאַרטיק מיט זיך, מיט די אַלע איבערלעבענישן, זי איז אין געווירבל פון פּאַסירונגען, וואָס קומען און פאַרפלייצן, קומען און שלעפּן־מיט, טאָר מען נישט פאַרלירן דעם קאָפּ, דאַרף מען זיין אויף דער וואַך.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי קאָן אָפּט נישט אַניאָגן די אַלע פּערזענלע־כע און אַלגעמיינע פּאַסירונגען. זי באַווייזט נאָך נישט ווי עס דאַרף צו זיין זיך אַריינלעבן אין אַ סביבה, אין אַ שטאָט, אין אַ געמיט־צושטאַנד, און שוין קומען אַנדערע שטעט, לענדער, פּאַסירונגען און „צעטומלען זי", ריכטיקער — דערשיטערן זי. אין איינעם פון אירע שענסטע פריאיקע לידער־ציקלען „אַ מצבה" (פון יאָר 1923) גיט זי אין פינף לידער איר געמיט־ צושטאַנד, נאָך עטלעכע יאָר ארומבלאָנקען איבער פרעמדע שטעט, ביים קומען צוריק צו זיך אַהיים. זי פרעגט זיך:

„איז וואו זאָל איך לויפן וואו,
מיין פּנים טראָגן ווי אַ בלייכן פלעק
אין טונקלקייט פון שרעקעדיקע נעכט?
קיין אַרגענטינע? צי קאַנאַדע?
און איינשלינגען אַ ריי לײדיקע און שאָטנדיקע טעג
אין ערגעץ אויף אַ פרעמדער ערד?

די דיכטערין „שעמט זיך מיט איר גרין געזיכט אַריינפאָרן צו זיך אין שטאָט", טאָמער איז „אַן אויג וואָך שוין אויפן וועג", „וועט דער־זען איר עלנטקייט און (וועט) וועלן אויסמעסטן איר אומגליק". און אינדערהיים „איז ניטאָ שוין מער דער מאַמעס וואַרעם בעט, אַ גרייטע צוטוליען מיין לײדיק לעבן". דאַן איז זי גרייט „דורכפאָרן ביי זיך לעם שטוב, נישט אָפּשטעלן דעם וואָגן און לאָזן פירן זיך צום פעלד, און דאָרט ביים שטילן בערגל ערד, „אַליין זיך גאָר פאַר אַ מצבה שטעלן".

אָבער קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז דאָך נישט געפאַלן אונטער דער לאַסט פון די זאָרגן און יסורים, עס האָט אין איר געלעבט דער כח און דער דראַנג זיך אַ פּאַרמעסט טאָן מיטן לעבן, מיטן אייגענעם

און אַרומיקן לעבן. זינט דאַן הערט זיך איר שטימע, איר דיכטערי־שע שטימע אין דער יידישער שאַפערישער וועלט.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן אירע לי־דער אין די סאַמע „הייסע און ברויזנדיקע רעוואָלוציע־יאָרן״, אין דער צייט, ווען כמעט אַלע יונגע יידישע דיכטער האָבן געזונגען ווי אין כאָר, אָדער געוועזן פאַרזינגער פון דעם כאָר (אין רוסישן איז דאָ דאָס פּראַכטפולע וואָרט „זאַפּעוואַילי״!). קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט געלעבט אין דעם צעזונגענעם און „צעכראַסטעטן״ פּעריאָד פון דער יידישער דיכטונג אין קיעוו און דערנאָך אין וואַרשע (וואָס עס האָט אַריבערגע־בראַכט אַהין פּרץ מאַרקיש און דאָרט מיט נאָך עטלעכע דיכטער־מיט־זינגער געשאַפן די דיכטערישע „כאַליאַסטרע״ אין יאָר 1922—1923!) און דאָך איז זי, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי געבליבן שטענדיק ביי אירע מאָטיוון, ביי איר דיכטערישן גאַנג, ביי איר דיכטערישן געמיט.

אָט בלעטער איך דאָס בוך־לידער „חשוונדיקע נעכט״, וואָס נעמט אַריין איר דיכטערישן פּאַרמעג פון 1920 — 1927, און האָב אַרויס־געפונען בלויז איין ליד, וואו ס׳איז פאַראַן אַנדייט, דערמאָנונג, אָפּהילך פון דער ברויזנדיקער צייט, פון יענער גרויסער אומגעריכטער און ניט־געדאַכטער פרייד, וואָס האָט אַלעמען פאַרכאַפּט אין די „האָניג־חדשים״ פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אָבער אויך אין אָט דעם ליד, וואו מיר טרעפן שפורן פון דעם אויפברויז, איז די פרייד שוין אויסגעטראָגן דורך דער דיכטערין. עס איז שוין אַ „געמיש״ מיט אייגענע איבערלעבענישן, אַן אויסלאָד פון אייגענער שטימונג.

דאָס ליד איז פון קאַדיעס ערשטן דיכטערישן שניט, עס איז גע־שריבן אין 1920, — (דאָס 11טע ליד פון דער סעריע „אין בלויען באַגינען״), עס איז אַנדערש פון אַנדערע קאַדיעס לידער, און דאָך איז עס כאַראַקטעריסטיש פאַר איר מיט דעם אופן ווי עס ברעכן זיך אי־בער אַלגעמיינע אויסנווייניקסטע פּאַסירונגען אין איר דיכטערישן געמיט:

„פון פינצטער פון באַהעלטעניש בין איך אַרויס
און ברייט דער טראָט
פון קליינעם פוס,
און שטאַרק דער קלאַפּ
פון שמאָלן פויסט,
פון פינצטער פון באַהעלטעניש בין איך אַרויס.

און כ׳וואַש די הענט,
און הויב צום ערשטן מאָל די אויגן צו דער זון,
און כ׳צינד די ליכט צום וועלט־יום־טוב
די ליכט, וואָס דורות לאַנג
האָט מען געצונדן פרום.
כ׳שפּאַן טריט פון שיין,
און פאַרב אין יום־טובדיקע פאַרבן
די פעדעם, וואָס איך וועב אויס און וועב איין״.

פון אָט דעם ליד, געשריבן מיט 20 יאָר צוריק, לאָזן זיך אויס־שיילן שטיקער עלעמענטן, וויכטיקע שטריכן פון קאַדיעס דיכטונג:

דער טראָט, דער גאַנג, וואָס חזרט זיך דערנאָך איבער אין פאַר־שיידנסטע וואַריאַציעס אין אירע לידער;

די דורותדיקייט, די ירושהדיקייט, וואָס זי טראָגט אין זיך און וואָס זי וויל איבערפלאַנצן אין אירע מאָטיוון, — זי צינדט ליכט צו וועלט־יום־טוב, ליכט, וואָס „מ׳האָט דורות־לאַנג געצונדן פרום״;

און „פון פינצטער פון באַהעלטעניש״ קומט זי אַרויס, — איר ליכט איז כמעט שטענדיק טונקל, מער שאָטן ווי ליכט, אפילו דער באַגינען איז ביי איר אַ בלויער, און איר „שוי־פּלאַץ״ איז מער די נאַכט, מער דער אָוונט ווי דער העלער טאָג.

און נאָך אַ מאָטיוו — דער „שמאָלער פּויסט״, וואָס פאַרמעסט זיך דאָך אויף „שטאַרקן קלאַפּ״ און דער „ברייטער טראָט״ פון איר „קליינעם פוס״.

קאַדיע איז געקומען אין דער יידישער דיכטונג אַ רייפע, הגם זי האָט דערנאָך אַדורכגעמאַכט אַ שטאַרקע אַנטוויקלונג און האָט יעדעס מאָל צו באַצייכענען אין איר אידעאישער וועלט אין אירע דיכטערישע מעגלעכקייטן גאָר קאָנטיקע דערגרייכונגען.

קאַדיע האָט זיך איר אייגענעם דיכטערישן וועג, זי האָט נישט געצאָלט קיין צינזן דער צייט בכלל און אויך נישט איר אייגענער צייט. דער אַמאָליקער באַקאַנטער איינשטעל, אַז אין די יונגע יאָרן זינגט מען ליבע־געזאַנגען, שיר־השירים, דערנאָך — אין די רייפערע יאָרן — זאָגט מען קלוגע רייד, משלי, און ערשט אויף דער עלטער קומט מען צו „הבל הבלים״, צו קוהלת, — אָט דער צייט־איינשטעל, איז ניט גילטיק ביי קאַדיע מאָלאָדאָווסקי.

זי זאָגט אין דער סעריע־לידער „אָרעמע ווייבער" (פון יאָר 1925):

„אין תמוז נאָך פאַלט אַמאָל אַ בלאַט אַראָפּ פון בוים,
און אַן אומגליק קומט צו פריער צייט
און ברענגט אַ מאָגערקייט צום לייב.
מיט מיר האָט אויך דער אומגליק פריי פאַרנומען זיך ביים האַנט,
ווי אַרעסטאַנטן צוזאַמען אויפגעשמידטע אויף אַ לאַנגן וועג".

אין אַן אנדער ליד, פון דער סעריע „פרויען־לידער", מאָלט זי זיך אָט ווי אַזוי: „ס'האָט דער אומגליק פון מיין אייגן לעבן מיך דער־יאָגט, און ווי אַ קראָ אויף אַ קליין הינדעלע אַרויפגעפאַלן".

און אין די צייטן און מאָמענטן, ווען עס ווילט זיך דער דיכטערין אַ חלום טאָן, אַ שפּיל טאָן, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול, אויך דאַן טאָטשעט אַ וואָרעם, און עס איז אָפן די וואונד, אָדער ווי זי אַליין דער־ציילט אין אַ ליד: ווען זי פּרואווט „דעם קאָפּ באַהאַלטן אין אַ סקיר־דע היי און איינשלאָפן פון שמעקעדיקן גראָז, און ס'חלומט זיך אַ פעלד און אַ האָז און אַלץ, וואָס ליב איז הערן און געדענקען", אויך דאַן

„...שטעלט אַ קראָ זיך אויפן סקירדע אויפן שפּיץ
און עפּנט אויף אַ הייזעריקן מויל אַ ברייטן,
און קראַקעט אויס, אַז ס'איז שוין שפּעטער הערבסט,
און ס'זענען פעלדער וויסט,
און פּוסט זענען די בייטן".

(„חשוונדיקע נעכט", ז. 30).

אין די אויסצוגן פון די צוויי פאַרשיידענע לידער האָבן מיר ביי פאַרשיידענע סיטואַציעס אַ קראָ. די קראָ לויערט איר נאָך, אָט דאָ און אָט דאָרטן.

קאַדיע מאלאדאווסקי איז אַריינגעוואַקסן אין דער אַלטער יידישער קולטור, זי ציט יניקה פון די אַלטע קוואַלן. זי איז אַ וואוילקענעווּדי־קע און זי געברויכט אויף אַ גאָר־נאַטירלעכן אופן ווערטער, אויסדרוקן, שטאָף און באַגריפן פון דער אַלט־יידישער ספרים־וועלט. זי קען די „קליינע אותיותלעך" און פאַריידישט זיי אָפט אויף אַן אייגענעם היי־מישלעכן שטייגער. דער „העברעאישער עלעמענט" איז אַ וויכטיקער כאַראַקטער־שטריך אין איר שאַפן. זי איז די „אשת־חייל", די למדנטע

אין דער יידישער דיכטערישער משפחה. זי איז אָפּטמאָל חריפיש, יידיש־חריפיש אין אירע לידער, אין אירע אויסדרוקן, אין איר אופן פון פאַריידישן, פאַריידישלעכן „קאַנאָנען" פון דער אַלט־יידישער וועלט.

אין דער סעריע־לידער „אָפּגעשיטע בלעטער" האָבן מיר דאָס ליד 2, וואָס הויבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע שורות:

„אַן אַלטער סידור ליגט פאַר מיר,
מיט בלעטער געלע איינגעבויגענע אין ראָגן".

פרעגט זי ביי זיך גופא:

„איז ווער וועט איצטער דעם סידור גאָטספאַרכטיק
אונטערן אָרעם טראָגן ?
און ווער וועט איבערמישן געלע בלעטער ?
אפשר גאָר זאָל איך אים נעמען אויף מיין גרין־געדעקטן טיש,
אַוועקלייגן אין מיטן,
און ווען די טריקעניש וועט פאַלן אויף מיין האַרץ,
דעם סידור נעמען צו די ברענענדיקע ליפּן".

אָבער אויף דער פראַגע, וואָס זי האָט זיך אַליין געשטעלט, האָט זי שוין אין דעם ערשטן בוך לידער געענטפערט, אַז, ווען עס איז געפאַלן „אַ טריקעניש אויף איר האַרץ", האָט זי צו אירע „ברענענדיקע ליפּן" גענומען גאָר אַ נייעם סדור, שוין נישט מיט „בלעטער געלע".

און דאָס האָט זיך באַזונדערס באַוויזן אין אירע וויטערדיקע לידער, וואָס זי האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער פאַרעפנטלעכט אונטער דעם נאָמען „דזשיקע גאַס" (וואַרשע, 1933).

2

צווישן דעם ערשטן לידער־בוך, „חשונדיקע נעכט", און דעם צווייטן, „דזשיקע גאַס", ליגט אַ צייט־שניט בלויז פון עטלעכע יאָר. אָבער אָט די פאַר יאָר זענען געוועזן פאַר דער דיכטערין זייער וויכטיקע, עיקרדיקע. עס האָט זיך שאַרפער אויסגעקריסטאַליזירט איר שטעלונג צו וועלט און צו וועלט־פראַגן. פון חשוונדיקע נ ע כ ט צו דזשיקע ג אַ ס, — דאָס אַליין מיינט א סך.

אין די „חשוונדיקע נעכט" זאָגט קאַדיע, אַז „די גאַס רעדט מיט צענדליקער מיט פאַרבן, וואָכעדיקע, יום־טובדיקע", און „כ׳קאָן זיי קוים באַנעמען", עס זענען „פאַרבן־קולות" און „קולות־טריט", „וואָס האָבן ניט קיין נעמען".

„וואוהין? נאָך וואָס? פאַר וועמען?
מיט אַן אייביק־רעדעוודיקן מויל,
און מיט אַן אייביק וואַכנדיקן לעבן,
וויל די גאַס קיין ענטפער מיר נישט געבן".

אָבער אין איר נייעם בוך לידער איז שוין די גאַס אַן עיקר, אַ לעבעדיקער מהות. די גאַס רייסט זיך אַריין אין דעם דיכטערינס געמיט, די גאַס רעדט, שרייט, וואַרנט, מאָנט. אין יעדן צווייטן ליד פיגורירט די גאַס מיט אירע פאַרשוינען, די דזשיקע גאַס, וואו עס ווערן באַגאַנגען שווערע עוולות. די גאַס, וואו מענטשן ווערן גערודפט, געפייניקט, פאַרשעמט. עס איז איינע פון די גאַסן, וואָס „פירן צום פאַוויאַק", — די תפיסה פאַר פאָליטישע אַרעסטירטע.

„מיין גאַס,
מיין גאַס, וואָס איז דורכאויס ווי איך אַליין
אין שמאַטעס אָנגעטאָן".

(„דזשיקע גאַס" ז. 14).

אין אַן אַרטיקל, וואָס קאַדיע האָט געשריבן אין דער צייט, ווען איר „דזשיקע גאַס" איז דערשינען (וועגן ה. לייוויקס ניי בוך „לידער") האָט זי צווישן אַנדערן געזאָגט: „עכטע דיכטער שרייבן דאָס ליד פון זייער לעבן און טראָגן זייער ליד אין די ציין ווי וועלף, און זייער ליד איז ענלעך צו זייער לעבן ווי צוויי טראָפּן וואַסער". (ליט. בלעטער", 1932, נ. 23).

אָט די ווערטער זענען אָנגעמאָסטן אויך פאַר קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, וואָס שרייבט נישט קיין סתם לידער, נאָר טראָגט אירע לידער אין די ציין, טראָגט אויס אירע לידער אין פּיין און אין ליידן. דאָס שטענדיקע מאָנען ביי זיך גופא, די נישט־באַפרידיקטקייט פון אייגענע טואונגען, די לאַסטן, די וואַרפט כסדר אויף זיך, דאָס אַליין־פּייניקן זיך פאַר אומרעכט און אומגערעכטיקייט און דאָס שטענדיקע

שטרעבן צו לייטערן זיך — דאָס זענען געוואָרן עיקר־עלעמענטן אין איר ווייטערדיקן שאַפן.

דאָס לעבן אַרום און איר אייגן לעבן איז פול מיט שרייענדיקע סתירות. זי וויל זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון זיי, פאַרשרייען זיי, זי איז נישט יוצא מיט דעם, וואָס זי וועט פון דער זייט אויף זיי טייטלען. אירע לידער זענען מער צער־און־זאָרג לידער ווי צער־און־צאָרן־אויס־געשרייען. ווי גרינג איז אָנצופאַלן אויף דער וועלט און דערביי בלייבן אַליין שטענדיק אַ גערעכטער, אַ באַפרידיקטער. זי נעמט זיך אַליין נישט אַרויס פון כלל. זי האָט טענות און תביעות צו זיך.

אָט קוקט זי אויף זיך מיט די אויגן פון די גערודפטע און גע־פייניקטע:

„און איך — מען טייט אויף מיר מיט די פינגער:
אָט זי, די זינגערין,
אַ רוח אין איר מאַמען,
זי שלעפט זיך דאָ אַרום,
און פלעכט פון אונדזער אומגליק גראַמען.
וואָלט זי נעכטן גיין מיט אונדז אין גאַס אַרויס און זען —
— —
און איך האָב נישט וואָס צו ענטפערן אַ וואָרט,
איך ווייס —
איך בין נישט פון די מענטשן „פערווי סאָרט".

אין אַ צווייטן ליד זאָגט זי, אַז זי איז „מיד פון אירע און פון אַנדערע לידער". זי טרעט אַרויס קעגן די דיכטערישע טראַפאַרעטן. „טרערן זענען נישט קיין פערל, ווי עס שרייבן עד־היום פאָעטן, ס'זענען פלעקן אין קויטיקע בעטן".

זי וואוינט אין וואַרשע אויף דער דזשיקע גאַס. און איר אייגן שטיקל שטוב זעט אויס ביי איר ווי „אַ קאַרוסעל אויף אויסגעפוילטע „שפּאַלן", אַטאַ באַלד אינמיטן זינגען וועט זי פאַלן", ווייל זי פאַר־שטייט נישט, קאַדיע מאָלאַדאָווסקי, ווי קאָן עס אַ שטוב בלייבן גאַנץ, ווען גלייך דאָ, אויף דער גאַס, געשעען אַזעלכע מוראדיקע זאַכן.

דזשיקע גאַס — אַ מין שם־דבר, סימבאָל ווי אַמאָל קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע, קאַסרילעווקע, מאַזעפּעווקע. עס איז דער נאָמען נישט נאָר פון איינער אַ גאַס פון יידישער אָרעמקייט אין וואַרשע, נאָר אַ באַצייכענונג, אַ באַגריף פון אַ היינט־צייטיקער יידישער גאַס אין דעם

פאַרוואָרלאָזטן, רעכטלאָזן, פאַרצווייפלטן יידישן לעבן ביי דער אומ־געדעכטער סאָציאַלער אָרדענונג. דזשיקע גאַס איז די יידישע גאַס מיט אַלע אירע פלאָגן און זאָרגן און קאַטאַסטראָפעס פון אינעווייניק און פון דרויסן. דזשיקע גאַס איז מענטשלעך־דיכטעריש אויפגענומען געוואָרן דורך קאַדיע מאָלאָדאָווסקי.

און אויך דאָ, אין אָנבליק פון דעם סאָציאַלן אומרעכט, פון די גרויזאַמע בילדער, איז קאַדיע מאָלאָדאָווסקי די סוביעקטיווע דיכטע־רין, מיט טיף־אייגענע לירישע טענער. דאָס אַלץ האָט אַ שטאַרקע שייכות צו איר גופא, אַ פערזענלעכע פאַרבינדונג מיט איר. ווען זי גייט איבער דער גאַס, פילט זי זיך שולדיק, זי פילט זיך פערזענלעך גע־טראָפן. זי נעמט אויף באַשולדיקונג־ווערטער קעגן זיך:

„זי, וואָס האָט אונדז אלף בית געלערנט,
גייט שאווראָווענע שיך,
און נאָך גאָרנישט צעריסן,
אַבי מען האָט געזאָגט:
„טיילן זיך מיטן לעצטן ביסן”, —
איז טאַקע מיטן קאָפּ אין דר'ערד,
געזונטערהייט!
מיר האָבן שוין גענוג די צינגלדיקע רייד”.

זי קלייבט איבער אירע אייגענע מעשים און געפילן ווי אַ פרור־מער קלייבט איבער זינדיקע מחשבות. און ווי פּערל אויף אַ שנירל, אַזוי ביזעוועט זי אייגענע זינד צו זינד, שולד צו שולד. פירט זי אַזוי שטענדיק אַ חשבון פון באַגאַנגענע שטרויכלונגען. איר אייגענער צי־מער איז אָפט דער „קאַמפּס־פּלאַץ” פאַר אירע געראַנגלענישן, פאַר אויפגאַנגען און אָפּגאַנגען, פאַר פאַרפינצטערונג און אויפגעלויכט־קייט:

„ביים צוקאָפּנס דרימלט מיין קאַפּעליע,
האַלט די פידל איינגעשטילט די טרערן,
די געשרייען — די באַנדורע.
איך — דעם קאָפּ פאַרטוליעט ביי די קניען,
ווי אַ הונט, וואָס פרירט אין זיין קאַנורע” — —

זי געברויכט נישט קיין פּראָקלאַמאַציע־פראַזן, קיין פּובליציסטישע אויסדרוקן, וואָס ווערן אָפט באַנוצט דורך דיכטער מיט סאָציאַלע מאָ־

טיזון. סאָציאַלער אומרעכט רעדט ביי איר דורך קאָנקרעטע בילדער. אַט „אַן אַלטיטשקער, וואָס קייט זיין שטיקל ברויט אין טרויער", „אַ זעכציקיעריקע פרוי מיט דערפרוירענע פיס", „אַ פערד, וואָס איז גע־פאַלן אויפן ברוק; די נויט; מיין ברודער, דעם אָפגעזאָגטן קנעכט, זיין קאָפּ, וואָס גרויט". אַט די נויט הענגט שטענדיק איבער איר, הענגט ווי שווערע כמאַרעס, וואָס אַט־אַט פּלאַצן זיי און פאַרגיסן און פאַר־פלייצן די וועלט. פילט זיך דעריבער אין אירע לידער אומרו פון ערב־שטורעם.

און דאָס נעמט זי אויף נישט נאָר אויף דער דזשיקע גאַס. אומ־רעכט, טרויער, פאַרוואָרלאָזטקייט פילט זי אויך אין די רוישיק־פריי־לעכע גאַסן פון פּאַריז. און זי קלאָגט זיך אַליין דערויף אין אירס אַ ליד: „כ'בין אומהיילבאַר אויף אייביק שוין, אויף אייביק, וואָס דאַרף מען מער? פּאַריז איז טומלדיק און שטויביק, און ווען ס'צעוואָיען זיך טראַמווייען אויף די רעלסן, און ס'וואָרטשען איינס אויף אַנדערע אויטאָמאָבילן, דאַכט זיך מיר: דאָס וואָיען איבער דעכער פאַרטאָגיקע ווינטן, און הינט אויף הויפן גויאישע האָבן זיך צעבילט", און זי באַ־מערקט גאָר אויף גאַסן „אַ דאַכלאָזע זעכציקיעריקע, וואָס זוכט אויסצור־בעטלען אַ נאַכטלעגער פאַר זיך".

זי וויל אַמאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך די לאַסטן און אָפּאָטעמען פרייער, אָבער עס יאָגט אומגליק נאָך אומגליק, און זי קאָן נישט אַרויסבאַפרייען זיך. עס פייניקט זי אַזאַ מין געמיט־צושטאַנד און זי פרעגט אין איר ליד „אַ בריוו":

„און זאָג, צי איז דאָס נישט אַ שטילער, פרידלעכער שגעון:
אין טאָג אין זוניקסטן געדענק איך פון דעם תהום,
וואָס וואַרט געדולדיק אויף מיין קומען,
אפילו אין דער זוניקסטער אין צוועלפאַזייגערדיקער שעה".
(„דזשיקע גאַס", ז. 48)

איר היים — אַ טאָל פון ליידן, איר שטוב, אַן אָרט, וואו זי איז איבערגעגעבן אויף ליידן און געוויסנביסענס. ווייל איז מען דען זיכער מיט רו און מיט גליק ביי זיך אינדערהיים, ווען אינמיטן נאַכט, קאָן מען קומען און ברענגען „דראָהונג, אומזין און פאַרדאַכט", און פּלוצים קאָן מען דערזען ביי זיך אין דירה „שווערד און קנעפּ און בליי", —

שטיקער טרויעריקעווירקלעכקייט פון איר לעבן אין וואַרשע אויף דער דזשיקע גאַס.

און עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס אַ גאַנצע סעריע לי־דער (אין איר בוך „דזשיקע גאַס") טראָגט אַזאַ פּראָזאַאישן „נישט־דיכטערישן" נאָמען ווי „כראָניק", — שטיקער לעבעדיקע גרויזאַמע כראָניק איז פאַרוואַנדלט אין דיכטערישע פערזן. די „כראָניק" הויבט זיך אָן מיט דעם ליד „טשאַקאָ", — עס איז אַ טרויעריקע מעשה מיט דער אומגליקלעכער שיף „טשאַקאָ", וואָס ווערט געטריבן איבער די ברייטע אומענדלעכע אָקעאַנען־וואַסערן אָן אַ ציל און אָן אַ זין און עס יאָגן זיך נאָך דער שיף „די פּיסקעס פון האַרמאַטן". אַזוי זעט אויס דאָס גאַנצע טראַגישע לעבן פון אונדזער צייט אין די אויגן פון דיכטערין.

„שווימט די שיף אַנטקעגן ווינט, אַנטקעגן הימל,
עס האָבן כוואַליעס זי אַרומגעפּלאָכטן מיט תפיסהדיקע קראַטן".

און אַזוי כסדר האַלט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי אין פלעכטן גראַמען פון אומגליקן. די גראַמען אירע זענען אויך פול אָנגעזאַפּט מיט אומ־רו. זי טוט אַ זאָג אין אַ ליד:

„איך האָב זיי פיינט ווי גאַל, ווי סם,
ווי אַ געלונגענעם און גלאַטן גראַם".

זי וווייכט פון אַ גלאַטן און פּשוטן גראַם. זי איז אָריגינעל מיט אירע ווערטער. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי באַמיט זיך צו פאַרשטיין זיך גופא, צו כאַראַקטעריזירן איר אייגענעם שאַפן, און זייער טרעפלעך זאָגט זי וועגן זיך:

„איך שרייב ניט קיין ליד, איך פּרוּאוו
געפינען אַ וואָרט פאַר מיין בלוט,
וואָס ווייגט אין מיין גוף".

דאָס איז די טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דעם פּעריאָד, ווען זי האָט געשריבן די לידער פון „דזשיקע גאַס".

די לידער פון „דזשיקע גאַס" זענען געוויין, געשריי פון אונדזער צייט. אָט הערט זי, ווי „עס שרייט אַ שיף, שרייט מיט פייערן און

מיט געוויין ס. א. ס., ראַטעוועט אונדזער געביין״. און זי גיט אַליין צו אין דעם ליד:

„ס׳איז נישט קיין קולות פון קיין זינקענדיקער שיף,
וואָס כ׳הער:
עס טרינקען מענטשן זיך אויף טריקעניש פון ערד,
עס יאָגן זיך נאָך זיי כוואַליעס הונגעריקע טעג,
איין כוואַליע שלינגט איין
אַ צווייטע וואַרפט אַרויס צו האָפנונג:
ראַטעוועט אונדזער געביין!״

3

איבער העלפט פון דעם דריטן לידער־בוך „פריידקע״ (דערשינען אין 1935), פאַרנעמט די פּאָעמע „פריידקע״ מיט אירע 16 קאַפּיטלעך, וואָס שילדערן שטיקער יידיש לעבן אין וואַרשע און אין פּאַריז.

עס איז אַ נייער פאַרמעסט פון דער דיכטערין צו געבן „די האַרטע וואָר״ פון אַרום דורך מענטשלעכע געשטאַלטן, דורך לעבעדיקע וועזנס. עס זענען אַדורכגעפלאָכטן רעאַלע סצענעס, פּאַסירונגען און עפּיזאָדן מיט דיכטערישע וויזיעס, מיט דיכטערישע פּאַראַלגעמיינערונגען. מיר האָבן פאַר זיך פאַרשיידענע טרויעריקע שילדערונגען, וואָס דערשיטערן אונדז מיט זייער האַרבער עכטקייט און גרויזאַמקייט. עכטע עפּיק געמישט מיט טיפער ליריק. מיטפיל און מיטלייד פון דער דיכטערין צו די פריידקעס און צו די שיינדל קאַנאַרייס, די שטילע אָבער טראַגישע, די ערלעכע און ליידנדיקע „העלדן״ פון דער זעלבער יידישער דזשיקע גאַס, צי איז זי אין וואַרשע דער שטאָט, אָדער גאָר אין פּאַריז. פריידקע די העלדין, די העלדין פון אונדזערע טעג און יאָרן אין דער איצטיקער שווערער, אומגערעכטער און אַנטי־מאָראַלישער צייט. וואָס וואָלט אָט די פריידקע, און אָט די אַלע פריידקעס ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען נישט געקאָנט זיין? אָבער איצט פירט זי אַ ביטער לעבן מיט איר קינד רייזעלע און מיט איר מאַן שמואל האראַוויץ, וואָס טראָגט אויף זיך קלעפּ און לאַסטן און אומגליקן פון אַ יידישן פאַרוואָגלטן מאַסע־מענטש, וואָס זוכט אַרבעט, רו און ברויט, און וואָס דער שווערער גורל טראָגט אים אום פון לאַנד צו לאַנד.

אייניקע קאַפּיטלען אין דער פּאָעמע „פריידקע״ זענען ווי אַ

צוגאָב, אַ מין פאַרזעצונג פון „דזשיקע גאַס", — די זעלביקע רעכט־לאָזיקייט, דאָס זעלבע אויסבאַהאַלטן זיך פון „וואַכן" אויג, דאָס זעלבע געיאָגט ווערן פון דער פאָליציי. פריידקע אין וואַרשע, שמואל האַראָוויץ אין פאַריז — צוויי זייטן פון איין מטבעה, צוויי טיילן פון איין אומגערעכט און אוממענטשלעך לעבן, וואָס וואַרפט ערלעכע האַרעפּאַשנע מענטשן ווי אין אַ כף־הקלע.

די טיף־מענטשלעכע זעכצן קאַפּיטלעך פון „פריידקע" פאַרמאָגן פיל רעאַלע שטריכן פון די אַרויסגעבראַכטע מענטשן. „איך זע אירע טעג — זאָגט קאַדיע מאַלאַדאַווסקי וועגן פריידקען — אירע שעהן, איך קען אירע פעקלעך פאַרקניפּטע מיט שטריק און פאַרטיק צום וואַנדער אין לייוונט אין געלן, אין גרינעם און בלויען". פריידקע האָט אין זיך עפּעס און אפשר פיל מער ווי עפּעס פון דער דיכטערין גופא, פון אירע אייגענע איבערלעבענישן און פאַרצווייפלונגען, אויפגאַנגען און אַפּגאַנגען.

„ווען איר האָט נישט איין מאָל
פאַרטאָג ביי מיין פענצטער
אַ וואָלקן געהאַנגען,
אַ טונקעלע כמאַרע...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איר האָט נישט איין מאָל
פאַרטאָג ביי מיין פענצטער
דער רעגן געאומערט..."

די צווייטע „העלדין" פון דער פּאָעמע שיינדל קאַנאַריי — אויך אַ פריידקע, אַ שטיק פריידקע — און אויך זי האָט אין זיך שטריכן און אייגנשאַפטן פון דער דיכטערין גופא. אויך זי מאַכט אַדורך שווערע וועגן, וואָגל און וואַנדער, אויך זי טראָגט פעק און פעקלעך אויף אירע פּלייצעס, האָט אויסצושטיין פון רעכטלאָזיקייט און פון סאָציאַלער אומגערעכטקייט.

„שיינדל קאַנאַריי.
אין וואַרשע ביים ווייסל,
אין פאַריז ביי דער סען,
אין בערלין ביי דער שפּרע.

אין גרויען קליידל
מיט שוואַרצן בערעט —
די בירגערין פון אַרבעטסלאָזע שטעט..."

און אַזוי אויך שמואל האראוויץ, פריידקעס מאַן, דער פּאָטער פונם מיידעלע רייזעלע, וואָס וואַקסט אַרום איר מוטער, אין די אָרעמע גאַסן פון דער יידישער וואַרשע.

„שמואל האראוויץ, וואָס האָט נישט קיין אַרבעט שוין אין לאַנד אינם פערטן.
אין פוילן געשטרייקט און געהונגערט,
פאַרשיקט פון פאַריז,
געוואָגלט אין האָלאַנד,
דערנאָך אין אַנטווערפּען.
אין יעדן לאַנד, פון וואַנענט ער האָט נאָר אַ פּאַס,
אָדער אַן אידאַנטיטע —
לויערט די תפיסה אויף אים.
אַלץ איינס — דער פּאַוויאַק,
צי אין גאָרטן די גרינע סאַנטע".

אין דער פּאָעמע זענען אריינגעפלאָכטן קורצע אויסצוגן פון אַ בריוו צווישן פריידקען און שיינדל קאַנאַריי און די דיכטערין גיט צו:

„דער ווייסער בריוו, די אותיות צעוואָרפן,
ט'געשריען ווי אַ הילכיקער אַפּיש...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווערטער קלינגען.
שלאָגן אָפּ אין מוח האַסטיק, מיט גערויש..."

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי געברויכט שטילע ווערטער, אָפט רעדט זי מיט איראָניע און אויך מיט אַ שמייכל. עס ווירקט אָבער שטאַרק און „די ווערטער קלינגען און שלאָגן אָן אין מוח האַסטיק און מיט גע־רויש..." דער כוח פון דער באַזונדערער עכטקייט און אינטימיטעט, מיט וועלכן זי דערציילט וועגן די „העלדינס" אירע אין אָט דער פּאָעמע.

ווי אַן אַקאָרד, ווי אַן אָפּשלוס צו דעם טראַגישן לעבן פון פרייד־

קע, שיינדל קאנאריי, שמואל האראוויץ און די אַלע איבעריקע „בירגער פון אַרבעטסלאָזע שטעט", קומט אין דעם זעלבן לידער־בוך די סעריע פּראָכטפולע און שטאַרקע לידער „מיין שלעפּ־שיף".

עס איז אַ וויכטיקע דיכטערישע דערגרייכונג — אָט די לידער־סעריע. זי איז פאַראייניקט דורך דעם שווערן געמיט און טראַגישער קאָנסטאַטירונג פון דער לאַגע אין דער וועלט. עס איז דער לייט־מאָטיוו פאַר די איבערלעבענישן פון די פריידקעס און שמואל האראוויצעס אין דער היימלאָזער און אכזריותדיקער וועלט.

„מיין שלעפּ־שיף,
מיט צעאָדערטער פאָן,
מיט צעשלאָגענע שויבן.
און איך, דער טרויעריקער קאַפּיטאַן,
האָב צעטריבן די ווערטער די שטילע —
די טויבן,
זיי זאָלן נישט ברומען אין אויערן,
זיי זאָלן נישט וואַרקען,
נישט לויבן.
איך האָב זיי געגנוג מיינע ווערטער —
די ערלעכע טויבן".

גוט באַקאַנטע מאָטיוון פון דער דיכטערין, וואָס קומען דאָ אין אַ נייעם נוסח, אין אַ נייער פאַרשאַרפטער פאָרם.

נייע פאַראַנטוואָרטונג פון געזעענעם און געהערטן אין די אַלע נייע ערטער און לענדער, וואו עס קומט אויס דער דיכטערין פאַרוואָגלט צו ווערן צוזאַמען מיט אירע ברידער און שוועסטער, די „בירגער פון אַרבעטסלאָזע שטעט", וואָס טראָגן אויף זיך דעם סאָציאַלן אומרעכט און די וועלט־עוולות.

אין דעם ליד „מיין טאָג" זאָגט זי:

„און כ'קען אין ערגעץ נישט אַנטלויפן.
עס זענען די וועגן פאַרנומען, פאַרנומען..."

און מאָדנע, ווי נאָך צוריק מיט פינף יאָר האָט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי געזען אַ שטיק אייראָפּע ווי אַרומגעכאַפּט מיט אַ סאַמום־שטורעם:

„אומגליקן און וואונדן
אין שווערע גאַלאָפּן...
...מיט פּאַנען פון שחיטה
לויערן די תפיסות פון אייראָפּע".

און

„עס יאָמערט אַזוי בייז אין מיר
אַ לאַנג פאַרשוויגענער געוויטער.
עס קלינגען אין מיין בלוט צעהאַקטע שויבן,
עס זשאַווערן פאַררוקטע רוגן,
עס טופּען איבער מיינע שלאָפנדיקע אויגן
קרייצלערישע צוגן
און קרייצלערישע האַקן,
און תהילימס,
שווערע, אויסגעוויינטע תהילימס
לאָסטן נאָך,
און ברעכן מיר דעם נאַקן".

4

און אָט — ווידער אַ נייער עטאַפּ פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, דעם מענטש און דער דיכטערין. אַ נייער געדריי פון שטעט און לענדער, אַ געווירבל פון איבערלעבענישן, האָפענונגען און שטרויכלונגען, טרוימען און אויסניכטערונגען.

און אָט אַ ניי לידער־בוך „אין לאַנד פון מיין געביין" (שיקאַ־גאָ, 1937). און ווידער און ווידער די זעלבע קאַדיע מאָלאָדאָווסקי מיט אירע אַלט־נייע מאָטיוון, מיט גאָר דער עכטקייט און פאַרטיפטקייט פון אייגענע און אַרומיקע איבערלעבענישן. און אויך אין דעם נייעם בוך — די צוויי וועגן, דער ברייטער שליאַך און די אייגענע סטעזש־קע, וואָס קרייצן זיך איבער איינער מיטן אַנדערן:

„אין לאַנגאַניקן וואַנדער, אין טרוקענעם גאַנג,
ווי האַסטיק די באַן זאָל נישט געבן אַ ריס,
גיי איך סיי־ווי אַ וואַכע אינדרויסן פאַרביי

מיט באַרוועסע, שטענדיק־פּאַרטיליקטע פיס.

— —

און אינמיטן אַ רוישיקן, אויגיקן זאַל
מיט טראַסק גיי איך פלוצלינג אַראָפּ פון די שינעס״.

אויך דאָ, אין אַמעריקע, פירט זי ווייטער חשבון, דעם אייגענעם חשבון, דעם חשבון פון די יידישע מאַסן, וואָס מיט זיי איז זי געקניפּט און געבונדן, און אויך דעם חשבון מיט דער וועלט:

און סאַר א עכטע און טרויעריקע ווערטער פון דער דיכטערין:

„און מיין לעבן איז אַזוי שווער,
אַז די שיפן אויפן ים
און די באַנען אויף דער ערד,
קענען מיך נישט דערפירן אַהין —
וואו איך וויל,
מיינע טייערע...״

און ווי אַמאָל, אין אַ ליד פון די ערשטע דיכטערישע יאָרן האָט זי געזאָגט, אַז „כ'האָב אַנגעצויגן ביידע הענט ווי לייצעס", אַזוי זאָגט זי איצט: „און דאָך — — — אין לויער פון טויט, מיט פאַרטאַיעטן געוויין, אין קלעם פון לעבן — בין איך אַן אָנגעצויגענע פייל, און מיין ווילן איז די האַנט, וואָס צילט אַהין, וואו איך גיי און וועל קומען, מיינע טייערע״.

דאָס שטענדיקע וואַך זיין איבער אייגענע צרות און פלאָגן און דאָס שטענדיקע וואַך זיין איבער צרות און פלאָגן פון אַרום. און דאָס מאָנען און וואָרענען און דאָס קאָנען אָפּטמאָל אַ צעווערטל טאָן זיך איבער זיך גופא און פון אייגענע שטרויכלונגען. דאָס איראָניזירן אויף דעם אייגענעם גורל, און דאָס קוקן אויף זיך מיט פאַרשנדיקע בליקן און דאָס אַיינטענהן מיט זיך אויף אַן ערנסטן אופן און שטייגער:

„און איך פרעג זיך:
דער קנופּ פון טעותן — איז דאָס אַ צופאַל, צי אַן אייביקער באַגלייטער?״

און אָט טוט זי זיך אַ מאָל אָפּ:

„און דאַרע, געמאָסטענע בינטלעך „קולטור״
צעטראָג איך ווי אַ פעדלער אויפן אַקסל די סקריגעס״.

זי שווינט זיך נישט און קוקט אויך מיט וואַכע אויגן אויף דעם היגן שטייגער־לעבן. און ווידער מישן זיך שטיקער ווירקלעכקייט מיט דיכטערישער וויזיע. ווידער פֿלעכט זי פֿערזן פֿון אומגליקן, ווידער פּאָרט זי גרויע וואָר מיט דיכטעריש האַרץ. זי איז געקומען אין דעם לאַנד, וואו „אינמיטן זומער שוואַרצן צווייגן אויף די שטאַמען". זי איז נישט צעטומלט געוואָרן אין דעם גרויסן ניו יאָרק, זי איז נישט אַוועקגעשוואומען מיט דעם מענטשן־שטראָם, זי האָט אויך אַהער „געבראַכט איר גורל". דאָ, אין דער יידישער אַמעריקע, זעט זי אויף שריט און טריט נייע „קנופּן" פֿון טעותן", וואָס שרעקן זי, וואָס באַאומרויִקן זי, וואָס רויבן־צו איר רו. און זי פֿילט עס אַזוי שטאַרק, אַזוי נאָענט, אַזוי טיף־פּערזענלעך, און דאָס ווירקט אויף איר געמיט, אויף איר שטימונג. זי דערציילט וועגן דעם אין איר פּאָעמע „דער פּעטער מיכל מאַכט פֿאַר מיר אַ פּאַדי", וואו זי מאָלט אין שאַרפֿע, שאַרף־רעאַליסטישע בילדער דאָס פֿאַרקריפּלטע יידישע לעבן, די פּראָצעסן, וואָס קומען פֿאָר אין דער יידישער וועלט, די קרומע ליניעס פֿון דער יידישער ווירקלעכקייט, דאָס טראַגיש־קאָמישע, וואָס רופֿט אַרויס ביטערן געלעכטער און לאָזט איבער אַ שווער געפֿיל, אַ פֿאַרצווייפֿלונג איבער דעם גורל פֿון דעם ווייטערדיקן יידישן לעבן דאָ, אין דעם פֿרייען לאַנד.

עס האַלט אַמאָל אַזוי שלעכט, און עס איז אַזוי שווער אויפֿן געמיט, אַז זי איז ווידער גרייט זיך לאָזן אין וועג און זי רופֿט אויס:

„פּיס מיינע, קריכט אַריין אין די לעדערנע כאָדאַקעס.
דאַכט זיך, כ׳האָב שוין ווידער נישט קיין דאַך...
— —
מיר וועלן ווידער לאָזן זיך אין שפּאַן".

און

„גיין איז גיין, ס׳איז שוין אַן אייגענער דער טראַקט!"

און קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, נאָך צוואַנציק יאָר דיכטערישן שאַפֿן און נאָך צוואַנציק יאָר שאַפֿעריש לעבן אין דער יידישער וועלט, האַלט נאָך אַלץ אין גיין, אין גיין און שפּאַנען.

„גיין איז גיין, ס׳איז שוין אַן אייגענער דער טראַקט!"

לעאָ קעניג

דאַרף די יידישע ליטעראַטור אַ מיסיע?

אויפ׳ן בולוואַר סאַן מישל מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, אומגעפער פאַר דער וועלט־קריג. סאַן מישל איז דאַן געווען דער קינסטלער בולוואַר פון פאַריז, און די פאָר יידישע שרייבער און יונגע יידישע פלאַסטיקער, וואָס האָבן דאַן געלעבט אין פאַריז, פלעגן זיך דאָרט טרעפן און שמועסן וועגן יידישע ליטעראַרישע און קינסטלערישע פראַגן.

ס׳איז געווען די צייט ווען יידישע קינסטלער האָבן האַלב וואַך געחלומ׳ט און זיך געריכט, אַז אָט באַלד וועט מען זיי ערגעץ וואו איינלאַדן, זיי זאָלן קומען מאָלן וויטראַזשן פאַר אַזעלכע מאָדנע נייע יידישע שולן און פאָלקס־הייזער; און די יידישע שריפטשטעלער (ס׳איז געווען נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ) האָבן, ווי פלוצלונג, אויפגעוואַכט און זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז פאַראַן אַ „יש״. פונם משכילישן „לא לשמה״ איז געקומען צו „לשמה״. דער „זשאַרגאָן״, אין וועלכן די ערשטע משכילים האָבן געשריבן צו וועקן און „מענטשלען״ דעם יידן, איז געוואָרן אַ יידישע שפּראַך; די וואָס זענען געקומען שילטן, האָבן גאָר געבענטשט... און, זעט נאָר זעט, ס׳איז טאַקע פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ יידישע פאָלקס־ליטעראַטור.

און יידישע שרייבער האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין ווי לעבעדיקע מענטשן אויף אַ לעבעדיקער ערד. מען האָט דערפילט אַ באָדן. עס האָט אָנגעהויבן שמעקן פון דער יידישער ליטעראַטור מיט ריח השדה, מיט נאַציאָנאַלן לאַנדשאַפט — מיט אַ „נאַציאָנאַלער היים״, אויב מען קען זיך באַנוצן מיט אַ פיל שפּעטערן אויסדרוק.

אָט אין יענער צייט, אומגעפער, האָט זיך אַ באַוואוסטער יידישער שרייבער, וועלכער האָט דאַן, ווי איצט, פאַרנומען דעם אויבנאָן אין אונדזער ליטעראַטור, זיך אין אַ מינוט פון אויפריכטיקייט (אָט ווי מען איז אויפריכטיק געווען ביי אַ קאַפע־טישל אויף דאַמאָלטדיקן בולוואַר סאַן מישל) זיך פאַר מיר אַרויסגעכאַפּט: „הערט, פריינד, אין אונדזער ליטעראַטור זענען מיר גאַנצע מאַכערס, אָנגעזעענע שרייבער, אָבער וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטן מיר געהאַט אין איינער פון די גרויסע ליטעראַטורן? ווער וואָלט זיך דאָרט אויף אונדז אַרומגעקוקט?״ —

איך געדענק, אַז מיך האָט פאַרדראָסן אָט די זיך זעלבסט באַ־ליידיגנדע באַמערקונג פון דעם באַוואוסטן יידישן שריפטשטעלער, און ניט אַזוי פאַר אים, ווי פאַר דער גאַנצער יונגער יידישער ליטע־ראַטור, וועלכע האָט שוין דאַן, ווי געזאָגט, געקראָגן אַ „גאַנצקייט״ אין אונדזערע אויגן — אַ ליטעראַטור. און איך האָב אים געענט־פערט, געדענק איך, אַז זיין טענה איז ניט קיין ריכטיקע: „מען מעסט און שאַצט טאַלאַנטן פאַר זייער אייגענעם ווערט און ניט לויט די הויכע אַקסלען, אויף וועלכע זיי שטייען... אויף די אַקסלען פון אַ געטע, צי אַ טאָלסטאָי, צום ציישפּיל, קען מען אויסזען העכער ווי אויף די אַקסלען פון אַ מענדעלע מוכר ספרים. אָבער די שרייבער גופא און זייערע טאַלאַנטן ווערן דערמיט ניט גרעסער און ניט קלע־נער. קען דעריבער זיין, אַז אונדזערע יידישע שרייבער און דיכטער וואָלטן נאָך באַדייטנדער געווען אין די גרויסע אייראָפּעאישע ליטעראַ־טורן, זיי וואָלטן אויף העכערע אַקסלען, רייכערע ליטעראַטור־שולן און טראַדיציעס אויסגעוואַקסן.... און ווייטער, וואָס טויגן אָט די הי־פּאָטעטישע חקירות, דאָס וויכטיקסטע איז דאָך, אַז מיר האָבן יידי־שע שרייבער און אַ יידישע ליטעראַטור.

ביים אויסברוך פונ׳ם היטלעריזם, האָב איך דעם זעלבן באַוואוסטן און רעפּרעזענטאַטיוון יידישן שריפטשטעלער געטראָפן אין לאָנדאָן. עס איז שוין געווען לאַנג נאָך דער וועלט־קריג, נאָך דעם ווערסאַלער שלום, נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, און נאָך דער באַלפור דע־קלאַראַציע... און נאָך אַנדערע היסטאָרישע דאַטעס.

אַ פאָר צענדליק יאָר איז אַ שפּאַר שטיק מענטשלעך לעבן. דער באַוואוסטער שריפטשטעלער איז געוואָרן נאָך באַוואוסטער, און רע־פּרעזענטאַטיווער. זיין אומרואיקער, אימפּולסיווער טעמפּעראַמענט — ווי די יידישע לאַגע — האָט אים אַרומגעטריבן פון איין יידישן צענטר צום צווייטן... גאַנץ אייראָפּע איז מיט אים געווען פול... און דאָ האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכן איבער אייראָפּע ווי אַ מגיפה — דער נאַציזם מיט זיין פּרימיטיוון, אַגרעסיוון אַנטיסעמיטיזם.

באַוואוסטע און באַרימטע יידיש דייטשישע שריפטשטעלער, האָבן זיך שוין אַרומגעבלאָנקעט אין גלות; און עס האָט אָנגעהויבן אויסזען ווי זיי, די באַרימטע דייטשישע שריפטשטעלער, וואָלטן געווען די אמת׳ע יידישע שריפטשטעלער, און ניט מיר, די יידיש (צי העברעאיש) שרייבנדיקע יידן. האָט מען זיי ניט

אַרויסגעטריבן ווילד באַרבאַריש, ניט מענטשלעך, אָבער דאָך אַ ר ו י ס ג ע ט ר י ב ן פון „זייער" שפּראַך ? (און ממילא רעפלעק־סירט מיט ניט זיכערקייט, מיט „יידישקייט" די יידישע שריפטשטע־לער פון די אַנדערע אייראָפּעאישע ליטעראַטורן און שפּראַכן).

און ווער קען עס דעם יידישן שרייבער אַרויסטרייבן פון זיין יידישער שפּראַך ?

און באַגעגנדיק זיך מיט דעם באַוואוסטן יידישע שרייבער בשעת דעם אויסברוך, צו אויסשיטעכץ, פונם מיטאַלטערלעכן נאַציזם, האָט זיך ביי מיר, דורך אַ מאָדנער אַסאָציאַציע, וואָס דאַרף ניט זיין שווער צו אַנאַליזירן, אַרויסגעכאַפּט :

„נו זענט איר איצט ניט צופרידן, וואָס איר זענט אַ יידישער שרייבער, און ניט קיין דייטש־יידישער, צי דייטש־פראַנצויזישער שרייבער ? איז אונדז ניט בעסער ווי זיי ?" —

דער באַוואוסטער יידישער שריפטשטעלער האָט אויסגעהערט אָט די באַמערקונג מיינע מיט זיינע גרויסע דורינגענדיק־נייגעריקע אויגן, און גאַרנישט געענטפערט.

איך האָב זיך איצט דערמאָנט אָן די צוויי „עפּיזאָדן", ווייל זיי כאַראַקטעריזירן און אילוסטרירן, דוכט מיר, אַזוי גוט די גרונט־אי־דייאישע און נאַציאָנאַל פּסיכאָלאָגישע שטימונגען און טענדענצן, פון וועלכע מיר האָבן זיך ביז איצט אַזוי וויניק חשבון אָפּגעגעבן, און אויף וועלכע עס איז נויטיק אַצינד, ווען עס קומט אפשר פאַר אַן איבערברוך אין אונדזער ליטעראַטור, זיך אָפּצושטעלן.

עס ווערט פאַר אונדז אַצינד אַלץ מער קלאָר און קלאָרער, אַז ביז איצט איז אונדזער יידישע ליטעראַטור געווען אַ נאַציאָנאַלע פאָרמע אָן אַ נאַציאָנאַליסטישן אינהאַלט אָדער ריכטיקער : אָן א י י ן אייב־הייטלעכער נאַציאָנאַלער, צי סאָציאַלער אידייע. אויב עס זענען פאַראַן אַזעלכע פאַראַדאָקסאַלע פענאָמענען ווי ר אַ צ י אָ נ אַ ל ע א י ל ו־ז י ע ס , איז די אילוזיע, אַז די יידישע פאָלקס־שפּראַך איז דער נאַציאָנאַלער באָדן, דאָס יידישע לאַנד, מיט וועלכעס דאָס רוב יידי־שע שרייבער האָט זיך אינסטיקטיוו און האַלב באַוואוסטזיניק איינגע־לעבט, געווען איינע פון די ראַציאָנאַלסטע און פרוכטבאַרסטע אי־לוזיעס.

ביז די לעצטע פאַר יאָר האָט דער יידישער שרייבער געלעבט מיט און א י ן זיין שפּראַך און ליטעראַטור כמעט פונקט אַזוי,

ווי די דייטשע, ענגלישע, פראַנצויזישע א. א. שרייבער אין זייערע שפראַכן און ליטעראַטורן.

וואו זיי, די יידישע שרייבער, האָבן ניט געלעבט און געאַרבעט, האָבן זיי געהאַט דאָס געפיל, צי דאָס האַלבע באַוואוסטזיין, אַז די יידישע שפראַך און ליטעראַטור איז זייער היים, זייער לאַנד, אויב איר ווילט. און אַט דער אינסטיקט, צי האַלבער באַוואוסטזיין, האָט זיי דאָס רוב יידישע שרייבער — און לעזער — נאַציאָנאַל פסיכאָלאָגיש נאָרמאַליזירט, אַזוי צו זאָגן. „מיר האָבן אַן אייגענע שפראַך און ליטעראַטור" — און אַט דאָס באַוואוסטזיין האָט שוין אויסגעגליכט טראַדיציאָנעל גע'ירשנ'טע געבויגענע יידישע רוקנס, פאַרטריבן די פאַרשיידענע אויבער און אונטער קאָמפּלעקסן... מיט איין וואָרט, דער יידישער שרייבער — און דער אָרגאַנישער לעזער — זענען געוואָרן ווי אַלע נאָרמאַלע מענטשן, וואָס באַלאַנגען, צופעליק, צי ניט צופעליק, צו פאַרשיידענע ראַסן און פעלקער. אַזוי נאָרמאַל האָבן זיך אָנגעהויבן פילן אַ גרויסע צאָל פּאַלעסטינער יידן (ניט דוקא ציוניסטן), וועלכע האָבן זיך איינגעלעבט מיט'ן געדאַנק, אַז א"י איז זייער לאַנד.

נאַטירלעך, וואָלט געווען איבערגעטריבן צו לייקענען, אַז אויך די יידישע שרייבער און יידישע לעזער (ווי די דערמאָנטע היינטיקע א"י יידן) זענען נאָך אַלץ געבליבן „יידן" מיט אַ סך גע'ירשנ'טע אַטאַוויסטישע „יידישקייט און גלות קאָמפּלעקסן".

אָבער עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז אַ גרויסע פסיכאָלאָגיש נאָרמאַליזירנדער פאַקטאָר איז די יידישע ליטעראַטור געוואָרן.

איך גלויב, אַז איך בין ניט דער איינציקער יידיש־שרייבנדיקער שרייבער, וואָס האָט שטאַרק דערפילט, ווי געזונט און נאָרמאַל עס איז צו זיין אַ יידישער שרייבער דוקא דאַן, ווען עס איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט די יידן שרייבער אין די ניט יידישע שפראַכן. איך גלויב, אַז אויך די אַנדערע יידישע שרייבער, וועלכע זענען געקומען אין קאָנטאַקט מיט די פראַנצויזישע, דייטשע, ענגלישע א. א. יידן־שריפטשטעלער (און באַזונדער אויף די פען־קאָנגרעסן) האָבן געמוזט קריגן דאָס געפיל, אַז ניט מיר, נאָר זיי זענען עס די „עכטע טראַדיציאָנעלע יידישע שרייבער" און אַז מיר, די יידיש־שרייבנדיקע שרייבער זענען אין פאַרגלייך מיט זיי עפּעס ווי „גויים".

„זיי" האָבן מורא בקול רם צו רעדן וועגן זייער יידישקייט; זיי האַלטן פונ'ם „שמע בכל לשון שאתה שומע"; פון זייערע אויגן (אָפּט־

מאָל „יידישערע” ווי אונדזערע) גלאַנצט אַרויס ציטעריק עפּעס אַ מיס־טישע יידישקייט, אַ הייליקע, זיס־ביטערע מיסטעריע.

די יידישע שרייבער (און העברעאישע) אויף די פּ ע. נ. קאָנ־גרעסן, זעען אויס אין פאַרגלייך מיט די אייראָפּעאישע יידן־שריפט־שטעלער ווי פּשוטע „שלש סעודותן” — עפּעס גלאַט מענטשן, וואָס שרייבן יידיש, אַט אַזוי ווי ענגלענדער — ענגליש, פראַנצויזן — פראַנצויזיש א. א. וו.

און דאָס מערקווירדיקע איז: אפילו אַלע ניט יידישע שריפט־שטעלער זעען און געדענקען, אַז די לודוויקס, די קרעמיעס, די טאָלערס און די צווייגס זענען די י י ד י ש ע ש ר י פ ט ש ט ע ל ע ר און ניט יידישע נאַציאָנאַלע דעלעגאַטן — די פאָרשטייער פון אונד־זערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן.

אויף די לעצטע קוקן זיי כמעט אַזוי ווי זיי קוקן אויף די פאָר־שטייער פון דער טשעכישער, פּוילישער, בולגאַרישער ליטעראַטורן.

„די יידן” זענען די קרעמיעס, לודוויקס, צווייגס — אָט די וואָס שרייבן אין „זייערע” שפּראַכן... גלייך ווי טאַקע „מאַראַניזם” — באַ־האַלטענע יידישקייט וואָלט געווען די אמת׳ע טראַדיציאָנעלע און סינ־טעטישע יידישקייט.

און אונדזער ליטעראַטור איז טאַקע געווען — ווידעראַמאָל ביז לעצטנס — אַ נאָרמאַלע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור, וואָס איז אויס־געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט, לויט די סאָציאַל־נאַציאָנאַלע אומשטענדן, ווי אַלע ליטעראַטורן וואַקסן און אַנטוויקלען זיך. אונדזער יידישע לי־טעראַטור האָט פון דיק׳ן און מענדעלען קיין באַזונדערע נאַציאָנאַלע מיסיעס ניט געהאַט...

די מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור איז געווען די זעלבע און איינציקע מיסיע, וואָס אַלע געזונטע און נאָרמאַלע ליטעראַטורן האָבן: צו ב י ל ד ן דאָס פאָלק, די מאַסן, וואָס קענען און רעדן אין דער שפּראַך.

צו בילדן, ערשטן דערציעריש, פּעדאַגאָגיש — די השכלה עפּאָכע (און מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז אַלע פעלקער און ליטעראַטורן האָבן השכלה עפּאָכען. אַלטע און נייע) און צווייטנס, בילדן אינ׳ם בוכ־שטעבליכן זין פון וואָרט: בילדן — ווייזן דאָס לעבן אין בילדער.

דאָס איז געווען די איינציקע דינאַמישע מיסיע, וואָס אונדזער

ליטעראַטור האָט געהאַט און דאָס די איינציקע מיסיע, וואָס אַלע נאַציאָנאַלע פאָלקס־ליטעראַטורן האָבן.

דאַרף מען אַ העכערע מיסיע? זענען פאַראַן העכערע מיסיעס?

איך ווייס, אַז די יידישע ליטעראַטור (ווי דער „אידענשטאַט" בשעתו און נאָך אַצינד) האָט געקענט אַרויסרופן די געוויסע קריטיק פון די געוויסע מיסיאָן־יידן, און רוח היהדות אידעאָלאָגן — ד. ה. פון די טראַדיציאָנעלע יידנטום־פאַרשער, וועלכע זוכן שטענדיק, און מוזן שטענדיק האָבן עפעס אַ יידישן גייסט, אַ יידישע מיסיע פאַר דעם יידישן לעבן, וואָס האָט אינ'ם לויף פון צוויי טויזנט יאָר, קיין גרויסע לעבעדיקע און נאָרמאַלע נאַציאָנאַלע פאָרמען ניט געהאַט.

„סטייטש, האָט אחד העם פון איין זייט, און די הערמאַן קאָהענס און יעקב וואַסערמאַנס פון דער אַנדערער, געטעה'נעט צו די פאָליטישע ציוניסטן, איר קענט דאָך בויען אַ יידישע מלוכה ווי אַלע אַנדערע מלוכות... וואָס פאַר אַ יידיש פנים וועט זי האָבן? איר זענט דאָך אַסימיליאַטאָרן?".

מיט דער אייגענער טענה קענען קומען די יהדות און מיסיאָנס־אידעאָלאָגן צו דער יידישער ליטעראַטור:

איר בויט אַ יידישע ליטעראַטור גלייך מיט אַלע ליטעראַטורן. איר שרייבט דערציילונגען, ראָמאַנען, לידער און עסעיען גלייך ווי אַלע שרייבער אין אַלע אַנדערע ליטעראַטורן... איר האָט סאָציאַליסטישע, בורזשואַזע, קליינבירגערליכע און אַפילו נאַציש־געשטימטע שרייבער, ווי אַלע ליטעראַטורן... טאָ, וואו איז אייער יידישקייט?... איר האָט דאָך אויפגעבויט אַן אַסימילירטע „גוישע" ליטעראַטור... אַזאַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, ווען זי וועט זיך צעוואַקסן, וועט זי דאָך אונדז ברענגען צום אונטערגאַנג"...

די טענה, זאָג איך, קענען אויך אַנדערע מיסיאָנס און רוח היהדות־יידן האָבן צו אונדזער שיינער יידישער ליטעראַטור.

און אויב זיי זענען נאָך ניט אַרויס מיט דער „קריטיק", איז ווייל די יידישע ליטעראַטור האָט זיי נאָך ניט דירעקט פאַרטשעפעט: „ניט געשטעלט אין געפאַר" זייער בירגערטום ווי די פראָיעקטירטע יידישע מלוכה, און נאָך ניט גענוג צעשטערט זייער אַטאַוויסטישן און האַלב באַוואוסטזיניקן מאַראַניזם.

אָבער דאָס געפיל האָבן זיי שוין:

די יידישע שרייבער זענען עפּעס גאָר קיין יידן ניט. ווי קען מען זיין גוטע, אמתע יידן, רעדנדיק אַזוי הויך אָן קיין שום אַפּאָלאָגעטיק וועגן יידן, און אָן אַ מיסטעריעזער מיסיע... וועגן יידישקייט און יידן דאַרף מען הייליק שווייגן מיט פאַרגלאָצטע אויגן... —

דער מאַראַן האָט מסתמא שטענדיק געקוקט אויף דעם „אָפּענעם יידן” ווי אויף אַ גייסט־אָרימען יידן, אַ ייד אָן טיפע געהיימע יסורים און ליידן.

אונדזער ליטעראַטור איז געוועזן נאָרמאַל, כמעט אַסימילירט „גוייש”.

כמעט... ווייל סוף כל סוף זענען מיר דאָך „יידישע גזלנים” און אפילו די געזונטסטע און נאָרמאַלסטע יידישע שרייבער זענען ניט אינגאַנצן פריי פון פאַרשיידענע יידישע „פינטעלעך” און קאָמפּלעקסן... און דער עיקר: אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך איז טאַקע „כמו” אַ לאַנד, אָבער ס׳וואָלט דאָך געווען גוט (אוי ווי גוט), ווען די שפּראַך האָט אַ לאַנד, אָדער „דאָס לאַנד” האָט „די שפּראַך”. אָבער ווי אַ גרויסער נאָרמאַליזירנדער — נאַציאָנאַל פּסיכאָלאָגיש — פאַקטאָר איז די יידישע ליטעראַטור דאָך געווען, הגם זי האָט ביז איצט ניט געהאַט קיין אויסערגעוויינלעכע מיסיעס.

און האָט דער מאַנגל אין אַ מיסיע חלילה געשטערט דער אַנטוויקלונג און דעם וואוקס פון אונדזער יונגער ליטעראַטור?

איך מיין, פאַרקערט.

לאָמיר נעמען די לעצטע פופציק יאָר — כמעט די גאַנצע מאָדערנע געשיכטע און אנטוויקלונגס־תקופה פון אונדזער יידישער ליטעראַטור:

ס׳איז אמת, אַז אַ היינע און אַ מאַרסעל פּרוסט (אגב, נאָר אַ האַלבער ייד) האָט די יונגע יידישע ליטעראַטור נאָך ניט אַרויסגעגעבן; אָבער, ווען מען זאָל פאַרגלייכן די שעפערישע פּאָטענצן פון אונדזערע: מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, ביאַליק, אַש, רייזען, יהואש, ליעסין, שאַפּיראָ, וויסענבערג, לייוויק, אָפּאַטאָשו און נאָך צענדליקער אַנדערע וויכטיקע יידישע שעפערישע כחות מיט די פרעמד־שפּראַכיקע זאַנגווילס, וואַסערמאַנס, צווייגס, פויכטוואַנגערס א. אַ. איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז די ערשטע וועלן געווינען, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די לעצטע האָבן מער פון דעם אויבערפלעכלעכן גלאַנץ פון אייראָפּעאישקייט און קולטור, און האָבן אין גינסטיקערע קינסטלערישע און מאַטעריעלע באַדינגונגען געאַרבעט.

און אפשר טאַקע, הויפּטזעכלעך, דערפאַר ווייל אונדזער יידישע ליטעראַטור האָט קיין אַנדער מיסיע ניט געהאַט ווי צו בילדן — דערציִעריש און קינסטלעריש — די יידיש רעדנדיקע מאַסן, און זייערע דיפערענצירטע קלאַס און אידייען אינטערעסן. מיט אַ פּאָר אויסנאַמען און אָפּנויגונגען, איז אין אַלגעמיין די יידישע ליטעראַטור דורכגעדרונגען געווען מיט אַזאַ דינאַמישן ראַציאָנאַלן גייסט: מען האָט פון זיך אַליין אָפּגעלאכט, מען האָט זיך אַליין קריטיקירט, דער ייד איז אין דער יידישער ליטעראַטור באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ לעבעדיקער מענטש, און ניט ווי אַ היסטאָרישער ספינקס, אַ מיסטעריעזע פּראָבלעמע.

מיר האָבן גערעדט פון זיך און פאַר זיך, און עס זענען איבעריק געוואָרן די קינסטלעריש־זינדיקע אַפּאָלאָגעטיקס און שטומע ניואַנסן.

מיר האָבן ניט געהאַט קיין מיסיע (כאָטש עס זענען, נאַטירלעך, געמאַכט געוואָרן אַ פּאָר פּרוּוון עפּעס אַזעלכעס אויך אין אונדזער ליטעראַטור אַריינצושמוגלען) און דערפאַר איז אונדזער ליטעראַטור פול געוואָרן מיט לייב און לעבן—מיט מוסקולן און מיט געלעכטער, מיט בויִענדיקער זעלבסטקריטיק — אַלץ מעלות, וואָס פעלן די „הויךקולטורעלע” אָבער קינסטלעריש אָנעמישע יידן־שרייבער, פון די רייכע אייראָפּעאישע שפּראַכן, וועלכע האָבן אפשר יאָ געהיימע מיסיעס, אָדער ווילן זיך איינרעדן, אַז זיי האָבן אַזעלכע מיסיעס.

און איצט האָט מען אָנגעהויבן אויך פאַר אונדזער נ אָ ר מ אַ ל ע ר יידישער ליטעראַטור זוכן אַ מיסיע. און ווער? יידישע שרייבער.

ווער עס פּרוּווט אָנמעסטן אַ נעאָ־געטאָ שטריימל אויף דער יידישער ליטעראַטור, ווער — אַ רעליגיעז מיסטישע יאַרמעלקע, און ווער — גאָר אַ סאָך־קיולאָט מיצל?

נאָר אַ מיסיע ווערט איצט געזוכט.

נאָך וואָס און פאַר וואָס?

ערשטנס, די אַלגעמיינע רעאַקציע, און ס׳איז אַזוי צו זאָגן אינ׳ם גייסט פון דער פינצטערער צייט.

און צווייטנס און דער עיקר: דער יונגער דור לייענט ניט קיין יידיש.

נאָך וואָס זשע זוכן אַ מיסיע, ווען מען דאַרף זוכן לעזער?

אַ מיסיע וועט דאָך אין בעסטן פאַל ברענגען נאָר אַ פּאָר נייע מחזירים׳לעך.

אהרן צייטלין

אין קיינעמס לאַנד

דראַמאַטישע זעאונג אין 14 בילדער.

אַלע רעכט געהערן דעם אויטאָר.
פאַר בינעס געדרוקט ווי אַ
מאַנוסקריפּט
Copyright 1939 Washington, D. C.

בילד 1.

(סודעטן־דײַטשע גרענעץ־וואַך. אָמט־שטוב).

ע ר ש ט ע ר ז ע ל נ ע ר: (קומט אַרײַן) הייל היטלער. אַ שיינער טאָג היינט, נישט? אַ שיינער סעפּטעמבער־טאָג. בלויער, גאַנץ בלויער הימל. דייטשער הימל. (נעמט אַראָפּ די ביקס, שטעלט זי אין ווינקל) אוף! פאַרמאַטערט. גאַנץ פאַרמאַטערט, שולצע. יידן געשלעפּט.

ש ו ל צ ע: נאָך אַלץ די יידן? גאָט, דאָס איז דאָך אַן אומענדלעך פאָלק. מע טרייבט און מע טרייבט און אַלץ נישט גענוג פאַרטריבן. מע שיסט און מע שיסט און אַלץ נישט גענוג אויסגעשאָסן.

ע ר ש ט ע ר ז ע ל נ ע ר: עפּעס צום טרינקען, שולצע. טרוקן אין קעל. האָסט געדאַרפט אָנקוקן יידישקעס. איינע איז דאָרט געווען —

ש ו ל צ ע: נו, נו. שנויץ האַלטן. ראַסן־שאַנד.

ע ר ש ט ע ר ז ע ל נ ע ר: אָבער אַזוי, שולצע, צווישן זיך... אַ שאָד. האָט צופיל זיך געוואָרפן, די קאַנאַליע, זיך קעגנגעשטעלט. איך — צו איר: קיין טשעכיע, הור דו איינע, קיין טשעכיע! דאָ איז סודעטן־לאַנד, פאַרשטאַנען, איצט איז עס דייטשלאַנד, פאַרשטאַנען, דו און אַלע סודעטן־חזיר־יידן מוזן אַוועק — מאַרש קיין טשעכן־לאַנד, דער היטלער דאַרף אייך נישט דאָ. און זי: יאָ, מיין הויז האָט איר מיר צוגערויבט און מיך פאַרטריבן אין דעם איינעם העמד, אָבער פאַרוואָס האָט איר נאָך מיין בייטל צוגענומען אויף דער פאַרשאָלטענער גרענעץ? נאָך דאָ אויף דער גרענעץ האָט איר מיך באַ'גנב'עט, גנבים וואָס איר זענט, מיר דאָס לעצטע ביסל מטבעות צוגענומען. דאָס האָט זי מיך געמיינט, שולצע. איך האָב איר ווירקלעך צוגענומען איר טאַשן־געלט — קומט צונויף. (נעמט אַרויס אַ קליין דאַמען־טייסטערל) נו, דאָ איז עס מיר שוין געווען צופיל. אַזאַ שיינער סעפּטעמבער־טאָג, בלויער הימל, ווירקלעך גאַנץ בלויער הימל, און דאָ — אַזעלכע הינטישע רייד! שווייג, קאַנאַליע! און — אַ קויל אין נאַקן. (קורצע פּויזע) אַ שאָד.

שולצע: (מיט פאַרוואורף) דו — היינצע — וואָס דו באַדוי־ערסט אַלץ —

היינצע: אַ שיינער נאַקן. אַ שיינער פּרויען־נאַקן.

שולצע: דו ראַסן־שענדער. (הויבט זיך אויף) נו, איצט איז די ריי אויף מיר. אַ שיינער טאָג, אָבער קאַלט. און דאָ, אין אַמט־שטוב, איז אָנגעהייצט. און עס ווילט זיך נישט אָנקוקן די יידן־געזיכטער. אַזעלכע איבערגעשראָקענע. (גענעצט) ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? די גרעטל איז גוט, אָבער זי מאַכט מיד. נאָך אַלץ נישט אויסגעשלאָפן, צום הענקער. און דאָ — נאָ דיר — יידן.

היינצע: פון גאַנץ סודעטן שלעפּט מען זיי — אַלץ אַהער, צו דער גרענעץ. ווער האָט דאָס כח? נאָך ווייניק שטורעם־טרופּערס, מוז אויך דער האַזע העלפן שלעפּן און דער שמידעקע און דער וואַלפקע. אַן אַרבעט אַביסל! האָבן אַלץ געמוזט פאַרלאָזן, די דרעק־יידן, סינאַגאָגע און הויז און געשעפט. דער היטלער דער דאַרף זיי נישט דאָ.

שולצע: סודעטן־לאַנד. פאָטערלאַנד. דער היטלער דער דאַרף זיי נישט דאָ.

האַזע: (אַ דריטער זעלנער, קומט אַריין).

שולצע: נו, האַזע, ווי גייט'ס?

האַזע: אַ גאַנצן טאָג די יידן. מע פירט דאָס צו די טשעכן ווי די קעלבער. יעדער פון זיי — ווי אַ גייסט. גרייט צו ווערגן נאָכן טויט קריסטלעכע קינדער. ווייסע באַנדאַזשן, נאָך ווייסערע גע־זיכטער. טיכטיק צעקלאַפּט.

היינצע: (מיט שרעק) ווי האָסטו דאָס געזאָגט? גרייט צו ווערגן נאָכן טויט? ווערגן? נו, רייד נישט קיין נאַרישקייטן. טרינק בע־סער. (גיסט אָן זיך און האַזע'ן) פּראָזיט. הייל היטלער. (טרינקט אויס, זינגט) אָ, דו ליבער אויגוסטין, אויגוסטין — — —

האַזע: דו זינג עס נישט, ס'איז אַ ווימאַרער לידל, אויסגע־טראַכט פון די קאַבאַרעט־יידן און די סאָציאַליסטן. מיר דאָ, אין סודעטן־לאַנד, זינגען דאָס האָרסט־וועסל־לידל. אַ שיין ליד. עס ווערט פרייליך, אַז מען זינגט עס.

שולצע: זייער אַ שיין ליד.

האַזע: (זינגט) ווען יידן־בלוט פון מעסער שפּריצט —
דאַן איז עס ווידער גוט.

(צו היינצע׳ן) נו, שטויס אָן, קאַמעראַד! געטרונקען!
(טרינקעןביידע).

שולצע: (קוקט אויף זיי מיט קנאה, טוט־אָן די ביקס, לאָזט זיך צו דער טיר) די גרעטל — די האָט מיך מיד געמאַכט, צום הענקער. קאָן נאָך אַלץ צו זיך נישט קומען. היינט נאַכט נעם איך מיר די אַנערל. זי איז אַ גוטמוטיקע, אַ דיקע, און לאָזט זיך קנעטן ווי מען וויל. און די גרעטל — די מאַכט מיד. (שפּייט אויס. אָפּ).

היינצע: (זינגט) ווען יידן־בלוט פון מעסער שפּריצט —
דאַן איז עס ווידער גוט.

(פּלוצלונג — זיך אַנבויגנדיק צו האַאַזע׳ן — שטיל) יידן־בלוט... הערסטו, קאַמעראַד, אַז דו וועסט נישט אויסזאָגן, וועל איך דיר אַ סוד פאַרטרויען. אָבער דו טאָרסט נישט אויסזאָגן.

האַאַזע: אַז וואָס? אַז דו האָסט אַ קרענק אַזאַ באַקומען, ווי? און ווייסט נישט פון וועמען, פון יענער, פון דער אַנדערער, אָדער גאָר פון דער דריטער —

היינצע: אָבער ניין, לאָז דאָך אָפּ מיט די וויצן. הער, קאַמעראַד: יידן־בלוט איז ווי דייטשן־בלוט. אַליין געזען.

האַאַזע: אַ גוטער זעלנער זאָל אַזוי לייכט ווערן שיכור. וואָס דו פּלוידערסט אַלץ, נאַרישער היינצע.

היינצע: לומפּיקער האַאַזע וואָס דו ביסט, איך שיכור? איך בין נישט שיכור. איך זאָג וואָס מיינע אויגן האָבן געזען.

האַאַזע: האָסט גאַנץ אידיאָטישע אויגן, היינצע.

היינצע: ניין, וועסט מיך נישט איבעררעדן. האָב איר, דער יידישקע, אַ קויל אין נאַקן פאַרזעצט — מיט אייגענע אויגן איך בלוט געזען — ווי דיין בלוט, ווי אַלע מענטשנ׳ס בלוט. יאָ, האַאַזע, ביי גאָט. דאָס איז געווען מענטשן־בלוט.

האַאַזע: נו, איז וואָס?

היינצע: ווערט מיר קאַלט.

האַאַזע: די שטוב איז גוט געהייצט.

היינצע: (ציטערט) אָבער — איך ווייס נישט ווי מיר איז — מיר איז פאַרדאַמט קאַלט. (קוקט ווילד צו דער ביקס) אָט מיט **דער** ביקס — אָט פון **דער** ביקס — פאַרשטייסט — אַ קויל אין נאַקן.

האַאַזע: נו, דאָס איז דאָך אבסאָלוט גאַרנישט. וואָס קומט דיר דערפאַר? דאָס איז דאָך נאָר אַ יידישקע.

(פון דרויסן הערט זיך אַן אימה׳דיק, צעצויגן געוויין).

ה י י נ צ ע: (שוידערט) ווער ווײַנט?
ה אַ אַ ז ע: פרעג נישט. טרינק.
ה י י נ צ ע: אָבער ווער?
ה אַ אַ ז ע: אַ גאַנץ לײַזיקע געשיכטע. אַ חזיר־יידיק, אַזאַ קאָמישע. איז שוואַנגער מיט אַ יידן־קינד, האָט זי מורא, טאָמער וועט איר דאָס חזיר׳ל, וואָס זי דאַרף אַרויסוואַרפן, אויסרינען אין די געדער־רים. — מען וועט זי בינדן, דערלאַנגען אַ פּאָר קלעפּ, באַגרײַפסטו, אַ פּאָר קלעפּ, דאַן אויפן לאַסט־וואָגן, — און אַזוי צושטעלן צו די גאָט־פאַרדאַמטע טשעכן. גאַנץ לײַזיק, הע?
(עס קומט אָן די דיקע אַנערל).
אַ נ ע ר ל: הייל. ווי וואַרעם דאָ איז.
ה אַ אַ ז ע: אָ, די אַנערל! ווייסט נישט, קאַץ דיקבויכיקע, אַז בײַ־טאָג איז דינסט־צײַט? נו, מאַכט נישט, מאַכט נישט. קום זעץ דיך, דערפרײַ אַ זעלנערס האַרץ.
אַ נ ע ר ל: (שפּרינגט אים אַרויף אויף די קני).
ה אַ אַ ז ע: אין מיטן טאָג. אונערהערט. די פרעכהייט! קריכט שוין אין מיטן טאָג. און ווי, אַז דער קאָמענדאַנט —
אַ נ ע ר ל: דו, שלעכטער האַאַזע. איך בין דאָך אַריערין.
ה אַ אַ ז ע: שטימט.
אַ נ ע ר ל: און דער קאָמענדאַנט קען מיך שוין (ווינקט מיט אַן אויגל) און איך קען דעם קאָמענדאַנט.
ה אַ אַ ז ע: (לאַכט) שטימט.
אַ נ ע ר ל: ווייסט? מ׳האָט מיר געזאָגט, דו ביסט רײַך געוואָרן.
ה אַ אַ ז ע: איך? דו ים־קאַץ, איך?
אַ נ ע ר ל: דו האָסט אַ ברילִיאַנט פון דעם גראַף.
ה אַ אַ ז ע: פון אַ משוגע׳נעם גראַף?
אַ נ ע ר ל: און אַ פעלץ האָסטו אויך.
ה אַ אַ ז ע: אַ פעלץ? פון וועמען?
אַ נ ע ר ל: פון דעם גראַף.
ה אַ אַ ז ע: אַלץ פון דעם גראַף?
אַ נ ע ר ל: נאַטירלעך.
ה אַ אַ ז ע: ווער האָט עס דיר געזאָגט?
אַ נ ע ר ל: מע ווייס שוין. פון דעם גראַף, נו, פון דעם אַראַן גראַף, דעם ייד. דער, וואָס האָט זײַן הויז פּאַלאַץ, זײַן פאַבריק, און איז דאָ אויף דער גרענעץ דעם מאָרד באַגאַנגען.

ה אַ אַ ז ע: דעם מאָרד?
אַ נ ע ר ל: איך מיין: דעם זעלבסטמאָרד.
ה אַ אַ ז ע: קאַץ, ווי דו ווייסט עס אַלץ. פאַרשרייב זיך אין שפּי־אָנאַזש־דינסט.
אַ נ ע ר ל: איך בין פריילעך היינט, וויל דיך אומזיסט באַגליקן. ביי מיין לינקער זאַק, גאַנץ אומזיסט. דערפאַר בין איך אינמיטן טאָג — נו, יאָ, פאַרוואָס נישט אינמיטן טאָג? נעם מיך אַרום. קאַץ און קאָטער — אָט דאָס איז נעט! איך בין אַזוי פריילעך! (פאַר־טרוילעך) האָב דרויסן געטראָפן דעם שולצע. או, ווי בייז! וויל מיך אויף באַנאַכט. מנאַ, דאָס גייט נישט מער. איך פרעג נישט נאָך אים. ערנוואָרט. בלויז דו, בלויז דער האַאַזע. אָבער וואָס גיט ער מיר דערפאַר, דער האַאַזע?
ה אַ אַ ז ע: האָסט דען נישט געזאָגט, אַז אומזיסט?
אַ נ ע ר ל: יאָ, אָבער דער דאַמען־פעלץ — ביסט דען אַ דאַמע?
ה אַ אַ ז ע: איך? ניין. איך בין האַאַזע. אָבער אויך דו ביסט קיין דאַמע נישט.
אַ נ ע ר: און דו ביסט קיין ערנמאַן נישט. ווּעסט דאָך דעם דאַמען־פעלץ נישט פאַרקויפן, האָף איך.
ה אַ אַ ז ע: פאַלשע האָפנונג.
אַ נ ע ר ל: איך שענק מיך דיר אומזיסט, אויך דו מוסט שענקען.
ה אַ אַ ז ע: דעם פעלץ, אָדער מיין ליבע?
אַ נ ע ר ל: דעם פעלץ.
ה אַ אַ ז ע: נו, דאָס וועט מען זען.
אַ נ ע ר ל: דו טייוול (דערזעט ביי היינצען דאָס דאַמען־בייטל) מענטש, קום צו, די אַריער שענק איך מיך אומזיסט. וואָס איז עס ביי דיר פאַר אַ בייטל? (היינצע ענטפערט נישט) וואָס ענטפערסטו נישט, בייזער קלויסטער־ברודער?
ה י י נ צ ע: (האָרכט) וואָס טוען זיי מיט איר? זי דאַרף דאָך אַ מענטש געבוירן — וואָס טוען זיי? ס׳איז משוגע צו ווערן. ס׳איז אומגלויבלעך, אַ מענטש זאָל אַזוי וויינען. עס איז, ווי די גאַנצע וועלט, ווי אַלע מענטשן, ווי אַלע געשלאָגענע וואָלטן דורך איר גע־וויינט. אוממעגלעך צו הערן. איך וועל אַ צווייט מאָל שיסן. איר אָדער זיך. איז עס נישט אַמאָל די, וואָס איך האָב...? הא, אויפ־געלעבט אפשר, ניין? דורך יידישן כישוף אויפגעלעבט און —

(שליידערט אַוועק די ביקס, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט).

האַאַזע: אַביסל פאַררייקט. וועט איבערגיין.

(דאָס געוויין אין דרויסן שטאַרקט זיך).

האַאַזע: אַביסל פאַררייקט. וועט איבערגיין. נו, אַנערל, פולגע־שטאָפּטער מיסט־קאַסטן, דו האָסט דאָך קאָלאַראַטור ווי אַ געשטאַר־בענע פּרימאַדאָנע. זינג, פרויענזאַך, כ׳וועל מיטזינגען.

אַנערל: אָבער דו ווייסט דאָך.

האַאַזע: וואָס? דער פּעלץ?

אַנערל: דער דאַמען־פּעלץ.

האַאַזע: זינג, זאָגט מען דיר, אָדער דו פליסט פון מיין שויס גלייך אין מיסטקאַסטן.

אַנערל: נו, שטיל, בייזער זיך דאָך נישט. איך זינג, געשטיוול־טער קאַטער, איך זינג.

(זינגען ביידע).

היינצע: וואָס זינגט איר, פאַרשאָלטן פּי? דרויסן וויינט מען — און איר זינגט.

אַנערל: קלויסטער־ברודער!

היינצע: דו זונה!

אַנערל: האַאַזע, דו וועסט לאָזן באַליידיקן אַ דאַמע?

האַאַזע: האָסט דאָך געהערט: אַביסל פאַררייקט. לאָז אים.

היינצע: (קוקט אויפ׳ן בייטל און אויף דער ביקס; נעמט אַרויס פונ׳ם דאַמען־בייטל אַ פּאָר מטבעות, קוקט, שרייט אויס) **בלוט!**

אַנערל: וואָס פאַר בלוט?

היינצע: בלוט אויף די מטבעות. יידן־בלוט. מענטשן־בלוט. פרויען־בלוט. ווען איך קאָן עס איר צוריקגעבן, דאָס בייטל! אָבער זי איז טויט.

אַנערל: גיב מיר.

היינצע: שווייג, פאַרפלוכטע. (נעמט צונויף מיט ציטערדיקע פינגער די מטבעות) וועל אייך נישט אַנרירן מער, מטבעות. כ׳וועל דיך, בייטל, אויף מיין האַלדז אָנהענגען, דיך אונטערן העמד טראָגן, און זאָל עס מיך ברענען. בלוט אויף מיין האַלדז — יידן־בלוט, מענטשן־בלוט.

אַנערל: (שלעפּט עפּעס בגנבה אַרויס פון האַאַזע׳ן).

ה אַ אַ ז ע: (כאַפּט זיך) קאַץ, האָסט מיר מיין בריליאַנט אַרויסגע־שלעפּט.

אַ נ ע ר ל: איך?

ה אַ אַ ז ע: (נישטערט אין די קעשענעס, געפינט נישט דעם ברי־לאַנט) גיב אָפּ!

אַ נ ע ר ל: דעם יידנ׳ס בריליאַנט?

ה אַ אַ ז ע: מיין בריליאַנט!

אַ נ ע ר ל: דעם בריליאַנט, וואָס דו האָסט ביים אַראָן גראַף...

ה אַ אַ ז ע: גיסט נישט אָפּ? וועט קיינער מיט דיר נישט שלאָפן. וועל איך דיך — איך וועל דיך...

אַ נ ע ר ל: איך פרעג נישט מער נאָך דיינס גלייכן. זיי געזונט, האַאַזע, און לאָז מיר גריסן דיין גאָטזעליקע טאַנטע (אנטלויפט)

ה אַ אַ ז ע: האַלט! אַ גנבה! אַ גנבה! (לאָזט זיך לויפן נאָך איר. אַ טומל דרויסן).

ה י י נ צ ע: (קוקט שטאַר נאָך) דרעק איז ער, דער בריליאַנט זיי־ערער. די פּאָר מטבעות דאָ זענען מער ווי דער בריליאַנט. מער ווי אַלע בריליאַנטן. דאָס בלוט מאַכט עס, דאָס פאַרגאָסענע מענטשן־בלוט.

ב י ל ד צ ו ו י י.

(טשעכישע גרענעץ־וואַך. אַמט־שטוב. קאָמענדאַנט, אַ זעלנער).

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: (ענדיקט צו לייענען די צייטונג) פּוסט. נישטאָ קיין נייעס. ב ע נ ע ש אַוועק קיין אַמעריקע, ווערט פּראָפעסאָר. וואָס דען זאָל ער ווערן? ס י ר אָ ו ו י זאָגט: דאָס נייע טשע־כיע דאַרף זיך האַלטן פעסט. וואָס דען זאָל ער זאָגן? און דאָס הייסט נייעס ביי זיי. (גענעצט) דו, סטריפּישיל, עס איז אַ שיינער סעפּטעמבער־טאָג היינט, ווי מיינסטו? בלויער טשעכישער הימל. און איבערהויפּט —

ס ט ר י פּ י ש: יאָ, טשעכאָסלאָוואַקישער הימל.

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: טשעכאָסלאָוואַקישער? זעסטו, דאָס וועל איך נישט זאָגן. טשעכאָסלאָוואַקישער הימל? דער אויסדרוק געפעלט מיר נישט. איך בין, אמת, אביסל שכור פון נעכטן נאָך, אָבער פאַר־שטיין — פאַרשטיי איך אַלץ. מיט די סלאָוואַקן, סטריפּישיל, בין איך נישט זיכער. מ׳איז מיט גאָרנישט מער זיכער, סטריפּישיל.

פראַנקרייך — גאָרנישט. ענגלאַנד — גאָרנישט. פעלקער־בונד — גאָרנישט. דייטשלאַנד — אַלץ. נעכטן איז דאָ גאָרנישט געווען, היינט האָסטו שוין דאָ אַ גרענעץ. מיינסט, ביסט שוין פּאַרטיק? ניין, סטריפּישיל. הער אויס אַ וואָרטשפּיל, גולם פאַרטשאַדעטער: נישטאָ קיין גרענעץ צו די גרענעצן, וואָס דייטשלאַנד גייט אַלץ מאַכן. ווייסטו, וואָס דאָס איז אַזוינס וואָרטשפּיל?

ס ט ר י פּ י ש.: נישט געהערט פון אַזאַ שפּיל.

(טעלעפאָן קלינגט).

ק אָ מ ע נ ד.: סטריפּישיל, נעם אויף! דאָס מוז די פּאַסקודסטווע קלינגען — ווי רופט מען זי... כ'האָב איר אַ שיינעם נאָמען געגעבן. ליגע רוף איך זי, פעלקער־ליגע.

ס ט ר י פּ.: (נעמט אויף) וואו? ווער? פון ברנאָ? דעם קאָמענדאַנט?

ק אָ מ ע נ ד.: אָ, אָ, מיין רעזידענץ־שטאָט ברנאָ!

ס ט ר י פּ.: הער קאָמענדאַנט, פון ברנאָ רעדט מען, פון דער צענטראַלע.

ק אָ מ ע נ ד.: יאָ צענטראַלע, נישט צענטראַלע, יאָ ברנאָ, נישט ברנאָ — אַלץ איינס. אונזין. (גייט צו) יאָ, יאָ, דער קאָמענדאַנט. יידן? פון די סודעטן — אַהער צו אונדז? פּאַרטיעסווייז צו דער גרענעץ? צו וויסן געבן אויף אַלע פּונקטן? נישט אַריינלאָזן? מאָמענט — ווי אַזוי? אַהאַ! סודעטן־יידן זענען פאַר אונדז נישט מער קיין טשעכישע בירגער. נו, יאָ, פאַרשטייט זיך. די דייטשן טרייבן זיי צו אונדז, מיר וועלן טרייבן צוריק. זעלבסטפאַרשטענדלעך. אַרויסגעשיקט פרישע זעלנער־פּאַטרולן? אויסגעצייכנט. צוריקטרייבן? יאָ, אַלץ פאַרשטאַנען: צוריקטרייבן. וואו? אין קיינעמ'ס לאַנד? אַהאַ, צום נייטראַלן פּאַס. צום קילאָמעטער־לאַנגן נייטראַלן פּאַס. גוט. אויסגעצייכנט. (לייגט אָפּ דעם טעלעפאָן) נו, סטריפּישיל, דו ווייסט נאָך אַלץ נישט, וואָס אַ וואָרטשפּיל איז? אַ וואָרטשפּיל — דאָס איז ווען איך זאָג: פאַר די דייטשן זענען די סודעטן־יידן טשעכן, פאַר די טשעכן זענען די סודעטן־יידן דייטשן. וואָרום, וואָס איז איצט סודעטן־לאַנד? דייטשלאַנד. ערגאָ: די סודעטן־יידן זענען סודעטן־דייטשן. אָט דאָס איז אַ וואָרט־שפּיל. אַ וואָרט־שפּיל אָדער אַ שדים־שפּיל איז ווען איך זאָג: טשעכיע איז טשעכיע און דייטשלאַנד איז דייטשלאַנד, אָבער דייטשלאַנד וויל, אַז טשעכיע זאָל זיין דייטשלאַנד. סטריפּישיל, אידיאָט איינער, וואָס האָסטו

געטאָן? האָסט געהאַט אַ לאַנד, איז געקומען צופליען אַ פּרעמיער און —

ס ט ר י פּ.: איך נישט, הער קאָמענדאַנט. איך בין נישט שולדיק.

ק אָ מ ע נ ד.: ווער דען? איר, די סטריפּישילס. אַלץ איר. וואָס גלאָצסטו, טשעמבערליין איינער? שוין געלאָפן, פאַררעטער וואָס דו ביסט, שאַר מיר צונויף די פאַרשלאָפענע פייגל. ס'וועט זיין אַר־בעט. שאַ, לויף נאָך נישט. שטעל זיך צום באַפעל. אַט אַזוי! דינסט איז דינסט. איך בין, אמת, שכור אביסל נאָך פון נעכטן, אָבער פאַרשטייען פאַרשטיי איך אַלץ. שנעלער, די פיס אויף די פּלייצעס. דאָ שמוגלט מען יידן, און זיי שלאָפן. טשעכיע האָט געגנוג די יידן. דאָס נייע טשעכיע. נו, ריר זיך, גולם. וואָס שלאָפט איר דאָ אַלע? טשעכיע וועט דערוייל פאַרפלייצט ווערן — דאָס פאָטערלאַנד אין געפאַר —

(סטריפּישיל אָפּ).

ק אָ מ ע נ ד.: (צו זיך) צום נייטראַלן פּאַס. נאָך פאַראַן אויף דער וועלט אַ לאַנד־פּאַס, וואו די דייטשן זענען נישטאָ. קיינעמס לאַנד. המ... און אַהין צוריקטרייבן די יידן! וואָס וויל מען פון זיי? אומ־זין. דאָס פאָטערלאַנד אין געפאַר — אומזין. אָבער דו ווילסט דאָך נישט פליען פון דיין אַמט, אמת? דאָס וואָלט געווען אומזין.

(דרויסן — אַ טומל, געשרייען, קללות, באַפעלן).

ק אָ מ ע נ ד.: (קוקט אַרויס צום פענצטער) אהאַ! ריכלאָוולאַק אַר־בעט מיט די הענט! זאַוואַזאַדלאַ רייסט זיך! מיינע שלעפּן שוין אַ פּאַרטיע. וועלן צוריקגעיאָגט ווערן ווי די הינט. איך וועל נישט לאָזן, דאָס פאָטערלאַנד זאָל —

(פון דרויסן טראָגט זיך אַן אימה'דיק געוויין פון אַ פרוי. ער שוידערט אויף, עפנט מיט אַ טראַסק די טיר, שרייט אַרויס צום דרויסן)

וואָס פאַר אַ געוויין דאָרט? ווער וואַגט דאָס אַזוי צו וויינען? דאָ איז גרענעץ־אַמט, איך דערלויב נישט, ס'איז אומזין! אַ שוואַנגערע יידין? אומזין! גיט איר קלעפּ! ווער דאַרף דאָס קינד אירס? מיט וואָס פאַר אַ רעכט וויינט זי? איך פרעג: מיט וואָס פאַר אַ רעכט? עס מעג צוריקגיין, דאָס קינד! צוריקגיין זאָל עס, צוריקגיין! אי־בעריק! מ'דאַרף נישט! דאָס קינד באַקומט נישט קיין וויזע! אַ שוואַנגערע יידין? דאָס איז שמוגל! דאָס איז קינדער־שמוגל! ס'טאָר מער נישט צוקומען קיין יידן, דאָ איז אַלץ געענדיקט, אויס

יידן — די גרענעץ! דאָ איז די גרענעץ! די מינוט אויפהערן ווייַנען, אָדער זי הערט אויף צו עקזיסטירן. עס רעגט מיך אויף. צום טייוול, שלעפּער. דאָ איז טשעכישע ערד, דאָרט דייטשישע, און א י י ע ר ערד וואו איז? אין ערגעץ נישט! באַגרייפט איר וואָס דאָס הייסט? אין ערגעץ נישט!

(הויך, באַפּעלעריש, די האַנט אויסגעשטרעקט)

סטריפּישיל, גולם פאַרקאַטערטער! זאַוואַזאַדלאָ, געלער הונט, דיַ־וואַדלאָ, פּאָספּישיל! יאָגט זיי אין קיינעמס לאַנד אַריין! הער ק י י נ ע ר ־ נ י ש ט זאָל זייער פּרעזידענט זיין!

(אין שכרות־פּאָזע, האַלב־וואַקלדיק, די האַנט צום סאַלוט)

סאַלוט, ק י י נ ע ר ־ נ י ש ט, אומגעזעענסטער פון פּרעזידענטן! וויַיז דיך אין דיין אומגעזעענקייט און נעם דיר אַוועק דיינע יידן!

ב י ל ד ד ר י י.

(נייטראַלער פּאַס. אַ פעלד. אין הינטערגרונט — וואַלד, באַראַקן. אַ טריבער טאָג. פון רעכטס קומט אָן פ ר י ץ, פון לינקס — אַ ווילע דערנאָך — ע ד נ אַ. גאַפן אַרום זיך. באַמערקן איינס דאָס אַנדערע. קוקן זיך אָן שטילשוויַיגנדיק. דערנענטערן זיך איינס צום צווייטן).

פ ר י ץ: **דאָרט הויבט זיך עס אָן, דאָ איז דער סוף. מיר — אינמיטן.**

ע ד נ אַ: **אַ פעלד. איינפאַך אַ פעלד.**

פ ר י ץ: **פּ אַ, גיב נאָר אַ קוק... ס'געפעלט דיר? (קוקט זיך אום פאַרגעס אַלץ, אַז פּאַ איז נישטאָ. (צו עדנאַ'ן) ס'האָט מיך געטריבן פון דאָרט.**

ע ד נ אַ: **פון וואַלד? מיך אויך.**

פ ר י ץ: **כ'קען נישט צוקוקן, ווי די פרוי מאַטערט זיך. דאָרט, אין באַראַק נומער איינס.**

ע ד נ אַ: **איך ווייס, מע האָט זי געבראַכט געבונדענערהייט.**

פ ר י ץ: **עס טוט אַלעמען אַזוי וויי.**

ע ד נ אַ: **אַלע וואַרטן אויפ'ן קינד. פאַטער און מוטער — אין קיינעמ'ס לאַנד, און דאָס קינד? מע ווייסט נישט, צי עס וועט וועלן געבוירן ווערן. וואָס וועט עס דאָ טאָן?**

פ ר י ץ: **דאָס זעלבע, וואָס איך.**

ע ד נ אַ: **וואָס טוסטו דען דאָ?**

פ ר י ץ: צי אָטעם דורך די נאָזלעכער.

ע ד נ אַ: דאָס הייסט נישט געטאָן. הייסטו נישט אַמאָל פּעטער?

פ ר י ץ: פאַרוואָס מיינסטו?

ע ד נ אַ: ווייל דאָס איז אַ שיינער נאָמען.

פ ר י ץ: און פריץ איז דען מיאוס?

ע ד נ א: דו הייסט דען פריץ?

פ ר י ץ: געוויס. איך בין פריץ גראָסמאַן. און דו?

ע ד נ אַ: נו, יאָ, איך בין אויך. אָבער ניין, איך בין נישט.

פ ר י ץ: דו אומגעבילדעט מיידל, דו רעדסט אַזוי נישט לאָגיש. דו ביסט א ו י ך? דו ביסט נ י ש ט?

ע ד נ אַ: נו, יאָ. איך בין אויך אַזאַ... אויך אַזאַ איינע... ווי דו, ווי זיי אַלע... אָבער ניין, איך בין נישט — עס דאַכט זיך נאָר. דאָס מוז געוויס זיין אַ חלום.

פ ר י ץ: מ י ך זעסטו אין חלום? מיידל וואָס דו ביסט, איך בין פריץ גראָסמאַן, ליצעאַל־שילער.

ע ד נ אַ: דאָס איז דאָך אָבער אוממעגלעך.

פ ר י ץ: (איראָניש) אבסאָלוט און קאָמפּלעט.

ע ד נ א: דאָס איז גאַנץ זיכער אַ חלום. איך מוז דאָך מאָרגן פרי —

פ ר י ץ: אין דער שולע גיין? וואו איז דען דיין שולע, מיידל?

ע ד נ אַ: נו, דאָך דאָרט, ווייסט נישט, אויף האָרסט־וועסל־פּלאַץ. בין דאָך עדנאַ אַלטשילער. פון לייטמעריץ. דאָס איז דאָך ווירקלעך אוממעגלעך —

פ ר י ץ: דאָס איז אבסורדאַל וואָס דו רעדסט. דאָס איז די ווירק־לעכקייט.

ע ד נ א: ווי מיינסטו עס?

פ ר י ץ: דאָס איז די ווירקלעכקייט — פלעגט זאָגן פּאַ. ער פלעגט שמייכלען דערביי. די ווירקלעכקייט! אויס, ער שמייכלט נישט מער.

ע ד נ אַ: וואו איז ער דען?

פ ר י ץ: האָבן אים דאָרט דרויסן, אין קאָנצלאַגער — (האַקט אָפּ, ווייזט ערגעץ־וואוהין מיט אַ שטומען זשעסט, ווערט שטיל).

ע ד נ אַ: איך פאַרשטיי...

פ ר י ץ: און וואו איז ד י י נ ע ר?

ע ד נ א: מיינעם האָבן זיי ביי אונדז אין דער היים — (האַקט אָפּ).

פ ר י ץ: דערשאָסן?

ע ד נ א: יאָ. און מ אַ איז אויך נישטאָ.

פריץ: וואו איז זי דען?

עדנא: נישט שיין צו זאָגן.

פריץ: שעמסט זיך? זי איז דאָך נישט אויף דער גאַס, מיין איך.

עדנא: אַך, וואָס! אין אַן אַנשטאַלט.

פריץ: און דו שעמסט זיך?

עדנא: אין אַ... נו, אָבער זאָג עס קיינעם נישט, פעטער.

פריץ: איך בין דאָך נישט פעטער — איך בין פריץ.

עדנא: יאָ, פריץ. זאָג עס נישט קיינעם. מאַ איז נערוון־קראַנק. זי איז אין אַ הייל־אַנשטאַלט. טראָגט אַ העמד.

פריץ: איז עס אַ שאַנד? איך קען פיל אַזעלכע. די זענען די גליקלעכסטע — פלעגט זאָגן פּאַ.

עדנא: מאַ איז אַזוי שרעקלעך. פּאַ לעבט נישט מער — ער איז נישט שרעקלעך. אָבער מאַ איז שווידערלעך. זי שלאָגט. און זי שרייט אַזוי. ווען דו הערסט, ווי זי שרייט. אַלץ, ווייל זיי האָבן דעם פּאַ געשאָסן. (וויינט).

פריץ: (נעמט זי אַן פאַר אַ האַנט, צעטרטלעך) מיין מוטער, עמי, האָט עס בעסער געמאַכט.

עדנא: איך הייס עדנאָ, פריץ.

פריץ: ס'אַראַ וואונדערלעכער נאָמען.

עדנא: איך הער דיך, פריץ.

פריץ: מיין מוטער האָט עס בעסער געמאַכט. ווען זיי האָבן אים צום טויט פאַרפייניקט — דאָרט דרויסן אין קאַנצלאַגער — איז זי פרייווויליק, פאַרשטייסט...

עדנא: איך פאַרשטיי נישט, פריץ.

פריץ: אַך, דו ביסט אַזאַ נאַריש מיידל. ווייסט נישט, וואָס פריי־טויט איז?

עדנא: פרייטויט? יאָ, גאָט, איך דערמאָן מיך. אָנקל ראָבערט האָט עס געטאָן. ווען זיי זענען אַריין צו אים ביינאַכט —

פריץ: עדנאָ...

עדנא: וואָס איז דען, פריץ?

פריץ: מיר זענען ביידע אַליין. אַזוי אינגאַנצן, אינגאַנצן אַליין.

עדנא: אין קיינעמ'ס לאַנד.

פריץ: אויפ'ן פעלד.

עדנא: צווישן צוויי גרענעצן.

פריץ: זעסט, דאָרט וואו די זון גייט אונטער — איז טשעכיען.

ע ד נ אַ: און דאָרט, וואו דער הימל איז אַזוי בלוטיק — איז דייטשלאַנד.

פ ר י ץ: און מיר זענען אַליין — אינמיטן —

ע ד נ אַ: דאָרט אין וואַלד, צווישן די באַראַקן, האָבן מיר נישט קיינעם, און אויף דער איבעריקער וועלט, אויף דער גאַנצער, גאַנצער וועלט, אויך דאָר טזענען מיר אַליין, גאַנץ אַליין, אָן מוטער, אָן פאָטער, אָן היים, אָן לאַנד, אָן —

פ ר י ץ: און אָן ביכער אפשר? מנאַ, דאָ האָסטו אַ טעות. (באַקומט אַרויס אַ טאַשן־ווערטערבוך).

ע ד נ אַ: וואָס טויג עס דיר, פריץ?

פ ר י ץ: (געהיימניספול) נאָר, דאָס איז דאָך ענגליש.

ע ד נ אַ: אַן ענגליש ווערטערבוך?

פ ר י ץ: דייטש־ענגליש און ענגליש־דייטש. איך וועל מיך אויסלערנען די ענגלישע שפּראַך, פאַרשטייסט.

ע ד נ אַ: און אַז דו וועסט האָבן אויסגעלערנט — וועסטו נישט זיין אַליין?

פ ר י ץ: וועל איך אַוועק אין דער וועלט, עדנאַ.

ע ד נ אַ: אָבער מען לאָזט דאָך נישט. מען לאָזט דאָך נישט אין ערגעץ. מיר זענען דאָך יידן.

פ ר י ץ: מיר זענען יונג. און די אַלע בייזע מענטשן וועלן דאָך אייביק נישט לעבן. איך בין ערשט זיבעצן יאָר אַלט.

ע ד נ אַ: אָ, דאַן ביסטו זייער אַלט. ווייל איך בין ערשט זעכצן.

פ ר י ץ: אין צען יאָר אַרום וועט די וועלט זיין אַן אַנדערע. ניין, פריער ווי אין צען יאָר. אין צען יאָר אַרום וועט דאָך שוין זיין 1948 — גלויבסטו, אַז די בייזע מענטשן וועלן נאָך אַזוי לאַנג לעבן? אויסגעשלאָסן. אין פינף יאָר אַרום וועט זיין נאָך אַלעם. מעגלעך אפילו, אַז אין אַ יאָר אַרום.

ע ד נ אַ: וואָס דו זאָגסט!

פ ר י ץ: איך בין זיבעצן, דו זעכצן — פאַרשטייסטו דען נישט, אַז מיר וועלן זיי איבערלעבן?

ע ד נ אַ: דו רעדסט ריכטיק, פריץ. דו רעדסט אַזוי, ווי דו וואָלסט אַלט געווען צוואַנציק.

פ ר י ץ: (רייצט זיך מיט איר) און דו רעדסט אַזוי, ווי דו וואָלסט אַלט געווען דרייצן.

ע ד נ אַ: דו שלעכטער קערל, דו באַליידיקסט מיך.

פ ר י ץ: דיך פֿאַרדריסט עס?

ע ד נ אַ: געוויס.

פ ר י ץ: דו האָסט טרערן אין די אויגן.

ע ד נ אַ: ווען אַן אַנדערער זאָגט עס מיר — וואָלט עס מיך נישט פֿאַרדראָסן. אָבער דו...

פ ר י ץ: דו קענסט מיך דען?

ע ד נ אַ: דו ביסט דאָך פֿריץ.

פ ר י ץ: יאָ, פֿריץ גראָסמאַן. אָבער מיר האָבן זיך ערשט באַקענט.

ע ד נ אַ: דו האָסט אַזאַ שיינעם בליק. פּאַ פֿלעגט אַזוי בליקן אויף מיר. ער האָט מיך ליב געהאַט.

פ ר י ץ: ווי אַזוי האָט ער דיך ליב געהאַט?

ע ד נ אַ: ער פֿלעגט מיר אין די אויגן קוקן. און דערנאָך פֿלעגט ער מיר פֿאַרוואַרפֿן דעם קאָפּ אויף אַהינטער און מיך קושן. לאַנג, לאַנג.

פ ר י ץ: וואָס וואָלט געווען, ווען איך טו דאָס זעלבע? דו וואָלסט זיך געוועהרט?

ע ד נ אַ: איך ווייס נישט. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דאָס וואָלט געווען אַזוי גוט. פּאַ פֿלעגט קוקן אויף מיר מיט אַזעלכע אויגן ווי דו, און דערנאָך פֿלעגט ווערן אַזוי גוט. ווייל עס פֿלעגן קומען די קושן.

פ ר י ץ: עדנא...

ע ד נ אַ: וואָס איז דען, פֿריץ?

פ ר י ץ: דו וואָלסט געוואָלט זיין אַן מיר? אָט, צום ביישפּיל, ווען איך גיי צוריק צום וואַלד און לאָז דיך דאָ איבער אַליין אויפֿ׳ן פֿעלד —

ע ד נ אַ: אָן דיר וואָלט געווען נישט גוט. און דו אָן מיר וואָלסט געוואָלט דאָ בלייבן?

פ ר י ץ: ניין. אָבער מיט דיר קאָן זיין אומעטום.

ע ד נ אַ: הער מיך אויס, פֿריץ, דו ווילסט אַוועק, זאָגסטו?

פ ר י ץ: נו, יאָ, קיין אַמעריקע. דאָרט זענען פֿרייע מענטשן. דאָרט פּייניקט מען נישט.

ע ד נ אַ: און מיך וואָלסטו נישט מיטגענומען?

פ ר י ץ: זיכער, דיך אויך. און דערווייל, נישט צו פֿאַרלירן צייט, וועל איך לערנען ענגליש פֿון ווערטערבוך.

ע ד נ אַ: אַליין?

פ ר י ץ: ניין. מיר ביידע. מיר וועלן זיך אויסלערנען ביידע, גוט?

ע ד נ אַ: ענגליש איז אַזאַ שטאָלצע שפּראַך.

פ ר י ץ: ווייל דאָס איז אַ שפּראַך פון פרייע מענטשן.

ע ד נ אַ: עס מוז זיין אזוי וואונדערלעך פריי צו זיין. עס מוז זיין אַזוי וואונדערלעך, ווען קיינער קאָן דיך ניט שיסן, ווייל דו ביסט אַ ייד.

פ ר י ץ: דאָס אַלץ וועל איך שרייבן אין מיין בריוו.

ע ד נ אַ: אין וועלכן בריוו?

פ ר י ץ: נו, אין דעם בריוו צו רוזוועלטן.

ע ד נ אַ: איך פאַרשטיי נישט.

פ ר י ץ: נאַריש קינד, איך שרייב אַ בריוו צו רוזוועלטן. דאָס מוז זיין אַ סוד. וועסט נישט אויסזאָגן?

ע ד נ אַ: ניין. אָבער דו קענסט אים דען? דו ביסט דאָך פריץ גראָסמאַן.

פ ר י ץ: דאָס מאַכט נישט. איך וועל אים אַלץ דערציילן. אַלץ, וואָס אין קיינעמ׳ס לאַנד קומט פאָר, און ווי מיר זענען געקומען אַהער, און אז איך וויל, ער זאָל מיך — ער זאָל אונדז ביידן — אריינלאָזן.

ע ד נ אַ: דאָס איז וואונדערלעך. אָבער דו קענסט דאָך נישט קיין ענגליש.

פ ר י ץ: נו, איך וועל כסדר אין ווערטערבוך אריינקוקן — פאַר־שטאַנען? אַביסל קען איך. פון פאַ. דריי וואָכן איידער ער איז קיין דאַכאַו אַוועק, האָט ער מיך אָנגעהויבן לערנען. עס איז דאָך נישט וויכטיק, עס וועט זיין אַ שלעכטער ענגליש, די הויפּזאַך — ער זאָל פאַרשטיין.

ע ד נ אַ: וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין? געוויס לייענט ער דאָך צייטונגען —

פ ר י ץ: איך מיין אַזוי. (קוקט זיך אום) פון טשעכיען בלאָזט אַ קאַלטער אָוונט־ווינט. איבער דייטשלאַנד איז שוין די זון אינגאַנצן פאַרגאַנגען.

ע ד נ אַ: זי וועט דאָך מאָרגן ווידער אויפגיין.

פ ר י ץ: געוויס. איבער טשעכיען אויך. איבער דער גאַנצער וועלט.

ע ד נ אַ: (מיט לייכטן ציטער) קאַלט. גייען מיר צוריק?

פ ר י ץ: צוריק אין וואַלד? אָבער איך האָב דיך גאַרנישט געקושט. איך וויל דיך קושן, עדנאַ —

ע ד נ אַ: אַזוי ווי מיין פאָטער?

פ ר י ץ: יאָ, אַזוי ווי דיין פאָטער.
ע ד נ אַ: פריץ —
(קושן זיך. פאַרהאַנג).

ב י ל ד פ י ר.

(אַ פונקט אין וואַלד. רעכטס זיצט אויף אַ שטיין דער ב ל י נ־ ד ע ר. לינקס — אויך אויף אַ שטיין — דער אַ ל ט י־ ט ש ק ע ר. מענער, פרויען, קינדער. טייל לויפן הין און צוריק ווי אין אַ שטייג. אַנדערע שטייען פאַרגליווערט).

ב ל י נ ד ע ר: (רעדט צו זיך אויפ׳ן קול) וואַלד, זאָגן זיי. און קעגנאיבער — אַ פעלד. דאָ און דאָרט — זאָגן זיי — אַ פּאָר באַ־ ראַקן. דער גאַנצער פּאַס — איין קילאָמעטער. הונדערט פּופציק — אויף איין קילאָמעטער. ניין, ס׳וועט שוין נישט זיין קיין הונדערט פופציק. נעכטן צוויי געשטאָרבן. אייערנעכטן — דריי. היינט וועט מען אויך שטאַרבן. ניין, קיין הונדערט פופציק וועט שוין נישט זיין.

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: אין מיטן נאַכט, אין מיטן נאַכט. מיינע אַכ־ ציק יאָר האָבן זיך געבעטן: נעמט אייך אַלץ, איך דאַרף גאָרנישט, בלויז דאָס בעט. אַרויס — האָבן זיי געשריגן. געוואָלט אַ קישן מיטנעמען, אַן אייגענעם קישן פון בעט אַרויס — נישט געלאָזט. דו ביסט ייד, האָסט קיין רעכט נישט צו שטאַרבן דאָ, ס׳איז סו־ דעטן, ס׳איז דייטשלאַנד, גיי דיר צו די טשעכן. און די טשעכן האָבן נישט אַריינגעלאָזט. קאָן איך נישט שטאַרבן.

ב ל י נ ד.: (רופט זיך אָפּ) וואו איז די וועלט? זי וועט אונדז גאָר־ נישט העלפן?

אַ ל ט י ט ש.: נאַרישער מענטש, וואו האָסטו אַ וועלט?

ב ל י נ ד.: מען האָט מיר שטענדיק געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ אַ וועלט, נאָר איך זע זי נישט.

אַ ל ט י ט ש.: נישטאָ. וואו זענען די שטיבער אונדזערע? וואו זענען די שטעט, וואו מיר האָבן געוואוינט? נישטאָ.

ב ל י נ ד.: וואָס זשע? דאָס האָט זיך די זעעוודיקע אויסגעדאַכט, אַז ס׳איז דאָ אַ וועלט? מע האָט מיך אָפּגענאַרט?

אַ ל ט י ט ש.: אָפּגעלעבט אַכציק יאָר — און אפילו קיין קישן צום שטאַרבן איז נישטאָ. טאָ וואָס איז יאָ דאָ?

ב ל י נד.: (טאַפּט מיט די פינגער) גאָרנישט... גאָרנישט... אויס

וועלט... גאַרנישט... (צו זיך אַליין) הונדערט פופציק — אויף איין קילאָמעטער. ס'וועט שוין נישט זיין קיין הונדערט פופציק. מ'דאַרף אַראָפּרעכענען די שטאַרבערס. און די נייע? יעדן טאָג שטאַרבט מען דאָ און יעדן טאָג ברענגט מען נייע צו שלעפּן. מ'דאַרף צורע־כענען די נייע. ניין, ס'וועט זיין מ ע ר ווי הונדערט פופציק.

אַ פ ר ו י : (האַלב וואַנזיניק) וואו האָט איר מיין קינד פאַרשלעפּט? וואָס איז אַ קינד אָן אַ מאַמען?

מ אַ ר י ץ ק אַ ן : (אַ ייד אין די שפּעטע פערציקער, מיט אַ זעקל אויף דער פּלייצע, אין ברילן, רופט זיך אָן ווי פון דער זייט) : דאָס־זעלבע, וואָס אַ וועלט אָן גאָט.

פ ר ו י : וואָס איז אַ מאַמע אָן אַ קינד?

מ אַ ר י ץ ק אַ ן : (פון דער זייט) דאָס זעלבע, וואָס גאָט אָן אַ וועלט.

פ ר ו י : וויי און ווינד! דאָס קינד איז אָן אַ מאַמען געבליבן, די מאַמע — אָן אַ קינד —

מ. ק אַ ן : (ווי פריער) די וועלט איז אָן גאָט געבליבן, גאָט אָן אַ וועלט.

(עס קומט אָן, געשלעפּט פון אַ גרענעץ־זשאַנדאַרם, אַן על־טערער, גוט געקליידטער הער, מיט אַ צעשלאָגענעם פאַר־באַנדאַזשירטן קאָפּ און אַ זאַק אונטער'ן אָרעם).

ז ש אַ נ ד אַ ר ם : שמוץ־יידן, דאָ האָט איר אייך נאָך איינעם פון די אייעריקע. (אָפּ).

ק ו ל ו ת : זעט, זעט!

— איר ווייסט ווער דאָס איז?

— ער אויך! ער שוין אויך —

ד ע ר ה ע ר : (שטייט אָן אַ זייט, קוקט נישט אויף קיינעם).

מ. ק אַ ן : (רוקט זיך צו) איר האָט אויך אַ זעקל?

ה ע ר : (ענטפערט נישט).

מ. ק אַ ן : איז זענט, דאַכט זיך מיר, פון גליוויץ. (דער הער ענטפערט נישט) איר, זענט אַ שטומער, אָדער איר מאַכט זיך נאַר אַזוי?

ה ע ר : (מיט פאַראַכטונג) איך בין גראַטגאַוער, פירמע הוגאָ גראַט־גאַוער, פאַבריק־הויז, טירפּיץ.

מ. ק אַ ן : אר־וואָ, אַן עושר! און איך, זעען זי, בין פירמע מאַריץ קאַן, אויבער־שמש פון דער סינאַגאָגע אין לייטמעריץ.

ה ע ר : כ'בעט נישט צו באַלעסטיקן.

מ. ק אָ ן: חלילה, ווער באַלעסטיקט אייך? מ׳האָט אייך שוין גע־נוג באַלעסטיקט, זעען זי. אַ גאַנץ פיינער באַנדאַזש.

ה ע ר: פּריוואַט־זאַך, מיין הער, פּריוואַט־זאַך.

מ. ק אָ ן: דער קאָפּ איז ביי אייך אַ פּריוואַט־קאָפּ, אָבער דער באַנ־דאַזש אַרום קאָפּ איז נישט קיין פּריוואַט־באַנדאַזש. ס׳איז אַ כּלל־זאַך, זעען זי, כּל ישראל חברים. כּל ישראל — הפקר.

ג ר אָ ט ג אַ ו ע ר: אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט. בין צופעליק דאָ. צייטווייליק. פּראָוויזאָריש. גאַנץ פּראָוויזאָריש.

מ. ק אָ ן: זעען זי, איצט זענט איר דער זעלבער יחסן. א י ך האָב אַ זעקל און א י ר האָט אַ זעקל — וואָס איז דער אונ־טערשייד?

ג ר אָ ט ג.: ווי רעדט איר עס צו פירמע גראָטגאַוער? ווער זענט איר דאָס אַזוינער?

מ. ק אָ ן: כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט: עקס־אויבער־שמש פון דער איצט פאַרברענטער סינאַגאָגע אין לייטמעריץ. אייגענטלעך אַ גאַלי־ציאַנער. ס׳הייסט, אויב מען קען אַזוי זאָגן, אַ סודעטן־גאַליציאַנער. עס מעג אייך אַנשטיין די געזעלשאַפט, עקסעלענץ. זעען זי, יענער הער דאָרט איז אַן אַדוואָקאַט — דער וואָס שטייט אין מיטן רעדל און האַלט אַ רעדע וועגן גערעכטיקייט. און דער דאָרט, וואָס לויפט הין און צוריק ווי אין אַ שטייג און ברעכט די הענט, דער איז רע־דאַקטאָר פון אַ פּראָווינץ־בלאַט. דער מאַן האָט אַ שיינעם דייטשן סטיל, אַחוץ דעם האָט ער שוין גאָרנישט. און איך, זעען זי, בין אויך אַ גאַנץ אנשטענדיקע פירמע. אין אָט דעם זאַק האָב איך אריינ־געפּאַקט די רעכטע וואָרע: אַ ספר — זי פאַרשטייען — אַ ספר תורה. איך טראָג אויף די פּלייצעס אַ ספר תורה. איך טראָג אין זאַק די פאַרברענטע סינאַגאָגע. אַז קיין ארון־קודש איז נישטאָ — בין א י ך דאָס ארון־קודש. אפשר ווילט איר אַן עליה?

ג ר אָ ט ג.: אָבער, אָבער. בין נאָר צופעליק אַ ייד.

מ. ק אָ ן: צופעליק האָט אייך געבוירן אייער גאָטזעליקע פרוי מאַמאַ?

ג ר אָ ט ג.: אָבער איך פאַרזיכער אייך. אַלץ פּער צופאַל.

מ. ק אָ ן: און צופעליק האָט מען אייך צעשלאָגן?

ג ר אָ ט ג.: צופעליק. גאַנץ צופעליק.

מ. ק אָ ן: אַהאַ. אויב אַזוי, האָב איך צו אייך גאָרנישט. א י ך

האָב, זעען זי, אַלץ דערציילט. וואָס אין זאַך — דאָס אויך דער צונג. און א י י ע ר זעקל?

ג ר אָ ט ג.: (מיט אַ געהיימניספולער מינע) דאָס וועט רעכטצייטיק אַנטדעקט ווערן.

מ. ק אָ ן: איר זענט אַ געהיימניספולער מאַן, הער גראָטגאָוער.

ג ר אָ ט ג.: איך בין דאָ גאַנץ פּראָוויזאָריש — קער מיך אום אינ־גיכן אין מיין סודעטן־דייטש פאָטערלאַנד.

מ. ק אָ ן: מזל־טוב, ווי אַזוי מאַכט איר דאָס?

ג ר אָ ט ג.: דאָס וועט רעכטצייטיק אַנטדעקט ווערן.

מ. ק אָ ן: איר אַליין קערט זיך אום?

ג ר אָ ט ג.: ס׳וועלן אַלע קענען.

מ. ק אָ ן: אַלע?

ג ר אָ ט ג.: אויב איר וועט וועלן — וועט איר קענען.

מ. ק אָ ן: און וואָס טויגן אייך די שליסלען, אויב מען מעג פרעגן?

ג ר אָ ט ג. דאָס זענען דאָך די שליסלען צו מיין וואוינונג און פאַ־בריק. אַזוי לאַנג ווי א י ך האָב די שליסלען —

מ. ק אָ ן: נו, יאָ, ז י י קענען קיין טיר נישט אויפרייסן.

ג ר אָ ט ג.: אַזוי לאַנג ווי די שליסלען האָב א י ך —

מ. ק אָ ן: זעען זי, די שליסלען האָט איר, אָבער די פאַבריק האָבן זיי.

ג ר אָ ט ג.: איר זענט אַן אייזל־קאָפּ.

(אַ געלויפעריי).

מ. ק אָ ן: וואָס איז דאָס געלאָף? שוין, חלילה, ווידער אַ מת?

ק ו ל ו ת: די קימפעטאָרין, די קימפעטאָרין פון באַראַק נומער איינס — דער רויטער קרייץ, דער רויטער קרייץ —

מ. ק אָ ן: וואָס? דער אַמבולאַנס? געקומען? גערעדט מיט ברין?

ק ו ל ו ת: גערעדט מיט ברין און באַקומען אַן אָפּזאָג.

מ. ק אָ ן: ריזן־שווינעריי. דאָס קינד מ ו ז געבוירן ווערן.

ג ר אָ ט ג.: צו וואָס רייצן די אַריער? צו וואָס געבוירן? איר זענט אַלע אייזל־קעפּ.

מ. ק אָ ן: זעען זי, האָט גראָטגאָוער, דאָס קינד מ ו ז געבוירן ווערן. ביי דער סינאַגאָגע אויף מיינע פּלייצעס, עס מוז געבוירן ווערן, ווייל — וואָס איז א ספר תורה אָן אַ ייד? אַז עס זענען דאָ יידן, קענען זיי ראַטעווען אַ תורה.

ג ר אָ ט ג.: יידישע קינדער־פּראָדוקציע קאַלקולירט זיך נישט. אַב־סאָלוט. עס פּראָוואָצירט נאָר די אַריער.

מ. ק אָ ן: אחינו בני ישראל, וואָס טוט מען מיט דער קימפּעטאָרין — כ׳מיין: מיט׳ן קינד?

ב ל י נ ד.: (הויבט אויף די פידל, וואָס ליגט נעבן אים אויף דער ערד; צום אַלטיטשקן) אַז איך שפּיל נישט — דאַכט זיך מיר, דו ביסט גערעכט. נאָר הויב איך אָן צו שפּילן — ווערט ווידער אַ וועלט. דאָס אויער זעט איטלעכן קלאַנג. איטלעכן קלאַנג זעט עס. און די קלאַנגען, אַלטיטשקער, באַשאַפן די וועלט צוריק.

אַ ל ט י ט ש.: שפּיל נישט! איך בעט דיך, שפּיל נישט. ביסט אַ בלינדער נאַר. נישטאָ קיין קלאַנגען, וואָס פאַר אַ קלאַנגען? נישטאָ קיין לעבן, נישטאָ קיין טויט, נישטאָ קיין קישן צום שטאַרבן. ווען די פידל וואָלט געווען אַ קישן! כ׳וואָלט אַרויפגעלייגט מיין קאָפּ אויף איר און געשטאָרבן. נאָר גיי, שטאַרב, אַז דער טויט אַליין איז אַן אויסטראַכטעניש. פאַר אַ ייד איז גאָרנישט פאַראַן מער. אַ שטיין, אַ פּוסטער חלל — זיץ און גלאָץ. אַ פּוסטע אייביקייט — דאָס אַלץ.

ב ל י נ ד.: און איך וועל מיר פאָרט דאָס מיינינקע טאָן: איך וועל שפּילן.

(שפּילט, נאָר באַלד ווערט די שפּיל פאַרשלונגען אין טומל. אַ געלאַף, אַ געשריי: איינער לויפט, אַנדערע — נאָך אים).

ג ע ש ר י י ע ן: האַלט אים! כאַפּט אים! האַלט אים!

מ. ק אָ ן: וואָס איז, אַ גנב? וואָס האָט ער געקאָנט ביי אייך גנב׳ענען — די בראָך?

ד ע ר, ו ו אָ ס ו ו ע ר ט ג ע י אָ ג ט (הויך, דאַר, די באָרד האַלב אויסגעפליקט): וואָס ווילט איר? אַ קול איז געווען צו מיר: פּאָטער פונ׳ם קינד, דערווערג די טראָגעדיקע און טויט דאָס קינד! און צו דער גרענעץ־וואָך לויף — און שיס! אויסשיסן אַזאַ וועלט! אויסשיסן אַזאַ וועלט! אויסשיסן אַזאַ וועלט —

אַ פ ר ו י: דער קימפּעטאָרינס מאַן! פון זינען אַראָפּ, זיך אויס־געפליקט אַ האַלבע באָרד און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ׳ן ווייב! מ׳האָט אים אַרויסגעיאָגט פון באַראַק — לויפט ער שיסן די זעל־נער. אַ גליק, וואָס ער האָט נישט מיט וואָס.

ד ע ר מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: זייַ אונדז, מיר — זייַ! אַ סוף! דערווערגן אַלע ווייבער, דערשיסן אַלע

לייבער! אויסשיסן אַזאַ וועלט, אויסשיסן אַזאַ וועלט, אויסשיסן אַזאַ וועלט!

מ. ק אַ ן: און קוילן?

ד ע ר מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: קוילן? נישטאָ. וואו נעם איך קוילן? (שטייט אַפּהענטיק און פאַרבליפט) איך וועל שטיל ווערן. איך וועל שטיל זיין ביז ביינאַכט. נאָר ביינאַכט וועט זיך שטאַרקן מיין רחמנות אויף זיי. איך וועל זיי אומברענגען פון רחמנות אויף זיי. אַזוי זאָל גאָט מיר העלפן, ווי איך וועל זיי אומברענגען. אַזוי זאָל גאָט מיר העלפן, ווי היינט ביינאַכט וועל איך אונטערצינדן די באַראַקן.

ק ו ל ו ת: איר הערט? וואָס שטייט איר? בינדן אים!

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: זי וועט פאַרברענט ווערן. זי וועט מיט׳ן קינד פאַרברענט ווערן. איך בין אַ פאַרברעכער: כ׳האָב געלאָזט אין איר אויפגיין אַ קינד. פייער וועט פאַרריכטן מיין זינד. פייער איז גוט. ס׳וועט רויט ווערן אין קיינעמ׳ס לאַנד. כ׳וועל שטיל זיין ביז ביינאַכט און דערנאָך וועל איך פייער מאַכן. ס׳וועט העל ווערן אין קיינעמ׳ס לאַנד.

ק ו ל ו ת:

— אָט זענען שטריק! אָט זענען שטריק!

— בינדט אים — ער קען נאָך האַלטן וואָרט!

— צובינדן צו אַ בוים!

— איזאָלירן!

— אַזוי — איז דאָ אַ דולהויז, אַ צוואַנג־יאַקע! אָבער דאָ?

— צו אַ בוים ביים ראַנד פון וואַלד! קומט, כ׳וועל אייך ווייזן!

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: (צעלאַכט זיך ווילד, שוידערט אויף) אויגן קוקן פון דער ערד. טויט פאַר טויט, — בעטן זיך אויגן. אַ שווערד הענגט פון הימל. טויט פאַר טויט, — באַפעלט די שווערד. (ווערט געבונדן). וואָס בינדט איר מיך? וועמען בינדט איר? איך בין דאָך א י ר. איך בין דאָך אייער אומגליק.

ק ו ל ו ת: צום בוים אים! צום בוים! (ווערט אַוועקגעשלעפּט).

מ. ק אַ ן: אַ וועלט האָט זיך אָנגעזעצט, דאָס קינד זאָל נ י ש ט געבוירן ווערן. דער אייגענער טאַטע וויל עס טויטן. הבן יקיר לי אפרים, אָרעם נעבעכל, זשאַבעלע, וואָס וויל מען פון דיר? (די אויגן אַרויף). זעען זי, מיינע ליבע ה י מ ל י ש ע, אויב איר וועט

נישט העלפֿן דעם קליינעם נ אָ ך ־ נ י ש ט — שווער איך אייך, אַז איך נעם אַראָפּ די ספר תורה פון די פּלייצעס! אויב אייך איז ליב, איז מיר ניחא. איך הייס קאָן, נאָר איך קאָן נישט, וויסן זי, טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט — זי פאַרשטייען? וואָס טויג מיר אַ תורה אָן יידן? איך וועל אַוועקוואַרפֿן דאָס פּעקל — איר הערט? (צו גראַטגאוערן) דער גאָטזעליקער קאַנטאָר פון אונדזער סינאַגאָגע, הער רודאָלף האַלצהאַקער, זכר חזן לברכה, פלעגט צו זאָגן: דער שבת איז פאַר'ן ייד, נישט דער ייד פאַר'ן שבת. דענקען זי אַנדערש, פירמע גראַטגאוער?

ג ר אָ ט ג.: סאַבאַט? עס איז נישט פון מיין אינדוסטרי־געביט.

מ. ק אָ ן: עס קאַלקולירט זיך נישט?

ג ר אָ ט ג.: אָבער לאָזט מיך צורו, איר סינאַגאָגע־שמש!

(פ ר י ץ און ע ד נ אָ קומען פון פעלד).

פ ר י ץ: (מיט'ן ווערטערבוך אין האַנט) האָסטו געזען דעם אָרעמען מאַן, ווי מע האָט אים געשלעפט? ווייסטו ווי עס איז מ ש ו ג ע־נ ע ר אויף ענגליש? מעדמען.

ע ד נ אָ: ווּעסט אים אַריינשטעלן?

פ ר י ץ: אַלץ וועל איך אַריינשטעלן אין דעם בריוו.

ע ד נ אָ: אין דיינעם? און מיינער איז ער נישט?

פ ר י ץ: נו, נו, קריג זיך נישט.

ע ד נ אָ: געדענק, די וויזע מוז זיין פאַר מיר אויך.

פ ר י ץ: דאַרפסטו מיך צוליב דער וויזע?

ע ד נ אָ: ניין, איך דאַרף די וויזע צוליב דיר.

פ ר י ץ: דאָס האָסטו גוט געזאָגט; איך אויך אַזוי. צו קענען דיך ליב האָבן אין אַ פריי לאַנד.

ע ד נ אָ: (איבעררראַשט) זע נאָר, פריץ, גיב אַ קוק. דאָ פירט מען אַ ראַבינער און דאָרט — אַ פאַסטאָר.

פ ר י ץ: אויך דאָס וועלן מיר אַריינשטעלן אין אונדזער בריוו.

מ. ק אָ ן: פירמע גראַטגאוער, זי זעען? מימיני מיכאל, משמאלי גבריאל!

(אַ געלאָף).

ע ר ש ט ע ר ז ש אַ נ ד אַ ר ם: (אַנקומענדיק פון רעכטס) נו, יידן, נאָך אַלץ נישט קראַפּירט? דאָ האָט איר אַ ראַבינער אין אַ צילינדערהוט. שפּרעכט דייטש און טשעכיש, אַ נעטער מאַן. וועט אייך העלפֿן גאָט בעטן, אויב איר האָט נאָך אַ גאָט.

צווייטער זשאַנדאַרם: (אַנקומענדיק פון לינקס) **איר דאַרפט פאַר'ן הער פאַסטאָר נישט מורא האָבן. ס'איז אַן אייערי־ ריקער. מיר האָבן אויסגעפונען, ווער זיין באָבע איז געווען. האָט געהאַט אַ גרויסע קרומע יידן־נאָז.**

(אַלע גאַפן).

ראַבינער: (גייט פון רעכטס, קוקט שטאַר, זעט דעם גלח פון לינקס, שטעלט טריט צו אים).

פאַסטאָר: (גייט פון לינקס, שטעלט טריט צום ראבינער).

(פאַסטאָר און ראַבינער — ביי אָרומיקער טויטער שטילקייט — גייען צו נאָענט איינער צום צווייטן, קוקן זיך שטום אָן און דערלאַנגען זיך ביידע, נישט אויסרעדנדיק אַ וואָרט, די הענט. די גאַנצע צייט שפילט צו, מיט שטיל־פארהוילע־ נעם טאָן, דעם בלינדנ'ס פידל).

מ. קאָן: (לאָזט זיך טאַנצן צווישן רב און פאַסטאָר מיט'ן זאַק אויף די פלייצעס, זינגט צו):

בלינדער מיט'ן פידל,
שפיל מיר אויס דעם שפּאַס!
שפיל מיר אויס דאָס לידל
אויפ'ן מיטן פּאַס,
שפיל מיר אויס דאָס לידל
אויפ'ן מיטן פּאַס.

בילד פינף.

(ביים ראַנד פון וואַלד. דער מענטש מיט דער האַלבער באָרד — צוגעבונדן צום בוים, דאָס פּנים אַרויפצו).

מענטש מיט דער האַלבער באָרד: דאָ שטיי איך. איך קען די שטריק נישט צעררייסן — איך בין צו שוואַך. די ערד האָט מיך געבונדן און איך מוז צו די הימלען קוקן. גוט, וועל איך די הימלען צינדן. כ'וועל אונטערלייגן אונטער זיי מיין געדאַנק — ברענט! (פויזע). האָט עס מיין אויג געצונדן? איז עס פון זיך אַליין געוואָרן? אָט איז ער, אָט זע איך אים. דאָס האָט ער מיך אין קיינעמ'ס לאַנד פאַרשיקט. דאָ האָט זיין קול מיר באַפוילן: דערוווערג דאָס מוטער און טויט דאָס קינד אין איר... פון קעגנאיבער שטראָמט ליכט, ער פאַלט אויפ'ן פּנים

און רעדט פון אונטער זיין שוואַרצער טראַכט אַפּער, פון אונטער זיין נאַכט אַפּער. רייד! רייד! איך ווייס, ווער דו ביסט. דו ביסט דער פּ י נ ס ט ע ר ע ר.

א ו י ב ן:

פּ י ר ש ט פ ו ן פ י נ צ ט ע ר נ י ש: (קניענדיק) די צייט איז געקומען, דו זאָלסט מיך שיקן. וועסטו מיר אָפּזאָגן? דאַסמאָל וועל א י ך געווינען —

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: אַזוי פיל מאָל דיך אויף דער ערד געשיקט. צוערשט פלעגסטו דער זיגער זיין און דער שלעגער, נאָר צוריקקומען פלעגסטו שטענדיק אַ געשלאָגענער און באַזיגטער.

פ י ר ש ט פ ו ן פ י נ צ ט ע ר נ י ש: דאָס מאָל וועט אַנ־דערש זיין, האַר פון ליכט.

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: פירשט פון פינצטערניש, גלויבסטו אַזוי?

פ י ר ש ט פ ו ן פ י נ צ ט ע ר נ י ש: איך גלויב.

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: פאַרוואָס גלויבסטו אַזוי?

פ י ר ש ט פ ו ן פ י נ צ ט ע ר נ י ש: ווייל אַלץ איז צו מיין הערשאַפט גרייט. נישט געווען אַזאַ צייט, נישט געווען אַזאַ דור. די אינסטרומענטן מיינע, האַר פון ליכט, זענען אַנדערע ווי פריער, אַנדערע און בעסערע. איך נעם זיך אונטער, אינגאַנצן צו פאַרטי־ליקן דעם זון דיינעם, דעם מענטש. לאָז מיך נאָר אויף דער ערד אַרונטער, דערלויב, איך זאָל מיט די נ י י ע אינסטרומענטן דיר ווידערשפעניקן — די אַלטע האָבן נישט געטויגט, בין איך באַזיגט געוואָרן. געדענקסט? ווען איך בין דאָרט אונטן מענטש געווען און האָט דעם נאָמען טאָרקוועמאַדאַ געטראָגן — וואָס האָב איך דען געהאַט אין מיין רשות, אַחוץ אַ פּאָר אַלטע קאָמישע טאָרטור־מאַ־שינען? איצט האָב איך ראַדיאָ און לופט־מאַשין, צייטונג און טריבונע, — און דו וועסט זען: דאָס מאָל זיג א י ך. גיסטו מיר קיין דערלויבעניש נ י ש ט — ווייסטו, וואָס איך וועל זאָגן? אַז דו האָסט מורא, האַר פון ליכט! אַז דו ציטערסט, האַר פון ליכט —

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: אין מענטש־געשטאַלט ני־דער, קלייב דיר אויס אַ לאַנד, וואָס דו ווילסט, נעם דיר צו הילף אַלץ, וואָס דו דאַרפסט, ווידערשפעניק וויפיל דו קענסט, לייג דיך ווי אַ קאָשמאַר אויפ׳ן האַרץ פון דער וועלט און פייניק דאָס פאָלק

פון סיני. נישט נאָר איך גיב דיר רשות — איך באַפעל דיר! און זאָג נישט, אַז עס קענען ספקות אויפשווימען אין מיין אומענדלעכ־קייט, זאָג נישט, אַז איך האָב מורא, זאָג נישט, אַז עס קען פחד קומען פאַר מיין אָנגעזיכט. געדענק אָבער: דאָס מאָל, אויב דו ווערסט באַזיגט — ווערסטו באַזיגט אויף אייביק.

פ י ר ש ט פ ו ן פ י נ צ ט ע ר נ י ש: איך דאַנק דיר.

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: (צו דער מחנה פון די א י י־ ב י ק ע) נעמט אַ צונג פון פייער און לייגט זי אים אין מויל, נעמט די שליסלען פון דער וועלט און גיט זיי אים אין האַנט, נעמט די קרוין פון מאַכט און זעצט זי אים אַרויף אויפ׳ן קאָפּ, איר אייביקע!

ד י א י י ב י ק ע: ווי קענען מיר? ווי זאָלן מיר?

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: איך האָב באַפוילן.

פ י ר ש ט פ ו ן פ י נ צ ט ע ר נ י ש: איך דאַנק דיר.

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: דו ביסט דער אויספּרואווער. פּרואוו אויס מיט דיינע נייע אינסטרומענטן — און גיי פאַרלוירן.

פ י ר ש ט פ ו ן פ י נ צ ט ע ר נ י ש: דאָס מאָל קער איך מיך נישט אום, סיידן איך וועל דיך האָבן פאַרטריבן.

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: גיי! טו! ווייס אָבער, אַז איינס איז דיין סוף: פאַרלענדונג.

פ י ר ש ט פ ו ן פ י נ צ ט ע ר נ י ש: איך האָב קיין מורא נישט, האַר פון ליכט. כ׳בין זיכער אין מיין נצחון.

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: און איך אין מיינעם, פירשט פון פינצטערניש.

פ י ר ש ט פ ו ן פ י נ צ ט ע ר נ י ש: נאָך מיר, אַ, אייביקע! ער האָט מיר אייך אָוועקגעגעבן.

א י י ב י ק ע: ער וועט דיך פאַרטיליקן.

פ י ר ש ט פ ו ן פ י נ צ ט ע ר נ י ש: חונפים איר, איך וועל אייך אויסלערנען צו חנפ׳ענען מיך, נישט אים. חנפ׳עט מיך, זינגט מיר, און קענט איר נישט — וועלן מיינע שדים אייך לערנען.

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: דינט אים — ס׳איז מיין באַפעל.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י א י י ב י ק ע: שטיי אויף, דו פינ־צטערער, מענטש זאָלסטו ווערן, צו מענטשן זאָלסטו רעדן און צו אַ לעצטער שלאַכט אַרויסרופן מיין האַר. פון גאַרנישט זאָלסטו

אויפקומען, אומגעריכט פאַר אַלע, און אַלץ זאָל זיך בויגן פאַר דיר איבער נאַכט — און מאַכט זאָל ווערן דיין וואָרט. (צו די אייביקע) גיט אים די שליסלען צו אַלע טויערן, די צונג פון פייער און די קרוין פון מאַכט.

א י י ב י ק ע: (טוען עס) הערש, דו פינצטערער! הערש, דו פינצטערער! הערש ביז וואַנען דו פאַרגייסט —

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: געקרוינט איז ער, אייביקע, און איך באַפעל: לאָזט זיך פאַנגען פון אים.

א י י ב י ק ע: ווײ אונדז.

פ י ר ש ט פ ו ן פ י נ צ ט ע ר נ י ש: איך האָב אים אין דער גאוה אריינגעשלאָגן, און איצט איז נאָך אַלעם: די ערד איז מײַנע, דער מענטש קומט אום. האַר פון ליכט, צום ווידערזען אין טאָג פון מיין נצחון.

ק ו ל פ ו ן ל י כ ט א ר ו י ס: צום ווידערזען אין טאָג פון מיין משפט.

(די זעאונג פארשווימט).

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: נעמען און אַוועקשענקען די שליסלען! מיט וואָס, גייסט פון ליכט, ביסטו עס זיכער? דו זאָגסט: איך וועל זיגן. אָבער יענער זאָגט עס אויך. און ער האָט נאָך די שליסלען דערצו! וועמען פון אייך זאָל גלויבן אַ ייד, אַ געבונדענער ייד אין קיינעמ׳ס לאַנד? איך ווייס נאָר, אַז די קעלט עסט מייגע ביינער ווי אַ וואָלף — ברר — ווי קאַלט מיר איז דאָ צווישן די גרענעצן! צווישן אייךביידן ווער איך צעריבן, אויף אייביק צעריבן —

(עס קומען אָן דער ר אַ ב י נ ע ר און דער פ אַ ס ט אָ ר).

פ אַ ס ט אָ ר: די אמונה, ראַבינער, שיידט אונדז פאַנאַנדער, אָבער זיי זאָגן, אַז עס בינדט אונדז דאָס בלוט.

ר אַ ב י נ ע ר: און איר? פילט איר אין זיך עפּעס פון אַ ייד, פאַסטאָר?

פ אַ ס ט אָ ר: פערציק יאָר האָב איך אָפּגעלעבט און נישט געפילט קיין האָר פון דעם אַלעמען. איצט, אַז זיי האָבן מיך געשלאָגן, פאַרטריבן און אריינגעזעצט צווישן אייך, ווייל מיין באָבע איז געווען אַ יידישע, וועל איך ממילא אַ ייד ווערן. אַ גוי, אַ געקריוודעטער, אַ געשלאָגענער און אַן אומגליקלעכער — איז אַ ייד.

ר אַ ב י נ ע ר: אַ ייד, אַ גליקלעכער, אַ זאַטער און אַ זעלבסטצו־פרידענער, — איז אַ גוי.

פּ אַ ס ט אָ ר: אויב אַזוי, הערט אויף די מורא, אַז יידן זאָלן ווערן גויים. וואו האָט איר היינט גליקלעכע יידן? ס׳איז דאָ אַ פּאַר־קערטע מורא: די צאָל אומגליקלעכע גויים ווערט אַזוי גרויס, אַז —

ר אַ ב י נ ע ר: אָ, לויט אייך קומט אויס, אַז יידן האָבן די גרעס־טע צוקונפט. זייער צאָל האַלט אין איין וואַקסן און —

פּ אַ ס ט אָ ר: און זיי קענען מיט דער צייט אַרומנעמען די גאַנצע מענטשהייט. ווען נישט די אמונה, ראַבינער —

ר אַ ב י נ ע ר: גוט, לאָמיר דערפון נישט רעדן. איר ווייסט? עס ווילט זיך אַזוי האַלטן אַ שבת־פּרעדיקט און ס׳איז נישטאָ פאַר וועמען. די מענטשן דאָרט, די אומגליקלעכע מענטשן אינ׳ם לאַגער, וואָס קען מען פון זיי פאַרלאַנגען? זיי ווילן מיך נישט הערן. דאָס אומגליק האָט פאַריאָגט זייער גלויבן. פאַראַן דאָרט אַ געוועזענער אויבער־שמש — ווען נישט ער, וואָלט איך געשטאָרבן.

פּ אַ ס ט אָ ר: וואָס זאָל א י ך שוין זאָגן? קומט זונטיק, ראַ־בינער, בענקט זיך אַזוי נאָך גלאָקן־קלאַנג, אָרגל־געזאַנג. עס פעלן די ליכט, עס פעלט דער קרוציפיקס. עס ווילט זיך אַזוי די קאַנצל־רעדע האַלטן, די זונטיקדיקע קאַנצל־רעדע.

ר אַ ב י נ ע ר: אָ, איך פאַרשטיי אייך, איך פאַרשטיי. ביי מיר, אַז עס קומט שבת, איז דאָסזעלבע. עס ווילט זיך אַזוי אַ דרשה האַלטן, אָבער קן בימה איז נישטאָ. עס פעלט אַן ארון־קודש, עס פעלט אַלץ. דער אויבער־שמש האָט אַ ספר תורה אין זאַק, נאָר גיי, טרייב צונויף אַ מנין, אַז זיי ווילן נישט מער. גאָט, — זאָגן זיי, — הערט נישט אונדזער געשריי.

פּ אַ ס ט אָ ר: (קוקט צום משוגע׳נעם) ווי מיינט איר? דער ביים בוים — דער געבונדענער —

ר אַ ב י נ ע ר: נו —

פּ אַ ס ט אָ ר: דער וואָלט דאָך אונדז ג ע מ ו ז ט אויסהערן, ניין? דער וועט דאָך נישט אַנטלויפן.

ר אַ ב י נ ע ר: זיכער נישט.

פּ אַ ס ט אָ ר: האַלט, ראַבינער, אייער שבת־רעדע צו אים — און איך וועל האַלטן צו אים מיין זונטיק־רעדע. ווי מיינט איר?

ר אַ ב י נ ע ר: דאָס איז אַן איינפאַל. אָבער ווי שטעלט איר זיך

עס פּאָר — גלייכצייטיק? רעדט איר זיך ערשטער — איר זענט דער איניציאַטאָר.

פּ אַ ס ט אָ ר: (צום ייד מיט דער האַלבער באָרד; מיט אַ געדיכטן באַס) מיט 1938 יאָר צוריק איז גאָט אין מענטש־געשטאַלט אַראָפּ אויף דער ערד. ער האָט זיך באַוויזן אין די בערג פון גליל, און דאָרט, צווישן אָרעמע פישער־לייט —

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: (רייסט אים איבער) אַ מיסיאָנער?

פּ אַ ס ט אָ ר: רייס נישט איבער. הער ווייטער: — מיט 1938 יאָר צוריק —

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: רייס מ י ך נישט איבער; הער, וואָס א י ך וועל זאָגן: אין אונדזערע יאָרן און אין אונדזער צייט איז דער טייוול — דו הערסט? — דער טייוול אין מענטש־געשטאַלט אַראָפּ אויף דער ערד. ער האָט זיך באַוויזן —

פּ אַ ס ט אָ ר: וואָס פּלוידערסטו?

ר אַ ב י נ ע ר: וואָס רעדט ער?

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: איך ווייס. איך האָב געזען. (טייטלט אַרויפצו) אָט דאָרט קעגנאיבער. אויף די אונטערגעצונדענע הימלען קעגנאיבער.

פּ אַ ס ט אָ ר: ניין, ראַבינער, דער פּלאַן טויג נישט. דאָס איז נישט איינער, וואָס הערט, נאָר איינער, וואָס רעדט. ער וויל אַליין אַ פּרעדיקט האַלטן.

ר אַ ב י נ ע ר: עס איז נישט קיין אוידיטאָריע.

פּ אַ ס ט אָ ר: מען דאַרף אַן אמן־זאָגער.

ר אַ ב י נ ע ר: ווייסט איר? איך האָב אַן אַנדער אידעע. לאָמיר גיין טיפער אַביסל אין וואַלד. איר צו מיר וועט האַלטן אייער זונטיק־רעדע און איך צו אייך — מיין שבת־רעדע. געמאַכט?

פּ אַ ס ט אָ ר: פאַרפאַלן. קיין אַנדער אויסוועג זע איך נישט.

ר אַ ב י נ ע ר: אָבער מיר וועלן איינער דעם צווייטן נישט איבעררייסן, אמת?

פּ אַ ס ט אָ ר: אָפּמאַך איז אָפּמאַך.

ר אַ ב י נ ע ר: (זיפצט) שווער צו זיין אַ ייד.

פּ אַ ס ט אָ ר: (זיפצט) שווער צו זיין אַ גוי.

(ביידע אָפּ ווייטער אין וואַלד אַריין; ס'קומען אָן פריץ און עדנאַ.

פ ר י ץ: (מיט׳ן ווערטערבוך אין האַנט) דער בריוו וואַקסט.

ע ד נ אַ: וויפל שורות האָבן מיר שוין, פריץ?

פ ר י ץ: אַ, ס׳וועט שוין זיין אַ פופצן, צוואַנציק. דאָס ענגליש איז שלעכט, ווערי בעד, אָבער וואָס שאַדט עס? רוזוועלט איז אַ קלו־גער. ער וועט שוין פאַרשטיין. כ׳וועל דאָ אריינשטעלן דעם ראַבי־נער מיט׳ן פּאַסטאָר, ס׳איז שוין דאָ די קימפּעטאָרין, וואָס די וועלט האָט איר קיין הילף נישט געגעבן, פאַראַן דער מאָריץ קאַן און איצט דאַרף מען אריינשטעלן דעם עלנטן, וואָס שטייט דאָ געבונדן. (מישט אין׳ם ווערטערבוך) דאָס וואָרט פאַר אומגליק קען איך שוין. ב ו י ם ווייסטו דאָך ווי עס איז —

ע ד נ אַ: נאָך דאָס זאָל איך נישט וויסן? טרי.

פ ר י ץ: אָלרייט.

ע ד נ אַ: מיין נישט — איך לערן מיך.

פ ר י ץ: און ווי וועט זיין: געבונדן צום בוים?

ע ד נ אַ: באונד טו דהי טרי — נישט?

פ ר י ץ: וועל, ווערי וועל. זעסטו שוין, וואָס אַ ווערטערבוך איז! לאָמיר נאָר אָנקומען קיין אַמעריקע — וועסטו שוין זען, עדנאַ, וואָס פאַר אַן ענגליש דו וועסט ביי מיר רעדן. איך וועל מיר דאָרט פאַרשאַפן אפשר צען ווערטערביכער —

ע ד נ אַ: אַך, דו הימל, גאַנצע צען?

פ ר י ץ: יאָ, יאָ. און וואו נאָר אַן ענגליש וואָרט — וועלן מיר עס ביידע וויסן. וויפיל, מיינסטו, ווערטער האָט ענגליש?

ע ד נ אַ: איך ווייס נישט. און דו ווייסט?

פ ר י ץ: נאַרעלע, אַזויפיל, וויפיל דער הימל האָט שטערן!

ע ד נ אַ: און די אַלע ווערטער וועט מען זיך מוזן אויסלערנען? גאָט, דאָס איז דאָך שרעקלעך —

פ ר י ץ: נאַריש מיידל וואָס דו ביסט, טאָמער וועלן דיר פעלן אַ פאַר טויזנט שטערן — מיינסטו, וועט זיין אַ לאָך אין הימל?

ע ד נ אַ: אָבער, אַז רוזוועלט וועט איבערלייענען — וועט ער אונדז אריינלאָזן?

פ ר י ץ: גאַנץ זיכער.

ע ד נ אַ: דו ווייסט דאָך גאָרנישט זיין אַדרעס.

פ ר י ץ: וואָס פאַר אַן אַדרעס? מ׳דאַרף אָנשרייבן איין וואָרט: רוזוועלט — וועלן שוין אַלע וויסן, וועמען מען מיינט. העכסטנס קען

מען, פון זיכערקייט וועגן, צושרייבן: וואַשינגטאָן. אָבער דאָס, מיין איך, איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

מ. ק אָ ן: (קומט צו לויפן) קינדער, נישט געזען דעם ראַבינער?

ע ד נ אַ: יאָ, מיט'ן פּאַסטאָר.

פּ ר י ץ: לינקס, עטוואָס טיפער אין וואַלד.

מ. ק אָ ן: רק ער ווערט מיר פאַרלוירן. ער דאַרף גיין תהלים זאָגן אין דער קימפּעטאָרינס באַראַק — ס'איז דאָך איצט זיין ריי. אַנ־שטאָט צו היטן פאַר די מזיקים — שפּאַצירט ער גאָר אַרום. עס פאַלט אים גאָר נישט איין, אַז ער קען נאָך פאַרפעלן אַ מנחה. איך ווייס איבערהויפּט נישט, וואָס טויג דעם ראַבינער אַ פּאַסטאָר און וואָס טויג דעם פּאַסטאָר אַ ראַבינער. דער ראַבינער קען נאָך ווערן אויס ראַבינער און דער פּאַסטאָר — אויס פּאַסטאָר, און וואָס וועט ד ע מ אָ ל ט זיין? (אָפּ טיפער אין וואַלד).

ע ד נ אַ: (צו פּריצ'ן) אָבער דו מוסט אריינשרייבן, אַז מיר האָבן זיך ביידע ליב. דאָס איז זייער וויכטיק.

פּ ר יץ: פאַרוואָס איז דאָס אַזוי וויכטיק?

ע ד נ אַ: ווייל אַז נישט, וועט מען דיך אַריינלאָזן און מיך נישט.

פּ ר י ץ: אָך, אַזוי? און איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז וויכטיק פאַר זיך אַליין. דו ליבסט מיך דען? ווי אַזוי ליבסטו מיך? גרויס, טיף, אָדער געוויינלעך?

ע ד נ אַ: געוויינלעך.

פּ ר י ץ: ווי וואָגסטו מיך ליב צו האָבן געוויינלעך?

ע ד נ אַ: דו פאַרשטייסט נישט וואָס איך מיין.

פּ ר י ץ: נו, איך פאַרשטיי שוין גוט. דו האָסט מיך ליב זייער גע־וויינלעך.

ע ד נ אַ: ריכטיק. דאָס הייסט: אַזוי ווי פּ אַ און מ אַ דאַרפן זיך ליב האָבן.

פּ ר י ץ: ווי אַזוי דאַרפן זיי זיך ליב האָבן?

ע ד נ אַ: אָך, דו פאַרשטייסט נאָך אַלץ נישט. דאָס הייסט, אַז ווען דיר זאָל געשען אַן אומגליק — וואָלט איך אָדער משוגע געוואָרן אַזוי ווי מ י י ן מ אַ, אָדער איך וואָלט מיר פרייוויליק דעם טויט גענומען, אַזוי ווי ד י י ן מ אַ. פאַרשטייסטו שוין?

פּ ר י ץ: איך פאַרשטיי, מיין קליינע, איך פאַרשטיי.

ע ד נ אַ: און דו מיינסט, דו ביסט שוין אַזאַ גרויסער? אינגאַנצן מיט איין יאָר עלטער.

פ ר י ץ: אָבער מיט צען יאָר קלי̇גער.

ע ד נ אַ: ענגלישע ווערטער קען איך שוין כמעט אַזוי פיל ווי דו.

פ ר י ץ: נישט ריכטיק. ווי לאַנג איז, אַז דו האָסט אפילו נישט געוואוסט, וואָס „ל אָ ו" מיינט —

ע ד נ אַ: „לאָו" איז — אַזוי! (כאַפּט אים אַרום. זיי קושן זיך ליידנשאַפטלעך, פאַרזינקען אין זייער יונג גליק).

ד ע ר מ ע נ ט ש ב י י ם ב ו י ם: (קוקט זיך צו) ווער זאָגט, אַז דאָ איז ק י י נ ע מ׳ס לאַנד? עס איז דאָך אַ לאַנד פון צ ו ו י י! פירשט פון פינצטערניש, זעסט? אָט זענען זיי!

ב י ל ד ז ע ק ס.

(באַגינען אין לאַגער. ראַבינער קומט אָן פון איין זייט, פּאַס־טאָר פון דער צווייטער).

ר אַ ב י נ ע ר: גריס גאָט, פּאַסטאָר. ווי איז אַדורך די נאַכט?

פּ אַ ס ט אָ ר: בין געהאַט אַנדרימלט געוואָרן — האָבן מיך די גלאָקן אויפגעוועקט.

ר אַ ב י נ ע ר: וועלכע גלאָקן?

פּ אַ ס ט אָ ר: נו, יאָ, וואָס ווייסט איר פון גלאָקן, ראַבינער? איך בין מיר אַזוי אַנדרימלט געוואָרן אונטער׳ן פרייען הימל — ערשט איך זע: דער הימל־קופּאָל איבער מיר איז דער קופּאָל פון אַ ריזיקן דאָם — און איך זוך מיך אין דעם ריזיקן דאָם און ווייס נישט וואו איך בין אַהינגעקומען — און מיטאַמאָל: איך האָב זיך באַגעגענט מיט זיך אַליין, איך האָב זיך דערזען שטיין אויף עפּעס אַ ריזיקע אַמבאָנע — די אַמבאָנע הויבט זיך ביז צו די שטערן — פון אונטן ציען זיך הענט, אַ וואַלד מיט הענט שטרעקט זיך צו מיר, איך אָבער שטיי אַזוי הויך, אַז אָט־אָט און די שטערן וועלן מיך ארייננעמען צווישן זיך און איך וועל פאַרלוירן גיין אין דער אומ־ענדלעכקייט פון דער באַוועגונג. און די אַמבאָנע שטייט נישט, זי הויבט זיך אַלץ העכער, ווי געטראָגן אויף פליגלען, און איך מיט איר — און ווי איך טראָג מיך אַזוי, הויך, העכער, נאָך העכער, דערפיל איך פּלוצלונג, אַז איך מוז זיך אָנהאַלטן אָן עפּעס, אַז נישט וועל איך קיינמאָל שוין נישט קענען באַגעגענען זיך מיט זיך אַליין — איך וויל מיך אַרונטערבויגן און זיך אָנכאַפּן אָן איינער פון די הענט — אָבער ניין, זיי גרייכן נישט צו מיר, קיין שום

האַנט גרייכט נישט צו מיר, אַלע הענט זענען טיף אונטן — און ווי איך זוך אַן אָנהאַלט, פֿאַרטשעפּע איך מיך אָן אַ שטערן, כאַפּ מיך אָן אָן אים — און — שטעלט אייך פֿאָר: די שטערן זענען גלאָקן געווען. איך האָב קוים אָנגערירט יענעם שטערן — האָט ער זיך מורא׳דיק צעקלונגען, ווי ער וואָלט זיך געבייזערט, און אַלע שטערן — נאָך אים, און עס האָט געשטורעמט גלאָק נאָך גלאָק: ס׳אַ ייד, ס׳אַ ייד! אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ! די אַמבאָנע האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן, אַראָפּלאָזן, די הענט, וואָס האָבן זיך פֿריער געשטרעקט אין אַ געבעט, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך מיר ווי הינט נאָך אַ האָז. און די גלאָקן שרייען. פֿונ׳ם טומל האָב איך מיך אויפֿגעכאַפּט און מער נישט געשלאָפֿן. די קעלט האָט געפּייניקט און די קימפּעטאָרין האָט אַזוי געקרעכצט פֿון באַראַק אַרויס, אַז יעדער קרעכץ האָט מיך געהאַלטן וואַך און מיין בלוט איז אויסגעגאַנגען פֿון רחמנות צו איר.

ר אַ ב י נ ע ר: און מיט מיר, פּאַסטאָר, איז אַזוי געווען: איך בין אַנדרימלט געוואָרן, ווי פֿאַרצייטנס יעקב אבינו מיט׳ן שטיין צוקאָפּנס, נאָר אנשטאָט אַ לייטער צום הימל, האָב איך געזען אַ גאַנג טיף אין דער ערד אַראָפּ, און איך, בראש פֿון אַ מנין יידן, בין געגאַנגען טרעפּ־אַראָפּ, אַלץ טיפֿער און טיפֿער, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ שול, וואָס איז געלעגן אונטער די פֿונדאַמענטן פֿון דער ערד. די שול איז געווען פֿינצטער־בלווילעך ווי אַ פֿאַרטאָג, ביים ארון קודש זענען געלעגן לעבעדיקע לייבן, און אַז זיי האָבן אונדז דערזען, האָבן זיי אַרויסגעברומט דריי מאָל: הייליק, הייליק, הייליק! אויפֿ׳ן פּרוכת פֿון ארון קודש איז מיט אותיות פֿון פֿייער געשריבן: ממעמקים קראתיך ד׳ —

פּ אַ ס ט אָ ר: איך פֿאַרשטיי. De profundis clamavi Te, Domine.

ר אַ ב י נ ע ר: און ווען מיר האָבן געוואָלט תפֿילה טאָן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן פֿאַרלוירן די מענטשלעכע שפּראַך. אונדזערע ליפּן האָבן זיך נישט באַוועגט און פֿונדעסטוועגן האָט אַלץ אין אונדז גערעדט אַ תפֿילה. דאָס איז געווען אַ תפֿילה פֿון אונטערערדישער שטילקייט. און וואָס מער מען האָט תפֿילה געטאָן — אַלץ שטילער איז געוואָרן. דאָס קען מען גאָר נישט איבערגעבן, פּאַסטאָר. די שטילקייט איז צום סוף געוואָרן אַזאַ, אַז איך האָב מיך פֿון דער שטילקייט אויפֿגעכאַפּט, ווי פֿון דעם גרעסטן ליאַרעם. ווייטער איז געווען אַזוי ווי מיט אייך: די קעלט האָט געפּייניקט

און די קימפּעטאָרין האָט מורא׳דיק געקרעכצט פון באַראַק אַרויס. איך האָב תפילה געטאָן פאַר איר.

פּ אַ ס ט אָ ר: איך האָב אויך געבעטן גאָט פאַר איר. פאַרטאָג, אַז די קרעכצן האָבן אויפגעהערט, איז מיך באַפאַלן אַן אימה. איז עס אַמאָל נישט דער סוף? שפּעטער האָט איך געהערט, אַז איר איז בעסער געוואָרן. דער הימל זאָל זיך אָננעמען פאַר איר (צלמ׳ט זיך).

ר אַ ב י נ ע ר: דער זכות פון רחל, רבקה, לאה זאָל איר ביישטיין.

פּ אַ ס ט אָ ר: זי וועט געבוירן? זי וועט נישט, גאָט באַהיט, אויסגיין אַזוי? אַן דאָקטוירים, אין געצעלט פון ברעזענטענעם לייוונט... נו, גוט, מיר גיבן איר אַוועק אַלץ פון מויל, מיר שיצן זי, מיר וואַכן איבער איר — פון ברין האָבן יידן בעטגעוואַנט אַריינגעשיקט... אָבער דאָך... מ׳האָט זי געשלאָגן... אַ ייד, — זאָגן זיי, — דאַרף נישט געבוירן ווערן. ווייל אַמאָל, מיט 1938 יאָר צוריק, איז געהאַט געבוירן געוואָרן איינער אַ —

ר אַ ב י נ ע ר: (רייסט אים איבער) קומט, לאָמיר בעסער אַרויס אין פעלד. איך האָב פאַר אייך אַ נייע פּרעדיקט.

פּ אַ ס ט אָ ר: אַזוי? איך פאַר אייך אויך.

(ביידע אָפּ. פ ר י ץ און ע ד נ אַ קומען אָן).

פ ר י ץ: אַזאַ קילער באַגינען. אַזוי קאַלט געווען ביינאַכט. מיט וואָס האָסטו זיך צוגעדעקט?

ע ד נ אַ: מיט גאָרנישט.

פ ר י ץ: כ׳האָב אַן אויג נישט געקענט צומאַכן. די קימפּעטאָרין — אַזוי שרעקלעך געווען צו הערן —

ע ד נ אַ: איך האָב אויך נישט געקענט צוליב איר. כ׳בין געלעגן אויף דער ערד און געטראַכט פון מיין מאַ. און איך האָב דאָך אַזוי געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן. איך בין מיד פון נישט שלאָפן, פריץ, די פיס האַקן מיר זיך אונטער.

פ ר י ץ: דאָס איז גיכער פון הונגער. איך פיל דאָס זעלבע. אָבער איצט פיל איך שוין גאָרנישט, אויסער פרייד. און דו?

ע ד נ אַ: איך אויך אַזוי. אַז איך דערזע דיך — גייט אַלץ אַריבער. אַז איך זיץ מיט דיר אין פעלד אָדער טיפער אין וואַלד, דאָרט אויפ׳ן מאָך, און לערן די ענגלישע ווערטער און קוק דיר אין די אויגן און הער די בוימער רוישן, — דאַכט זיך מיר, מיין טאַטע לעבט נאָך, מיין מאַ לעבט נאָך און אַלע מענטשן זענען גוט. אָבער דו ווייסט דאָך גאָרנישט, וואָס איך האָב צוגעטראַכט די נאַכט.

פ ר י ץ: וואָס?

ע ד נ אַ: אפשר גאַנצע פינף שורות צום בריוו — נייע שורות.

פ ר י ץ: און איך — נאָך מער ווי פינף. אפשר צען.

ע ד נ אַ: דאָס וועט זיין אַ לאַנגער בריוו. ווער ווייס, צי וועט ער צייט האָבן צו לייענען. פּאַ פלעגט זאָגן, די אַמעריקאַנער האָבן קיין צייט נישט. צייט איז ביי זיי געלט.

פ ר י ץ: יאָ, אָבער רוזוועלט'ן האָבן זיי דערויף געמאַכט פאַר פּרעזידענט, ער זאָל האָבן צייט. וואָרים אימיצער מוז דאָך דאָרט צייט האָבן. זיין בילד האָסטו געזען? כ'האָב אַרויסגעשניטן פון אַ צייטונג — (נעמט אַרויס, ווייזט איר).

ע ד נ אַ: (דערפרייט) פּריץ, ער וועט זיכער לייענען אונדזער בריוו. זיכער. איך דערקען עס אין די אויגן. ער האָט אינגאַנצן אַנדערע אויגן ווי — נו, ווי —

פ ר י ץ: איך פאַרשטיי. רעד נישט. עס ווילט זיך נישט געדענקען. דערמאָן נישט זיין נאָמען, — וועסט זיך אומריין מאַכן די ליפּן. כ'וועל זיי אַ גאַנצן טאָג נישט קענען קושן. עס איז אַזוי שרעקלעך און אַזוי מיאוס. אָבער מיר זענען יונג. און איבער אונדז איז הימל. דער ריח פון וואַלד־ווינט, דער ריח פון דיינע האָר — וואָס דאַרף איך מער? ווען מיר זיצן אויפ'ן פעלד־היגל פאַרנאַכט און קוקן ווי שטערן צינדן זיך — איין שטערן נאָכ'ן צווייטן — פילסטו דען, אַז ער איז פאַראַן? ניין, עדנאַ, — דו פילסט אים נישט — ער איז נישטאָ אינגאַנצן — ס'איז דאָך נאָר אַ בייזער חלום פון אַ קראַנקן קאָפּ — די וועלט האָט אַ קראַנקן קאָפּ באַקומען, און אַז דער קאָפּ טוטוויי — זעט מען אַזעלכע חלומות. נאָר אַז מען שטייט אויף — איז דער חלום נישטאָ. ס'איז נאָר דאָ זון, ווינט — וועלט —

ע ד נ אַ: זון — ווינט — וועלט —

פ ר י ץ: ס'וועלן פאַרביי אַ פּאָר יאָר — און וואָס, מיינסטו, וועט בלייבן פון דעם אַלעם? גאָרנישט. גאָרנישט. ס'וועלן לויפן יאָרן און מיר וועלן אַלט ווערן, איך און דו, און מיר וועלןביידע זיצן — צוויי אַזעלכע קאָמישע אַלטיטשקע — ערגעץ אין אַ שטאָט פון אַ ווייט לאַנד, און דרויסן וועט זיין ווינטער, און מיינע האָר און דיינע וועלן ווייס זיין ווי דער שניי אין דרויסן — און איך וועל מיר דרימלען אין אַ פאָטערשטול —

ע ד נ אַ: יאָ, יאָ, איך זע —

פריץ: און פון באַקוועמלעכקייט וועגן רוק איך מיר צו דעם פאָ־טערשטול צום אויוון —

עדנאַ: ניין! אַזאַ טייערע פאָטערשטול צורוקן צום אויוון? מאַכסט דאָך קאַליע דאָס מעבל —

פריץ: אָבער איך האָב מיר ליב צו מאַכן באַקוועם. וואָס אַרט דיר? אַזוי וויל איך.

עדנאַ: דעספאָט! אַזוי פיל יאָר נאָך דער חתונה, קינדער אויס־געגעבן, און קען זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגעוויינען פון די קאַפּריזן.

פריץ: נו, לאָז צו רו, אַלטיטשקע. קוק בעסער, ס'אַראַ שיינער שניי אין דרויסן. ווי לייכט עס שנייט, ווי ליכטיק.

עדנאַ: (פאַרגאַפט) ווי לייכט — ווי ליכטיק —

פריץ: דאָס זענען די טרערן פון אונדזער יוגנט פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין בריליאַנטן —

עדנאַ: די טרערן? אָ, איך דערמאָן מיך. דאָס מוזסטו מיינען אַ פעלד אין קיינעמ'ס לאַנד, נישט וואָר? דאָס מוזסטו מיינען אַ ברוין לאַנד אַזאַ —

פריץ: נו, נו, אַלטיטשקע, הער אויף. ברוין? וואָס ברוין? שוין לאַנג אַראָפּגעשווענקט. ווי לייכט עס שנייט, ווי ליכטיק. אַזוי לייכט און ליכטיק האָבן מיר אין טאָג פון אונדזער חופה געטאַנצט — קום, כאַפּסט אפשר אַ טאַנץ אַרום אויוון?

עדנאַ: האָסט דען נישט געזאָלט אַנדרימלט ווערן, מיין ליבער קאָטער? מיר האָבן שוין אָפּגעטאַנצט. מיר זענען צו אַלט דערויף.

פריץ: צו אַלט דערויף? ווי אַלט, מיינסטו, בין איך?

עדנאַ: ווי אַלט? וואַרט נאָר... (קוקט אים אָן, לאַכט זיך פאַ־נאַנדער, ווי זי וואָלט אים ערשט איצט דערזען) דו... דו ביסט על־טער פאַר מיר מיט אַ יאָר!

פריץ: און דו ווי אַלט ביסט?

עדנאַ: זעכצן.

פריץ: ריכטיק! און דער שניי?

עדנאַ: וואו האָסטו דען שניי?

פריץ: וואָס? זענען די טרערן פון אונדזער יוגנט נאָך נישט פאַרוואַנדלט אין בריליאַנטן? ריכטיק. נאָך נישט. ס'האָט אָבער פאָרט געגלאַנצט —

עדנאַ: דאָס האָט אין אונדזערע הערצער געגלאַנצט —

פריץ: ריכטיק. אין אונדזערע הערצער. און אונדזערע הערצער

— זיי וועלן נאָך אַריינגלאַנצן אין אַנדערע צייטן, עדנאַ, אין גאַנץ אַנ־דערע, ליכטיקע, פרייע צייטן — דו פאַרשטייסט ?

עדנאַ: ווי גוט ס'וועט דעמאָלט זיין.

פריץ: מיר וועלן עס זען מיט די אייגענע אויגן, עדנאַ.

עדנאַ: זיכער. מיט די אייגענע אויגן.

פריץ: און אויב דו ווייסט עס, עדנאַ, — טאָ ווי קענסטו זיך איינהאַלטן ? איך מוז טאַנצן, ווען איך טראַכט דערפון.

עדנאַ: אָבער דאָ קען מען נישט טאַנצן. אַ סך שלאָפן נאָך, און די, וואָס שלאָפן שוין נישט, זענען דאָך נישט אַזוי גליקלעך ווי מיר.

פריץ: טאָ קום פון דאַנען. אין פעלד אויפ'ן היגל — דאָרט לאָזט זיך עס מאַכן — מיר וועלן טאַנצן אַרויף, טאַנצן אַראָפּ — אָדער ביין — כ'האָב נעכטן אַן אָרט אַנטדעקט אין וואַלד — אַזאַ קליי־נעם שטילן דריי־עק — צו ענג אויף צום טאַנצן, דערפאַר זעט מען דאָרט, ווי די האַרבסט־זון טאַנצט — זי טאַנצט אריין דורך גאָל־דענע צווייגן, ווי דורך אָפענע טירן — לאָזט זיך אַוועק איבער'ן מאָך, ווי איבער אַ געוועקסטן פּאַרקעט — און ס'אַראַ באַל־באַ־לייכטונג ! עס ברענען די האַרבסט־בוימער ווי גרויסע קאַנדע־ליאַברעס.

עדנאַ: ווען איך הער דיך רעדן, זע איך די פרייע וועלט, וואָס וואַרט אויף אונדז — די נייע גוטע יאָרן —

פריץ: זיי וואַרטן אויף אונדז און אויף אַלעמען — אויף אַלע מענטשן, עדנאַ.

עדנאַ: אויף יידן אויך ?

פריץ: געוויס. אויף יידן אויך.

(ביידע אָפּ אין פעלד אַריין).

אַלטיטשקער: (פון זיין שטיין רעכטס) נו, בלינדער, שוין געעפנט אַן אויג ? איך מיין: ביסט שוין אויפגעשטאַנען ?

בלינדער: יאָ, איך זיץ שוין אויפ'ן שטיין.

אַלטיטשקער: אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. דער שלאָף וויל אויף יידישע אויגן נישט קומען. מען קען נישט לעבן, מען קען נישט שטאַרבן. אַ קישן צום שטאַרבן איז נישטאָ — וואָס־זשע איז יאָ דאָ ? נישט קיין קישן, נישט קיין בעט, נישט קיין לעבן, נישט קיין טויט — גאָרנישט.

בלינדער: גאָט וועט העלפן. וועסט שטאַרבן, אַלטיטשקער, וועסט זען.

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: איך האָב שוין די האָפנונג פאַרלוירן, בלינדער.

ב ל י נ ד ע ר: האָף צו גאָט, אַז דו וועסט לאַנג נישט לעבן.

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: בלינדער, דער טויט אפילו — דער טויט איז אויך אַוועק. ער איז אַוועק פון די יידן, ער וויל זיך נישט צורירן צו זיי. דאָס לעבן אַוועק, דער טויט אַוועק — און גאָרנישט, הוילער גאָרנישט. אַכציק יאָר זיצן נישט־טויט, נישט־לעבעדיק אויף אַ שטיין — און גאָרנישט.

ב ל י נ ד ע ר: זיי זאָגן, ס'איז בעסער געוואָרן. פאַרטאָג איז בעסער געוואָרן.

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: ווער מען?

ב ל י נ ד ע ר: ווייסט נישט? דער קימפעטאָרין. נו, אַ דאַנק גאָט, אַ דאַנק גאָט. נעכטן אַ גאַנצן טאָג האָב איך מיך פאַר צער נישט געקענט צורירן צו דער פידל. איצט, אַ דאַנק גאָט, וועל איך שפּילן.

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: אַ בעלנות! הער, וואָס מע זאָגט דיר: נישט קיין קימפעטאָרין, נישט קיין קינד — הוילער גאָרנישט. אַ ייד קען שוין מער נישט שטאַרבן, קען שוין מער נישט לעבן און קען שוין מער נישט געבוירן ווערן —

ב ל י נ ד ע ר: איך ווייס נישט. אָבער שפּילן קען מען נאָך. (שפּילט).

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: און דו מיינסט, אַז דאָס זענען טענער? איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך גלויב גאָר נישט, אַז דו שפּילסט. ווייסט גאָר וואָס? נאַ דיר אַ נדבה און שפּיל נישט. (זוכט אין די קעשענעס, געפינט נישט) נישטאָ קיין געלט. איבערגעלאָזט ביי די ב ר ו י נ ע.

ב ל י נ ד ע ר: (ענדיקט דאָס שפּילן) אַמאָל, אַז איך בין געגאַנגען איבער די הייפן פאַרדינען, האָב איך געשפּילט פון נדבות וועגן. איצט שפּיל איך פאַר זיך אַליין, צו זען, צי ס'איז נאָך דאָ אַ וועלט. וואָרים מיינע אויערן זענען זעעוודיק.

מ. ק אָ ן: (קומט אָן). אחינו בני ישראל, ס'איז דאָ אַ בשורה.

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: וואָס איז? מ'קען שוין שטאַרבן?

מ. ק אָ ן: פאַרשטייען זי? ס'ווערט איר, ברוך השם, אַלץ בעסער. די היץ איז אָפּגעפאַלן. וואָס דאַרף דען אַ ייד אויף צו ווערן געהאָלפן? אַזוי גוט ווי גאָרנישט. אין קיינעמ'ס לאַנד, אין גאָרנישט'ס לאַנד איז ג אָ ר נ י ש ט — גאָרנישט אַזאַ גאָרנישט. עס שטייט: תולה ארץ על בלימה. אָדער ווי דער גאָטזעליקער חזן אונדזערער,

הער רודאָלף האַלצהאַקער, זכר חזן לברכה, פלעגט צו זאָגן: גאָר־ נישט איז אויך עפּעס.

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: נײַן, גאָרנישט איז גאָרנישט.

מ. ק אָ ן: אדרבא, פאַרקערט: גאָרנישט איז נ י ש ט גאָרנישט.

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: (עקשנות׳דיק) **גאָרנישט איז גאָרנישט.**

(גראָטגאַוער קומט אָן מיט׳ן זאַק אונטער׳ן אָרעם, זײַן פּנים פֿײַערלעך).

מ. ק אָ ן: פֿון גאָרנישט האָט גאָט באַשאַפֿן אַ גאַנצע וועלט, דער־ ציילט ער מיר אַ מעשה, אַז גאָרנישט איז גאָרנישט. (צום אָנגע־ קומענדיקן גראָטגאַוער) **הער פֿאַבריק־הויז גראָטגאַוער, ווי מיינען זי? איר זענט דאָך עפּעס יאָ דער גרויס־אינדוסטריעלער, זאָ צו זאָגן. איז איין נול אין חשבון נישט איינע וויכטיקע זאַכע, זאָ צו זאָגן?**

ג ר אָ ט ג.: (בייז) **איר סודעטן־גאַליצישער אויבער־שמש — הערט אויף מיט די פֿוילע וויצן.** (שטעלט זיך אַוועק אין מיטן, רעדט הויך און פֿײַערלעך צום פּריש־אויפֿגעשטאַנענעם עולם, וואָס הויבט זיך אָן צונויפֿצוקומען) **סודעטן־דײַטשן פֿון יידישער אָפּשטאַ־ מונג! פֿאַבריק־הויז גראָטגאַוער, עקזיסטירט זייט 1890, רופֿט אייך צו זעלבסט־הילף. אַ גרויסע אידעע, מיינע הערן, אַ גרויסע אידעע!**

מ. ק אָ ן: מנאַ, מ׳קען קיינמאָל נישט וויסן, ווער דער משיח איז. גראָטוליר, הער גראָטגאַוער, גראָטוליר. זאָל איך שופֿר בלאָזן?

ג ר אָ ט ג.: איר! הערט דאָך אויף, זאָג איך.

ק ו ל ו ת:

— ער האָט אַן אידעע.

— לאָמיר הערן זײַן אידעע.

ב ל י נ ד ע ר: אַלטיטשקער, איך הער זאָגן, אַז משיח איז געקומען. איז דאָס אמת?

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: בלינדער נאַר, ס׳איז קיין שום משיח נישט. ס׳איז גאָרנישט. ס׳איז גראָטגאַוער — דער מיט׳ן צילינדער.

ג ר אָ ט ג.: (בינדט אויף דעם זאַק, נעמט אַרויס אַ רידל).

ק ו ל ו ת: אַ רידל! אַ רידל!

מ. ק אָ ן: אַרויס דער רידל פֿון זאַק! יידל מיט׳ן רידל, איך גראָ־ טוליר! (זינגט):

יידל מיט׳ן פֿידל,

גראָטגאַוער מיט׳ן זאַק —

מיינט נישט, זינט איך בין אַ סודעטן־דײַטשער גאַליציאַנער, האָב

איך נאָך נישט געזען, אַ רידל זאָל זיך אַזוי רידלען. אַט אַט־די כּלי האָט איר עס געהאַלטן פאַר נויטיק אַרויסצוראַטעווען, הער גראַט־גאַוער ?

ג ר אַ טג : (פּיערלעך) איך האָב עס מיר באַלד אויסגעקאָמבינירט. ווען זיי זענען געקומען נאָך מיר, האָב איך עס מיר בליץ־שנעל אויסגעקאָמבינירט. איך האָב געפרעגט : וואוהין, מיינע הערן ? און זיי : צו דער טשעכישער גרענעץ. און ווען די טשעכן וועלן נישט אַריינלאָזן ? נו, האָבן זיי געזאָגט, וועט איר בלייבן אין מיטן. אין מיטן ? האָב איך מיר געטראַכט. אַזוי ? און איך האָב עס מיר באַלד אויסגעקאָמבינירט. זיי, נאַטירלעך, האָבן געלאַכט. די שליסלען ? ביטע זייער ! דאָס איז אייער רעכט. אַ רידל אין זאַק ? אַהאַ, זיך אַליין אַ קבר אויסגראָבן ביי אַ געלעגנהייט ? ביטע זייער ! איך אָבער האָב מיר דאָס מייניקע געוואוסט. איך האָב מיר געהאַט מיין געדאַנק דערביי. אַ גרויסע אידעע, מיינע הערן, אַ גרויסע אידעע !

מ. ק אָ ן : נו, אַ סוף ! ס׳וועט אַרויס די אידעע פון זאַק, אָדער נישט ?

ג ר אַ ט ג. : סודעטן־דייטשן פון יידישער אָפּשטאַמונג, מיר וועלן זיי איבערקלייגן ! זיי האָבן ערד, מיר האָבן אַ רידל ! נאַטירלעך, ווען מיר האָבן מער רידלען — זאָגן מיר : אַ רידל אויף אַ מאַן—

מ. ק אָ ן : אַ רידל אויף אַ יידל —

ג ר אַ ט ג. : אַ רידל אויף אַ מאַן — נו, דאַן מאַכן מיר עס איינס־צוויי. אָבער פאַרשטייט : מער ווי איין רידל האָב איך דאָך נישט ג ע ק אָ נ ט מיטנעמען —

מ. ק אָ ן : נאַטירלעך : איין מענטש, איין זאַק, איין רידל —

ג ר אַ ט ג. : מ׳קען אָבער, ביי גוטן ווילן און פלייסיקער טאָג־טעג־לעכער אַרבעט, אויך מיט איין רידל דערגראָבן זיך צוריק צו אונ־דזער סודעטן־דייטשן פאטערלאַנד און צוריקבאַקומען וואוינונג און אונטערנעמונג. ווארים אַזוי לאַנג ווי מען האָט די שליסלען —

מ. ק אָ ן : אַזוי לאַנג ווי א י ר האָט די שליסלען — האָבן זיי א י י ך ערגעץ אַנדערש, הער גראַטגאַוער.

ג ר אַ טג. : איך בעט נישט שטערן. אַ פייערלעכער מאָמענט, מיינע הערן, אַ פייערלעכער מאָמענט ! ווען אַלע זאָלן גראָבן אַ שעה אין טאָג — ווי לאַנג, מיינט איר, דאַרף געדויערן, אויסצוגראָבן מיט געמיינזאַמע כּחות —

מ. ק אָ ן : אַ קבר ? גוט, דינגט מיך פאַר אַ קדיש־זאָגער.

גראַטג.: אויסצוגראָבן מיט געמיינזאַמע כחות אַן אונטערער־דישן טונעל? איך מיין: אַ טונעל פון דאַנען צוריק צו די סודעטן — ביז נאָך דער גרענעץ —

קולות:

— ער וויל צוריק קיין מצרים.

— זאָל ער אַליין גראָבן.

— מיר זענען שוין גענוג באַגראָבן.

מ. קאָן: (מאַכט נאָך גראַטגאַוערס קול) אַ גרויסע חסר־דעה, מיינע הערן! אַ גרויסע חסר־דעה!

גראַטג.: איך בין אַנטוישט, מיינע הערן, שרעקלעך אַנטוישט.

מ. קאָן: די גראָב־אידעע איז באַגראָבן. (צו די אַרומיקע) אחינו בני ישראל, איר האָט אים דערלאַנגט מיט אַ רידל אין קאָפּ.

גראַטג.: (ערנסט און פייערלעך) טוט מיר לייד. אָבער איך וועל פון מיין אידעע נישט אָפּטרעטן. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז וועל איך מיר אַליין אויסגראָבן אַ טונעל. אַזוי לאַנג ווי איך האָב די שליסלען —

מ. קאָן: און אַז זיי וועלן אייך פּאַקן און צוריקשיקן?

גראַטג.: (עקשנות'דיק) וועל איך ווידער גראָבן.

מ. קאָן: און אַז זיי וועלן אייך אַ דריט מאָל צוריקשיקן?

גראַטג: וועל איך אַ דריט מאָל גראָבן.

מ. קאָן: זי פאַרשטייען, ער האָט זיין אידעע אויסגעאַרבעט מיט אַלע שרייפעלעך.

גראַטג.: איך בין אַן אָפּטימיסט. מיר וועלן זען, ווער עס וועט מיד ווערן: גראַטגאַוער אָדער היטלער. (אָפּ מיט'ן רידל, שטעלט זיך פונדערווייטנס גראָבן).

מ. קאָן: מיינט נישט. עס שטייט: ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. ווער נאָך ווי דיין פאָלק ישראל איז אַ פאָלק איינס אין דער אדמה! דאַכט זיך, עס ליגט אין דער אדמה, ניין, נעמט עס אַ רידל און גראָבט זיך אַרויס. ווי האָט אקאַרשט געזאָגט מאַריץ קאָן? גאָרנישט, — זאָגט ער, — איז נישט גאָרנישט. פון גאָרנישט ווערט אַ רידל, פון אַ רידל אַ טונעל, און אַזוי ווייטער. דער גאָט־זעליקער חזן פון אונדזער סינאַגאָגע — (האַקט אָפּ. ס'פּאַרט אַן מיט רעש אַן אויטאָ. עס שטייגט אויס אַ זשוואַוועד פאַרשוין פון אומבאַ־שטימטער עלטער אין אַ קעסל־צילינדער אויפ'ן קאָפּ, מיט אַ נאָ־טיץ־ביכל און אַן אייביקער פּעדער אין האַנט).

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: (צו מאַריץ קאַן, וועלכער לויפט צו צו אים דער ערשטער) מיט וועמען האָב איך דעם כבוד? דאָ איז דאָך קיינעמ׳ס לאַנד, ווי? איך בין פון דער אויסלענדישער פּרעסע.

מ. ק אַ ן: (שטעלט זיך אויך פּאַר) און איך — פון דער פאַרברענ־טער סינאַגאָגע.

ק ו ל ו ת: פון דער פּרעסע! פון דער פּרעסע! ער וועט אונדז ב אַ ש ר י י ב ן!

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: (מיט נערוועזע, אײליקע תנועות) קענט איר מיר ווייזן די זעענסווירדיקייטן? שנעלער, טעמפּאָ! אין אַ שעה אַרום, ניין, אין אַ האַלב שעה אַרום מוז דער באַריכט זיין פאַרטיק. ווערט מאָרגן געדרוקט אין צוואַנציק צייטונגען —

מ. ק אַ ן: און ווערט איבערמאָרגן פאַרגעסן (מאַכט נאָך זיין קול) טעמפּאָ!

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: איר זענט, ווי איך פאַרשטיי, דער וויצלינג פון דעם לאַגער. נו, פיין. איך האָב שוין די ערשטע שורות. (דיק־טירט זיך אַליין אויפ׳ן קול, שרייבנדיק גלייכצייטיק אויפ׳ן בלאָק) אַ וויצלינג אין קיינעמ׳ס לאַנד. געלעכטער דורך טרערן (צו קאַנ׳ען) וואָס ווייטער?

מ. ק אַ ן: דאָס פרעג איך דאָך: וואָס ווייטער? מיר וועלן דאָ זיצן אין געהאַקטע צרות — און איר, שיינע מענטשן, וועט שרייבן פון אונדז אין די בלעטער?

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: אויסגעצייכנט. (דיקטירט זיך אַליין און שרייבט אײליק). וואָס וועט זיין מיט אונדז? — ווערט דער וויצ־לינג טראַגיש. — וועלן מיר דאָ שטאַרבן — זאָגט ער — פון הונ־גער און קעלט — און גאַרנישט? און עס ווייט פון זיין פראַגע מיט יענער שוידערלעכער איינפאַכקייט, מיט וועלכער האַמלעט, פּרינץ פון דענעמאַרק, האָט אַ זאָג געטאָן: זיין, אָדער נ י ש ט זיין?

מ. ק אַ ן: הויבט זיך גאַרנישט אָן. כ׳האָב עס גאַרנישט געפרעגט ווי אַ פּרינץ פון דענעמאַרק. כ׳האָב עס געפרעגט ווי אַן אויבער־שמש פון אַ סינאַגאָגע, וואָס איז געשטאַנען פינף הונדערט יאָר און איז פאַרברענט געוואָרן אין איין נאַכט.

(דער עולם אַרום ווערט אַלץ גרעסער).

ק ו ל ו ת:
— ראַטעוועט!
— נעמט זיך אָן פאַר אונדז!
— זאָל די וועלט זיך אָננעמען פאַר אונדז!
— עפנט די גרענעץ!
— גיט אונדז אַ לאַנד!

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: איך בין גערירט. (שרייבט) ראַטעוועט אונדז, — דערהער איך אַ געשריי; זאָל די וועלט זיך אָננעמען פאַר אונדז, — טראָגן זיך פאַרצווייפלטע קולות. עפנט אונדז אַ גרענעץ! גיט אונדז אַ לאַנד! (צו די אַרומיקע) איר מאַכט עס זייער דראַמאַטיש. דאָס געשריי: עפנט אונדז אַ גרענעץ, גיט אונדז אַ לאַנד — איז עפעקטפול. צוגעפּאַסט צו דער טראַגישער סיטואַציע. און איצט אינפאָרמירט מיך: שוין אַ סך אויסגעשטאָרבן צווישן אייך? זענט איז זער הונגעריק? איבעריקנס, פראַגן זענען איבעריק. איך זע שוין, איך זע שוין. ווירקלעך זייער טראַגיש. (פאַרשרייבט) די שטערבלעכקייט איז גרויס, דער הונגער־טויט שניידט מיט זיין קאָסע אויף רעכטס און אויף לינקס, מענטשן פאַלן ווי די פליגן —

אַ פ ר י י ל י ן: (לויט־צו; בלייך, די האָר צעוודרפן) ליבער הער, נעמט מיך מיט. פירט מיך אַרויס. אין אייער אויטאָ איז דאָ אָרט פאַר צווייען. מיט אייך צוזאַמען וועט מיך די וואַך אַדורכ־לאָזן. איר זענט דאָך אַ זשורנאַליסט. איך וועל דאָ שטאַרבן. גאַנץ זיכער שטאַרבן.

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: פיין, זייער פיין. (שרייבט) אַ פריילין מיט ווילד־צעשויבערטע האָר, אַ געשטאַלט פון אַ משוגע׳נער מאַדאָנע, לויפט צו פלוצלונג, כאַפּט מיך אָן ביי אַ האַנט און שרייט היס־טעריש: „נעמט מיך מיט אין אייער אויטאָ! איך באַשווער אייך! טוט מיט מיר וואָס איר ווילט! שענדט מיך, פאַרקויפט קיין בוי־ענאָס־איירעס! איך וועל ווערן אייער שקלאַפין!״ זי רייסט פון זיך די קליידער, בלייבט שטיין נאַקעט, און איך דערזע פאַר זיך אַלע געהיימנישן פון אַ בליענדיקן פרויען־קערפּער. מיין געוויסן דער־לויבט מיר אָבער נישט אָנצונעמען אַן אָנבאָט, וואָס איז פונקט אַזוי אונמאָראַליש, ווי טראַגיש. (צו דער פריילין) אַנטשולדיקט. איך האָב אַבסאָלוט קיין צייט נישט. שנעל, שנעל, טעמפּאָ. וואו זענען די זעענווירדיקייטן? (צו מאָריץ קאָן) איר האָט מיר געזאָלט

באַווייזן. אָדער ניין, נאָך וואָס? איך האָב שרעקלעך קיין צייט נישט. זאָגט מיר אַזוי, אויף אויסוויינִיק. טעמפּאָ!

מ. ק אָ ן: אַ שאָד, וואָס איר זענט אויף שרויפן, אַנישט וואָלט איך אייך געוויזן דעם ראַבינער מיט'ן פּאַסטאָר —

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: ראַבינער? פּאַסטאָר?

מ. ק אָ ן: אַ שאָד, איך האָב זיי דאָ נישט אונטער'ן האַנט. ווי נאָר גאָט גיט דעם פרימאָרגן — אַנטלויפן זיי אין פעלד. דער פּאַסטאָר האַלט אַ פּרעדיקט פאַר'ן ראַבינער, דער ראַבינער האַלט אַ דרשה פאַר'ן פּאַסטאָר, און —

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: וואָס נאָך? טעמפּאָ! מאַכט עס שנעלער!

מ. ק אָ ן: (ציילט אויף די פינגער) דער ראַבינער מיט'ן פּאַסטאָר; דאָס יידל מיט'ן רידל; דער משוגענער ביים בוים; דער ספר תורה אין זאַק; דאָס קינד אין בויך —

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: רעדט, רעדט, רעדט! וואָס איז עס פאַר אַ בויך? ווי הייסט דאָס קינד?

מ. ק אָ ן: דאָס קינד? אַז עס וועט געבוירן ווערן — וועט מען עס אַ נאָמען געבן.

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: (פאַרשרייבט) פאַראַן דאָ פאַרשיידענע זע־ענסווירדיקייטן: אַ רב מיט אַ פּאַסטאָר, דערביי איז דער רב גע־טויפט און דער פּאַסטאָר טראָגט אַ מגן־דוד; אַ קינד אין בויך, אַ קלוב פון זעלבסטמערדער, אונטערערדישע היילן און אַזוי ווייטער. טייל אומגליקלעכע האָבן ערגעץ באַקומען האַשיש און נאַרקאָטי־זירן זיך. אַנדערע האָבן אויס פאַרצווייפלונג באַשלאָסן צו ווערן אַפּאַשן. (צו אַלע) נו, גוט. איך וועל שרייען, אַלאַרמירן, מאָנען גע־רעכטיקייט, אָרט אונטער דער זון, אַ ווינקל, וואו דעם קאָפּ אַוועק־צולייגן — און אַזוי ווייטער.

אַ ל ע: (ווי פאַר'כישופ'ט) גערעכטיקייט! מענטשלעכקייט! אַן אָרט אונטער דער זון! אַ ווינקל, וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן —

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: אַן אייגן בעט צום שטאַרבן. אַן אייגענעם קישן.

ב ל י נדער: אַ פּאַס! זיי האָבן מיר דאָך אַלץ אַוועקגענומען. איך בין אַ בלינדער אָן אַ פּאַס — און דער דאָרט, דער מענטש פון דער וועלט, ער מוז געוויס האָבן אַ פּאַס מיט וויזעס.

ק ו ל ו ת: דאָס מוז שוין איינמאָל זיין אַ פּאַס!

ב ל י נ ד ע ר: וויזעס! גאָט, לאָזט מיך צוקומען צו אים! די

וועלט איז געקומען — און איך זיץ אויפ'ן שטיין. פירט מיך צו
צו דער וועלט! פירט־צו אַ בלינדן קאַליקע, האָט רחמנות —

מ. ק אָ ן: (גייט צו צום בלינדן, הויבט אים אויף, פירט אים צו צום זשורנאַליסט) קום, קוק אָן מיט דיינע בלינדע אויגן דעם שקר — און האָב נחת.

ב ל י נ ד ע ר: (קומט צו נאָענט) דאָס ביסטו, מענטש פון דער וועלט? לאָז דיך אָנטאַפּן.

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: נעמט אים צו. ער איז אומריין. וועט מיך אָנשטעקן.

ב ל י נ ד ע ר: זיי נישט בייז, מענטש פון דער וועלט. איך וויל דיך נאָר באַוואונדערן. דיין פּאַס ווייז מיר, מענטש פון דער וועלט, די וויזעס ווייז מיר —

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: ווענסט דען זען? ביסט דאָך אַ בלינדער.

ב ל י נ ד ע ר: וועל שוין מיט די פינגער באַטאַפּן — מיינע פינ־גער וועלן זיך אַזוי פרייען, מענטש פון דער וועלט —

ק ו ל ו ת: מיר ווילן זען! מיר ווילן זען!

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: גיט אַ קוק! אָבער שנעל, טעמפּאָ, איך האָב אַבסאָלוט קיין צייט נישט. (ווייזט דעם פּאַס).

ק ו ל ו ת: (באַגייסטערונג) געזען אַ פּאַס? אָט דאָס הייסט אַ פּאַס!

ב ל י נ ד ע ר: (באַטאַפּט דעם פּאַס, מישט די בלעטלעך, שמעקט צו זיי ווי אַ שפּיר־הונט) וויזעס, וויזעס; כ'טאַפּ עס אָן — אָט איז עס!

ק ו ל ו ת: וויזעס! וויזעס!

ב ל י נ ד ע ר: (גלאָצט ערגעץ ווייט, ווי ער וואָלט לענדער געזען) וויזעס קיין אורוגוואַי, פּאַראַגוואַי, אַלאַסקע, קאַמטשאַטקע, טאַ־איטי, — האַאיטי — (צעשפּרייט די פינגער) לענדער, לענדער, — ים'ען — ים'ען —

ק ו ל ו ת: (ווי פאַר'כישופ'ט) לענדער — לענדער — ים'ען — ים'ען —

ב ל י נ ד ע ר: קאַקאַאָס־ניס — פּאַלמענבוימער — זינגענדיקע נעגערס —

ק ו ל ו ת: קאַקאַאָס־ניס — פּאַלמענבוימער — זינגענדיקע נעגערס —

ב ל י נ ד ע ר: ((תפילה'דיק־צעשטראַלט) זאַנ — זי — באַר! ווי וואונדער — באַר! זאַנ — זי — באַר!

אַ ל ע: (ווי אויבן): וואונדער — באַר! זאַנ — זי — באַר!

ב ל י נ ד ע ר: מאַדאַ — גאַס — קאַר! ווי וואונדערבאַר!

אַ ל ע: וואונדער — באַר! מאַדאַ — גאַס — קאַר!

ב ל י נ ד ע ר: (גליקלעך פאַרהאַרכט אין דעם קלאַנג, וואָס ער ברענגט אַרויס) **מי — סי — סי— פי.**

אַ ל ע: (נאָך אים) **מי — סי — סי — פי.**

ב ל י נ ד ע ר: פאַ — לעס — טינאַ! איר זעט, איר הערט? אייגן לאַנד מיינס — אייגענע ערד — מיין ירדן זינגט — מיין כרמל גרינט —

אַ ל ע: דער ירדן זינגט — דער כרמל גרינט —

ב ל י נ ד ע ר: תל־אָביב! מיינס, מיין אייגנס! עס פרייט אַזוי טיף! תל־אָביב! נאָר מען לאָזט נישט — מען לאָזט נישט אַריין —

אַ ל ע: (טרויער) **נאָר מען לאָזט נישט — מען לאָזט נישט אַריין —**

ב ל י נ ד ע ר: און אָט — דער אַטלאַנטיק! אַדיע, תל־אָביב! איך שווים, איך שווים אויף אַ ריזיקער שיף — מעוועס שרייען, ווינטן הוליען, ווינטן קוליען זיך איבער'ן ים — לונגען טרינקען אויס דעם גאַנצן ווינט — און אָט — יבשה גרינט — עס אַנקערט די שיף — דאָס גרויסע לאַנד, דאָס פרייע לאַנד — די שיינע פרוי דאָרט — מיט'ן פאַקל אין האַנט — די שיינע פרוי: די פרייהייט — די הויכע סטאַטוע פון פרייהייט —

אַ ל ע: (פאַרקוקט אין אַ וויזיע פון דער צוקונפט) **די שיינע פרוי — די פרייהייט — די הויכע סטאַטוע פון פרייהייט —**

(עס ווייזט זיך אין דער ווייט די פרייהייט־סטאַטוע אויף דעם אַמעריקאַנער ים־ברעג. די זעאונג פאַרשווינדט פונקט אַזוי שנעל, ווי זי ווייזט זיך).

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: גענוג. פירט דעם בלינדן צוריק. האָב איך דען צייט דערצו? אַהער דעם פאַס, בלינדער!

ב ל י נ ד ע ר: אַך, אַ שאַד. אַזאַ חלום!

ק ו ל ו ת: אַזאַ חלום!

ב ל י נ ד ע ר: כאָטש נאָך אַ רגע.

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: קיין צייט נישטאָ, טעמפּאָ.

ב ל י נ ד ע ר: מ'איז געפאָרן — געפאָרן —

ק ו ל ו ת: געפאָרן — געפאָרן —

ב ל י נ ד ע ר: (יאָמערדיק) **און וואוהין דערפאָרן?**

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: נעמט אים צו!

ב ל י נ ד ע ר: און ווילסטו נישט, מענטש פון דער וועלט, איך זאָל אויף מיין פידל כאָטש אויסשפּילן באַוואונדערונג צו דיר? דער־לויב כאָטש, איך זאָל דיך מיט פידל־שפּיל באַוואונדערן —

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: ניין, ניין, אַ דאַנק. די מוזיק איז איבעריק. (בלינדער ווערט צוריקגעפירט).

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: (שרייבט) אַ בלינדער ייד האָט מיט טיפער פרייד און שיער נישט געצנדינערישער באַגייסטערונג באַטאַפּט מיט די פינגער מיין פּאַס מיט די וויזעס. אַלע אַרום האָבן זיך אַנטציקט. וויזעס, וויזעס! — האָבן זיי געשריגן. אַן אַנטפּלעקונג איז עס גע־ווען פאַר זיי. די מענטשן האָבן גאַרנישט געקענט די אויגן אַפּרייסן פון מיין פּאַס. איך האָב זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו קוויקן זיך וואָס לענגער. שעה׳לאַנג זענען זיי געשטאַנען און זיך אַנטציקט און איך, פול מיט געדולד, האָב מיך צוגעקוקט איין שעה און נאָך אַ שעה. קען מען ביי אומגליקלעכע צוריבן זייער חלום? דאָס וואָלט געווען גרויזאַם. איז די צייט געפלויגן און איך האָב מיט טיפן סימ־פּאַטיע־געפיל מיך צוגעקוקט פון דער זייט, פול מיט סטאָאישער זעלבסטבאַהערשונג און מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז איך פאַרשאַף די אומגליקלעכע אַביסל פאַרגעניגן.

מ. ק אָ ן: וואָס־זשע טוט גאָט? איז עס אַ ליגן.

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: (שרייבט ווייטער) איך האָב געבראַכט מיט זיך פּעקלעך שאָקאָלאַד און געטיילט צווישן די הונגעריקע קינדער. מ׳האָט געדאַרפט זען די שמחה.

מ. ק אָ ן: (שרייט אַריבער צום בלינדן) בלינדער, האָסט געזען? זיי אַן עדות!

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: (שרייבט ווייטער) און ווי די קינדערלעך עסן אַזוי דעם שאָקאָלאַד, רוקט זיך אַרויס פון צווישן די רייען אַן אַל־טער ייד מיט׳ן פּנים פון אַ פּראָפעט. וואו איז דער פעלקער־בונד, — פרעגט ער שטרענג, — וואו איז דער פעלקער־בונד?

מ. ק אָ ן: מנאַ, דאָס איז אַ צונאַרישע פראַגע פאַר אַ יידן. אפילו ה י י ל ע ־ ס ע ל אַ ס י ע פרעגט שוין נישט, מכל־שכן — אַ ייד.

ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט: (שרייבט ווייטער) אך, — ענטפער דעם אַלטן פּראָפעט דער טראַגישער וויצלינג, — דיין פראַגע איז צו נאַריש פאַר אַ יידן. ווייסטו דען נישט, אַז דער פעלקער־בונד איז פאַראַליזירט?

מ. ק אַ ן: ווען האָט עס געזאָגט מאַריץ קאָן, פון ווען אָן איז עס אַ וויץ און פון ווען אָן הייסט גע׳פּגר׳ט — פּאַראַליזירט?

זשורנאַליסט: (שרייבט ווייטער) און ווען איך זאָג צו די אומגליקלעכע: איך וועל אייך באַשרייבן אין צוואַנציק צייטונגען — צעשטראַלן זיך די איינגעפאַלענע פּנים׳ער, אַ פייערל פון האָפ־נונג צינדט זיך אָן אין די פאַרלאָשענע אויגן און די פאַרטריקנטע ליפּן שעפּטשען אַ תפילה. (צו די אַרומיקע) נו, אַ דאַנק פאַר דער טעמע. ס׳איז מיר געווען זייער אָנגענעם, זייער אָנגענעם. איר מוזט נאָר האָבן אַביסל געדולד און זיך לאָזן אַראָפּכאַפּן. (שטעלט אָן זיין אַפּאַראַטל) אַכטונג, איך פאָטאָגראַפיר! הער וויצלינג, מאַכט אַ קאָמי־טראַגיש געזיכט, עס זאָל אויסקוקן פאָטאָגעניש.

מ. ק אַ ן: פאַרגעסט נאָר נישט צו פאָטאָגראַפירן די קינדערלעך, וואָס באַלעקן זיך מיט אייער שאָקאָלאַד.

זשורנאַליסט: שנעל, שנעל, טעמפּאָ! (פאָטאָגראַפירט שנעל, לויפט צום אויטאָ, פאָכעט מיט דער האַנט) גוד־ביי! צום ווידער־זען! אָ־רוואואַר! אַדיאָ!

קולות:

— ווען מיר קענען אַזוי!

— גאָרנישט: זעצט זיך און פאָרט!

— אָן אָפענע וועלט פאַר אים.

בלינדער: (הילפלאָז פון שטיין אַראָפּ) וואָס איז? די וועלט פאָרט אָפּ?! אויף ווּעמען לאָזט זי אונדז איבער?

מ. ק אַ ן: (שרייט צו אים אַריבער) די וועלט האָט נישט קיין צייט. (צום זשורנאַליסט) אַ רגע, אַ רגע׳לע. כ׳וויל אייך עפּעס מיטגעבן צום אָנדענק.

זשורנאַליסט: שנעלער, טעמפּאָ, פאַרהאַלט מיך נישט.

מ. ק אַ ן: כ׳וויל אייך מיטגעבן אַ „שפוך חמתך".

זשורנאַליסט: גיט־זשע שנעלער. וואו איז עס?

מ. ק אַ ן: אין דער הגדה! שפוך חמתך — גיס אויס דיין גרימ־צאָרן, על הגוים אשר לא ידעוך — אויף די פעלקער, וואָס האָבן דיך נישט געקענט, ועל ממלכות, אשר בשמך לא קראו — און אויף מלוכות, וואָס האָבן נישט געוואָלט דיין נאָמען הערן. שפך עליהם זעמך — גיס אויס אויף זיי דיין וואָוטיקייט, וחרון אפך ישיגם — און דיין גרויסער פאַרדראָס זאָל זיי טרעפן, כי אכלו את יעקב — ווייל זיי האָבן יעקב׳ס לייב געפרעסן, ואת נוהו השמו — און זיין

וואוין פּאַרוויסט. תּרדוף באף — מיט צאָרן זאָלסטו זיי רודפ'ן, ותשמידם — און פאַרטיליקן, מתחת שמי אדני — פון אונטער דיינע הימלען.

בילד זיבן.

(אַ זייטיק ווינקל אין קיינעמ'ס לאַנד. גראָטגאַוער, ווילד באַוואַקסן, אין אַ לייכטן זומער־מנטל, דעם זאַק אויף די פּלייצעס, שטייט און גראָבט).

גראָטג.: אַ שעה און נאָך אַ שעה — ווערט צוויי, פון צוויי שעה ווערט דריי, פון דריי — פיר, פינף, זעקס. זעקס שעה איז שוין אַ האַלבער טאָג. פון אַ האַלבן טאָג איז שוין נישט ווייט צו אַ גאַנצן. און אַזוי — אַ שעה צו אַ שעה, אַ טאָג צו אַ טאָג — ביטע שיין, הער גראָטגאַוער, פאַבריק־הויז גראָטגאַוער, דאָ האָט איר עס: אַ טונעל! (קוקט זיך אום, הערט אויף אַ רגע צו גראָבן, ווישט דעם שווייס) אוף. דער שווייס רינט. דער שווייס איז הייס, דער קערפּער איז קאַלט. אַ צאָן קלאַפּט אָן אַ צאָן. ס'איז האַרבסט און קיין אויוון איז דאָ נישטאָ. מיטנעמען דעם פעלץ האָט מען נישט געלאָזט. פירמע גראָטגאַוער ציטערט אין לייכטן זומער־מאַנטל. דאָס איז אַזוי אומפאַרשטענדלעך. אַזאַ פירמע! אַזאַ פיר־מע! האָב איך נישט אויסגעפירט ראַיעל די מינדסטע באַשטעלונג? האָב איך ווען עס איז אויסגעשטעלט טשעקן אָן דעקונג? אָט קום איך, פאַבריק מיינע, אָט קום איך! געדולד! (זעצט זיך צו אַ פאַר־מאַטערטער אויף אַן אָפּגעהאַקטן שטאָם). מוז מיך אָפּרוען. שוין דער צווייטער טאָג אַזוי. גאָרנישט געהאַט אין מויל — נישט היינט, נישט נעכטן. און ס'איז פאַרפלוכט קאַלט. שוידערלעך קאַלט.

מ. קאָן: (קומט אָן) נו, ווי גייט'ס, הער גראָטגאַוער? נאָך אַלץ אויבן? איך האָב געמיינט, איר ליגט שוין אונטן.

גראָטג.: איר נאַרישער מענטש, הערט אויף מיט די שפּאַסן.

מ. קאָן: וואָס איז אייך? איר ציטערט —

גראָטג: עס מאַכט נישט. עס מאַכט נישט. די אַרבעט גייט ווייטער.

מ. קאָן: אָט דאָס הייסט אַ פיבערדיקע אַרבעט!

גראָטג.: צו וואָס די איראָניע? ביסלעכווייז, ביסלעכווייז און —

מ. ק אָ ן: ניין, איך זאָג עס אָקעגן דעם, וואָס איר פֿיבערט טאַקע.
ג ר אָ ט ג.: איך? וואָס אייך פֿאַלט איין, איר נאַרישער אויבער־שמש —
מ. ק אָ ן: פֿאָלגט מיך, מיין ליבער גראָטגאָוער —
ג ר אָ ט ג.: נאָר אָן באַדויער. פירמע גראָטגאָוער נויטיקט זיך נישט אין קאָנדאָלענצן. נישטאָ די מאַכט, וואָס קען זי ליקווידירן. דער טונעל —
מ. ק אָ ן: פֿאָלגט מיך, וואַרפֿט אַרויס דעם טונעל פֿון קאָפּ.
ג ר אָ ט ג.: ווער נויטיקט זיך דען אין אייערע קאָנסולטאַציעס? איר זענט נישט מיין פּראָקורענט.
מ. ק אָ ן: וואַרפֿט אַרויס דעם טונעל פֿון קאָפּ, דעם רידל פֿון האַנט און קומט צוריק אין לאַגער. מ׳עט שוין ווי־עס־איז מאַכן פֿאַר אייך אַן אָרט אין אַ באַראַק —
ג ר אָ ט ג.: וואָס ווילט איר פֿון מיר מאַכן? אַן אינוואַליד? אַ קימפּעטאָרין?
מ. ק אָ ן: איר זענט דאָך קראַנק.
ג ר אָ ט ג.: אויסגעשלאָסן. פירמע גראָטגאָוער קען נישט קראַנק ווערן אַזוי לאַנג ווי זי האָט נישט צוריק די פֿאַבריק.
מ. ק אָ ן: אָרעמע פירמע. זי דאַרף אַ פֿאַבריק, גיט מען איר אַ באַראַק.
ג ר אָ ט ג.: דער באַטריב! דער באַטריב! מענטש, איך וויל דעם באַטריב! נישט דאָס לעבן איז וויכטיק, די פֿאַבריק איז וויכטיק —
מ. ק אָ ן: (מיט רחמנות) יאָ, יאָ, נאַטירלעך. איר דאַרפֿט האָבן דעם באַטריב, און וואָס האָט איר? דאָס קדחת. קומט, איך מאַך אייך אַן אָרט אין אַ באַראַק —
ג ר אָ ט ג.: נישט פֿאַר מיר. אַ דאַנק. נישט פֿאַר מיר. (נעמט אַרויס די שליסלען, קלינגט מיט זיי) מיינע שליסלען! איר פֿאַרשטייט? מיינע!
מ. ק אָ ן: זייערע.
ג ר אָ ט ג.: מיינע! (קלינגט מיט זיי) איר הערט ווי עס קלינגט? איך ווער ווידער מענטש, ווען איך הער דעם קלאַנג. דער שווייס וואָלט נאָר אַזוי נישט גערונען. אפֿשר האָט איר אַ טיכל, אויבער־שמש?
מ. ק אָ ן: אַ טיכל איז גאָרנישט, איר דאַרפֿט אַ האַנטוך.

ג ר אָ ט ג.: (סאָפּעט שווער) דער קאָפּ איז ווי אונטערגעצונדן. און די הענט — קאַלט. דאָס איז דאָך אומפּאַרשטענדלעך. אַזוי הייס — און קאַלט. די ציין טאַנצן — די פּיס גליווערן.

מ. ק אָ ן: וויסן זי, דער לוח פון אייער קערפּער איז משוגע געוואָרן. אין קאָפּ איז תמוז, אין די פּיס שבט, און אויב איר וועט נישט וואַרפן דעם רידל — קען, חלילה, ווערן תשעה־באָב.

ג ר אָ ט ג.: אויסגעשלאָסן. נישטאָ די מאַכט, וואָס קען ליקווידירן אַזאַ פירמע, אַזאַ אונטערנעמונג, אַזאַ — (ווערט פלוצלונג שטיל, סאָפּעט).

מ. ק אָ ן: איר זענט אַן עקשן, גראָטגאוער. (נעמט אים שלעפּן מיט געוואַלט) איך וועל אייך נישט אָפּלאָזן! נאָט אייך מיין מאַנטל, טוט אים אָן אויף אייערן — אַהער דעם רידל — שטעלט זיך אויף — לענט זיך אָן אָן מיר — אָט אַזוי — און קומט —

ג ר אָ ט ג.: (גייט, קוים שלעפּנדיק די פּיס, אָנגעלענט אָן דעם שמש׳ס אַקסלען) דאָס איז דאָך קאָמיש. די אידעע איז דאָך אַ געזונטע. די קאַלקולאַציע אַ פעסטע. פון צוויי שעה ווערט דריי, פון דריי — פיר, פינף, זעקס. זעקס שעה איז שוין אַ האַלבער טאָג — פון אַ האַלבן טאָג ווערט אַ גאַנצער — פון אַ באַשטימטער צאָל טעג מיט אַ באַשטימטן קוואַנטום אַרבעט ווערט אַ טונעל, דערנאָך — (פלוצלונג מיט שרעק) מענטש, אויבער־שמש, האָב איך נישט פאַרגעסן די שליסלען? אַ, איך האָב זיי, איך האָב זיי... און דער רידל? מענטש, הויבט מיר אים אויף, לאָזט נישט אויף הפקר דעם רידל.

מ. ק אָ ן: רעדט נישט, גראָטגאוער. אייך שאַדט דאָס רעדן. זאָגט קדיש נאָכ׳ן טונעל — אַז נישט וועט מען מוזן קדיש זאָגן נאָך אייך.

ג ר אָ ט ג.: וואָס פלוידערט איר? מענטש, אויבער־שמש, וואָס פלוידערט איר? דאָס איז דאָך סקאַנדאַליעז, וואָס איר זאָגט. הויבט אויף דעם רידל! (טוט אַ ציטער פון קאָפּ ביז פּיס, גיט זיך אַ וואַקל, שפּרייט אויס די הענט ווי צו כאַפּן לופט און פאַלט אום אויף דער ערד). דאָס האַרץ... די שליסלען... דאָס האַרץ...

מ. ק אָ ן: (פאַרלוירן) וואָס טוט מען, האַ? (נעמט שרייען צום לאַגער צו) ראַטעוועט! ראַטעוועט!

ג ר אָ ט ג א ו ע ר: (ליגט אויסגעצויגן) עפּעס אין האַרץ... ס׳ווערט וואַרעם... רופן דעם פּאַסטאָר...

מ. ק אָ ן: האָסטו דיר! איר זענט דען אַ געטויפטער?

ג ר אָ ט ג.: **דעם ראַבינער אויך.ביידן. אַ גויישן פּאַס געהאַט, אַ יידישן — אויך.**

מ. ק אָ ן: (שרייט) **ראַבינער! פּאַסטאָר! פּאַסטאָר! ראַבינער! אַ ייד שטאַרבט! אַ גוי שטאַרבט! אַ משומד שטאַרבט! אַ מענטש שטאַרבט! שנעלער! ראַבינער! פּאַסטאָר! ראַבינער!** (לאָזט זיך לויפן צום לאַגער צו).

ר אַ ב י נ ע ר און פּ אַ ס ט אָ ר: (דערהערן דאָס געשריי, קומען איילִיק אָן).

ג ר אָ ט ג.: **פּאַסטאָר, איך שטאַרב. איך שטאַרב, ראַבינער. איז דאָס מעגלעך? אַזאַ פירמע! אַזאַ פירמע! ס'איז דאָך מ י י ן פּאַבריק — — רויבער, ס'איז דאָך מיינס! ס'איז דאָך —** (פאַר־וואַרפט דעם קאָפּ, שטאַרבט).

פּ אַ ס ט אָ ר: Requiescat in pace

ר אַ ב י נ ע ר: **ברוך דיין אמת.**

מ. ק אָ ן: (שטייט אַ רגע שטיל, לייגט דאַן אַרויף די שליסלען אויפ'ן טויטן קערפּער) **נאַ דיר די שליסלען, גראָטגאַוער. קענסט מאַנען דיין פּאַבריק ביי דער העכערער געריכטיקייט.**

ב י ל ד א כ ט.

(דער מענטש מיט דער האַלבער באָרד שטייט ביים בוים און קוקט אַרויפצו. שפּעטער קומען אָן פריץ און עדנאַ).

(דער מענטש מיט דער האַלבער באָרד זעט אויבן אַ שמי־דעריי. אַ שמיד, אַ שוואַרצער, מיט אַ ריזיקן האַמער אין האַנט, שטייט איבער'ן קוזשניע־קלאָץ. אַרום איז אַלץ גע־הילט אין פינצטערניש, בלויז פייער ברענט אין ריזיקע אוווּנס, פלאַמען קנאַקן אַרויס, פונקען שפּריצן, ווי אומענד־לעכע שטערן־שופן. אין דער פייערדיקער חשכות טאַנצן מאַנסטער־געשטאַלטן. זיי באַדינען דעם שמיד, טוען זיין באַפעל כהרף־עין, טראָגן אים אונטער אַלץ וואָס ער דאַרף, ווערן באַלויכטן דורך פייער־צינגער און פונקען־שפּריצן, קלעטערן אויף און אָפּ, וואַיען און פייפן).

מ אָ נ ס ט ע ר ס:

וואָס שמידסטו, שמיד? וואָס שמידסטו, שמיד?

ש מ י ד :
א וועלט אָן גאָט און אָן אַ ייד.
אַ וועלט אָן זכר, אויף אַמאָל!
געבעט, געוויין, — ס׳איז אַלץ אַמאָליק!
איך שמיד אַ וועלט פון לויטער שטאָל,
איך שמיד אַ טראָן־שטול פאַר עמלק.
מ אָ נ ס ט ע ר ס :
גיי אויף, דו וועלט פון לויטער שטאָל!
גיי אויף, דו טראָן־שטול פאַר עמלק!
ש מ י ד :
די גרויסע קייט פאַר קייט און קינד,
די קייט פון קייטן טו איך שמידן —
(א י י ב י ק ע ווערן געבראַכט אין געפאַנגענשאַפט. זייערע פליגל זענען געבונדן. מאָנסטערס צווינגען זיי מיטצוזינגען).
מ אָ נ ס ט ע ר ס :
מיט לויב און טריישאַפט דינט אים, דינט!
זינגט־אויף ווי בעטלער אויף יאַרידן!
א י י ב י ק ע :
לויבט דעם שטן!
ציט די דראָטן
פון דעם אומזין —
לויבט דעם שטן!
מ אָ נ ס ט ע ר ס :
ס׳איז דעם שטן
וואויל געראָטן —
זינגט אים, זינגט אים,
זינגט דעם שטן!
מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד :
נעם איך, מאַך אַ הויכע ברכה:
ש ל א ע ש נ י י י ד —
וואָס? אַ ייד בין איך? ס׳אַ חלום!
מיט געפאַנגענע גאָט׳ס קינדער
און צעהוליעטע טייוואָלים
זינג איך מיט:

לויבט דעם שטן!
ציט די דראָטן
פון דעם אומזין —
לויבט דעם שטן!

(זיין קול מישט זיך אויס מיט'ן געזאַנג פון מאָנסטערס און אייביקע. די מאָנסטערס בילן, לאַכן, הירזשען, די אייביקע זינגען שטיל און ווייט, ווי ווייטע און טיפע כאָראַלן. דער בוים טרייסלט זיך. דער מענטש מיט דער האַלבער באָרד כאַפּט אים אַרום, ווי צו טאַנצן מיט אים, רייסט די שטריק, פאַרבלוטיקט זיך די הענט אין עקסטאַז פון זעאונג. פריץ און עדנאַ קומען אַן).

פ ר י ץ: איך פיל אין זיך אַזאַ קלאָרקייט.

ע ד נ אַ: אויך מיר איז פריילעך.

פ ר י ץ: מיר איז גאָרנישט קאַלט.

ע ד נ אַ: און איך בין גאָרנישט הונגעריק. ניין, אַ האָר נישט. זעסט די וואַלד־רויז? איך שטיי אויף אין דער פרי — איך זוך עפּעס — עפּעס פעלט מיר — איך גיי — איך פיל אַ ריח — דער ריח פירט מיך — אַ ריח פון אַ וואַלד־רויז. אַזוי האָב איך זי געפונען. נאַ, זעסט?

פ ר י ץ: (נעמט די רויז אין די הענט, גלעט אירע בלעטער) אַזאַ רויט־רויט־רויטע, אַזאַ פּורפּור־פּורפּורדיקע. די ריכטיקע האַרבסט־רויז. עפּעס האָט זי אין זיך פון דיינע ליפּן.

ע ד נ אַ: דערלאַנגט אים אין די ליפּן, ער קושט זיי. קורצע פּויזע). דער וואַלד איז שיין.

פ ר י ץ: (פאַר'חלומ'ט) האַרבסט־רויזן אין קיינעמ'ס לאַנד.

ע ד נ אַ: (קוקט זיך אום) און אונדזער משוגענער איז אַלץ נאָך משוגע. זע, זע! ווי ער שפּרינגט, ווי ער וואַרפט זיך.

פ ר י ץ: רייסט זיך שטיקער פלייש פון פּנים! ווייסטו וואָס מיר פעלט איין? דער משוגענער איז משוגע געוואָרן!

ע ד נ אַ: כ'האָב אים נעכטן ווידער צוגעטראָגן עסן.

פ ר י ץ: לאָמיר אים נישט שטערן צו זיין משוגע. שטערט ער דען אונדז צו זיין פריילעך?

ע ד נ אַ: ניין, דורכאויס נישט.

פ ר י ץ: אָט דאָ וועלן מיר זיצן. איך האָב אַ בשורה.

ע ד נ אַ: ניין, וואָס דו זאָגסט — אַ בשורה?

פ ר י ץ: איך האָב שוין דעם גאַנצן בריוו.

ע ד נ אַ: אוממעגלעך.

פ ר י ץ: וואָס דו הערסט. עס פעלן נאָר אַ פּאָר שורות. אַז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן — וועל איך צושרייבן: מיסטער רוזוועלט, ענדלעך איז געבוירן געוואָרן דאָס קינד. דאָס באַווייזט, אַז דאָס לעבן מוז זיגן.

ע ד נ אַ: און אויב זי וועט שטאַרבן מיט'ן קינד אינאיינעם?

פ ר י ץ: גיי, רייד נישט אַזעלכע זאַכן. דו ביסט אַ נאַר.

ע ד נ אַ: און דו ביסט אַ שלעכטער.

פ ר י ץ: נו, נו, זיי נישט בייז. (קושט זי) נאַ דיר דעם בריוו און לייען.

ע ד נ אַ: גוט, אָבער דו מוזסט זאָגן, אַז איך בין אַ קלוגע.

פ ר י ץ: איך שווער ביי דעם משוגענעם, אַז דו ביסט קלוג.

ע ד נ אַ: פאַרוואָס לאַכסטו פון מיר, פריץ?

פ ר י ץ: נאַרעלע, ווייל איך האָב דיך ליב.

ע ד נ אַ: ווייז מיר, ווי אַזוי.

פ ר י ץ: אָט אַזוי (האַלדזן זיך).

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: (פון קעגנאיבער)

אַ נייער תהלים,
אַ בייזער תהלים,
הערט ווי איך זאָג אים,
הערט ווי איך ביל אים:
כל הנשמה,
כל הנשמה תהלל טייוול!

(אויבן ווערט אַן ענדערונג. עס שווימט אויף איבער דער פייערדיקער פינצטערניש אַ פּנים פון אַ קינד. די אייביקע ווענדן צו אים זייער פּנים).

א י י ב י ק ע:

נייך, נישט ט י י ו ו ל! ס'קומט דאָס ק י נ ד!
קינד איז ביי, איז אייביק ביי.
קינד בינדט אויף, וואָס פאָטער בינדט.
קינד באַפרייט, ווייל קינד איז פריי.
פליגל איר, געפאַנגען בלינד,
פליגל איר אין טייוול'ס דינסט —

פרייט אייך, פרייט אייך מיט'ן קינד!
קינד, דו קומסט — און דו געווינסט!

מ אַ נ ס ט ע ר ס: (צאָרנדיק־צישנדיק)
קינד, פאַרשווינד!
קינד, פאַרשווים!
טויטן וועט דיך
אונדזער גרים.

ש מ י ד:
מיין האַמער ווארף איך אים אין קאָפּ!
אים אין קאָפּ
פלי, האַמער שווערער!
און אייך, פאַרשווערער,
קלאַפּ איך די פליגלען אָפּ ווי שלעסער!
מערדער־הענט מאַך איך אייך,
גיב אייך אין די הענט אַ מעסער —
גייט און שעכט!
האָט נישט אייער האַר אייך
פאַרקויפט צו קנעכט?

א י י ב י ק ע:
יאָ, נאָר ס'קינד באַפרייט אונדז!
ער, דער מענטש דער נייער!
זיין נאָמען איז: באַפרייער.
ערד־קויל איז זיין קאָפּ.
דער גאַנצער גלאָב, דער גאַנצער גלאָב.
דיין האַמער וועט נישט טרעפן,
ער וועט דעם קאָפּ נישט שפּאַלטן.
דיין מאַכט וועט לאַנג נישט שרעקן,
דיין מאַכט וועט לאַנג נישט האַלטן.

ש מ י ד:
ווער קען מיין גרים פאַרהאַלטן?
(וואַרפט דעם האַמער. דער האַמער פאַלט מיט דונער־קלאַנג, מאָנסטערס לאַכן אויף מיט אַ געלעכטער פון היענעס. דאָס קינדער־פּנים בלייבט אומבאַרירט, צייכנט זיך בלייך איבער דער פייערדיקער חשכות ווי אַ פרילינג־לבנה).

ש מ י ד: (הילפלאָז)
וואו איז ער, מיין האַמער?
וואָס העלפט איר נישט, שדים?
(מאָנסטערס פאַרקריכן אין דיווינקלען, הענגען ווי טויטע פלעדערמייז. דאָס פייער אין די אויוונס לעשט זיך. די פליגלען פון די אייביקע שטאַרקן זיך אין ליכטיקייט)
א י י ב י ק ע:
זיי וועלן נישט העלפן,
נישט העלפן, די שדים!
זיי קערן נישט אום
די פאַרלוירענע פרייד אים!
ער האָט נישט באַדאַרפן
דעם האַמער צו וואַרפן.
ער האָט אים פאַרוואָרפן —
וועט מער שוין נישט וואַרפן.
דער האַמער אַנטלאָפן,
דאָס קינד נישט געטראָפן.
דאָס ליד פון די בייזע
וועט מער זיך ניט לידן.
פאַרפלויגן דער האַמער
אין מיטן דעם שמידן.
מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד (שטייט אין געוואַלדיקער שטילקייט. די זעאונג צערינט).
פ ר י ץ: (צו עדנאַ'ן) לייען!
ע ד נ אַ: (האַלט אַ בויגן פּאַפּיר אין האַנט, לייענט) מיסטער רוזוועלט. עס שרייבן אייך צוויי פון קיינעמ'ס לאַנד. פריץ, זיבעצן יאָר, עדנאַ — זעכצן יאָר. מיר געפינען זיך הינטער לינדענבורג, צוזאַמען מיט אַ סך מענער, פרויען און קינדער. פון די סודעטן האָט מען אונדז פאַרטריבן, קיין טשעכיע נישט אַרייננעלאָזט. אונדז איז זייער שלעכט. עסנוואַרג שטעלט אונדז צו פון צייט צו צייט די יידישע געמיינדע אין ברין. אָבער נישט שטענדיק. מיר האָבן נישט מיט וואָס זיך צוצודעקן. די מערהייט שלאָפט אויף דער הוילער ערד. און עס איז דאָך שוין נישט זומער. עס איז האַרבסט. מיר האָבן אַ פּאָר לייוונטענע באַראַקן. דאָרט ליגן קראַנקע. דאָרט ליגט אויך איינע אַ פרוי — דאַרף זי אַ קינד געבוירן. מען האָט

זי אַ געבונדענע געבראַכט אַהער. מע זאָגט, אַז מע האָט זי אויף דער גרענעץ געשלאָגן. זי איז געלעגן אין היץ די גאַנצע צייט. דער לאַגער איז זייער באַזאָרגט וועגן איר. איצט איז איר בעסער. די היץ פאַלט אָפּ. דאָס איז געשען פון זיך אַליין, אָן דאָקטוירים, ווייל דער רויטער קרייץ האָט זיך אָפּגעזאָגט. גוטער הער רוזוועלט, דאָס איז אַ מערקווירדיקע געשיכטע, און הער מאָריץ קאָן, געוועזענער אויבער־שמש פון אַ סינאַגאָגע, זאָגט, אַז דאָס איז גאָט׳ס פינגער. ווייטער איז דאָ צווישן אונדז איינער, וואָס איז פון זינען אַראָפּ. מענטשן זאָגן, אַז אויב די הילף וועט נישט קומען, וועלן מיר אַלע פון זינען אַראָפּ. אָבער מיר מיט עדנאַ׳ן גלויבט זיך נישט, אַז קיין הילף וועט נישט קומען. עס זענען דאָ גוטע מענטשן, וואָס האָבן פיינט די שלעכטע, און די גוטע זענען גרייט צו העלפן די, וואָס ליידן צוליב די שלעכטע. ווייטער איז דאָ צווישן אונדז אַ ראַבינער, אַ פאַרנעמער מאַן, און אַ פּאַסטאָר, אויך זייער אַ פאַרנעמער. זיי זענען גוטע פריינט. זיי שפּאַצירן צוזאַמען. דער פּאַסטאָר איז נישט שולדיק. זיין באָבע איז געווען אַ יידישע — האָט מען אים פאַרטריבן און מען לאָזט אים אין ערגעץ נישט אַריין. איינער פון אונדזער לאַגער, ער האָט געהאַט אַ פאַבריק, האָט געוואָלט אויסגעבראָכן אַן אונטערערדישן טונעל און זיך צוריק אַריינבאַקומען אין די סודעטן. אָבער ער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן — ביי אונדז שטאַרבט מען יעדן טאָג. מען זאָגט, אויב עס וועט ווייטער אַזוי גיין און מיר וועלן נישט קריגן קיין הילף — וועלן מיר אַלע שטאַרבן. אָבער מיר מיט עדנאַ׳ן גלויבט זיך נישט, ווייל מיר זענען זיכער, אַז די מענטשן זענען געבוירן צו לעבן אויף אַ פרייער ערד און נישט צו שטאַרבן אין קיינעמ׳ס לאַנד. מיר זענען יונג, מיר האָבן זיך ליב, מיר שפּאַצירן איבער׳ן פעלד און מיר זעען, אַז דער הימל האָט זיך נישט געענדערט, די שטערן זענען די זעלבע, די זון איז די זעלבע. איר האָט פון אונדז קיינמאָל נישט געהערט, איר ווייסט נישט, ווער עס איז פריץ, און ווייסט נישט, ווער עס איז עדנאַ. אָבער מיר, פריץ און עדנאַ, ווייסן, ווער עס איז רוזוועלט. דאָס, מיסטער רוזוועלט, איז דער אונטערשייד צווישן אונדז און אייך. אייך גייט עס גוט, מיר אָבער האָבן נישט קיין פאָטער און קיין מוטער, מיר זענען זייער אַליין און מיר ווילן, אַז איר זאָלט איבערלייענען אונדזער בריוו און אַרויסגעבן אַ באַפעל, מע זאָל אונדז אַריינלאָזן אין אייער לאַנד.

מיר וועלן דאָרט חתונה האָבן, ווייל מיר האָבן זיך ליב, איך און עדנאַ, און מיר זענען זיכער, אַז מיר טוען אַ גוטע זאַך, וואָס מיר האָבן זיך ליב, ווייל צוזאַמען איז אונדז שוין נישט אַזוי שרעקלעך, פאַרקערט, צוזאַמען איז אונדז פריילעך. און ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז מיר שרייבן אייך אַ בריוו, ווערט אונדז נאָך פריילעכער, ווייל איר וועט דאָך אונדז געוויס ענטפערן און וועט שוין פון איצט אָן וויסן, ווער מיר זענען. אַנטשולדיקט, וואָס מיר שרייבן אַזאַ שלעכטן ענגליש. דאָרט, וואו מיר האָבן נישט געוואוסט דאָס ענגליש וואָרט, האָבן מיר גענוצט דאָס דייטשע וואָרט. מיט בעטן פאַרצייאונג. ענטפערט אונדז באַלד נאָכ'ן דערהאַלטן דעם בריוו. אונדזער אַדרעס איז: פריץ גראָסמאַן און עדנאַ אַלטשילער, קיינעמ'ס לאַנד, צווישן טשעכיע און סודעטן. מיר שיקן נאָך נישט אַרויס דעם בריוו, ווייל מיר אַלע וואַרטן אויפ'ן קינד. מיר רעזערווירן אַן אָרט פאַר אינפאָרמאַציע. וואַרשיינלעך זענט איר אויך פאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס עס איז געוואָרן מיט דער אָרעמער קימפעטאָרין.

פ ר י ץ: נו?

ע ד נ אָ: (נעמט אים אַרום) דו ביסט אַ גרויסער פּראָפעסאָר. און דו האָסט אַ נייע שפּראַך דערפונדן — אַ געמיש פון ענגליש מיט דייטש.

פ ר י ץ: אויף אַזאַ בריוו מוז ער דאָך ענטפערן, נישט?

ע ד נ אָ: געוויס מוז ער, אויב נאָר דער סעקרעטאַר וועט אים איבערגעבן —

פ ר י ץ: אַ, ער האָט מ ע ר ווי איין סעקרעטאַר.

ע ד נ אָ: נאָך מער? גאָט, דאָס טויג ווירקלעך נישט.

פ ר י ץ: נאַרעלע, אויפ'ן קאָנווערט וועט שטיין אויסדריקלעך: איבערגעבן דעם פּרעזידענט פּערזענלעך. סעקרעטאַרן ווערן געבעטן צו באַהאַנדלען ווי אַ פּריוואַט־בריוו.

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: (קוקט דורכדרינגלעך און שטיל אין דער זייט פון פריץ און עדנאַ).

ע ד נ אָ: זע נאָר, דער מענטש איז מיטאַמאָל אַזוי שטיל געוואָרן.

פ ר י ץ: ער האָט שוין נישט קיין כח צו זיין משוגע.

ע ד נ אָ: וואָס קען דאָס זיין? אַזוי שטיל —

(גייען ביידע צו נענטער).

עד נ אָ: איר ווילט עפּעס? עס איז אייך עפּעס?

מ ע נ ט ש: איצט איז מיר גוט. זייער גוט.
פ ר י ץ: (איראָניש) דאָס זעט מען.
מ ע נ ט ש: ד ו זעסט גאָרנישט. א י ך זע.
ע ד נ אַ: אַלץ אויבן?
מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: (טײַטלט אַרויפצו) קעגנאיבער. מיר איז אַזוי גוט געוואָרן. מ׳האָט מיר אַ קינד געוויזן און איך האָב מיך נאָך מײַן קינד פאַרבענקט — דעם נאָך נישט געבוירענעם קינד. וואַרט, וואַרט! דאָס טעאַטער שפּילט שוין ווידער! דער פאָרהאַנג הויבט זיך.
פ ר י ץ: מיר האָבן נישט קיין בילעטן. מיר זעען גאָרנישט.
מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: וועל איך אַלץ שילדערן, קינדער.
ע ד נ אַ: אַהאַ, ווי אַ ספּיקער דורכ׳ן ראַדיאָ.
מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: (אַלץ וועגן וואָס ער רעדט, ווײַזט זיך אין דער הויך — אים קעגנאיבער). אַ וועגעלע, קינדער. אַ מענטש. אַ דערוואַקסענער מענטש אין אַ קינדער־וועגעלע. אַ לאַכעדיקער. פּאַראַליזירט. קען מיט די פיס נישט רירן. אַ מענטש אַ לאַכעדיקער, אָבער אָן פיס. אַ שאָטן מיט אַ היניטיש פּנים שטעלט זיך קעגנאיבער דעם מענטש. זאָגט: איך בין דער טויט. דער מענטש לאַכט. דער שאָטן זאָגט: מײַן שוועסטער איז די קראַנקהייט. ביסט אין די הענט פון מײַן שוועסטער. דער מענטש זאָגט: איך האָב קיין מורא נישט. איך וועל דיך פאַרטרײַבן. דער שאָטן הויבט אַ היניטישע לאַפּע. ער וויל שלאָגן דעם מענטש. אָבער דער מענטש לאַכט. די פיס פּאַראַליזירט, דאָס שאַדט נישט. ער קען לאַכן. דער שאָטן לאָזט אַראָפּ די לאַפּע.

קינדער, מיר איז אַזוי גוט. אַזוי שטיל איז מיר, קינדער.

די דעקאָראַציע איז געביטן. דאָס וועגעלע — אין ווינקל. דאָס וועגעלע — ליידיק. דער מענטש איז אַרויס. דער מענטש האָט אַ שטעקן, ער גייט אַרום, געלענט אָן אַ שטעקן. ער שפּאַצירט איבער׳ן צימער. ער האָט ווידער פיס. איך זע אותיות: U. S. A.
פ ר י ץ: יונײַטעד סטייטס אָוו אַמעריקאַ.
מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ רד: דער מענטש איז געוואָרן אַ הערשער. ער הערשט איבער די דריי אותיות. דער שאָטן איז ווידער דאָ. ער איז ברוין. ער איז זייער בייז. ער שטעלט זיך אַוועק אין מיטן צימער. ער וויל נישט, דער מענטש זאָל גיין

ווייטער. ער עפנט דאָס מויל. איך הער ווי ער זאָגט: זי נוצסט אויס דיין מאַכט קעגן מיר. איך וועל צונעמען ביי דיר די דריי אותיות. ער שטרעקט אויס די לאַפּעס צו די דריי אותיות. ער קען זיי נישט גרייכן. ער שטרעקט אויס די לאַפּעס צום שטעקן. ער וויל אים אַרויסכאַפּן. עס געלינגט אים נישט. ער קוקט צום וועגעלע אין ווינקל. ער זאָגט: „איך וועל דיך דאָרטן אַריינזעצן צוריק. וועל דיך אויפסניי פּאַראַליזירן. וועל שיקן צו דיר מיין שוועסטער". דער מענטש לאַכט. דער טויט זאָגט: וואָס לאַכסטו? דער מענטש ענטפערט: ווייל איך האָב אַ שטעקן און ווייל איך האָב מיך געשטעלט אויף די פיס. דער מענטש ווערט ערנסט. ער הויבט אויף דעם שטעקן אויפ'ן טויט. ער נעמט די דריי אותיות צו הילף. דער טויט בויגט זיך. ער שטעלט זיך אויף אַלע פיר. אַ גרויסער הונט — איינגאַנצן ברוין. ער האָט מורא. ער לאָזט אַרויס אַ ביל. ער אַנטלויפט. דער מענטש מיט'ן שטעקן לאַכט זיך פאַנאַנדער.

קינדער, מיר איז אַזוי גוט. אַזוי שטיל איז מיר, קינדער.

די דעקאָראַציע איז געביטן. אַ שרייב־טיש. דער מענטש ביים שרייב־טיש. אויבן — די דריי אותיות. ליכט. איך זע כוואַליעס ליכט. די אותיות נעמען זיך אָן ביי די הענט. די ווייטקייט ווערט נאָענט. זי זשומט ווי אַן אעראָפּלאַן, וואָס דערנענטערט זיך. דער מענטש קערט זיך אום מיט'ן פּנים אַהער. ער רוקט צו זיין שטול. ער רוקט זי צו צום סאַמע ראַנד פון קיינעמ'ס לאַנד. אָט בויגט ער זיך אַרונטער. אַ גרויסער קיילעכדיקער קאָפּ. אָט ציט ער אויס די האַנט. וואָס וויל ער? קינדער, איר ווייסט נישט וואָס ער וויל?

ע ד נ א: פריץ, דו זעסט עפּעס?

פ ר י ץ: גאָרנישט.

ע ד נ א: איך אויך נישט. (קורצע פּויזע). אָבער איך ווייס, ווער דאָס איז. דאָס איז רוזוועלט. ער שטרעקט אויס די האַנט נאָך אונ־זער בריוו.

ב י ל ד נ י י ן.

(ביי דער טשעכישער גרענעץ. נאַכט. פון ביידע זייטן ציט זיך וואַלד. קעגנאיבער שוואַרצן זיך גרענעץ־דראָטן. אַ פרוי איינע אַליין, אונטער אַ טוך, שלייכט פאַרביי, איינגעבויגן צו

דער ערד, שטעלט זיך אָפּ, האָרכט, לױפֿט מיט דראָבנע טריט
װײטער. דערהערט אַ שאָרך אין װאַלד, לײגט זיך אױף דער
ערד, פֿאַרהאַלט דעם אָטעם).

ס ט ר י פּ י ש י ל: (קומט אָן שטילערהײט פֿון װאַלד אַרױס, די ביקס פֿאָראױס געשטרעקט) זאַװאַזאַדלאַ, דאָ איז געקראָכן אימעצער.

ז אַ װ אַ ז אַ ד ל אָ: שױן די צװײטע נאַכט, װי דיר דאַכט זיך.

ס ט ר י פּ י ש י ל: שױן די צװײטע נאַכט, װי אימעצער קריכט דאָ.

ז אַ װ אַ ז אַ ד ל אָ: דײנע חלומות! װער װעט עס װאַגן צו קריכן?

ס ט ר י פּ י ש י ל: איך קלער מיר — אפשר אַ פּרוי.

ז אַ װ אַ ז אַ ד ל אָ: און אַז אַ פּרוי?

ס ט ר י פּ י ש י ל: און אַז אַ פּרוי — ביסטו, זאַװאַזאַדלאַ, אַ פּױער.

ז אַ װ אַ ז אַ ד ל אָ: און דו װאָס ביסט — אַ גראַף?

ס ט ר י פּ י ש י ל: איך בין מער װי אַ גראַף. איך האָב שכל. איך קלער מיר: אױב אַ פּרוי — װעט זיך לאָזן עפּעס מאַכן.

ז אַ װ אַ ז אַ ד ל אָ: אַהאַ, ד אָ ס מײנסטו?

ס ט ר י פּ י ש י ל: און דיר, נאַר, דאַרף מען אַלץ לײגן אין קאָפּ אַרײַן.

ז אַ װ אַ ז אַ ד ל אָ: אָבער געדענק: איך װעל האָבן אַ חלק.

ס ט ר י פּ י ש י ל: װעדליק דײַן חכמה קומט דיר גאָרנישט.

ז אַ װ אַ ז אַ ד ל אָ: און דו האָסט נישט מורא, אַז איך װעל אױסזאָגן?

ס ט ר י פּ י ש י ל: ע, װער האָט מורא הײַנטיקע צײַטן! מע האָט שױן פֿאַר גאָט קײן מורא נישט — װעט מען פֿאַר ד י ר מורא האָבן.

ז אַ װ אַ ז אַ ד ל אָ: נו, בעט איך דיך, טו אַ חבר צוליב.

ס ט ר י פּ י ש י ל: זעסטו, אַזױ, פֿון חבר'שאַפֿט װעגן — דאָס איז עפּעס אַנדערש. דאָס קען שױן יאָ זײַן.

ז אַ װ אַ ז אַ ד ל אָ: אָבער װאו איז די נקבה?

ס ט ר י פּ י ש י ל: נישט הײַנט, װעט זײַן מאָרגן. (האָרכט) הײַנט און דאָ, דאָ נאָענט. עפּעס אָטעמט דאָ.

ז אַ װ אַ ז אַ ד ל אָ: טאַקע. מענטשלעכער אָטעם. אָט, װען דאָס זאָל זײַן אַ פּרוי — װאָלט טאַקע גוט געװען. אַ פּרוי אײנע אַלײן און בײַנאַכט — דאָס װאָלט מורא'דיק גוט געװען.

ס ט ר י פ י ש י ל: איך בין, וויסטו, אַן ערלעכער מענטש, אַ פאַ־מיליען־מענטש. מיט קיין מוידן וועל איך מיך נישט אָפּגעבן — מ׳קאָן נאָך כאַפּן די פ ר אַ נ צ ן. דאָס איז נישט פאַר אַן ערלעכן פאַמיליען־מענטש. און אַביסל ווייב ווילט זיך — וואָס קומט מיר דערפאַר? און אַזאַ איינע, וויסטו, אַזאַ, וואָס לויפט צו אַ נייער היים, ווייל מ׳האָט זי פאַריאָגט פון דער אַלטער — אַזאַ איינע איז דאָך נישט פון י ע נ ע, איז דאָך אַ ה י י מ י ש ע. דו פאַר־שטייסט מיך, זאַוואַזאַדלאַ?

ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אַ: דו רעדסט קלוג, סטריפּישיל. ערלעכע ווער־טער, גאָלדענע ווערטער.

ס ט ר י פ י ש י ל: שווייג, שווייג. איך האָב עס. ס׳האָט דאָ אַ צאָפּל געטאָן עפּעס לעבעדיקס. גוט. זייער גוט. עפּעס לעבעדיקס. עפּעס וואַרעמס.

ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אַ: און ווי, אַז אַ מאַן?

ס ט ר י פ י ש י ל: וועט מען אים שיסן.

ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אַ: אוודאי. וואָס האָט מען פון אַ מאַן? אַ מענטש מער, אַ מענטש ווייניקער. און אַ פרוי קומט אַלעמאָל צונוץ.

ס ט ר י פ י ש י ל: שאַ, ווער דאָרט? שאַ! זאַוואַזאַדלאַ, אָט דאָ. גיב אַ שטויס מיט׳ן פוס. אַ קרעכץ. הערסט? (צינדט אָן אַן עלעק־טריש לעמפּל). אַ פרוי! ביי גאָט דעם לעבעדיקן, אַ פרוי! מיט די גאָזלעכער אַרויסגעשפּירט, מיט די גאָזלעכער.

ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אַ: די ביסט זייער קלוג, סטריפּישיל.

ס ט ר י פ י ש י ל: מאַדאַם, איר ווילט, איך זאָל מיך צו אייך צולייגן, אָדער וועט איר באַוויליקן אויפצושטיין און מיר ווייזן די דאָקומענטן?

(די פרוי קרעכצט).

ס ט ר י פ י ש י ל: איך וואַרט אויף אייער ענטפער.

ד י פ ר ו י: איך בעט אייך, פייניקט נישט. שיסט מיך.

ס ט ר י פ י ש י ל: (צו זאַוואַזאַדלאַ) הויב זי אויף!

ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אַ: (הויבט זי אויף) אָהער די דאָקומענטן. (קוקט נאָך ביים שיין פון עלעקטרישן לעמפּל) לואיזע ווייספּאַטער. געבוירן 1918. פון כעמניץ. אַ יונג שטיק!

ס ט ר י פ י ש י ל: (פּרואווט זי אַרומנעמען) פריילין לואיזע, זייער אָנגענעם זיך צו באַקענען. דאָס איז מיין קאַמעראַד, אַן ער־לעכער קריסט, זאַוואַזאַדלאַ מיט׳ן נאָמען. וואוהין ווילט איר, מיר

זאָלן אייך באַגלייטן? קיין מעריש־בערן? אָדער אפשר דירעקט קיין פּראָג?

די פרוי: פּראָג... איך וועל שוין נישט דערלעבן דאָרט צו זיין... איך האָב אַ חתן אין פּראָג...

סטריפּישיל: זייער אָנגענעם. און אויפ׳ן וועג צום חתן האָט איר נאָך צוויי חתנים באַקומען. דער קאַמעראַד מיינער, זאַוואַזאַדלאָ, איז נישט נאָר אַן ערלעכער קריסט. ער איז אויך אַ קרעפּטיקער מאַנסביל. זאַוואַזאַדלאָ, דו וועסט אָבער מוזן אונטערוואַרטן. אַזוי האָט מען אָפּגערעדט.

זאַוואַזאַדלאָ: ריכטיק, אַזוי איז.

סטריפּישיל: זעט איר, פרײלין, דער מענטש איז ערלעך. ווילט איר נישט פאַרנעמען די זעלבע פּאָזיציע, וואָס פריער? עס איז אַ פינצטערע נאַכט, אָבער אַ וואַרעמע. גלויבט מיר, מען קען זיך גאַנץ גוט ווײלן אין אַזאַ נאַכט.

די פרוי: דאָ איז אַ וואַלד און איר זענט חיות. צערייסט מיך. שיסט. צעטרעט. אָבער פּייניקט נישט. און אויב יאָ — איז דערנאָך, ווען דעם קערפּער וועט זיין אַלץ איינס.

סטריפּישיל: איר געפעלט מיר. איר זענט אַ כיטרע. אָבער דער פּלאַן געפעלט מיר נישט. איך האָב פיינט טויטערהייט — דאָס איז נישט פאַר אַן ערלעכן מענטש. ווי מיינסטו, זאַוואַזאַדלאָ?

זאַוואַזאַדלאָ: לעבעדיקערהייט, אוודאי. אַזוי איז לייטישער.

סטריפּישיל: נו, פרײלײן לואיזע, איך בין באמת צופרידן פון דער באַגעגעניש. דאָ וועט אונדז קיינער נישט שטערן. זאַוואַזאַדלאָ איז אַן אייגענער און אַ שותף. קיין סך צייט האָבן מיר נישט. און שרייען איז, פאַרשטייט זיך, נישטאָ צו וועמען. סיידן אפשר צו גאָט. אָבער איר זעט דאָך, אַז גאָט הערט אייך נישט — איך מיין די יידן.

זאַוואַזאַדלאָ: גאָלדענע ווערטער. ערלעכע קלוגע ווערטער.

סטריפּישיל: מיינט נישט, אַז מיר זענען חיות. דאָס דאַכט זיך אייך אַזוי, ווייל גראָד האָבן מיר זיך געטראָפן אין אַ וואַלד. שיסן? מיר זענען גאָרנישט אַזעלכע שלעכטע. אויב איר וועט פאָלגן — לאָזן מיר אייך לעבן. דאָס שוואָר איך אייך. אפשר וועלן מיר אייך דורכלאָזן די גרענעץ. אַז נישט — וועלן מיר אייך צופירן דאָ נישט וויַיט — אין קיינעמ׳ס לאַנד. אָבער לעבן וועט איר.

ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אַ: פֿאַרוואָס נישט? לעבן וועט איר. איר קענט נאָך נישט אײנעם צונויץ קומען.
ס ט ר י פּ י ש י ל: איר זעט דאָך: מיר רעדן צו אײך מענטשלעך.
ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אַ: די זאַך איז די, וואָס מיר קענען דאָך נישט מיט גלאַט פרויען — מיר זענען ל י י ט י ש ע — און מען קען קײנמאָל נישט וויסן —
ס ט ר י פּ י ש י ל: שווייג, דו נאַר. זיך צעפּלוידערט.
ד י פ ר ו י: פֿאַרוואָס ווילט איר נישט שיסן? איך גלויב דאָך אײך — איר זענט נישט קײן חיות — איר זענט מענטשן — נאַר אויב אַזוי — פֿאַרוואָס ווילט איר מיך נישט שיסן?
ס ט ר י פּ י ש י ל: הרג'ענען לוינט נישט. אי פֿאַר גאָט זיך פֿאַר־זינדיקן, אי קײן פֿאַרגעניגן נישט האָבן.
ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אַ: דו האָסט זער קלוג אויסגעקאָמבינירט, סטרי־פּישיל. דו רעדסט ווי אַ מיניסטער.
ס ט ר י פּ י ש י ל: שווייג, דו נאַר. (צו דער פרוי) ערלויבט, פרײַליין, איך וועל אײך העלפֿן זיך צולייגן.
ד י פ ר ו י: (שעפּטשעט מיט פֿאַרבראָכענע הענט) האָבן מיך ווי אַ הונט פֿאַרטריבן. אפילו דעם ברוינינג נישט געלאָזט מיטנע־מען. ווען איך האָב אים איצט —
ס ט ר י פּ י ש י ל: וואָלט איר אויף אונדז געשאָסן, ווי? פּוסטע פֿאַנטאַזיעס.
ד י פ ר ו י: זיך וואָלט איך געשאָסן.
ס ט ר י פּ י ש י ל: נו, דאָס וואָלט שוין געוויס געווען אַ נאַריש־קייט. פֿון וואָס פרײַליינס מאַכן אַ טראַגעדיע. דאָס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, פרײַליין לואיזע, גלייבט מיר. דו, זאַוואַזאַדלאַ! לעש אויס דאָס לעמפּל און שטעל דיך אַן אַ זייט! שטער נישט אַן ערלעכן פֿאַמיליען־פֿאַטער.

(זאַוואַזאַדלאַ לעשט אויס. פינצטער. אַ קורץ געראַנגל, דער־נאָך — אַ געשריי ווי פֿון אַ פֿאַרפּײניקט קינד).

ב י ל ד צ ע ן.

(קײנעמ'ס לאַנד. בלײַכער פֿאַרטאָג).

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: (בײַם בוים; פרײלעך) יום־טוב, יום־טוב! קומט אַהער, קומט אַהער, קומט אַהער!

איך האָב אַן אַנטפּלעקונג געהאַט. (האָרכט זיך איין) קיינעמ׳ס לאַנד שלאָפט נאָך. איך אָבער ווייס. איצט קען מען מיך אָפּבינדן — כ׳וועל גאָרנישט טאָן. ס׳האָט מיך אַדורכגעלויכטן. איצט קען איך שטיל זיין, ווייל איך בין ווי די שטילקייט, וואָס ווייס אַלץ. כ׳וועל נישט שיסן, נישט אונטערצינדן, מיט דער מוטער פון מיין קינד זיך איבערבעטן — כ׳האָב אַן אַנטפּלעקונג געהאַט. (קוקט זיך אום: רעדט אַרויפצו) לעצטע פייגל, אָפּפליענדיקע פייגל — קומט אַראָפּ, קומט אַראָפּ, קומט אַראָפּ! יום־טוב, יום־טוב, יום־טוב! איר דאַרפט נישט מער פליען דרום־צו — אין מיר איז דרום, אין מיר איז זון. ווי אַזוי איז זי אַריין אין מיר? הערט, איך וועל דערציילן. איך האָב מיך צום בוים צוגעהערט — צום בוים, וואָס צו אים בין איך געבונדן — און גרויסע זאַכן בין איך דערגאַנגען. לעצטע זאַכן. צוערשט האָט דער וואָרצל געוויינט. ווי איז מיר, — האָט דער וואָרצל געוויינט. פינצטער איז מיר, דעם אונטערשטן. אייביק ערד קייען, שטיינער בייסן, אין חושך קריכן און קיינמאָל נישט אַרויס־קריכן. צוליב וואָס? ווי לאַנג? דורכ׳ן שטאַם, ווי דורך טעלעגראַף־דראָטן, איז דאָס געוויין געגאַנגען. כ׳האָב דאָס אויער צוגעלייגט און געהאָרכט. ס׳איז צום שפּיץ געלאָפן — דער וואָרצל אונטן האָט נישט געוואוסט, אַז זיין געוויין גייט אַרויפצו. ער האָט גע־מיינט: מיט אים אין דער ערד וועט זיין געוויין באַגראָבן ווערן. אָבער ניין, כ׳האָב אַליין געהערט: ס׳איז אַרויפצו געלאָפן. ווידער לייג איך צו אַן אויער און אָט הער איך, ווי דער שפּיץ רופט זיך אָן: איך וועל דיר באַשייד געבן, וואָרצל. דו ווייבסט, ווייל דו זעסט דעם בוים נישט. דו ווייסט נישט, אַז צוליב מיר טוסטו ערד קייען, שטיינער בייסן, אין חושך קריכן. כדי איך, די קרוין, זאָל זען די זון, מוזסטו אין דער פינצטער זוכן דיין שפּייז. דורך דיינע ליידן האָט דער בוים אַ זון, און אָן אַ זון, וואָרצל, וואָלט דער בוים קיין בוים נישט געווען, וואָלסטו קיין וואָרצל נישט געווען, וואָלט גאָר־נישט געווען. דאָ האָט אויפגעהערט וויינען דער וואָרצל, און ווי אַ פויגל מיט בריליאַנטענע פליגל האָט די זון זיך געזעצט ביים בוים אויף די פּלייצעס, און דערנאָך איז זי אַראָפּ צו מיר אין האַרץ, און איך האָב אַלץ באַנומען, און איך האָב פאַרשטאַנען דעם זין, און איך ווייס דעם אמת. דאָס איז גאָרנישט, וואָס דער גייסט פון ליכט האָט דעם פירשט פון פינצטערניש זיין ממשלה אָפּגעטראָטן — ער וועט דאָס מאָל אויף אייביק פאַרלענדט ווערן, ווי דער גייסט

פון ליכט האָט פאַראויסגעזאָגט, און אומזיסט האָב איך לויב דעם שטן געזונגען. און געבוירן זאָל ווערן מיין קינד און דעם גייסט פון ליכט זאָל עס דינען. פריי דיך, מוטער פונ׳ם קינד, דיין מאַן קערט צוריק! איצט וואָרט איך נאָר, די הענט, וואָס האָבן געבונדן, זאָלן אויפבינדן, און איך זאָל קענען די בשורה אָנזאָגן, צו מיין קינד קומען, דעם יום־טוב אויסרופן — אמן.

ג ע ז אַ נ ג פ ו ן ט י פ ע נ י ש ן א ו ן ה ו י כ ע נ י ש ן: אמן! הללויה!

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: הללויה —

ס׳ווערט שטיל. פאַרהאַרכט אין קולות איבערערדישע און אונטערערדישע, שטייט דער מענטש מיט דער האַלבער באָרד. אַ וואַקלדיקע, ווי אויסגעזויגן, קומט אָן די פרוי, געפירט פון סטריפישיל און זאַוואַזאַדלאָ).

ס ט ר י פ י ש י ל: אָט דאָ, פריילין. דאָ איז עס. געדענקט נישט צום שלעכטן.

ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אָ: דאָ איז קיינעמ׳ס לאַנד, דאָ קענט איר צו זיך קומען.

ס ט ר י פ י ש י ל: מיר האָבן וואָרט געהאַלטן, נישט? דאָ זענט איר צווישן די אייעריקע.

ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אָ: (בייז צו סטריפישיל׳ן) וואָרט געהאַלטן... ווער רעדט דאָס פון אַ געהאַלטן וואָרט — דו? אונמענטש, דו האָסט צוגעזאָגט, צוגעזאָגט — און אַז עס איז געקומען צו וואָס —

ס ט ר י פ י ש י ל: שווייג, דו נאַר.

ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אָ: פאַרוואָס זאָל איך שווייגן? האָסט מיך דען צוגעלאָזט?

ס ט ר י פ י ש י ל: און אַז נישט? קום, קום אַוועק פון דאַנען. כ׳וועל מיך שוין אָפּרעכענען מיט דיר.

ז אַ ו ו אַ ז אַ ד ל אָ: דו — מיט מיר? דו? אוממענטש וואָס דו ביסט. אָפּנאַרער.

(סטריפישיל שלעפּט אים אַוועק;ביידע אָפּ).

פ ר ו י: (קוקט זיך אום פאַרלוירן, דערזעט דעם מענטש ביים בוים, דערנענטערט זיך) מענטש...

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: (שמייכלט) פרוי...

פ ר ו י: וואָס טוסטו דאָ?

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: מ׳האָט מיך געבונדן.
פ ר ו י: ווער?
מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: מענטשן...
פ ר ו י: מענטשן... חיות... (פלוצלונג — מיט אַ חלף־בליץ אין די אויגן) כ׳וועל דיך אָפּבינדן!
מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: אָפּבינדן? איצט קען מען. איצט דאַרף מען. זאָל גאָט דיך בענטשן. כ׳האָב געוואַרט דערויף... כ׳האָב אַן אַנטפּלעקונג געהאַט... כ׳וויל אַנזאָגן... כ׳וויל גיין צו מענטשן...
פ ר ו י: מענטשן?... גיי! גיי צו די חיות! (בינדט אים אָפּ) איך דאַרף די שטריק פאַר זיך — צי אָפּ!
מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: אַ דאַנק דיר, פרוי. (דערפילט זיך פריי, שפּרייט עקסטאַטיש אויס די הענט; זינגענדיק) יום־טוב, יום־טוב, יום־טוב! קומט אַהער, קומט אַהער, קומט אַהער! (אָפּ צום לאַגער).
פ ר ו י: איצט מ ו ז ס ט ו, טויט, — צי דו ווילסט, צי נישט. וויג מיך! (פאַרלייגט אַ שטריק אַרום האַלדז, הענגט זיך אויף אַ צווייג, גיט זיך אַ וויג. — זון גייט אויף).
ג ע ז אַ נ ג פ ו ן ה ו י כ ע נ י ש ן א ו ן ט י פ ע נ י ש ן: (טראָגט זיך פון אויבן און אונטן).
ד אָ ס ג ע ז אַ נ ג:

שלאָף איין אויף דער צווייג,
דו פויגל אָן נעסט!
וואויל דעם, וואָס שלאָפט איין,
וואויל דעם, וואָס פאַרגעסט.
וויגט זי, פאַרוויגט זי,
די גליאיקע פּיין,
וויגט זי, פאַרוויגט זי
און שלעפערט זי איין.
וויגט זי, פאַרוויגט זי
אין אייביקן טרוים.
טויט איז דער פויגל —
און אייביק דער בוים.

אהרן צייטלין

בילד עלף.

(דער זעלבער פּאַרטאָג. דער מענטש מיט דער האַלבער באָרד שטייט ביים געצעלט פון דער קימפּעטאָרין. שטעקט אריין דעם קאָפּ, ציט אים אַרויס צוריק מיט אַ גליקלעכן שמייכל).

מענטש מיט דער האַלבער באָרד: דאָס קינד וועבט זיך אין איר — און זי שלאָפט. שאַ! די ערד, וואָס דו שטייסט אויף איר, איז הייליק. דער הימל ברענט פּאַרטאָגיק, אַ פאַרהאַנג ציט זיך אויף — איבער׳ן געצעלט פון דער מוטער ווערט אַ זעאונג אויפגעשפּילט. דעם פאָטער ווערט זי געוויזן, וואָס האָט טויטן געוואָלט דאָס קינד. הנני — אָט בין איך.

אויבן: (אַ קרייז בלענדיק ליכט, קעגנאיבער — אַ קנויל פינצטערניש. פון דער פינצטערניש וואַקסט אויס אַ פיגור אין שוואַרצער טראַכט).

פירשט פון פינצטערניש: האַר פון ליכט, גערעכטיקייט פאָדער איך.

קול פון ליכט אַרויס: רייד! איך הער.

פירשט פון פינצערניש: איך גיי פון מאַכט צו מאַכט, איך וואַקס פון גלאָריע צו גלאָריע, עס שוועבט מיין שרעק איבער לענדער, מיין וואָרט האָט ווי אַ שלאַנג אַרומגעכאַפּט דאָס האַלדז פון דער וועלט — אָט ווערט זי דערוואָרגן. און זע: די אייביקע, וואָס דו האָסט מיר זייער ליד פאַרקויפט, זייערע פליגל געשאָנקען — זיי ווידערשפּעניקן. אומזיסט האָב איך זייערע פליגל געבונדן — זיי זינגען צום קינד, וואָס וועט קומען און זייערע פליגל אויפבינדן. דער מענטש, דער שוין פאַראַנענער, דער מענטש, וואָס אים האָב איך געטראָפן, אויף דער ערד קומענדיק, — אָט דער מענטש האָט זיך דערשראָקן פאַר מיר. זיין שרעק איז מיין האָפ־נונג, האַר פון ליכט. וואָס טו איך אָבער מיט דינ י ש ט געגנרענע? ווי באַוואָרן איך מיך פאַר די קומענדיקע? ווי באַוואָרן איך מיך פאַר׳ן קינד, וואָס קען אויפבינדן געפאַנגענע פליגל? מיט די פאָטערס וועל איך מיר אַן עצה געבן — וואָס טו איך מיט די קינדער?

קול פון ליכט אַרויס: פאַרלאַנגסטו דען, פירשט פון פינצטערניש, איך זאָל דיר אַן עצה געבן, ווי־אַרום דו זאָלסט מיך באַזיגן?

פירשט פון פינצטערניש: יאָ, איך פאַרלאַנג. ווייל אַז נישט וועל איז זאָגן, אַז דו ביסט כיטרע, האַר פון ליכט. היט דעם אָפּמאַך, האַר פון ליכט! האָסט מיר די שליסלען געגעבן. יאָ, אָדער נישט?

קול פון ליכט אַרויס: איך האָב דיר די שליסלען צו דער וועלט געגעבן, אָבער נישט די שליסלען צו דער צוקונפט.

פירשט פון פינצטערניש: אָט דאָס איז עס. האָסט מיך גענאַרט. די שליסלען צו דער צוקונפט גיב מיר!

קול פון ליכט אַרויס: דאָס קען איך נישט, פירשט פון פינצטערניש. אפילו איך קען נישט.

פירשט פון פינצטערניש: פאַרוואָס, האַר פון ליכט?

קול פון ליכט אַרויס: ווייל אָט די שליסלען זענען נאָך נישטאָ. ערשט די צוקונפט שאַפט זיי. דער מענטש שאַפט זיי. די קינדער פונ׳ם מענטש. די זין.

פירשט פון פינצטערניש: די צוקונפט? די קינדער? די זין?

קול פון ליכט אַרויס: אַזוי איז, פירשט פון פינצטערניש.

פירשט פון פינצטערניש: און די שליסלען זענען נישטאָ נאָך? נאַרסט מיך נישט?

קול פון ליכט אַרויס: נישטאָ נאָך. אָבער זיי וועלן זיין.

פירשט פון פינצטערניש: און איך?

קול פון ליכט אַרויס: דו וועסט פאַרטיליקט.

פירשט פון פינצטערניש: פאַרפלוכט!

קול פון ליכט אַרויס: פאַרטיליקט!

לות פון אויבן און אונטן: פאַרטיליקט!

מענטש מיט האַלבער באָרד: פאַרטיליקט!

שטיל געזאַנג פון אויבן און אונטן:

שטיל! זינגט שטיל!
דאָ שלאָפט די מוטער.
און דער זון —
אין נאַכט נאָך רוט ער.
טאָג־ליכט זוכט ער,

ווערן וויל ער.
שטיל, זינגט שטיל,
זינגט שטיל און שטילער.
(דאָס געזאַנג ווערט אַלץ דינער. ליכט פאַרפלייצט דעם לאַגער).

ב י ל ד צ ו ו ע ל ף.

(טשעכישע גרענעץ. אַמט־שטוב. קאָמענדאַנט און סטריפּישיל)

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: (ענדיקט צו לייענען די צייטונג). ווידער אַ פּוסט בלאַט. קיין שום נייעס. יידן־פּאָגראָמען אין דייטשלאַנד. אויפ־רעגונג אין דער וועלט. אויפגעוואַכט דאָס וועלט־געוויסן. פּכע... דאָס וועלט־געוויסן. (וואַרפט אַוועק דאָס בלאַט). דו, סטריפּישיל, טשעמבערליין, וואָס דו ביסט, וואָס טראַכסטו פון דעם וועלט־געוויסן? ביסט נישט אַמאָל אַליין דאָס וועלט־געוויסן? אַ פאַרך ביסטו, אַן אידיאָט אויך — מיט וואָס ביסטו נישט קיין וועלט־געוויסן? אָדער ניין, זאָגט מיר בעסער: היטסטו די יידן, זיי זאָלן נישט אַריבערטרעטן דעם פּאַס?

ס ט ר י פּ י ש י ל: עס ווערט געהיט, קאָמענדאַנט. עס ווערט שטרענג געהיט.

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: געדענקסטו, אַז זיי זענען אַ געפאַר פאַר'ן פאָטערלאַנד?

ס ט ר י פּ י ש י ל: איר דאַרפט מיך נישט דערמאָנען, קאָמענ־דאַנט. איך געדענק.

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: גאָרנישט געדענקסטו. אַז דו האָסט געהאַט אַ מ אַ ס אַ ר י ק — געדענקסטו? איך שווער, אַז שוין נישט.

ס ט ר י פּ י ש י ל: פאַרוואָס? כ'געדענק נאָך.

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: און אַז אַמאָל איז אַ הוס געווען, יאַן ה ו ס — געדענקסטו? איך שווער, אַז נישט.

ס ט ר י פּ י ש י ל: ניין, פאַרוואָס. אין דער שולע געלערנט. אַ גלח אַזאַ — הוס.

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: זאָגסטו, אַז דו היטסט מיר די יידן ווי ס'דאַרף צו זיין?

ס ט ר י פּ י ש י ל: נאָך מער ווי עס דאַרף צו זיין. זיי זענען אַ געפאַר פאַר'ן פאָטערלאַנד.

ק אַ מ ע נ ד אַ נ ט: און אַזוי ווייטער. אייגנטלעך — וואָס ווילסטו פון די יידן, סטריפּישיל?

ס ט ר י פּ י ש י ל: איך? גאָרנישט.

ק אַ מ ע נ ד אַ נ ט: און דאָך...

ס ט ר י פּ י ש י ל: זענען גאַנץ וואוילע מענטשן.

ק אַ מ ע נ ד אַ נ ט: און דאָך...

ס ט ר י פּ י ש י ל: נאָר די דייטשן, אַזעלכע שטאַרקע, האָבן מורא פאַר זיי — מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם, ווייס איך?

ק אַ מ ע נ ד אַ נ ט: סטריפּישיל, דיין לאָגיק געפעלט מיר נישט. וואָס לאָגיק איז — ווייסטו?

ס ט ר י פּ י ש י ל: נישט געהערט.

ק אַ מ ע נ ד אַ נ ט: ביסט אַ נאַר. האָסט זיך פאַרלאָזט אויף פראַנקרייך, ווייל דו ביסט אַ נאַר. איצט קוקסטו אויף דייטשלאַנד, ווייל דו ביסט אַ נאַר. און דער אַלטער הראַדזשין טרויערט איבער דיר, ווייל דו ביסט אַ נאַר. און — זאָג נאַר, סטריפּישיל: דיר איז אויך אַזוי נישט־אינטעליגענט אויפ׳ן האַרצן און אַזוי — ווי זאָג איך עס — עלעגיש אין די אויגן?

ס ט ר י פּ י ש י ל: אין די אויגן? ניין, אויגן האָב איך געזונטע.

ק אַ מ ע נ ד אַ נ ט: און אַ געזונטן מאָגן און אַ געזונט געוויסן. יאָ, איך האָב דאָך דיך געפרעגט, וואָס טראַכסטו פון געוויסן?

ס ט ר י פּ י ש י ל: מוז מען טראַכטן דערפון?

ק אַ מ ע נ ד אַ נ ט: געוויסן — דאָס איז אַ הינעראויג. אַט צום ביישפּיל: קעגנאיבער, צווישן אונדז און די דייטשן, קומען אום באַשעפעניש, וואָס מען רופט זיי יידן. דאָס איז עפּעס אַ שרעקלעך פאָלק, נישט ווייל זיי אַליין זענען שרעקלעך, נאָר ווייל אומגליק איז שרעקלעך. זינט זיי ליגן דאָרט, אין דעם נייטראַלן פאַס, אַלט און יונג, — ציט מיר דאָס הינעראויג. דיר נישט?

ס ט ר י פּ י ש י ל: געהאַט אַ הינעראויג — האָב איך אים אויסגעשניטן.

ק אַ מ ע נ ד אַ נ ט: בראַוואָ, סטריפּישיל. און ווי האָט זיך דיר עפּעס היינטיקע נאַכט — — —דו ווייסט דאָך, וואָס איך מיין. גאַנץ נעט, אמת? דו מיינסט, פאַרך איינער, איך ווייס נישט, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן מיט איינער אַ —

ס ט ר י פּ י ש י ל: מיט אַ וועלכער?

ק אַ מ ע נ ד אַ נ ט: נו, דערמאָן זיך.

סטריפּישיל: וואָס ? זאַוואַזדלאָ האָט פאַר׳מסר׳ט ?

קאָמענדאַנט: דערציילט, ווי דען ? ווייל דו האָסט אים אָפּ־גענאַרט.

סטריפּישיל: היגטישער זון.

קאָמענדאַנט: און ווי מיינסטו — דו האָסט גוט געטאָן ?

סטריפּישיל: נו, וואָס, אַ מענטשלעכע זאַך. עס מאַכט זיך. און קיין קריסטין אויך נישט. און גע׳הרג׳עט אויך נישט.

קאָמענדאַנט: המ... אַ מענטשלעכע זאַך. געדענקסט יענע, די שוואַנגערע, די, וואָס איז אויבן אויפ׳ן לאַסט־וואָגן געלעגן — די מיט די רויטע קיילעכדיקע קראָליק־אויגן — מיט די ציגל־פלעקן אויפ׳ן פּנים. ווי זי האָט געוויינט געדענקסטו ?

סטריפּישיל: כ׳געדענק. און דער קאָמענדאַנט האָט געשריגן, געזידלט, פאַרשאָלטן דאָס קינד אין איר לייב, שלאָגן געהייסן. כ׳געדענק.

קאָמענדאַנט: אַזעלכע זאַכן געדענקסטו. אַ פאַרך ביסטו. אַ פאַרגוואַלטיקער. נו, איך מוז אַ קוק טאָן צו די יידן דאָרט קעגנ־איבער. לעבט זי נאָך דאָרט, האָט זי געבוירן, האָט זי גע׳מפּיל׳ט, אָדער — אָדער דו ביסט גערעכט, סטריפּישיל. אַ נאַריש געוויין געוועזן, אומזיסטע ליידן — און אויב אַזוי — אויב אַזוי זענען עס דאָך אַלץ מענטשלעכע זאַכן: אי דאָס, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן יענע נאַכט, אי דאָס, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן מיט דיין לאַנד, אי דאָס, וואָס איך האָב געהייסן שלאָגן די יידישקע מיט די ציגל־פלעקן אויפ׳ן פּנים.

סטריפּישיל: מענטשלעכע זאַכן, קאָמענדאַנט ! אַלץ מענטשלעכע זאַכן. עס לייגט זיך שוין אויס אַזוי — עס ווערט שוין אַזוי פון־זיך — און אַ מענטש דאַרף נישט פרעגן, ווייל מען קען סיי־ווי נישט וויסן. און וואָס אָנבאַלאַנגט יענער — מוז איך נאָך אַמאָל זאָגן, אַז זאַוואַזדלאָ איז אַ היגטישער זון. אַזעלכע זאַכן דערציילט מען נישט. און ער האָט דען נישט געוואָלט ? טאָ וואָס האָט ער צו דערציילן ? אַ מענטש טוט נישט אַזוי.

קאָמענדאַנט: געוויס. עס מוזן זיין זאַכן, וואָס אַ מענטש טוט נישט — טאָר נישט טאָן. אָבער וואָס זענען דאָס פאַר אַ זאַכן ? דאָס איז דאָך נישט אַזוי אינגאַנצן קלאָר, פילאָזאָף סטריפּישיל. דאָס וועט מיר אפשר קלערער ווערן דאָרט, קעגנאיבער, אין קיי־נעמ׳ס לאַנד.

ס ט ר י פּ י ש י ל: אָבער די יידן זענען דאָך אַ געפּאַר.
ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: כ׳מוז גיין אויף אינספּעקציע, פּילאָזאָף סטרי־פּישיל.
ס ט ר י פּ י ש י ל: אַהאַ, אינספּעקציע. און נישט צוליב׳ן הי־נעראויג?
ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: אויך! צוליב׳ן ג ע ו ו י ס ן. (אָפּ).
ס ט ר י פּ י ש י ל: (קוקט אים נאָך שטילשווייגנדיק; דערנאָך — אַ הויב מיט דער פּלייצע און אַ פינטל מיט׳ן אויג): גע — ווי — סן.

ב י ל ד ד ר י י צ ן.

(דייטשע גרענעץ. אַמט־שטוב. האַזע און היינצע. האַזע לייענט אַ בלאַט).

ה אַ ז ע: נו, היינצע, נאָך אַלץ אין טרויער איבער דער יידין? מיין טיפּסטן מיטגעפיל. גיב אַ קוק דאָ. זעסט? דאָרט אין בערלין און אומעטום איבער׳ן לאַנד האָבן זיי פיל מער בלוט פאַרגאָסן. יידן־בלוט און יידן־גוט — אַלץ קאַפּוט, סינאַגאָגן — מיט׳ן רויך, און דו? — דיין גליק, איך בין דיר אַ פריינט. ווען איך דערציי־וואו מען דאַרף — ליגסטו אין אַ קאָנצלאַגער, נישט דאָ.
ה י י נ צ ע: בלוט, אַלץ קאַפּוט, מיט׳ן רויך... און די וועלט?
ה אַ ז ע: נאַ, די וועלט... קאָמיש. הערסט דאָך, דער טשעמבער־ליין, דער פון מינכען, דער, וואָס האָט זיך דערשראָקן — דער איז שוין אויך מיט די יידן. דער „פעלקישער" שווייגט עס אים נישט.
ה י י נ צ ע: אויפגעוואַכט דאָס וועלט־געוויסן. דאָס איז עס.
ה אַ ז ע: קאָמישער יונג, דאָס וועלט־געוויסן איז דרעק. דאָס וועלט־געוויסן עקזיסטירט גאָרנישט. האָסט נישט געהערט, אַז דאָס האָבן די יידן אויסגעטראַכט?
ה י י נ צ ע: איך אָבער פיל עס אין מיר — און איך בין דאָך אַן אַריער, ניין? זייט איך האָב איר בלוט געזען —
ה אַ ז ע: דו הער מיר אויף מיט איר בלוט. דרעק איז עס, נישט קיין בלוט.
ה י י נ צ ע: צוליב אַ האַנט־בייטל... צוליב אייניקע מטבעות... אַזאַ שיינער נאַקן... ווי קען איך קוקן אויף מיין ביקס? וועל אַנטלויפן, האַזע.
ה אַ ז ע: וואוהין?

ה י י נ צ ע: איך ווייס נישט. איך קען נישט מער. דאָס איז שרעקלעך.

ה אַ אַ ז ע: נו, ביי מיר וועסטו נישט לויפן, איך וועל שיסן. היט זיך, דו רעדסט ווי אַ ייד.

ה י י נ צ ע: און אַז אַ ייד? אייגנטלעך, וואָס ווילסטו פון די יידן? איך מיין: דו אַליין, האַאַזע.

ה אַ אַ ז ע: איך? גאָרנישט.

ה י י נ צ ע: און דאָך...

ה אַ אַ ז ע: די יידן — אָבער זאָג נישט אויס — זענען גאַנץ נעטע מענטשן. איך מיין: אין אַלגעמיין —

ה י י נ צ ע: און דאָך...

ה אַ אַ ז ע: נאָר אַז זיי דאָרט, אין בערלין, מיינען אַנדערש, מוז דאָך עפּעס שטעקן אין דעם, ווייס איך?

ה י י נ צ ע: שלעכטע לאָגיק, האַאַזע.

ה אַ אַ ז ע: נו, לאָגיק איז אויך דרעק.

ה י י נ צ ע: דו ביסט אַ נאַר. מיר זענען אַלע נאַרן. זיך פאַרלאָזט אויף ווילהעלם׳ען, ווייל מיר זענען נאַרן. און איצט... מיר זענען נאַרן. אַזוי, צווישן זיך, האַאַזע: דיר איז גאָרנישט שרעקלעך פון דעם אַלעם?

ה אַ אַ ז ע: ווייס איך? ווי אַמאָל. אָבער אין אַלגעמיין —

ה י י נ צ ע: און מיר איז שרעקלעך. געדענקסט יענע יידישקע, די שוואַנגערע, די, וואָס מ׳האָט צו די טשעכן געשלעפּט? וואָס מ׳האָט זי געשלאָגן?

ה אַ אַ ז ע: נו, וויניק יידישקעס האָט מען געשלאָגן?

ה י י נ צ ע: אָבער די איז דאָך געווען אַ טראַגעדיקע.

ה אַ אַ ז ע: האָט מיך זייער געפרייט. מיין הויכאַכטונג.

ה י י נ צ ע: געדענקסט נישט, ווי זי האָט געוויינט?

ה אַ אַ ז ע: נו, וואַרשיינלעך אַזוי ווי אַלע.

ה י י נ צ ע: און איך געדענק. איך געדענק גענוי. עס גיט מיר קיין רו נישט, מוז אַ קוק טאָן צו די יידן קעגנאיבער. לעבט זי נאָך, האָט זי געבוירן, אָדער ווי? כ׳מוז באַגרייפן, האַאַזע — באַגרייפן איר געוויין —

ה אַ אַ ז ע: נו, דיך וועט מען אפילו אין אַ קאָנצלאַגער נישט האַלטן. מיט דיר בין איך רואיק. (טייטלט מיט אַ פינגער אויפ׳ן שטערן).

ה י י נ צ ע: איך מוז עס דאָך באַגרייפן, האַאַזע. און דאַן ווייס

איך, ווי עס איז מיט דעם פאַרגאָסענעם בלוט. מיט דעם בלוט, וואָס
א י ך האָב פאַרגאָסן און וואָס ז י י דאָרט האָבן פאַרגאָסן —

ה אַ אָ ז ע: דו ווילסט צום נייטראַלן פּאַס — און האָסט גאָרנישט מורא, טאָמער פּאַקט דיך דאָרט ביי שיינעם היינצישן נאַקן דער בלוטדורשטיקער גייסט פון דיין אומגעבראַכטער יידין?

ה י י נ צ ע: דאָס איז אַ שפּאַס ביי דיר? נו, גוט, האַלט דיך מיט די שפּאַסן.

ה אַ אָ ז ע: דער גייסט, מיין איך, וועט האָבן די פאָרם פון אַ דאַ־מען־בייטל — אָבער אייגנטלעך וועט עס זיין אַ גייסט, נישט קיין דאַמען־בייטל — ווייל דו מוזסט זיך עס נעמען אין זין אַריין, ליבער היינצע: אַ גייסט און אַ דאַמען־בייטל זענען נישט איינס און דאָס זעלבע. עס איז דאָס נעמלעכע, וואָס די אַנערל און די גרעטל. די דיקע אַנערל — איז נישט די דינע גרעטל, און די דינע גרעטל איז נישט די דיקע אַנערל. ביי דער געלעגנהייט: די דיקע אַנערל האָב איך צוריק, נאָך דעם ברילליאַנט — נישט; די מאַכט האָט צו־גענומען פאַר זיך. וואו צוויי קריגן זיך — געווינט דער דריטער.

ה י י נ צ ע: וואָס גייט מיך אָן דיין ברילליאַנט?

ה אַ אָ ז ע: און דו מיינסט, אַז דיין האַנט־בייטל גייט מיך אָן מער?

ה י י נ צ ע: איך גיי. זיי געזונט און קיצל די אַנערל. אָבער גע־דענק, אַז דו ביזסט אַ נאַר.

ה אַ אָ ז ע: און דו ביזסט אַ ייד. (קוקט אים נאָך; דערנאָך — אַ הויב מיט דער פּלייצע): גע — ווי — סן.

ב י ל ד פ ע ר צ ן.

(קיינעמ׳ס לאַנד. בלינדער און אַלטיטשקער — יעדער אויף זיין שטיין).

ד ע ר ב ל י נ ד ע ר: און איך זאָג מיר דאָס מייניקע: די וועלט איז פאָרט אַ וועלט. אויב א י ך זע זי נישט — הייסט עס, אַז זי איז נישטאָ?

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: פון טאָג צו טאָג ווערסטו אַ גרעסערער נאַר. מע דאַרף אין דער אמת׳ן זיין אַ בלינדער, נישט צו זען, אַז די וועלט איז קיין וועלט נישט.

ד ע ר ב ל י נ ד ע ר: אפילו דער משוגענער זאָגט דאָך שוין, אַז ס׳איז גוט. אָט יענער, וואָס האָט זיך אָפּגעבונדן פון בוים, דער קימ־פּעטאָרינס מאַן. נעכטן האָט ער געשריגן אַ גאַנצן טאָג: יום־טוב, יום־טוב, יום־טוב.

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: אַ שׂמחה אויף אייער ביידנ׳ס קאָפּ! אַז דער בלינדער גלויבט דעם משוגענעם — איז די וועלט אַ וועלט.

ב ל י נ ד ע ר: דו ווייסט, וואָס ער האָט געזונגען? די זון איז דער זין! די זון איז דער זין! וואָס דען, מײנע בלינדע אויגן זענען דער זין? וואָס קען נאָך זיין שענער ווי די זון?

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: אוודאי, פון וואָס חלומ׳ט אַ גאַנדז? פון האָבער. און אַז דו ביסט בלינד — חלומ׳ט זיך דיר אַ זון.

ב ל י נ ד ע ר: נו, איז וואָס? איז אפשר נישטאָ קיין האָבער? אַז אַ בלינדער חלומ׳ט פון דער זון — איז דאָס דאָך גופא אַ סימן, אַז די זון איז פאַראַן. (שמייכלט אַ גליקלעכער, טאַפּט מיט די פינגער די לופט) זון... זון... זון...

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: זון־שמון.

ב ל י נ ד ע ר: אַלטישקער־קאַלטישקער.

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: היינטיקע צייטן זאָל אַ ייד נאָך גלויבן, אַז עס איז דאָ אַ זון אויף דער וועלט! איצט, ביי אַזאַ חושך־מצרים! ער מיינט, ער וועט מיך איינשמועסן. און ווער? אַ בלינדער דערצו. אַ בלינדער מיט אַ משוגענעם.

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אָ ל ב ע ר ב אָ ר ד: (קומט אָן זינגענדיק).

די זון, וואָס איז אַריין אין מיר,
די זון, וואָס גיסט איר שיין אין מיר,
אייך אַלע לאָזט זי וויסן,
אייך אַלע לאָזט זי גריסן:
די זון איז דער זין!
יום־טוב, אדמ׳ס זין,
יום־טוב, יום־טוב, יום־טוב!
(לויפט פאַרביי).

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: אַ גדולה אויף דער באָבען. פרייט זיך, וואָס די מאַמע האָט אים געהאַט. הוליע, קבצן, דרעק איז וואָלוול. אוודאי, אַז מ׳לאָזט דאָס פריי אַרומלויפן. נו, בלינדער, דו האָסט נחת, וואָס?

ב ל י נ ד ע ר: עס ווערט מיר ליכטיק.

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: אוודאי, ס׳ווערט דיר ליכטיק פאַר די בלינדע אויגן. אָט ווי די בלינדע זעען — אַזאַ פּנים האָבן זיי און אַזאַ פּנים האָט די זון און אַזאַ פּנים האָט די וועלט. אַך־און־וויי צו דעם גאָר־נישט, וואָס דער רבונו־של־עולם האָט באַשאַפן! וועלט רופן זיי דאָס!

ב ל י נ ד ע ר: **נו, און קינדער זענען אויך גאָרנישט? עס ווערן דען נישט געבוירן קיין קינדער? קינדער מיט אָפּענע אויגעלעך — אַזעל־כע זיסע — ווי מיין פידל** — (דריקט צו זיין פידל צו דער ברוסט).

אַ ל ט י ט ש ק ע ר: **דער בלינדער זעט קינדער! מענטש, נישטאָ מער קיין קינדער און קיין מאַמעס — קינדלעריגס זענען שווינדלע־רינס. נישטאָ קיין געבורט, נישטאָ קיין טויט, נישטאָ קיין אַהין, נישטאָ קיין אַהער — בלויז פוסטע אייביקייט, און ד ו אויף אַ שטיין, און א י ך אויף אַ שטיין.**

(אַ יובל. עס לויפט פאַראויס מאַריץ קאַן מיט׳ן זעקל).

מ אָ ר י ץ ק אָ ן: **מזל־טוב! מזל־טוב! מיר זענען מכריז ומודיע אין אַלע עקן פון דער וועלט, אַז אַ ייד איז געבוירן געוואָרן! אונדזער קימ־פעטאָרין האָט למזל געהאַט אַ בן־זכר!**

ק ו ל ו ת:

— זיי אַלעמען אויף להכעיס.

— אַ נייער ייד.

— אַ נייער מענטש.

— מזל־טוב!

מ אָ ר י ץ ק אָ ן: (טאַנצט, די ספר תורה אין האַנט)

שמחת־תורה!
זינגט מיט, זינגט מיט:
אַ ייד איז געבוירן,
אַ נייער ייד.
אַזוי שוין פירט זיך,
פאַרשטייען זי,
אַז דער „לא תרצח״,
זעען זי,
פאַרשווינדט און פאַרלירט זיך,
וויסן זי,
ביז אַ נייער „לא תרצח״,
באַגרייפן זי,
קומט, נעבעך, ווידער
אויף ז י י ע ר קאָפּ —
און זאָגט זיי: ברידער,
גענוג שוין! סטאָפּ!

מענטש מיט דער האַלבער באָרד: (קומט ווידער אָן, פאַלט אויף די קני און זינגט).

כ׳פאַל־צו צו דער ערד
און לויב און בענטש.
אַ מענטש איז געבוירן,
אַ נייער מענטש.
געקומען דער שופט,
געקומען ס׳געריכט!
מיין זון וועט העלפן
דעם גייסט פון ליכט.

בלינדער: פירט מיך צו! פירט מיך צו! ס׳קינד וויל איך אָנ־קוקן, מענטשן. מיט די פינגער עס אָנקוקן. פון וואַנען ווייסט איר, אַז ס׳איז נישט משיח?

קולות: משיח — משיח —

אַלטיטשקער: וואָס פאַר אַ משיח? ס׳איז דאָך גאָרנישט. ס׳איז דאָך דעם משוגענעמ׳ס זון.

בלינדער: (הויבט אויף די פידל פון דער ערד, שטעלט זיך אויף, סטראָיעט זי אָן). לכבוד דעם קינד וועל איך שפילן. לכבוד די אויגן, וואָס האָבן זיך אָקאָרשט געעפנט. לכבוד די אויגן, וואָס זעען די זון.

מ. קאָן: און מיר וועלן טאַנצן. זעען זי, ס׳איז אונדזער אַלע־מענ׳ס קינדעלע. ווי עס שטייט: ילד יולד לנו! אונדז אַלעמען! זי פאַרשטייען? זאָל קיין איין פוס נישט בלייבן אָן אַ זייט. הרגלים רגלי יעקב — געטאַנצט זאָל ווערן. אַלטיטשקער, אויפגעשטאַנען און מיטגעטאַנצט! דער גאָטזעליקער קאַנטאָר פון אונדזער סי־נאַגאָגע —

אַלטיטשקער: איך מיט אייך טאַנצן? כ׳וויל שטאַרבן.

מ. קאָן: מעגסט דיר שטאַרבן וויפיל דו ווילסט — איצט מוזסטו טאַנצן.

אַלטיטשקער: די פיס דינען נישט.

מ. קאָן: וועסטו טאַנצן פאַמעלעכער, אַ זקן־טענצל. אָבער זיצן אויף אַ שטיין אין מיטן שמחת־תורה? פע, דאָס פּאַסט פאַר אַ משומד. (לופט־צו, הויבט אויף דעם אַלטיטשקן און טאַנצט מיט אים. ס׳ווערט אַ קאַראַהאָד).

בלינדער: (שפּילט).

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד:
מיין זון איז העל,
זיין פּנים שטראַלט,
ס'דערפרייט די וועלט
זיין שיין געשטאַלט.
מיין זון איז שטאַרק,
זיין פויסט — געבאַלט,
ער טרייבט די וועלף
צוריק אין וואַלד.

מ. ק אָ ן: אויפגעשפּילט לכבוד דעם טאַטן! בלינדער, לכבוד דעם טאַטן! (צום מענטש) נו, זעסטו שוין? און דו האָסט, חלילה, גע־וואַלט —

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד: אַלץ גייט צו דער זון. דער בוים האָט עס מיר געזאָגט.

מ. ק אָ ן: דער בוים? נו, גוט, זאָל זיין פון בוים, אַבי צום טאַנצן. (כאַפּט אים אָן, טאַנצט מיט אים).

(ראַבינער און פּאַסטאָר קומען אָן).

ר אַ ב י נ ע ר: אף על פי שיתמהמה — חכה אחכה לו בכל יום שיבוא. כאָטש ער זוימט — וואַרט איך פון טאָג אויף טאָג, אַז ער וועט קומען. קען מען אַזאַ אומה בייקומען, פּאַסטאָר? ווען אַ קינד ווערט געבוירן — ציטערן אויף אַלע הערצער: אפשר איז עס ע ר, ע ר, — דער געגאַרטער — דער נייער — דער נייער מענטש —

פּ אַ ס ט אָ ר: גלאָקן־קלאַנג הער איך, ראַבינער. נישט גרויסע גלאָקן מעכטיקע — עס קלינגען גלאָקן קליינע, ווייטע, דאָרפישע — זילבער קלינגען זיי — און אַזאַ גלאָקן־פרייד איז איבער דער וועלט.

ר אַ ב י נ ע ר: און איך, פּאַסטאָר, זע: אויף אַ באַרג שטייט אַ מאַן, אַרום די לענדן אַ פעל־גאַרטל, האַלט אַ שופר צום מויל און זאָגט אָן דערלייזונג די מענטשן פון קיינעמ'ס לאַנד. ס'וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע לענדער וועלן ווערן קיינעמ'ס לאַנד. אָט דאָס זאָגט אָן דער שופר.

ק אָמ ע נ ד אַ נ ט: (קומט אָן פון דער טשעכישער גרענעץ) וואָס פאַר אַ טומל, יידן?

ק ו ל ו ת: דער קאָמענדאַנט. דער פון דער טשעכישער גרענעץ.

מ. ק אָ ן: טאַנצט מיט, הער קאָמענדאַנט.

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: וואָס פאַר אַ בערזע ביי אייך? פאַרדינט אויף אַקציעס, וואָס איר פריינט אייך אַזוי? האָט איר אייער האָב צוריק־באַקומען, אייערע פאַבריקן, אייערע הייזער? אָדער האָט איר אַ וויזע געקראָגן?

מ. ק אָ ן: זעען זי, הער קאָמענדאַנט, דאָס לעצטע איז ריכטיק. מיר האָבן, פאַרשטייען זי, באַקומען אַ ו י ז ע.

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: וואוהין?

מ. ק אָ ן: אין צוקונפט־לאַנד. אַ וויזע אין צוקונפט־לאַנד. מיר האָבן דאָ אַ געווינערין אין באַראַק נומער איינס — מ׳האָט זי געשלאָגן, געבונדן, געשאָלטן — איר אויך, הער קאָמענדאַנט —

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: נו, איז וואָס? רייד שנעלער! זי לעבט?

מ. ק אָ ן: זי האָט אַ קינד געבוירן. אָן דאָקטוירים, אָן גאָרנישט. זי האָט באַשאַפן, הער קאָמענדאַנט, אַ וועלט פון גאָרנישט, זי האָט באַשאַפן אַ ייד פון גאָרנישט. צוקונפט־לאַנד האָט אונדז אַ וויזע גע־געבן — אַ קינד.

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: ווער וואָלט זיך פאַרגעשטעלט? אַזאַ פרייד אין קיינעמ׳ס לאַנד. אין אַזאַ איינפאַכן גאָט־פאַרדאַמטן מיטוואָך. צום טייוול, איך וויל מיך מיטפרייען. איך וועל דאָס קינד אויף די הענט טראָגן. קיינעמ׳ס לאַנד האָט אַ וויזע באַקומען. קיינעמ׳ס לאַנד איז אַ גרויס לאַנד.

ה י י נ צ ע: (קומט אָן מיט דער ביקס). מענטשן, איך קען נישט מער.

מ. ק אָ ן: קום טאַנצן.

ה י י נ צ ע: איך האָב זי געטויט. אַ יידישקע טויט־געלייגט.

ק ו ל ד ו ת: ווען? וואו?

ה י י נ צ ע: נישט איצט. נאָר איך האָב זי געטויט. מיט דער ביקס. צוליב גאָרנישט. צוליב מטבעות. (נעמט אַרונטער פון האַלדז אַ דאַמען־בייטל).

מ. ק אָ ן: וואָס איז דאָס פאַר אַ קמיע?

ה י י נ צ ע: בלוט אויף די מטבעות. מענטשן־בלוט! יידן־בלוט איז מענטשן־בלוט.

מ. ק אָ ן: ווי? ד ו זאָגסט עס?

ה י י נ צ ע: אַזאַ שיינער נאַקן... ס׳האָט זי אימיצער ליב געהאַט, אין אירע אויגן געקוקט, דעם נאַקן געגלעט. און איך האָב אין נאַקן אַ קויל אַריינגעלאָזט. בלוט אויף די מטבעות, בלוט אויף דער

ביקס... לייזט מיך אויס! דער נאַקן, די קויל, די קויל און דער נאַקן — עס טאַנצט מיר פאַר די אויגן, עס פּייניקט מיך. איך האָב זי נישט געקענט, נאָר עס איז מיר, ווי איך וואָלט מיין געליבטע דערשאָסן. אַזאַ שיינער נאַקן... נאַ דיר, ייד, די ביקס! שיס! טויט מיך! (דערלאַנגט די ביקס מאַריץ קאַנ׳ען, פאַלט אויף די קני).

מ אָ ר י ץ ק אַ ן: וואָס, זאַגסטו, זאָל איך טאָן דערמיט? שיסן? איך בין נישט קיין שיסער.

ה יי נ צ ע: הרגע! קויף אויס מיין זינד!

מ אָ ר י ץ ק אַ ן: מ י ר הרגענען נישט קיינעם.

ה יי נ צ ע: ווילסט מיך פּייניקן?

מ אָ ר י ץ ק אַ ן: חלילה, אָבער מ י ר הרג׳ענען נישט. עס שטייט: לא תרצח.

ה י י נ צ ע: מיין זינד וויל איך אויסקויפן, מענטש!

מ אָ ר י ץ ק אַ ן: דורך בלוט קויפט מען קיין זינד נישט אויס.

ה י י נ צ ע: זאָל איך אַליין מיך טויטן? גוט, איך טו עס.

מ אָ ר י ץ ק אַ ן: נאַרישער מענטש, מ׳דאַרף נישט. מ׳האָט דיך פאַרפירט — דאָס אַלץ. איצט ווייסטו.

ה י י נ צ ע: יידן־בלוט איז מענטשן־בלוט.

מ אָ ר י ץ ק אַ ן: דו האָסט דיר פאַרן פּרייז פון אַ פאַרברעך אַן אמת געקויפט. אַ קינדער־אמת, נו, גוט, אָבער דו ביסט דאָך אַ קינד געוואָרן. זיי האָבן דיך פאַר אַ ווילד קינד געמאַכט — און דו האָסט געטויט. שטיי אויף! ס׳איז אַ שמחה ביי אונדז — זעסט נישט? אַ גרויסע שמחה.

ר אַ ב י נ ע ר: שטיי אויף! זאָל גאָט דיך משפטן. מיר — נישט.

ה י י נ צ ע: (צום פּאַסטאָר) דערבאַרעם דיך, פאָטער —

פּ אַ ס ט אָ ר: אין נאָמען פון דיין פּיין ווערט דיר פאַרגעבן. און אין נאָמען פון אונדזער פרייד ווערט דיר געשאָנקען.

ה י י נ צ ע: (שטייט אויף) וואָס פאַר אַ פרייד ביי אייך? (דערמאָנט זיך) יאָ, איך וויל אייך פרעגן, יידן: אַ פרוי איז געווען צווישן אייך, האָט אַ קינד אין זיך געטראָגן, האָט אַזוי געוויינט — נישט ווי זי איינע, נאָר ווי די וועלט וואָלט צו־קינד געגאַנגען און ווי די וועלט וואָלט געבונדן געוואָרן — איר געוויין האָב איך נישט אויפגעהערט צו הערן — ערשט איצט, ערשט דאָ האָט אויפגעהערט — וואָס איז מיט איר? איך מוז עס וויסן, יידן. האָט זיך די גערעכטיקייט אָנגענומען פאַר איר, אָדער נישט?

מ אָ ר יץ ק אָ ן: זעען זי, הער זעלנער, זי לעבט. און זי האָט — פאַרשטייען זי — געשאָנקען לעבן. אַ קינד איז געקומען אויף דער וועלט. פאַרשטייען זי, הער זעלנער?

ה י י נ צ ע: אָ, איך פאַרשטיי שוין, איך פאַרשטיי. האָזע, ווען דו ווייסט עס אויך. דו האָזע. די גערעכטיקייט האָט זיך אָנגענומען פאַר איר — ווייסטו שוין, האָזע? דו ווייסט נאָך נישט, אָבער איך גלויב, דו וועסט נאָך וויסן, האָזע.

פ ר י ץ א ו ן ע ד נ אַ ק ו מ ע ן אָ ן.

פ ר י ץ: איך האָב עס דיר באַלד געזאָגט. איך האָב עס פאַראויס־געזען, עדנאַ.

ע ד נ אַ: איך בין גליקלעך. איצט קומען די לעצטע שורות, נישט וואָר?

פ ר י ץ: (נעמט אַרויס דעם בריוו, שפּרייט אים פונאַנדער פאַר אַלע) איך וועל אַזוי שרייבן: איצט, הער רוזוועלט, איז דער בריוו געענדיקט. דאָס, אויף וואָס מיר האָבן געוואַרט, איז געקומען. דאָס קינד איז געבוירן. דאָס באַווייזט, אַז דאָס לעבן זיגט איבערן טויט. ציט אויס אייער האַנט און העלפט אונדז. קיינעמס לאַנד לאָזט אייך גריסן.

ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט: קיינעמס לאַנד לאָזט גריסן אַלע לענדער. קיינעמס לאַנד איז דאָס גרעסטע לאַנד.

ה י י נ צ ע: אין קיינעמס לאַנד איז די גערעכטיקייט געפאַנגען.

מ ע נ ט ש מ י ט ד ע ר ה אַ ל ב ע ר ב אָ ר ד:

זי וועט באַפרייט ווערן. מיין זון דער שטאַרקער, מיין זון דער ליכטיקער — ער וועט זי באַפרייען.

(מוזיק)

אינהאַלט:

אריה שמרי — לייזער ציפּרעס — — — — — — — — — — — — 5
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — זעליק דער איינבינדער — — — — — — 41
מעינקע קאַץ — מיכאַלישעק אין אַמעריקע — — — — — — — — — 52
מ. בורשטין — יעקב און רחל — — — — — — — — — — — — — 66
י. ל. גאָרדאָן — צווישן צייגער פון לייבן — — — — — — — — — 118
שאול טשערניכאָווסקי — עלקעס חתונה — — — — — — — — — — 128
א. לעיעלעס — פּאַביוס לינדס נאַכט — — — — — — — — — — — 145
ישראל עמיאָט — צוריקוועגס — — — — — — — — — — — — — 152
י. פּאַפּיערניקאָוו — לידער פון דער היים — — — — — — — — — 159
מ. גיציס — בטחון — — — — — — — — — — — — — — — — 163
יעקב גלאַטשטיין — א. לעיעלעס — — — — — — — — — — — — 182
מלך ראַוויטש — פּראָסטע ווערטער — — — — — — — — — — — 225
י. אָפּאַטאָשו — יום־הדין — — — — — — — — — — — — — — 232
ה. לייוויק — דער גייער — — — — — — — — — — — — — — — 247
ב. מייזיל — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — — — — — — — — — — — 270
לעאָ קעניג — דאַרף די יידישע ליטעראַטור אַ מיסיע — — — — — 290
אהרן צייטלין — אין קיינעמס לאַנד — — — — — — — — — — — 299